STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08153

IN UMKUM UN OYFSHTAND

Zivia Lubetkin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צביה לובעטקין / אין אומקום און אויפשטאַנד

צביה לובטקין

בימי כליון ומרד

ZIVIA LUBETKIN

IN THE DAYS OF DESTRUCTION AND REVOLT

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דער
עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־
אָרגאַניזאַציע און דער יידישער אַגענץ

צביה לובעטקין

אין אומקום
און אויפשטאַנד

בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון
והוצאת הקיבוץ המאוחד • תש״מ

פון עברית: משה יונגמאַן

געבראַכט צום דרוק:
צבי אייזנמאַן

הערות צום אינדעקס:
יצחק צוקערמאַן

©
By Ghetto Fighters' House Ltd
אַלע רעכט באַוואָרנט
געדרוקט אין ישראל 1980

אינהאַלט

מיטן בוך	7
דער אומעט פון דער באַגעגעניש	9
אין סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט	11
אין שליחות צום דייטשן אָקופּאַציע־געביט	16
אָפּהיטן די יידישע ווירדע	35
אין אָנבליק פון די גזרות	47
מיט יצחק קאַצענעלסאָן	63
אונדזער גימנאַזיע	69
אונדזערע פאַרבינדלערינס	74
פּאָנאַר און כעלמנאָ	84
רוף צום ווידערשטאַנד	92
די גרויסע אַקציע	100
דאָס אויפשטעלן פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע	113
ערשטע באַוואָפנטע טאַטן	134
ווידערשטאַנד אין קראָקע	141
דער אויפשטאַנד אין יאַנואַר 1943	149
צווישן איין אויפשטאַנד און צווייטן	165
דער אויפשטאַנד פון חודש אַפּריל	184
אין בונקער אויף מילע 18	196
די לעצטע אויפן מויער	205
צווישן די חורבות	216
דער סוף וועט קומען אָבער ווען און ווי אַזוי?	225
ווי אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן די פּראַכט פון די קעמפּער	235

אין די קאַנאַלן	250
אין דאָפּלטער קאָנספּיראַציע	268
אין פּוילישן אויפשטאַנד	274
דער כוח פון דער באַוועגונג	283
אינדעקס	294

מיטן בוך

צביה לובעטקינס עדות, וועגן דעם וואָס זי האָט געזען און איבערגעלעבט אין די טעג פון אומקום און אויפשטאַנד, וואָס ווערט געבראַכט אין דעם בוך נעמט אַרום דאָס וואָס זי האָט דערציילט אין יאָר 1946, ווען זי איז געקומען אין לאַנד. דאָס בוך טראָגט אויף זיך, אַזוי אַרום, דעם חותם פון אַן ערשטמאָליקער עדות, אָפּגעגעבן נאָענט צו דער צייט פון די פּאַסירונגען, דורך איינער פון די געציילטע לעבן־געבליבענע חברים וואָס זיינען געשטאַנען אין צענטער פון די געשעענישן, דער טעטיקייט און דער אחריות. אין דער תקופה פון דער מלחמה און אויפשטאַנד.

דאָס געבראַכטע אין בוך איז בשעתו פּאַרעפנטלעכט געוואָרן, אַזוי ווי צביה האָט עס דערציילט, אין דריי טיילן:

א. איר עדות אויף דער קאָנפערעץ פון קיבוץ המאוחד אין יגור, דעם 7־טן יוני 1946; די דאָזיקע עדות איז קודם פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אין המשכים אין דער צייטונג "דבר" בשעת און נאָך דער קאָנפערענץ און איז שפּעטער אין גאַנצן אָפּגעדרוקט געוואָרן אין "ספר ועידת יגור" (1947) אונטערן קעפּל "אחרונים על החומה". אין זעלבן יאָר איז איר עדות אויך דערשינען אונטערן זעלבן קעפּל אין אַ באַזונדערן אָפּדרוק. אַ טייל פון דעם איז אויך דערשינען אין אַ געפּינטלטער אויפלאַגע אין דער בראָשורן־סעריע פאַר יוגנטלעכע און נייע עולים מיטן נאָמען "דוברות" (הוצ. הקיבוץ־המאוחד, תשי"ג).

ב. איר שילדערונג וועגן לעצטן קאַפּיטל פון אויפשטאַנד, דערשינען אין "במפנים", כרך ג׳, חוברת א׳ (נאָוועמבער 1946), אונטערן קעפּל "הימים האחרונים של מרד גיטו וארשה".

ג. און איר דערציילן וועגן דער האַלטונג פון דער חלוצישער באַוועגונג, פּובליקירט אין "ספר דרור" (1947), אונטערן נאָמען "בימי כליון ומרד".

ביים צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק זיינען די דריי טיילן פֿאַראייניקט געוואָרן אין איין כראָנאָלאָגיש היסטאָרישער גאַנצקייט; פונעם אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז נאָכן פוילישן אויפשטאַנד. עטלעכע איבערחזרונגען, וואָס זיינען געווען פֿאַרשטענדלעך אין זייער ערשטן לבוש, אין די דריי פֿאַרשידענע אויסגאַבעס, זיינען איצט אַרויס־גענומען געוואָרן. אויך האָט מען פֿאַריכט עטלעכע אומפּינקט־לעכקייטן, וואָס האָבן זיך אַריין געכאַפּט בשעת דאָס עדות־זאָגן, אין יאָר 1946, און איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל. מיט צביהס הסכּמה זיינען אויך אין עטלעכע מקומות צוגעגעבן געוואָרן געוויסע פּרטים, כּדי ווי ווייט מעגלעך, דערגאַנצן דאָס אַלגעמיינע בילד פון די געשעענישן. די פֿאַרבעסערטע און רעדאַגירטע ווערסיע פון כּתב־יד, ווי זי איז געבראַכט אין דעם בוך, איז באַשטימט געוואָרן מיט צביהס וויסן און מיט איר הסכּמה.
דאָס בוך האָט מען רעדאַגירט און צוגעגרייט צום דרוק פון לאַנג, אָבער דאָס פֿאַרעפֿנטלעכן איז אָפּגעלייגט געוואָרן, לויט צביהס ווונטש־צוואה, ביז נאָך די שלושים.
אין בוך גייען אַריין נעמען פון אַ 200 מענטשן, וואָס האָבן ס׳רוב געשפּילט אַ ראָל אין די געשעענישן פון יענע טעג, צווישן זיי — מענטשן וואָס ווערן דאָ צום ערשטן מאָל דערמאָנט, און אויך אַזעלכע וואָס זייערע נעמען זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן אין פריערדיקע פּובליקאַציעס, אָבער זייער טוּאונג און זייער סוף איז ניט פֿאַר קיין סך געווען באַקאַנט. די רעדאַקציע פון בוך האָט אַזוי אַרום געהאַלטן פֿאַר איר חוב צוצוגעבן צו צביהס עדות אַ ברייטערן אינדעקס פון נעמען, וואָס ברענגט אַרויס אין עטלעכע שורות ביאָגראַפֿישע פּרטים און וויכטיקע לעבן־סטאַציעס, דער עיקר אין דער צייט פון אומקום און אויפשטאַנד.
מיט דער רעדאַקציע פון בוך האָבן זיך פֿאַרנומען: שלמה דרך, יודקע העלמאַן, יצחק צוקערמאַן און יוסקע ראַבינאָוויטש.

דער אומעט פון דער באַגעגעניש

ס׳איז מיר אומעטיק אויף דער דאָזיקער באַגעגעניש. צוועלף יאָר האָב איך וועגן דעם געחלומט. פיל פון אייך געדענקען זיכער, וואָס ס׳איז פאַר אייך געווען דער צונויפטרעף מיטן לאַנד, מיט די חברים, מיטן קיבוץ. פון דעסט וועגן קאָנט איר זיך ניט פאָר־שטעלן וואָס ס׳איז די דאָזיקע באַגעגעניש פאַר מיר, ווען צו דעם אַלעמען, ליגן נאָך ביי מיר אין האַרצן אַזעלכע זעקס יאָר. האָבן מיר דאָך זיך ניט פאָרגע־שטעלט, אַז עמעצער פון אונדז וועט נאָך אַ מאָל זוכה זיין זיך מיט אייך צו טרעפן. דער מעמד פון דעם דאָ־זיקן צוזאַמענקום האָט זיכער אין זיך אַ סך וואָס דער־מוטיקט, שטראַלט זיכער פון זיך אויס אַ געפיל פון כוח. טראָצדעם קאָן איך ניט זאָגן אַז איך פריי זיך. שווימען פאַר מיר אויף געשטאַלטן פון מענטשן, אַזעלכע וואָס איר האָט געקענט און אַזעלכע וואָס איר האָט ניט געקענט — די געשטאַלטן פון הונדער־טער, טויזנטער און מיליאָנען יידן, וואָס זיינען מער ניטאָ. אָט דער ברענענדיקער זכרון באַגלייט מיין יעדן טראָט איבער דער ערד.

אומעטיק. כ׳האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז אַזוי וועלן מיר זיך באַגעגענען. געבליבן איינע פון מיליאָנען. מיר האָבן זיך אויך ניט פאָרגעשטעלט, אַז די געציילטע לעבן־געבליבענע וועלן ניט זיין מיט אונדז דאָ. מיר האָבן זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַרויסקומענדיק פון דער קלעם אויף דער פריי וועלן מיר זיך אָנטרעפן מיט אַזאַ וועלט.

ס׳קומט מיר שווער אָן דאָס ריידן. פאַראַן, ווייזט אויס, אַ לעצטע גרענעץ פאַרן שלל פון איבער־לעבונגען און אויפטרייסלונגען וואָס דער מענטש איז מסוגל אין זיך איינצוזאַפּן. כ׳האָב ניט געגלייבט אַז

כ׳וועל זיי קאָנען אויסטראָגן אין זיך און בלייבן לעבן. אין יענער ווירקלעכקייט, ווען אַרום איז געווען בלויז חורבן און טויט, אָן קיין פונק האָפענונג, אָן קיין מינדסטן סימן אַז נאָך ניט אָפּגעמעקט איז דער מענטשלעכער אויסזען אויף דער ערד, און מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעוואָרן די פעאיקייט פון צו פילן און אויפגעטרייסלט צו ווערן — איז דער איינציקער כוח וואָס האָט אונדז נאָך אויפגעהאַלטןביים לעבן און אונדז געשטאַרקט — זייט איר געווען: דאָס לאַנד, דער ישוב, די אַרבעטער־באַוועגונג, דער קיבוץ, די היים.

איך קאָן אייך ניט דערציילן וואָס אָט די היים איז פאַר אונדז געווען. אָן קיין שום גוזמא קאָן איך זאָגן אַז אויך אָט די איינזאַמע, די ווינציקע וואָס זיינען געבליבן ביים לעבן — האָבן דאָס נאָר אייך צו פאַרדאַנקען. אין משך פון אָט די זעקס יאָר זיינען געווען מינוטן און שעהען, ווען ס׳האָט זיך געדוכט אַז ניטאָ קיין שום זין ווייטער צו לעבן, אַז דער איינ־ציקער אויסוועג, דער ריכטיקער, איז צו נעמען זיך דאָס לעבן. און נאָר דאָס געפיל, אַז דאָרט אינעם ווייטן לאַנד זיינען דאָ חברים, איז דאָ אַ שטוב וואָס טראַכט וועגן אונדז, וואָס דאגהט פאַר אונדז — נאָר דאָס האָט אונדז אויפגעהאַלטן. כ׳האָב ניט קיין ווערטער אויסצודריקן דאָס וואָס איך פיל. קאַליע געוואָרן דאָס וואָרט, האָט אָנגעוואָרן זיין ווערט. האָט מען דאָך מיט די זעלבע ווערטער זיך גענוצט פאַר דער מלחמה, אין אָנהייב פון דער מלחמה און בשעת דער מלחמה. און נאָך אַלעמען מוזן מיר דאָך זיך נוצן מיט די זעלבע ווערטער, אויך איצט. וויל איך איבער־געבן, שילדערן, דערציילן — כדי איר זאָלט הערן און משפטן.

אין סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט

דעם 31־טן דעצעמבער 1939 * זיינען מיר זיך צונויפגעקומען, אַ גרופּע חברים — אַקטיוויסטן פון דער חלוצישער באַוועגונג פרייהייט־החלוץ־הצעיר, אין דער דירה פון אָסקאַר הענדלער אויף דער דונין־באַרקאָווסקי גאַס אין לעמבערג. דאָס איז געווען די ערשטע קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען אויף די פאַרנומענע געביטן דורכן ראַטן־פאַרבאַנד. עס זיינען זיך צונויפגעקומען די אַקטיוויסטן פון מזרח־פּוילן וואָס זיינען, זינט דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939, געווען אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט. עס שטייען מיר פאַר די אויגן: הערשל פּלאָטניצקי, דער יינגערער ברודער פון פרומקע און חנטשע, נעשע צוקער, שיינדעלע שוואַרץ, צבי מערסיק, עדעק גאָלאָוונער, יצחק צוקערמאַן, דב בערגער, נחמיה גראָס, אָסקאַר הענדלער, רחל פּאָגעלמאַן און נאָך חברים. אַן אויסנאַם אין דער גרופּע איז געווען יודקע העלמאַן: אַ שליח פון ארץ־ישראל, אַ חבר פון קיבוץ גבת, דער איינציקער פון די שליחים וואָס האָט ניט געוואָלט אָננעמען די באַשלוסן פון דער באַוועגונג. ווי באַוווסט האָט דער מרכז פון החלוץ אין וואַרשע, מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, באַשלאָסן, אַז אַלע חברים פון דער

* עטלעכע טעג פאַר דער אינוואַזיע פון די דייטשע אַרמייען קיין פּוילן, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָט זיך צביה אינאיינעם מיט די חברים פון דער דעלעגאַציע אומגעקערט פון איין־און־צוואַנציקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין גענף, ווען די געשפּאַנטקייט פון ערב מלחמה האָט זיך דערנענטערט צו איר הויך־פּונקט.
ס'האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן אינטענסיווע דעבאַטן וועגן דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין דער קריטישער צייט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די שליחים זאָלן גלייך אַוועקפאָרן און זיך אומקערן אין לאַנד; ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ שטעל־פאַרטרעטנדיקער מרכז פאַר דער באַוועגונג פון לויטער חברטעס — אין פאַל ווען די חברים וועלן מאָביליזירט ווערן אין דער אַרמיי. צביה האָט אָנטייל אָנגענומען אין אָט דעם מרכז.

ארץ־ישראלדיקער דעלעגאַציע זאָלן פאַרלאָזן פוילן וואָס שטייט פאַר דער געפאַר פון חורבן. ער האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אָן די אַנדערע חברים וואָס האָבן געוואַרט ביי דער רומענישער גרענעץ און געבליבן מיט אונדז אין מזרח־קאַנט פון אָקופּירטן, אונטערטעניקן און צעריסענעם פוילן. אין משך פון אַ האַלב יאָר איז ער געווען מיט אונדז ביים אויפשטעלן דעם חלוצישן אונטערערד אויף די געביטן, וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן דורכן ראַטן־פאַרבאַנד.

מיר האָבן דעם צוזאַמענטרעף איינגעאָרדנט אונטערן צודעק פון אַ סילוועסטער־פייערונג. מיר האָבן געגעסן, געטרונקען און אויך געזונגען לידער. צווישן איין כוסה און דער צווייטער האָבן מיר אַרום גערעדט וועגן דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג און אירע אויפגאַבן אין דער צוקונפט. געפּרוּווט אונטערפירן אַ סך־הכל וועגן דעם, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן אין די לעצטע מאָנאַטן און אויך געפּרוּווט אָנצוצייכענען אַן אַרבעטס־פּלאַן פאַר דער באַוועגונג אין די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען.

די חברים האָבן דערציילט: אין די געביטן וואָס געפינען זיך אונטער די סאָוויעטן ווערט אַלץ שטאַרקער דאָס אַגיטירן די יידישע יוגנט זיך

דעם זיבעטן סעפּטעמבער זיינען אַלע מענער אויפגעפאָדערט געוואָרן דורך די מאַכט־אָרגאַנען פון דער מדינה צו עוואַקויִרן זיך קיין מזרח. צביה און עדעק גאָלאָוונער האָבן געקראָגן די אויפגאַבע צו ליקווידירן די אָפּרו־היים פון החלוץ אין יוזעפּוּוו, צו עוואַקויִרן די חברים און די יוגנטלעכע — דייטשע פליטים — פון גראָכאָוו און זיי אַריבער שיקן אין די מזרחדיקע קאַנטן פון דער מדינה. ווען זיי האָבן געזען אַז די מענטשן פון גראָכאָוו זיינען שוין פון פריער געהאַט אַוועק, האָבן זיך צביה און עדעק אויך געלאָזט אין וועג צו פוס קיין קאָוועל. דאָרט זיינען זיי טעטיק געווען ביים שאַפן פאַסיקע באַדינגונגען צום אויפנעמען מענטשן פון מרכז און הכשרה־קיבוצים וואָס האָבן אַרום געוואַנדערט איבערן באַמבאַרדירטן פוילן מיטן ציל אָנצוקומען קיין מזרח. נאָך דער אינוואַזיע פון דער רויטער אַרמיי אין די מזרחדיקע טיילן פון פוילן, דעם 17־טן סעפּטעמבער, האָט מען אויף צביהן און אַנדערע חברים אַרויפגעלייגט די מיסיע זיך אַרויסלאָזן צו דער רומענישער גרענעץ און פון דאָרט דורכברעכן אַ וועג קיין ארץ־ישראל. אויך האָט זי געזאָלט אַרום פאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון מזרח פוילן און אַרויסשיקן די חברים פון דער באַוועגונג קיין דרום, צו דער רומענישער גרענעץ, און קיין צפון — קיין ווילנע.

אָנצושליסן אָן קאָמסאָמאָל; פון דער אַנדערער זייט, אין די קרייזן פון דער אָרגאַניזירטער יוגנט, פילט זיך דווקא אַרויס דער שטאַרקער ווילן צו פּאַרפעסטיקן די רייען. אין די סניפים קלייבן זיך גרופּעס וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ פעסטן יסוד פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג. די יינגערע, בפרט, ווייזן אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט צו דעם ענין.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען אויפגעשוווּמען גורלדיקע פראַגן:

וואָס דאַרף זיין דער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג אין קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען; צי דראָט ניט קיין סכנה, אַז אַנטירעוואָלוציאָנערע טענדענצן זאָלן אַריין דרינגען אין אונדזער טעטיקייט — ווען מיר דאַך פירן אונדזער קאָנספּיראַציע אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און אויך דאָס: וואָסאַראַ צוקונפט וואַרט אויף דער באַוועגונג אין די באַדינגונגען פון גזרות און רדיפות, וואָס וועלן זיך זיכער אויף איר בקרוב אַראָפּלאָזן — צי וועלן מיר וויסן ווי זיך צו האַלטן און פאַרשטאַרקן? אָט אַזעלכע פראַגן און ענלעכע זיינען אויפגעשוווּמען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון אונדזער קאָנפערענץ און דער ספק האָט געגריזשעט.

טראָץ אַלעם האָט אָבער אונדז די קאָנפערעץ דערמוטיקט און מיר זיינען צוגעטראָטן ענערגיש צו באַנייען און פאַרשטאַרקן די טעטיקייט.

נאָך אַ טעטיקייט פון פיר מאָנאַטן אויפן סאָוויעטישן געביט, אָפּהיטנדיק דעם קאָנטאַקט מיט די חברים פונעם דייטשן אָקופּאַציע־געביט, איז זיך אַ גרופּע אַקטיוויסטן צונויפגעקומען געהיים אין לוואָוו צו אַ קאָנפערענץ פון דרור וואָס איז אויסן געווען אָפּצושליסן דעם דאָזיקן טעטיקייט־פּעריאָד און באַשטימען דעם וועג אין דער צוקונפט.

אויף פרומקע פּלאָטניצקאַס פאָדערונג אַז צביה זאָל איר קומען העלפן אויפן דייטשן אָקופּאַציע־געביט, האָט דער מרכז פון דער באַוועגונג באַשטימט אַז זי זאָל זיך לאָזן אין וועג. דער מעמד פון דער קאָנפערענץ איז אויך דער מעמד פון געזעגענען זיך מיט צביה.

מיט דער דאָזיקער קאָנפערענץ עפנט צביה איר עדות.

(די רעדאַקציע)

כאָטש מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס דער גורל האָט צוגעגרייט — איינס אָבער האָבן מיר יאָ געוווּסט: מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן ניט אויפצושטעלן די אונטערערדישע חלוצישע באַוועגונג. אין די רעזאָלוציעס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן צוויי גרונט־ליניעס פאַר אונדזער טעטיקייט: זוכן וועגן ווי אַזוי צו דערגריין קיין ארץ־ישראל און באַנייען די עקזיסטענץ פון דער יוגנט־באַוועגונג, וואָס זאָל אין די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען פון קאָנספּיראַציע אָפּהיטן די ציוניסטישע האָלעוועשקע זי זאָל ניט אויסגיין.

אויפן דאָזיקן צוזאַמענטרעף האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן אַ נייעם נאָמען דער קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג וואָס מיר האָבן געשאַפן: "חלוציש־סאָציאַליסטישע יוגנט־באַוועגונג דרור", און בקיצור: דרור. דער נייער נאָמען איז גלייך אָנגענומען געוואָרן אויך דורך אונדזער באַוועגונג, וואָס האָט געפירט אַ קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט אויפן דייטשן אָקופּאַציע־געביט אין פּוילן.

אין אָוונט, נאָכן שליסן די קאָנפערענץ, האָב איך זיך געזעגנט מיט די חברים. שווער געווען דאָס צעשיידן זיך, ווייל אין דער קורצער צייט פון אונדזער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט האָט זיך פאַרטיפט אונדזער פריינדשאַפט, אָט די פריינדשאַפט וואָס האָט אויך ניט אויסגעפעלט פריער; נאָר אין יענער צייט, ווען מיר זיינען אַרום געלאָפן ווי אומזיניקע איבער די וועגן, מיט אַ שטענדיקן איינשטעלן זיך דאָס לעבן, וועלנדיק אויפקלייבן די רעשטלעך פון דער באַוועגונג; ווען מיר פלעגן אָפּליגן טעג און נעכט אין די באַנען און פאָרן פון שטאָט צו שטאָט כדי צו געפינען דעם אַדרעס, צי דעם נאָמען פון אַ חבר, וואָס איז ניצול געוואָרן — אין יענע שטורמישע טעג, ווען מיר האָבן קיין מאָל ניט געוווּסט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג גרייט פאַר אונדז צו, האָבן מיר שטענדיק געפילט, אַז אויב מיר ווילן, טראָץ אַלעמען, זוכה זיין און קומען אַ היים, וואַרט אויף אונדז אַ שטוב און חברים, נאָענטע חברים. די ווירקונג פון דער קאָנפערענץ האָט דערהויבן אונדזער גייסט. פון

דעסטוועגן האָט אַ שווער געפיל געדריקט אויפן האַרץ: אָט געענדיקט די קאָנפערענץ, די חברים קערן זיך אום צו זייערע ערטער — צי וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל באַגעגענען? ס׳קאָן זיין, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום וועט דערגיין צו אונדז די ידיעה: אָט דער חבר איז אַרעסטירט, אַ צווייטער — אַוועקגעשיקט קיין סיביר. האָבן דאָך שוין אויף דער קאָנפערענץ גופא חברים דערציילט, אַז מ׳שפּיאָנירט זיי נאָך אין די שטעטלעך, אַז מ׳קוקט נאָך וואָס זיי און וואָס זייערע חברים טוען! און די מחשבות הערן ניט אויף צו מאַטערן: מ׳האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט די שליחות אַריבער צו גיין אין דייטשן אָקופּאַציע־געביט — צי וועל איך קאָנען לעבן אונטערן נאַצישן עול? שוין אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע האָט מען דערציילט ווי זיי איזדעקעווען זיך איבער די יידן, שלאָגן און הרגענען און דער עיקר — ווי מען דערנידריקט זיי. צי וועל איך קאָנען דאָס אַלץ אויסהאַלטן? אומעטיקע געדאַנקען האָבן מיך יענעם אָוונט ניט אָפּגעלאָזט.

די חברים האָבן מיך באַגלייט צו דער באַן־סטאַציע און זייענדיק פּאַרטיפּט אין מיינע טרויעריקע מחשבות איז די באַן אַריין מיט געפּילדער אין וואָקזאַל און אין איילעניש האָבן זיך די מענטשן געשטופּט אַריין צו קומען אין די וואַגאָנען. אַ וואַרעמער האַנטדרוק, אַ טרער האָט אויפגעבליצט אין אויג און אויך איך בין אין וואַגאָן. די באַן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און מיך אַוועקגעפירט ווייט, ווייט פון די נאָענטע חברים.

אין שליחות צום דייטשן אָקופּאַציע־געביט

מיין ציל — ביאַליסטאָק. אַנומלט איז צו אונדז קיין לעמבערג געקומען אַ פּאָליאַק פון וואַרשע און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון פרומקע פּלאָטניצקאַ, אין וועלכן זי גיט צו וויסן, אַז מיר קאָנען זיך אויף דעם מענטש פאַרלאָזן און אַז מיט זיין הילף וועל איך קאָנען אַריבער די גרענעץ. הייסט עס, אַז ער איז אַ באַגלייבטער שמוגלער. זיינען דאָך געווען אויך אַזעלכע שמוגלערס וואָס האָבן גענומען פון יידן שמוגלגעלט און קומענדיק אין וואַלד האָט מען זיי אויסגעטאָן די בגדים, באַרויבט און נאָך דעם איבערגעלאָזט נאַקעט און באָרוועס. אויפן סמך פון פרומקעס רעקאָמענדאַציע האָב איך זיך אָפּגעשמועסט מיטן פּאָליאַק ער זאָל מיך אַריבער פירן אין דייטשן געביט. כ׳האָב זיך אָפּגערעדט מיט אים צו טרעפן אין ביאַליסטאָק און פון דאָרטן וועלן מיר אַריבער די גרענעץ. אָנקומענדיק קיין ביאַליסטאָק האָב איך געטראָפן דעם שמוגלער און ער האָט מיך טאַקע פאַרבונדן מיט אַ גרופּע יונגע פּאָליאַקן, סטודענטן, וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון סאָוויעטישן רעזשים. זיי האָבן געוווסט וואָס עס וואַרט אויף זיי אין פוילן, וואָס איז פאַרקנעכט צו די דייטשן, פון דעסטוועגן האָבן זיי אויסגעקליבן די נאַצישע דיקטאַטור איידער דעם סאָוויעטישן רעזשים. אַ גאַנצע נאַכט, נאָך אַ קורצער נסיעה מיט דער באַן ביז צו דער גרענעץ, צום חרובן שטעטעלע טשיזשעוו, האָבן מיר זיך געשלעפּט איבער פאַרפלאָנטערטע סטעזשקעס, איבער אומבאַקאַנטע, ניט צוגעוואוינטע ערטער, געטאָפּטשעט ביזן האַלדז אין שניי און פון יעדער זייט האָט געלויערט די סכנה. די גוים האָבן געהאַט איין תּפילה אויף די ליפּן: אויב ס׳איז זיי באַשערט נכשל צו ווערן, זאָלן זיי בעסער געכאַפּט ווערן דורך די דייטשן איידער אַריין צו פאַלן פון ס׳ניי אין די הענט פון די פאַרהאַסטע באָלשעוויקעס. זיי האָבן געמיינט, אַז אויך איך

טראַכט ווי זיי. איך ווידער בין געווען פול מיט אימה, אַז די דייטשן זאָלן מיך חלילה ניט כאַפּן.

מיטן שפּראָץ פון טאָג זיינען מיר אָנגעקומען בשלום צו דעם "אויסגעבענקטן" ציל — קיין מאַלקין, אַ דאָרף אויף דער גרענעץ, וואָס געפינט זיך שוין אין דייטשן באַזעצונג־געביט. ווי נאָר מיר זיינען אַהין אָנגעקומען, האָט זיך די באַציאונג פון דער גרופּע צו מיר אין גאַנצן געביטן. אין אָנהייב רייזע זיינען זיי געווען העפלעך און צוגעלאָזן, אַפילו אַרויסגעוויזן כלפּי מיר פיל "דאגה". זיי האָבן, ווייזט אויס, געטראַכט, אַז אויב די סאָוויעטן וועלן אונדז כאַפּן וועל אפשר איך, די יידישקע, זיי פאַרטיידיקן. נאָר אָט זיינען מיר אַריבער די גרענעץ און זיי האָבן אָפּגעאָטעמט. פּלוצעם האָבן אויך זיי דערפילט, אַז איך בין אַ מינערווערטיק באַשעפעניש און אַז זיי דאַרפן זיך באַציען צו מיר ווי צו אַ יידישקע.

די סטאַציע איז געווען פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. אין דער טיפקייט פון וואָקזאַל האָבן זיך געהאַט עטלעכע יידן פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, מע זאָל זיי חלילה ניט אַרויסזען. נאָר אָט האָט זיך אַריין געריסן אַ דייטש און מיט ווילדע געשרייען אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן, געפּאַטשט זיי אין פּנים און מיט אכזריות אַרויסגעשטופּט פון וואָקזאַל. יידן — האָט ער געשריען אויף אַ קול — טאָרן ניט וואַרטן אויף דער סטאַציע אינאיינעם מיט פּאָליאַקן און דייטשן, וואָס זיינען פון דער אַרישער ראַסע. די מיטפּאָרער פון מיין גרופּע האָבן אויך אָנגעהויבן צו טענהען, תחילה שטיל און נאָכהער אויף אַ קול: אויך זי איז אַ יידישקע, מ'דאַרף אויך זי אַוועקטרייבן.

איך האָב געקריצט מיט די ציין און זיך ניט גערירט פון אָרט. זיי אויף להכעיס בין איך געבליבן אויף דער סטאַציע. ווען די באַן איז אָנגעקומען האָב איך זיך אינאיינעם מיט זיי אַריין געשטופּט אין וואַגאָן, וואָס האָט אונדז אַלע געפירט אין דער ריכטונג פון וואַרשע.

ס'איז דורך בלויז איין טאָג פון זינט כ'האָב פאַרלאָזט די סאָוויעטישע

טעריטאָריע — און ווי האָט זיך דאָס געפיל געביטן. ערשט נעכטן האָב איך נאָך אַרום געשפּאַנט איבער די גאַסן פון לעמבערג און ביאַליסטאָק מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ — אַ שטאָלצע יידישע פרוי און איצט, גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן, נעמט מיך אַרום אַ געפיל פון דערשלאָגנקייט און אָפּהענטיקייט. איך האָב גלייך געפילט, אַז כ׳וועל זיך נייטיקן אין כוח, אין אַ סך כוח, כדי צו קאָנען אויך אין דער דאָזיקער דערדריקנדיקער סביבה אָפּהיטן דעם מענטשלעכן כבוד און אויך דאָ קאָנען אַרום גיין מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געפאָרן און די ענגשאַפט איז געווען שרעקלעך. דער פּחד פאַר די דייטשן איז געלעגן אויף אַלע פּאַסאַזשירן פון וואַגאָן, איינגערעכנט די פּאָליאַקן. איינער נאָכן צווייטן זיינען געקומען די דייטשן, האָבן געשטופּט די פּאַסאַזשירן מיט זידלערייען און מיט גראָבקייט. די יידן זיינען געזעסן צונויפגעפּרעסטע אין די ווינקלען, איבערגעשראָקענע, אָדער זיך אויסגעשטרעקט אויף די פּאָליצעס פון באַגאַזש. זיי האָבן זיך צונויפגעדריקט איינער צום צווייטן, געוואָלט ניט ווערן. זייער פּחד איז געווען אַ דאָפּלטער: עס זאָל זיי חס־ושלום ניט באַמערקן דער דייטש און זיי אַליין זאָלן ניט דערוועקן די אויפמערקזאַמקייט פון די פּוילישע מיטפּאָרערס, וואָס הערן ניט אויף אויסצוגיסן אויף די יידן זייער צאָרן און פאַרביטערטקייט, גלייך זיי וואָלטן זיך וועלן מיט דעם טרייסטן איבער דעם קלאַפּ, מיט וועלכן זייער גאווה איז געטראָפן געוואָרן דורך די דייטשע הערשער. אין וואַגאָן איז געווען אַ געדיכטע פינצטערניש און ס׳איז שווער געווען צו אונטערשיידן צווישן די פּאַסאַזשירן. נאָר אָט האָט עמעץ אַרויס־געלאָזט אַ קרעכץ. גלייך האָבן די פּאָליאַקן דערפילט, אַז דאָס איז אַ יידישער קרעכץ און זיך צעגוואַלדעוועט: נעמט אים אַוועק פון דאַנען! ס׳איז דאָ אַ ייד צווישן אונדז! ער פאַרנעמט אונדזערס אַ פּלאַץ אין דער באַן! און אויב זיי האָבן געפונען דעם אומגליקלעכן וואָס האָט געקרעכצט, האָבן זיי זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט ווילדן צאָרן,

געשלאָגן אים ביז בלוט און נאַכהער אַרויסגעטריבן פון וואַגאָן. אַזוי בין איך אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן. פאַר טאָג זיינען מיר אָנגעקומען קיין וואַרשע.
מאַסן מענטשן אויף די גאַסן, ס׳רוב פּאָליאַקן. מ׳זעט אויך יידן און אויף זייער אָרעם דער "שאַנדפלעק", אַ ווייסע אָפּאַסקע און אויף איר אַ בלאָער מגן־דוד. די יידן יאָגן זיך און לויפן און לויפנדיק ווענדן זיי דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, זען צי מע יאָגט זיי ניט נאָך. פריטשמעליעט פון דעם, וואָס איך האָב געזען, בין איך אַ רגע געבליבן שטיין, זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. דער ערשטער געדאַנק וואָס איז מיר דורכ־געפלויגן אין מוח איז געווען: ווי אַזוי וועל איך קאָנען דערטראָגן אַזאַ טרעטן מיט די פיס? די דאָזיקע יידן, אפשר האָבן זיי זיך שוין צוגעוווינט צו דער אָפּאַסקע וואָס סימבאָליזירט זייער מינערווערטיקייט. און אפשר — האָב איך ווייטער געקלערט — טראָגן זיי דאָס אויף זיך מיט שטאָלץ, ווייל טיף ביי זיך אין האַרצן זיינען זיי מבטל זייערע פייניקער.
אָנשטאָט צו פאָרן מיטן טראַמווײ בין איך געגאַנגען צו פוס. איך האָב ווידער געוואָלט זען פון דער נאָענט ווי די שטאָט זעט אויס. כ׳האָב פאַרלאָזט וואַרשע דעם 7־טן סעפטעמבער 1939 עטלעכע טעג נאָך דעם ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווען די פוילישע רעגירונג האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע יונגע מענטשן זאָלן אַרויס פון דער הויפּטשטאָט און זיך אַוועקלאָזן קיין מזרח. בשעת אונדזער וואָגלען איבער די אומעטיקע וועגן פון פוילן, וואָס האַלט ביים צעפאַלן זיך, זיינען צו אונדז דערגאַנגען שרעק־מעשיות וועגן דעם באָמבאַרדירן און צעשטערונג פון וואַרשע. דערפאַר האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז כ׳וועל אָנטרעפן אַ חרוב געוואָרענע שטאָט. ווי גרויס אָבער איז געווען מיין שטוינען ווען איך האָב דערזען, אַז וואַרשע איז כמעט אין גאַנצן ניט געשעדיקט. בלויז דאָ און דאָרט האָט מען אָנגעטראָפן אַ חרוב הויז.
אין די הויפּט גאַסן גייען אַרום הין און קריק מאַסן פּאָליאַקן. די

געשעפטן זיינען אָפן און שווימלען מיט מענטשן, ווי געוויינטלעך. זיי זיינען אויך ניט נידערגעשלאָגן, די מענטשן, גלייך ס׳וואָלט גאָרניט געשען און דאָס בלויז עטלעכע מאָנאַטן זינט זייער גרויסער מפּלה. דער איינציקער סימן פון אָנווערן זייער זעלבשטענדיקייט זיינען געווען די דייטשע מיליטער־טרופּן וואָס פלעגן פאַרביי מאַרשירן און אָנגעוואָרפן אַן אימה. ווען זיי האָבן אַדורך מאַרשירט פלעגן זיך די פּאָליאַקן גיך צעלויפן אין אַלע זייטן און אויף זייערע פּנימער אַ טויט־שרעק פאַר דעם שונאס חיילות.

דאָס בילד האָט זיך אין גאַנצן געביטן ווען איך בין אַריין אין יידישן קוואַרטל, אין די גאַסן נאָוואָליפּקי, נאַלעווקי, גענשע און נאָך. אָט איז גענשע נומער 14. דער בנין איז ניטאָ מער. נאָר דאָס אָרט ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס טויער פון הויז און מיין פאַרבאָרגן געפיל שעפּטשעט מיר: דאָ איז געווען דאָס הויז פון החלוץ, דאָ איז איינגעשטאַנען דער צענטער פון פּועלי־ציון צ.ס. ערשט מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק זיינען מיר דאָ געזעסן און געמאַכט פּלענער פאַר דער טעטיקייט אין מלחמה־צייט. דעמאָלט האָבן מיר געמיינט, אַז פּוילן וועט זיך האַלטן אַ סך מאָנאַטן און די חברים וועלן מאָביליזירט ווערן אין דער אַרמיי. דערפאַר האָבן מיר אַרויפגעלייגט די אָנפירונג פון דער אַרבעט אויף די חברטעס און נאָך האָבן מיר דעמאָלט געטראַכט: דער מערבדיקער טייל פון פּוילן וועט מן־הסתם גיך איינגענומען ווערן, איז דערפאַר באַשלאָסן געוואָרן אַריבער צו פירן די צענטראַלע אין די מזרחדיקע געביטן און מיר וועלן פון דאָרט קאָנען אָנפירן די אַרבעט, אָבער פון אַלע אונדזערע פּלענער איז גאָרניט געוואָרן. פּוילן איז געפאַלן אין משך פון עטלעכע וואָכן. איצט האָב איך זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און אָט שטיי איך לעבן טויער פון יענעם הויז און פאַר מיינע אויגן — אַ הויפן שטיינער. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך!

ווינציק, אוי ווי ווינציק די יידן וואָס גייען אַרום אין גאַס! אָט ווייזט זיך אַ ייד אין אַ טויער. ער קוקט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און זוכט

אַרום מיט די אויגן צי זעט זיך ניט קיין דייטש און ווען ער איבערצייגט זיך, אַז די גאַס איז "ריין" , לויפט ער אַריבער אין אַ צווייט טויער, דערשראָקן און בלייך און די אָפּאַסקע אויף זיין אָרעם. אַ גרויסער ווייטיק האָט מיר אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן: ווי מיר, אַז איך זע יידן אין אַזאַ מצב. איך בין אַוועק און געלאָפן אויף גיך קיין דזיעלנע — אַ היים. כ'בין געווען זיכער, אַז דאָרט וועל איך געפינען אַ וואַרעם ווינקעלע, כ'וועל זיך טרעפן מיט חברים, אַנדערע יידן.
איך בין צוגעקומען צום הויז אויף דזיעלנע 34 — דאָס זעלבע טויער און די זעלבע טרעפּ. איך אייל זיך און גיי אַרויף און דאָס האַרץ פּויקט. איך קלאַפּ אָן אין דער טיר. צבי קוצער האָט געעפנט. קודם איז ער געפּלעפט געוואָרן ווען ער האָט מיך דערזען דאָ, נאָר ער איז גלייך צו זיך געקומען און מיט גרויס פרייד מיך אַריין געפירט אינעווייניק. די חברים האָבן מיך תיכף אַרום געריגגלט און מיר אָנגעהויבן צו דער־ציילן וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. צבי קוצער, אַ חבר פון דער קיבוץ־הכשרה אין גראָכאָוו, איז געבליבן אין וואַרשע אין דער צייט פון דער אויסוואַנדערונג קיין מזרח און ווען די קיבוצים פון די מערבדיקע געביטן פון פוילן האָבן אויך אָנגעהויבן אויסצוּוואַנדערן, איינינעם מיט אַלע יידן, און קיין וואַרשע זיינען אָנגעקומען שפּליטערס נאָך שפּליטערס פון די קיבוצים אין בענדין, לאָדזש, קעלץ, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע ערטער — איז ער עס געוואָרן דער פאַרזאָרגער פון אַלע פּליטים. די חברים האָבן מיר אַ סך דערציילט וועגן צבים איבער־געגעבנקייט: אין מיטן באָמבאַרדירן פלעגט ער זיך שאַרן ביי די ווענט און דורכגיין לאַנגע קילאָמעטערס אונטער אַ האָגל פון פייער, כדי צו קריגן אַ ביסל וואַסער פאַר אַ קראַנקן אָדער פאַרוווּנדעטן חבר, ווייל ס'איז ניט געווען קיין פאַרקער־מיטלען און אַלע וואַסער־אינסטאַלאַציעס זיינען צעשטערט געוואָרן. איצט געפינען זיך אויף דער דזיעלנע גאַס רעשטלעך פון הכשרות און איינצעלנע חברים, וואָס האָבן ניט באַוויזן אויסצוּוואַנדערן קיין מזרח און זיינען געבליבן שטעקן. דאָס

הויז — די קאָמונע פון די חברים פון מרכז החלוץ, וואָס איז אין נאָרמאַלע צייטן באַווּוּסט געווען פון עטלעכע צענדליק אַקטיוויסטן, איז איצט "ברייטער און גרעסער" געוואָרן און עס וווינען אין איר הונדערטער חברים פון אַלע עקן לאַנד.

אויף דזיעלנע האָב איך אויך געטראָפן פרומקע פלאָטניצקאַן; זי איז געהאַט צוריק געקומען פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע אַן ערך דריי חדשים פאַר מיר. אין דער קורצער צייט האָט זי שוין באַוויזן אויפ־צוטאָן גאָר אַ סך. זי איז שוין געווען אין לאָדזש, אין בענדין און אין אַנדערע ערטער. נאָך דער פרייד פון טרעפן זיך האָבן מיר זיך ביידע אָפגעזונדערט אויף אַ שמועס. אַוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקעלע אין איינעם פון די צימערן און זי האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן וואָס מ׳האָט דאָ ביז איצט אויפגעטאָן. עס זיינען צו איר דערגאַנגען קלאַנגען, אַז רעשטלעך פון אונדזער הכשרה זיינען געבליבן אין לאָדזש. כדי אָנ־צוקומען אַהין דאַרף מען דורכגיין די גרענעץ צווישן דעם גענעראַל־גוּווערנאַמענט און דעם רייך, ווייל די שטאָט לאָדזש — ליצמאַנשטאַט, ווי די דייטשן רופן זי — איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום דריטן רייך. זי האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גויע, באַוויזן אַריבער צו גיין די גרענעץ און זיך דערשלאָגן צום קיבוץ און ריכטיק, זי האָט דאָרט געטראָפן אַ גרופּע חברים. זיי האָבן איר דערציילט, אַז אין די ערשטע טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו לאָדזש, האָט דער קיבוץ באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט. נאָר איין גרופּע, ס׳רוב חברטעס, האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אַוועק. מיר האָבן אַזוי פיל מי און אַרבעט אַריין געטאָן אין קיבוץ — האָבן זיי געטענהט — און איצט וועלן מיר דאָס אַלץ איבערלאָזן אויף הפקר? כאָטש דער פחד פון די דייטשן איז געווען גאָר גרויס ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג און בפרט ביי די יידן און פיל פון די איינוווינער, יידן און פּאָליאַקן, זיינען אַנטלאָפן פון דער דער שטאָט, זיינען די חברים דאָך געבליבן אויף זייער אָרט. צווישן זיי איז געווען חנטשע פלאָטניצקאַ,

פרומקעס ייִנגערע שוועסטער, רבקה גלאַנץ, יוסף קאָרניאַנסקי, לאה פערלשטיין און אַנדערע. דערווייל האָבן זיי ווי ניט איז זיך איינ־געאָרדנט. די שניידעריי אַרבעט פאַר די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען. ווייזט זיך אַרויס, אַז דווקא דער פאַקט, די עקזיסטענץ פון אַ קאָלעקטיוווער גרופּע, וואָס אַרבעט און ווייסט ווי אָפּצוהיטן איר כבוד, האָט די דייטשן דערשטוינט ביז גאָר און זיך אויסגעווירקט אויף זייער באַציאונג. ניט איין מאָל האָט לאה פערלשטיין מוטיק זיך אַנטקעגן געשטעלט די פאָדערונגען פון די דייטשן, וואָס האָבן געפּרוווט אַוועקצורויבן פאַרשידענע קעגנשטאַנדן פון דער שניידעריי און צום סוף האָבן די דייטשן מוותר געווען, זעענדיק די שטעלונג פון איר און פון אַלע אַנדערע חברים. דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, געשען אין סוף יאָר 1939.

פון ערשטן אָקופּאַציע־טאָג אָן האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו אַרעסטירן ייִדן. צווישן אַנדערע אויך געוואָלט אַרעסטירן יוסף קאָרניאַנסקין. זיי זיינען אַריין אין דער שניידעריי אין מיטן דער אַרבעט, צונויפגעזאַמלט אַלע חברים און לויט אַ רשימה, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין האַנט, געפאָדערט מען זאָל זיי אויסגעבן יוספן. אַלע חברים — אַריין געריכנט יוספן — האָבן רואיִק אָבער זיכער געענטפערט: יוסף קאָרניאַנסקי איז ניטאָ ביי אונדז, ער איז אַוועק קיין מזרח איניינעם מיט די אַנדערע חברים פון קיבוץ. אָט דער קאַטעגאָרישער ענטפער האָט די דייטשן איבערצייגט און יוסף איז ניצול געוואָרן פון טויט. אויף צו מאָרגנס האָט ער פאַרלאָזט לאָדזש און אַריבער קיין וואַרשע.

פרומקע האָט אויך דערציילט וועגן בענדין. אויך דאָרט האָבן זיך פון ס׳ניי אויפגעקליבן אַ וועלכע 40—50 חברים, צווישן זיי הערשל שפּרינגער און ברוך גאַפּטעק. זיי אַרבעטן אין דער וועשעריי פון קיבוץ און ביי אַנדערע באַשעפטיקונגען אין שטאָט. אויך פאַרנעמען זיי זיך מיט העלפן די פּליטים, וואָס זיינען געקומען פון דער סביבה און קריגן

זייער טעגלעכע שפּייז אין די אויפגעשטעלטע פאָלקס־קיכן. אַרום זיי קאָנצענטרירן זיך אַ סך יוגנטלעכע פון דער שטאָט. די אַנדערע חברים פון די חלוצישע באַוועגונגען וואַרעמען זיך אויך אָן ליכט פון קיבוץ. נאָכהער האָט זי דערציילט וועגן די באַמיאונגען פון די חברים אין אויס־געפינען וועגן קיין ארץ־ישראל. זי איז געוויער געוואָרן, אַז דורך דער שטאָט אָשוויענצים — צי אוישוויץ, ווי די דייטשן רופן זי — קאָן מען אַריבער די גרענעץ צו דער סלאָוואַקיי, די כלומרשטע מדינה וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט אויף די חורבות פון טשעכאָסלאָוואַקיע. זי האָט נאָכגעפאָרשט און אויסגעפונען, אַז עס איז טאַקע דאָ אַ מעגלעכקייט אַריבער צו שמוגלען די גרענעץ צו דער "פרייער" סלאָוואַקיי. אין עטלעכע טעג אַרום דאַרף לאה פּערלשטיין קומען קיין בענדין און ענדיקן דעם משא־ומתן מיט די שמוגלערס און בקרוב וועט מען אָנהייבן שיקן גרופּעס חברים איבער דער גרענעץ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויסער די באַמיאונגען צונויפצונעמען די רעשטלעך פון דער באַוועגונג, צו געפינען חברים און באַנייען די טעטיקייט פון דער באַוועגונג און צו זוכן וועגן קיין ארץ־ישראל, האָט פרומקע אויך אַ סך אויפגעטאָן פאַר די מאַסן יידן אין שטאָט. אין וואַרשע האָבן זיך דעמאָלט אַרום געוואַלגערט צענדליקער טויזנטער יידישע פליטים פון אַלע עקן פון פּוילן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, הונגעריקע און פאַר־פראָרענע. פרומקע האָט זיך אין גאַנצן אַריין געוואָרפן אין דער הילף־טעטיקייט פאַר אָט די יידן־מאַסן. כ'האָב עס שפּעטער געזען מיט די אייגענע אויגן: פון אַלע זייטן פלעגן שטראָמען צו איר יידן, איינער פרעגט צי ס'לוינט אים צוריק צו פאָרן צו זיין אַמאָליקן וווינאָרט, צי בעסער אויסוואַנדערן אין סאָוויעטישן געביט; אַן אַנדערער בעט אַ וואַרעמען אָנבייסן, צי אַ שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר די קינדער. "די מאַמע" — אַזוי האָט מען זי גערופן און טאַקע ווי אַ גוטע מאַמע איז זי געווען, וואָס דאגהט און באַרואיקט. זי איז שטענדיק געווען מיט די פאָלקס־מאַסן און אומעטום — ווי איינע פון זיי: פאַר איינעם האָט

זי איינגעאָרדנט אַ מאָלצייט אין דער פֿאָלקס־קיך, פֿאַר אַ צווייטן — עטלעכע שעה אַרבעט אויפֿצוהאַלטן דאָס חיות פֿון זיין משפּחה. זי האָט אויך געהאַט אַ גאָר קענטלעכע השפּעה אויף דער אַלגעמיינער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין וואַרשע. דער עצם פֿאַקט וואָס פֿיל פֿון די אָנפֿירער פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט האָבן פֿאַרלאָזט די שטאָט אויף שטענדיק און זי, אָבער, האָט זיך אומגעקערט האָט איר געמאַכט פֿאַר אַ "שם דבר" אין די קרייזן פֿון די יידישע כלל־טוער. אויף דזיעלנע האָב איך געטראָפֿן אַ סך חברים פֿון פֿאַרשידענע קיבוצים און שוין אין די ערשטע טעג פֿון מיין זיין מיט זיי געפֿילט, אַז דאָ איז אַ גאַנץ אַנדער לעבן.

און די טעג — טעג פֿון וואַנדערן; די ערשטע מאָנאַטן פֿון מלחמה — צעטומלטע טעג. אַלץ איז אַרויס פֿון די רעלסן און אַרום געשליידערט געוואָרן פֿון אָרט צו אָרט; אַ מאַן זוכט זיין פֿרוי, וואָגלט פֿון שטאָט צו שטאָט נאָר געפֿינט זי ניט; אַ מאַמע האָט פֿאַרלאָרן אירע קינדער און זי בלאָנדזשעט פֿון ישוב צו ישוב נאָר קיינער קוקט זיך אויף איר ניט אום; אומעטום — אָפּהענטיקייט, חלשות. יעדער איז פֿאַרנומען מיט זיך, פּרוּווט ראַטעווען זיין אייגענע פֿעל.

אונדזער באַוועגונג האָט ניט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ קאָלעקטיוו און אונדזערע חברים האָבן זיך אויפֿגעקליבן איניינעם צוליב בשותּפֿותער דאגה און קעגנזייטיקער הילף. אָט דער פֿאַקט האָט אונדז דערמוטיקט און געשטאַרקט. אַ דאַנק דעם איז דזיעלנע געוואָרן אַן איינזאַם אינדזל — אַ בולטער קעגנזאַץ צו דער יידישער וואַרשע, דער צעטומלטער און אָפּהענטיקער. דער קיבוץ אויף דזיעלנע איז געוואָרן אַ היים ניט נאָר פֿאַר די חברים, וואָס זיינען זיך אין איר צונויפֿגעקומען פֿון אַלע עקן, נאָר אויך פֿאַר מענטשן, וואָס זיינען ווייט פֿון דער באַוועגונג און אַפֿילו פֿאַר אירע קעגנער ווי אויך פֿאַר סתּם עמך, וואָס האָבן קיין מאָל ניט געהערט און ניט געוווּסט וועגן דער באַוועגונג. אַלע האָבן זיי געשטראָמט און געקומען צו אונדז כּדי אין

דער גאַנצער איבערקערעניש פון אַרום צו געפינען אַ גייסטיקן און פיזישן אָנשפּאַר, דער עיקר — גייסטיקן. פון די ערשטע טעג אָן האָט זיך אויף דזיעלנע געעפנט אַ פּאָלקס־קיך וואָס האָט אויסגעטיילט ברויט און וואַרעמע מאָלצייטן פאַר די הונגעריקע. ווי געזאָגט אָבער, ניט נאָר מאַטעריעלע הילף האָט דאָס דאָזיקע הויז געגעבן. דזיעלנע איז אויך געוואָרן דער צענטער פאַר דער יידישער יוגנט און אין משך פון אַ לאַנגער צייט — דער איינציקער צענטער. דאָ האָט אָנגעהויבן זיך אויסצופורעמען דער געדאַנק פון דעם נ יי ע ם ו ו ע ג וואָס די יידי־שע יוגנט דאַרף גיין אין אָט דער צייט.

נאָך דעם ווי ישראל קאַראָלינסקי, דער ממונה איבער דער באַזאָרגונג פון דזיעלנע, האָט פּראָקלאַמירט לכבוד מיין קומען אַן "אָפיציעלן יום־טוב" און דערקלערט, אַז היינט וועט מען אויסטיילן מיט אַ ברייטער האַנט ברויט און פּאָווידלע פאַר יעדן, זיינען מיר זיך אין זעלבן טאָג צונויפגעקומען, אַ גרופּע חברים, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די לייטונג פון דרור, אויף אַ זיצונג.

איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער באַוועגונג אויפן סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט, דערציילט, אַז זי עקזיסטירט און פירט אַ קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט, מער נאָך: זי פאַרגרעסערט און פאַר־ברייטערט זיך. גאָר גרויס איז געווען די פרייד פון די פאַרזאַמלטע ווען איך האָב זיי פאָרגעלייענט די צירקולאַרן און די צייטונג, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין דער קאָוועלער אונטערערד, אין לוצק און נאַכהער אין לעמבערג. איך האָב זיי אויך דערציילט, אַז מיר האָבן געזוכט וועגן ווי צו קומען קיין ארץ־ישראל און אַז מיר האָבן געפונען פונקטן אויף אַדורכצושוואַרצן זיך קיין רומעניע. דער עיקר האָב איך זיי דערציילט וועגן אָרגאַניזירטן אַריבערגאַנג קיין ווילנע.

מכוח ווילנע איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע. טייל האָבן געזאָגט: מ'טאָר ניט שיקן אַהין קיין מענטשן. ווילנע וועט אין גיכן ווערן די הויפּט־שטאָט פון דער ליטווישער סאָוויעטישער רעפּובליק און פון דאָרט וועט

ניט מעגלעך זיין עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אַנדערע ווידער האָבן געטעהנט, אַז מ׳טאָר זיך ניט אָפּהאַלטן און אַז מ׳מוז אויף ווי ווייט מעגלעך אַרויסראַטעווען די יוגנט פון דעם דורך־די־נאַציס באַזעצטן פוילן. ווער זיך זיי איינגעבן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל — איז גוט, און אויב ניט — ווילן זיי זיך כאָטש געפינען אויף דעם סאָוויעטישן באַזעצונג־געביט און זייער לאַגע וועט זיין בעסער ווי אונטער די דייטשן און טאַקע, מיר האָבן באַשלאָסן אין דעם גייסט, דאָס הייסט: אויס־צונוצן יעדע געלעגנהייט אויף אַריבער צו פירן די יוגנט קיין ווילנע, וויפל מיר וועלן נאָר באַוויזן, און פון דאָרט וועלן זיי זיך באַמיען עולה צו זיין אויף אַלע מעגלעכע וועגן. חוץ ווילנע און רומעניע האָבן מיר באַשלאָסן ווייטער צו זוכן אַנדערע אופנים צו קומען אין לאַנד, אויך פון דעם דייטשן באַזעצונג־געביט.

דער צווייטער ענין וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט אויף יענער זיצונג איז געווען: ווי אַזוי צו פירן אונדזער טעטיקייט אויפן דייטשן געביט. כאָטש מיר האָבן באַשלאָסן, ווי געזאָגט, צו שיקן די יוגנט קיין מזרח, האָבן מיר גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ס׳רוב יידן וועלן בלייבן און ס׳איז אונדז קלאָר, אַז מיר אַליין מוזן בלייבן און אַרבעטן דאָרט ווו עס לעבן מאַסן יידן, אָבער וועלכער איז דער וועג און וואָס דאַרף זיין די טעטיקייט אין אָט די טעג?

מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז די הויפּט־דאגה אונדזערע דאַרף זיין דאָס געבן דרינגענדע סאָציאַלע הילף, דער עיקר פאַרזיכערן אַ שטיקל ברויט און אַ וואַרעמע מאָלצייט פאַר די הונגעריקע. גלייכצייטיק האָבן מיר אויך געוווּסט, אַז אָן דער אָרגאַניזירטער יוגנט וועלן מיר גאָרניט קאָנען אויפטאָן. דעריבער האָבן מיר זיך אומ־געקערט צום אויסגעפּרוּווטן מיטל וואָס האָט אונדז קיין מאָל ניט אַנטוישט: באַנייען די הכשרה, ד.ה. אויפשטעלן קיבוצים. אונדזער סך־הכל איז געווען, אַז די נאָענטסטע אויפגאַבע דאַרף זיין צו פאַר־

שטאַרקן די קיבוצים וואָס געפינען זיך אין לאָדזש, וואַרשע, בענדין און גרינדן נייע קיבוצים.

דעמאָלט האָבן מיר נאָך געטראַכט וועגן אַ סיסטעמאַטישער טעטיקייט אין די סניפים צווישן די ייִנגערע שיכטן. ערשט שפּעטער, מיטן אָנ־קומען פון יצחק צוקערמאַן און טוביה באָזשיקאָווסקי קיין וואַרשע, האָט מען אָנגעהויבן דאָס צו פאַרווירקלעכן אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב. אויך פריער, פאַרן קומען פון די צוויי, זיינען גרופּן יוגנטלעכע געקומען צו אונדז אויף דזיעלנע און זיך געבעטן מ׳זאָל זיי אָרגאַניזירן, אָבער, ווי געזאָגט, האָבן מיר נאָך ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיי. דער, וואָס האָט געדאגהט פאַר אָט די יוגנטלעכע און זיך מיט זיי פאַרנומען, איז געווען מאַרעק פאָלמאַן. פאָלמאַן, אַ חבר פון צ.ס., אַן אַקאַדעמיקער אין וואַרשע נאָך פון פאַר דער מלחמה, איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער וואָס האָט געטראַכט וועגן אָרגאַניזירן די גרופּן יוגנטלעכע. מאַרעק איז געקומען אויף דזיעלנע שוין נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע און גלייך מיט זיין קומען געוואָרן אַן אונדזעריקער. ער איז געווען גרייט צו יעדער טעטיקייט צווישן דער יוגנט, אויף זיין איניציאַטיוו זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן פאַרשידענע אונטער־נעמונגען. ער איז געווען צווישן די איניציאַטאָרן ביים אויפשטעלן פון דער דרור־גימנאַזיע און צווישן די ערשטע, וואָס האָבן געטראַכט וועגן זעלבסטשוץ. אָרגאַניזירן די יוגנט — דאָס איז געווען זיין ״אידעע־פיקס״ און ער האָט אונדז ניט צורו געלאָזט; די גאַנצע צייט געטענהט, אַז ער האָט אַ יוגנט־קרייז, בחורים און מיידלעך, וואָס וואַקלען זיך און זוכן אַ וועג און אונדזער אויפגאַבע איז זיי צוצוציען צו זיך. אין אָנהייב האָבן מיר זיך געוויצלט ווען מיר האָבן געהערט וועגן זיינע אַנט־פלעקונגען, שפּעטער האָבן מיר זיך באַצויגן צו דעם פּאָזיטיוו.

מיטן אָנקומען פון יצחק צוקערמאַן האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט אונדזערע פאַרבינדונגען און מיר האָבן אויך אָנגעהויבן צו פירן אַ פאַר־צווייגטע דערציאונגס־אַרבעט. די יוגנטלעכע פון מאַרעקס קרייז זיינען

געוועזן: זיין יינגערע שוועסטער חווקה פּאַלמאַן, שרה גראַנאַטשטיין, אַרמין לאַקס, רות שקליאַר, דינה לעווין, אסתר בלאָך, שרה בידערמאַן, שושנה גזשענדאַ, מאַדזיאַ און נאָך. עס זיינען אויך געווען יונגע פון די פּליטים, געקומענע אין וואַרשע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם קרייז און צווישן זיי משה רובין, אַן אָפּשטאַמיקער פון דייטשלאַנד, רודאָלף סאַמעט א.א. ניט נאָר דאָס וואָס די דאָזיקע מענטשן זיינען צו אונדז צוגעשטאַנען מיט לייב און לעבן און האָבן זיך דערצויגן צו חלוצישקייט, נאָר זיי זיינען עס שפּעטער אויך געוואָרן די יונגע אַקטיוויסטן פון אונדזער באַוועגונג. זיי האָבן גענומען אויף זיך דעם עול, זיי האָבן אָרגאַניזירט און דערצויגן און ווען עס איז געקומען די שעה זיינען זיי געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון אויפשטאַנד.

ווי געזאָגט, בין איך געקומען אין דעם פון־די־דייטשן באַזעצטן פּוילן אין דער ערשטער צייט פון דער אָקופּאַציע, אָבער שוין דעמאָלט האָבן זיך אויפן קאָפּ פון די יידן אַראָפּגעלאָזט פאַרשידענע גזרות, איינע שווערער פון דער צווייטער. ס׳איז ניט דורך קיין טאָג אָן אַ נייער צרה, און די לאַגע איז פון טאָג צו טאָג שווערער געוואָרן.

איך וועל אָנמערקן עטלעכע פון די גזרות: אָפּזאָגן אַלע יידן, וואָס אַרבעטן אין פּוילישע פאַבריקן, פון זייער אַרבעט; דער פאַרבאָט צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט ניט־יידן; דער פאַרבאָט צו פאָרן אויף דער באַן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש און די ערגסטע פאַראָרדענונג: יעדער ייד פון 12 ביז 60 יאָר איז מחויב אַרויסצוגיין אויף אַרבעט אין אַרבעטס־לאַגערן. צוליב דעם האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט, דער עיקר פון דייטשן, אוקראַינער און פּוילישע אונטער־וועלטניקעס. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די וועלדער און ביי די ברעגן פון טייכן ריזיקע באַראַקן. די יידן, וואָס מ׳האָט צונויפ־געטריבן אין די לאַגערן, האָבן געטריקנט זומפּן, אויסגעהאַקט וועלדער און געפלאַסטערט שאָסייען. טייל מאָל האָט מען זיי אַפילו געצוווּנגען אַריבער צו פירן שטיינער פון אָרט צו אָרט, אָן אַ זין, נאָר סתם כדי צו פּייניקן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס כאַפּן צו דער אַרבעט. אָט ווי ס׳איז פאָרגעקומען: דייטשן פלעגן פּלוצעם אַרום רינגלען אַ גאַס און די יידן, וואָס זיינען געווען אויפן וועג צו ברענגען אַ שטיקל ברויט פאַר די הונגעריקע קינדער, האָבן זיך מיט אַ מאָל געפונען אין אַ פּאַסטקע. מען פלעגט זיי כאַפּן ווי חיות, אַריין שטופּן אין לאַסט־מאַשינען און זיי אָפּפירן אויף פונקטן פון וועלכע בלויז ווייניקע פלעגן צוריק קומען. אין די לאַגערן פלעגט מען אויף זיי אַרויפלייגן די שווערסטע אַרבעטן און זיי לאָזן אויסגיין פאַר הונגער. לאַנגע מאָנאַטן זיינען זיי געצווונגען געווען צו לעבן בלויז אויף וואַסערדיקער זופּ, אָבער שווערער פון אַלץ איז געווען דאָס איזדעקעווען זיך, דער סאַדיזם און דאָס דערנידעריקן זיי ביז צום טויט. אָט ווי די דייטשן פלעגן זיך נוהג זיין: ווען דער ייד פלעגט צוריק קומען פון זיין אַרבעט, צעשלאָגן און פאַרבלוטיקט און מיט ציטערנדיקע קני זיך קוים דערשלאָגן צו זיין געלעגער — איז צוגעגאַנגען אַ דייטש, אַרויסגעשלעפּט אים פון בעט און געצווונגען צו טאַנצן אין די בלויזע אונטערוועש פאַרן גאַנצן לאַגער וואָס שטייט אַרום; איז דער טאַנצנדיקער ייד געפאַלן פון די פיס, האָבן אים גלייך באַפאַלן די היצלס און אים פאַרפייניקט צום טויט.

דורך אָט דעם איזדעקעווען זיך, וואָס איז ניט צו באַנעמען מיט אַ מענטשלעכן שכל, זיינען פאַרפייניקט געוואָרן טויזנטער יידן אַרויס־געריסענע פון זייערע משפחות און אויך זיי, די משפחות, זיינען דערווייל אויסגעגאַנגען פון הונגער.

ווי כ׳האָב שוין מן־הסתם דערמאָנט האָבן די יידן געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיטן טראַמוויי נאָר אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן. אין אַ שפּעטערער תקופה האָט מען צוויי יידישע געסטאַפּאָ־משרתים, קאָן און העלער, געגעבן די קאָנצעסיע איינצואָרדענען אַ טראַמוויי וואָס ווערט געשלעפּט דורך פערד. דעם טראַמוויי האָט מען אָנגערופן די ״קאָן־העלערוועקעס״ אויפן נאָמען פון די בעלי־בתים פון דער קאָנצעסיע. אין אָט די וואַגאָנען פלעגט מען שפּעטער פירן די געכאַפּטע צום אומגליק־

פונקט, דעם אומשלאַגפלאַץ, אַ פלאַץ ניט ווייט פון דער סטאַווקי גאַס אויף וועלכן די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט אָפּצווייגונגען פון דער דאַנציגער באַן־סטאַציע. דער אומשלאַגפלאַץ איז געווען דער עמק־הבכא פון די וואַרשעווער יידן. דאָרט פלעגט מען אויפלאָדן אין די זומער־טעג פון יאָר 1942 צענדליקער טויזנטער יידן און זיי אָפּפירן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

די דייטשן האָבן אָנגעווענדט אַ ריי פּאָרטלען, וואָס זיינען אויסן געווען אונדז צו דערנידריקן ביז צו דער ערד. צוליב דעם האָבן זיי זיך באַנוצט מיט ווילדע און משונהדיקע מיטלען און פאַרבאָטן. יעדעס מאָל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער קאָפּ נייע גזרות. ניט דורך קיין טאָג, אַז די דייטשן זאָלן ניט אַריין קומען אין געטאָ און זיך איזדעקעווען איבער אונדז, סיי בציבור, סיי ביחידות. די קאַרמעליצקע גאַס אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ מין הויפּט־אַרטעריע, אַ פאַרקערפונקט וואָס האָט פאַרבונדן צווישן די גאַסן. דאָ האָט שטענדיק געהערשט אַן ענגשאַפט. עס שטייט מיר פאַר די אויגן אַזאַ בילד: מאַסן מענטשן שטופּן זיך אויף דער גאַס און אויף די טראָטואַרן. פלוצעם פאָרט אָן אַן אויטאָ פול מיט דייטשן, וואָס הייבן אָן צו שיסן אין אַלע ריכטונגען און הרגענען עטלעכע מענטשן. די יידן צעלויפן זיך פאַר פחד, אָבער אַ סך פון די וואָס אַנטלויפן ווערן געכאַפּט און די דייטשן איזדעקעווען זיך איבער זיי. אַ צווייט בילד: די היים פון החלוץ אויף דזיעלנע 34 געפינט זיך ניט ווייט פון דער פאַוויאַק־טורמע, אַ פונקט וואָס איז אויסגעשטעלט געווען צו כל־מיני פורענויותן. אַ ייד וואָס פלעגט פאַרביי גיין דעם פונקט פלעגט קוקן מיט טויזנט אויגן אין אַלע זייטן פאַר שרעק עס זאָל זיך ניט געפינען קיין דייטש אין דער סביבה און ניט געוואַגט אַריבער צו גיין די גאַס ביז זיך ניט פאַרזיכערט, אַז דער וועג איז פריי. פון דעסטוועגן פלעגט ער טייל מאָל אַריין פאַלן אין אַ פאַסטקע. איין מאָל האָבן מיר געזען פון אונדזער שטוב אויף דזיעלנע ווי אַ דייטש כאַפּט אַ ייד מיט באָרד־און־פאות, פליקט זיי אַרויס און שטעלט נאָכהער אַוועק

דעם ייד צו דער וואַנט, הייסט אים פאַרמאַכן די אויגן און אויפהייבן די הענט. דער ייד האָט ניט קיין ברירה און טוט וואָס מען הייסט אים. דעמאָלט שיסט דער דייטש אויס ניט אין ייד נאָר אין דער לופט. אַזוי האָט ער געטאָן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. דער ייד איז געווען זיכער, אַז דאָס איז זיין סוף.

איינע פון די מיטלען, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדעט אויף צו דערנידריקן אונדז, איז געווען דער אַרבעטס־לאַגער. זיי האָבן צו וויסן געטאָן, אַז זייער כוונה איז צו מאַכן די יידן פאַר "פּראָדוקטיווע עלעמענטן" און צוליב דעם וועלן זיי די יידן צונויף נעמען אין אַרבעטס־לאַגערן, דאָרט זיי אויסלערנען צו אַרבעטן און אויך ציען נוצן פון זייער פּראַצע. שוין די מעלדונגען אַליין פון אויפשטעלן אַרבעטס־לאַגערן האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. אָט גייען מענטשן אין גאַס און פּלוצעם פאַרהאַלט מען זיי צו דער אַרבעט. ס'איז געוואָרן א גרויסע בהלה, אַלע האָבן מורא פאַרן דייטש וואָס כאַפּט. ס'איז געווען קלאָר, אַז אויב מ'כאַפּט דיך וואַרט אויף דיר ניט קיין אַרבעטס־לאַגער און ניט קיין פּראָדוקטיוויזאַציע, נאָר דער טויט. און אַזאַ מצב האָט געדויערט לאַנגע מאָנאַטן, אָן אויפהער. טאָג־פאַר־טאָג גייסטו אַנטקעגן דעם טויט, זעסטו דעם טויט פאַר די אויגן — טויט פאַר הונגער, טויט פון קלעפּ, טויט — ווייל דו קאָנסט ניט דערטראָגן אָט די גאַנצע דערנידערונג.

אין אָנהויב פלעגן די דייטשן צונויפנעמען אַלע יידן פון דער פּראָווינץ אין גרעסערע וווין־צענטערן. אין וואַרשע, למשל, האָבן זיי קאָנצענטרירט ביי די הונדערט און פופציק טויזנט יידן פון די נאָענטערע און ווייטערע שטעטלעך. ווי אַזוי האָבן זיי עס געטאָן? אין איינעם אַ טאָג האָט מען צו וויסן געגעבן די איינוווינער פון די שטעטלעך, אַז אַלע יידן דאַרפן אין משך פון עטלעכע מינוט זיין גרייט צום וועג און אַז מ'טאָר ניט מיטנעמען מיט זיך גאָרניט פון דער שטוב. ווער ס'וועט זיך פאַרזאַמען — וועט געשאָסן ווערן. אַ קראַנקער וואָס קאָן ניט לויפן — וועט אויך געשאָסן ווערן. ביז די מענטשן זיינען אָנגעקומען צום

באַשטימטן פּלאַץ, צום צענטראַלן געטאָ אין ג.ג. — וואַרשע, לובלין, טשעסטאָכאָוו א.א. — זיינען זיי שוין ניט געווען ענלעך צו קיין מענטשן. אין געטאָ זיינען זיי אַריין אָן גאָרניט, אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. און, פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז גלייך אויסגעבראָכן אַ שווערער הונגער וואָס האָט געמאַכט אַ תל פון דער באַפעלקערונג, סיי פיזיש, סיי גייסטיק. אין משך פון איין חודש זיינען אין וואַרשע אומגעקומען טויזנטער מענטשן, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אַרום געוואַלגערט לאַנגע טעג אין די גאַסן, געשוואָלענע פון הונגער.

פון דער אַנדערער זייט זיינען געווען יידן, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף פאַרשידענע אופנים און זיך פאַרנומען מיט מסחרן מיט די דייטשן, מיט מעקלעריי און מיט אַריבער שמוגלען סחורות פון דער אַרישער זייט אין געטאָ אַריין. אין דער זעלבער צייט ווען איין טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, האָט אַ צווייטע טייל, געציילטע מענטשן, געגעסן צו דער זעט, געטאַנצט און זיך שיין אָנגעטאָן. דאָס האָט דערפירט צו אַ שרעקלעכער דעמאָראַליזאַציע.

אין אָט דער לאַגע האָבן מיר געפּרוּווט העלפן אויף ווי ווייט מיר האָבן געקאָנט. דזיעלנע 34 און שפּעטער נאַלעווקי 23, דער קיבוץ פון השומר־הצעיר און פון גורדוניה ווי אויך די קיבוצים פון הנוער־הציוני און עקיבא — זייערע טירן זיינען געשטאַנען אָפן פאַרן הונגעריקן, וואָס האָט געקאָנט אַריין קומען און קריגן אַ שטיקל ברויט און אַ זופּ. שפּעטער זיינען קלענער געוואָרן די הילף־מעגלעכקייטן. מיט דעם בין איך אויסן, פאַרשטייט זיך, בלויז צו דער הילף־טעטיקייט פון די יוגנט־באַוועגונגען און ניט צו דער טעטיקייט פון די הילף־אינסטיטוציעס: דזשאָינט, די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף — בקיצור ייס״א — און צו די פּאָלקס־קיכן וואָס פאַרשידענע פּאַרטייען האָבן אויפגעשטעלט מיט דער אונטערשטיצונג פון די הילף־אָרגאַניזאַציעס און וואָס זייער הויפּט־אַרבעט איז געווען צו העלפן די נויט־באַדערפטיקע. דאָס איז געווען אַ געבענטשטע אָבער אַ זייער באַגרענעצטע טעטיקייט אין פאַר־

גלייך מיט די באַדערפֿענישן פֿון די יידישע מאַסן, צוליב טעמים וואָס זיינען געווען אומאָפּהענגיק פֿון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס.
דאָס שווערסטע געפֿיל איז געווען דאָס געפֿיל פֿון אָפּהענטיקייט, פֿון ניט האָבן קיין מעגלעכקייטן צו העלפֿן. געוועז מינוטן ווען ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אונדזער גאַנצע אַרבעט איז אומזיסט. טראָצדעם האָבן מיר זיך באַמיט צו ראַטעווען וואָס מ׳קאָן נאָר, גייסטיק און פֿיזיש. דער עצם פֿאַקט, וואָס אין אַ תּקופֿה ווען יעדער איינער האָט געקעמפּט פֿאַר זיין אייגענער עקזיסטענץ און פֿאַר זיין אייגן לעבן און טייל מאָל אויך אויפֿן חשבון פֿון צווייטן — האָבן זיך געפֿונען גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן מקיים געווען פּראַקטיש די מצווה פֿון קעגנזייטיקער הילף, אַרויס־געוויזן אויף אַן אמת די גרייטקייט זיך צו טיילן מיטן צווייטן מיט וואָס זיי האָבן נאָר — דאָס אַליין איז שוין מסוגל געווען אָפּצוהיטן דעם צלם־אלוהים. אין יענע טעג האָבן זיך אַרום אונדז אויפֿגעקליבן פֿאַר־שידענע מענטשן, ניט נאָר יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס איז געווען פֿאַר אונדז ווי אַ חבֿר, נאָר אויך אַנדערע שרייבער און אַ סך פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען פֿאַר הונגער. זיי האָבן זיך געוואַרעמט אַן אונדזער ליכט.
ביי אַזאַ לאַגע אין דער באַוועגונג און אין דער יידישער עפֿנטלעכקייט זיינען מיר אַריין אין דער פֿאַרניכטונגס־תּקופֿה.

אָפּהיטן די יידישע ווירדע

די זעקס מלחמה־יאָר קאָן מען איינטיילן אין צוויי פּעריאָדן: דער ערשטער — ביז צו דער ליקווידאַציע, דער צווייטער — פון דער ליקווידאַציע און ווייטער.
אין לעבן פון די יידן זיינען אַזוי אַרום די מלחמה־יאָרן באַשטאַנען פון צוויי תקופות. אַזוי אויך אין לעבן פון אונדזער באַוועגונג. פאַר די דייטשן אָבער איז דאָס געווען אַ גאַנצע תקופה. בלויז שפּעטער איז אונדז קלאָר געוואָרן — און ס'איז געווען אונדזער אומגליק וואָס מיר האָבן עס פון אָנהייב אָן ניט דערקענט — אַז די דייטשן האָבן באַשלאָסן אונדז צו ליקווידירן לויט אַ גענויעם גוט־צוגעגרייטן פּלאַן פון ערשטן טאָג נאָך דעם ווי זיי האָבן אָקופּירט פּוילן, אַ טייוולאָנישן פּלאַן, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן, ווי די דייטשן זיינען מסוגל: מיט פּינקטלעכקייט, מיט אָרדענונג, אָן קאָמפּראָמיסן.
פאַר דער ערשטער תקופה איז כאַראַקטעריסטיש געווען די גייסטיקע ליקווידאַציע, דאָס אָפּמעקן דעם צלם מענטש פון אונדזער פּנים, אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ גענויע צוגרייטונג צו דער פיזישער ליקווידאַציע. די פאַרשידענע גזרות וואָס האָבן זיך אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט ווי אַ שלאַקס־רעגן זיינען געווען בלויז שטאַפּלען אין דעם פּלאַן: די געלע לאַטע, די אָפּאַסקע — דער "שאַנדפלעק", שפּעטער די פאַרשידענע פאַרבאָטן: צו פאָרן מיט דער באַן, צו האַנדלען, דאָס ניט־טאָרן האַלטן געלט, דער פאַרבאָט צו אָטעמען, צו לעבן — אַלץ שטאַפּל־נאָך־שטאַפּל. עקספּערטן זיינען געזעסן און באַאַרבעט און צו־געפּאַסט יעדע איינצלהייט צו די פאַרשידענע מדרגות פון טאָטאַלן חורבן. דער ייד האָט אָנגעהויבן צוגעוויינען זיך צו בייגן דעם קאָפּ, צו שטיין אָן אויפהער אין דעם שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, און אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ זיינען אַלע מיטלען כשר.

אין די ערשטע יאָרן, און מיר האָבן נאָך ניט געוווּסט, אַז ס'איז דאָ אַ פּלאַן פאַר אונדזער פיזישער ליקווידאַציע און פאַר אונדזער טאָטאַלער פאַרניכטונג , האָט זיך אַפילו געדוכט צו געפינען אַ מין אויפבלי פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין געטאָ. טראָץ אַלע גזרות האָט אין האַרצן פון די יידן געטליעט אַ געפיל: מיר וועלן זיי נאָך איבערלעבן, אונדזערע שונאים! זיי וועלן אונדז ניט בייקומען! ס'האָט אין אונדזער האַרץ אויך געטליעט דאָס געפיל, אַז אַ סך וועלן פאַלן דורך די דייטשן, פון הונגער, פון שלאַפקייט, אָבער דאָס רוב וועט בלייבן. אונדזער אויפגאַבע איז, אַזוי אַרום, אָפּצוהיטן, אַז די געבליבענע רעשטלעך און דער עיקר די יוגנט, זאָל ניט געשעדיקט ווערן פיזיש און גייסטיק, כדי נאָך דער מלחמה זאָל זי קאָנען אויספירן דאָס, וואָס מ'וועט פון איר פאַרלאַנגען.

די שווערסטע גזרה, ווי ס'האָט זיך אונדז דעמאָלט אויסגעוויזן, איז געווען די געטאָ־גזרה. דאָס איז געשען אין יום־כיפור תש"א (1940). מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דזיעלנע אויף אַ קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט חברים פון די הכשרות און פון די דרור־סניפים פון פאַרשידענע שטעט. מיט האַרץ־ציטערניש האָבן מיר גערעדט וועגן דעם וואָס עס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן און וועגן דעם וואָס מיר דאַרפן טאָן. כ'וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן די טעג פון דער קאָנפערענץ. אין מיטן פון די שוידערלעכע געשעענישן זיינען זיך צונויפגעקומען בחורים און מיידלעך פון אַלע עקן לאַנד, האָבן דערציילט, געשמועסט, דיסקוטירט. אונדזער הויפּט־דאגה איז געווען: ווי אַזוי אָפּהיטן דעם מענטשלעכן פּרצוף און די יידישע גאווה אין אָט דער חשכות פון דערנידריקונגען און ייאוש, וואָס רינגלט אונדז אַרום. געזוכט אַ וועג פאַר אונדזער טעטיקייט כדי אָפּצוהיטן אונדזער חלוצישן פּרצוף און דורך אים משפּיע זיין אויף אַ סך פון דער יידישער יוגנט. גערעדט האָט חנטשע. ווי שטענדיק ווען זי פלעגט ריידן, זיינען מיר אויך איצט געווען צוגעזאָגט צו יעדן פון אירע פּשוטע און האַרציקע

ווערטער. אויסגעהערט מיט ציטער אירע רייד, וואָס האָבן איבער־געגעבן דאָס, וואָס ס'טוט זיך אָפּ ביי יעדערן אין האַרצן. און אָט איז אַריין פרומקע, איר שוועסטער, און אַן אויפטרייסלענדיקע ידיעה אויף אירע ליפּן: מ׳האָט היינט געמאָלדן וועגן אויפשטעלן אַ געטאָ אין וואַרשע. דער כּינוס איז אויפגעציטערט געוואָרן. מיר האָבן פאַרשטאַנען די כוונות פון די דייטשן: אַריין צו שטופּן די יידן אין אַ פאַרהאַקטער טורמע און זיי לאָזן אויסהונגערן דורך צונעמען ביי זיי די לעצטע, וויניקע מעגלעכקייטן פון אַרבעט און עקזיסטענץ. מיט אַ מאָל זיינען אויסגעוואָקסן פאַר אונדז אָן אַ שיעור פראַגן: פון וואָס וועלן די יידן לעבן? ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען אויסהאַלטן, זייענדיק אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט? צי וועלן מיר זיך קאָנען פאַרבינדן מיט די אַנדערע געטאָס און מיט די טיילן פון דער באַוועגונג אין די אַנדערע שטעט? די צייט האָט צוגעשפּאַרט. מ׳טאָר ניט אָפּלייגן. מיר האָבן באַשלאָסן צו צעפּאָרן זיך, יעדער איינער זאָל זיך אומקערן אויף זיין אָרט, אויפשטעלן קיבוצישע פּונקטן אין יעדער שטאָט, ווו עס געפינען זיך יידישע מאַסן. מיר האָבן געוואָלט, אַז אין יעדן יידישן יישוב זאָל זיך געפינען אַ קיבוצישער קערן. אויך האָבן מיר באַשלאָסן אויפצושטעלן אין אַלע צענטראַלע שטעט רעגיאָנאַלע ראַטן און אויב ס׳וועט איבערגעריסן ווערן דער קאָנטאַקט מיטן צענטער, וועט יעדער רעגיאָנאַלער ראַט איבערנעמען די פונקציעס פון צענטער און זיך אָפּגעבן מיט יוגנט־דערציאונג און מיט געבן סאָציאַלע הילף. מיר האָבן געוווּסט, אַז ס׳איז געבליבן בלויז אַ קורצע צייט ביז מ׳וועט אויפשטעלן די מויערן פון געטאָ וואָס וועלן אונדז איזאָלירן, כל־זמן די דייטשן וועלן געוועלטיקן אין אָקופּירטן פּוילן און דערפאַר האָבן מיר זיך געאיילט אויסצונוצן די צייט כדי צוצוגרייטן דאָס אויספירן פון אַלע אויפגאַבן, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען.

אין געטאָ האָבן זיך די געשעענישן אָפּגעשפּילט ווי מיר האָבן זיך

פאָרגעשטעלט. מיטן אויפשטעלן פון געטאָ דעם 15 נאָוועמבער 1940, זיינען גלייך פאַרשטאָפּט געוואָרן אַלע פּרנסה־קוואַלן. צווישן די מויערן פון געטאָ האָט אָנגעהויבן צו בושעווען אַ שרעקלעכער הונגער. צו אים איז צוגעקומען דער שטענדיקער פּחד פאַר אַ שאָטן פון אַ דייטש, וואָס קאָן זיך אַריין רייסן אין געטאָ און אָפּטאָן די יידן וואָס ער טרעפט אָן, אַלץ וואָס ס׳גלוסט זיך אים. דאָס אומגליק איז פאַרגאַנצט געוואָרן ווען מ׳האָט די יידן פון דער פּראָווינץ אַריין געוואָרפן צווישן די מויערן פון געטאָ. די אומגליקלעכע, וואָס מ׳האָט מיט דראָאונגען און קלעפּ אַרויס־געריסן פון זייערע ווין־ערטער און פאַר ווען די געטאָ־מויערן האָבן זיך תחילה אויסגעדוכט ווי אַן אויסגעבענקטער ציל, זיינען אַריין געוואָרפן געוואָרן אין געטאָ (פון וואַרשע צי פון אַנדערע שטעט) נאַקעט און באָרוועס. דאָס אויסגעבענקטע אָרט איז גאָר באַלד געוואָרן פאַר זיי אַ גיהינום. כ׳געדענק גוט די שרעק־בילדער וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די וואַרשעווער גאַסן יענע טעג. טויזנטער יידן געשוואָלענע פון הונגער וואַלגערן זיך אין דרויסן, טויזנטער אַנדערע שטרעקן אויס די האַנט נאָך אַ נדבה — און ניטאָ ווער ס׳זאָל העלפן און ראַטעווען. און ווען ס׳האָט אין דער שפּעטער־שטונדע אויפגעהערט די באַוועגונג אין די גאַסן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שרעקלעכע שטילקייט צווישן די מויערן. האָט דעמאָלט דער כאָר פון טויט אויפגעמאַכט זיין מויל. כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן די שוידערלעכע אָוונטן. פון אַלע זייטן האָט זיך דערהערט אין דער אויסגעהונגערטער שטאָט דאָס וויינען און יאָמערן פון פינף צי זעקס יעריקע קינדער: אַ שטיקעלע ברויט! אַ שטיקעלע ברויט!

אין יענע טעג האָט אַ מאַמע, וואָס איז אַראָפּ פון זינען, געגעסן דאָס פלייש פון איר קינד און ווען דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט און אַרום גענומען טויזנטער און צענער טויזנטער און שפּעטער אויך הונדערטער טויזנטער, האָט מען שוין גאָרניט געקאָנט העלפן. ווי שרעקלעך איז געווען דאָס געפיל פון אָפּהענטיקייט און חלשות. אַ ביטערער יאוש

האָט אונדז באַהערשט, זעענדיק די פּיינען פון די אויסגעהונגערטע. מ׳האָט מער ניט געקאָנט אויסטראָגן די שרעק. מיר האָבן זיך אָבער גענומען אין די הענט און באַמיט ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט. מיט די לעצטע כוחות און וויפל נאָר געקאָנט האָבן מיר אַנטקעגן געטראָגן אונדזער הילף.

אין דער זעלבער צייט זיינען געווען אין געטאָ וויטרינעס פון קראָמען אָנגעפּיקעוועטע מיט כל־טוב, ווייל אין געטאָ זיינען אויך געווען זאַטע יידן. צווישן די געטאָ־יידן איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קלאַס: דער יודנראַט און זייערע גוטע ברידער — די יידישע פּאָליציי און זייערע מקורבים, די מעקלערס און די שמוגלערס.

די אינסטיטוציע וואָס מ׳האָט אָגערופן יודנראַט איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע. דער עלטסטער פון יודנראַט פלעגט נאָמינירט ווערן דורך די דייטשן און ער אַליין האָט זיך אויסגעקליבן די ״פּרנסים״, וואָס זאָלן אים העלפן אין דער אַרבעט. דער יודנראַט האָט געהאַט די פולע קאָמפּעטענץ צו טאָן מיט די יידן וואָס נאָר ער האָט געוואָלט, אָבער תמיד האָט ער געמוזט אויספירן אַלע באַפעלן פון דייטשן ממונה איבער די יידן; אויך געמוזט אויספירן די באַפעלן פון יעדן דייטש, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט אַריין צו גיין אין יודנראַט.

די יודנראַטלער האָבן אויסגענוצט זייער פולמאַכט און געוועלטיקט איבער די יידן ״ביד רמה״. דער עלטסטער פון יודנראַט האָט זיך געהאַלטן פאַרן מלך פון געטאָ און ווי צו יענעם ייד, וואָס האָט ניט געפאָלגט זיינע באַפעלן. אין משך פון דער צייט זיינען בדרך כלל די יודנראַטן און זייערע משרתים געוואָרן אַ בלינד געצייג אין די הענט פון די דייטשן.

די, וואָס האָבן אויסגעפירט דעם רצון פון וואַרשעווער יודנראַט, זיינען אין אַ סך פאַלן געווען אַסימילירטע יידן, צי משומדים, וואָס לויט די

נירנבערגער געזעצן זיינען זיי דורך די דייטשן באַצייכנט געוואָרן פאַר יידן, אָבער ביי זיך אַליין האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר גויים גמורים און פאַר געטרייע קאַטאָליקן, פיינט געהאַט די יידן מיט אַ בלינדער שנאה און אָט אַזעלכע האָבן עס טיראַניזירט די וואַרשעווער יידן. אין טייל יודנראַטן האָבן זיך פּריווילִיק מאָביליזירט צו דער דאָזיקער אַרבעט אונטערוועלטניקעס, און אויב אין טייל יודנראַטן זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן געוואָלט העלפן די יידן, זיינען זיי אין אָביעקטיוון זין אויך געווען פאַרעטער, ווייל זיי האָבן זיך געפלייסט אויסצופירן די נאַצישע באַפעלן. די יידישע פּאָליציי — און ווי די דייטשן האָבן זיי אָנגערופן — "אָרדנונגס־דינסט" — איז געווען די אויספיר־מאַכט פון די יודנראַטן און טייל מאָל, דירעקט צי אומדירעקט, פון דער געסטאַפּאָ און פון ס"ס.

געווען אויסטערליש צו זען אָט די מענטשן, וואָס זיינען ס'רוב געקומען פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ און בדרך כלל ניט געווען באַקאַנט ווי ניט קיין אָרנטלעכע מענטשן (אין וואַרשע, למשל, האָט מען צוגענומען צו דער פּאָליציי נאָר מענטשן מיט הויכער און מיטעלער בילדונג) און אָט, אין געטאָ האָבן זיי אָנגעוואָרן יעדן אָפּהאַלט און זייער אויפפירונג איז געווען אַ שענדלעכע. אין זייער גאַנצער מיאוסקייט אָבער האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן ערשט שפּעטער, אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע.

צו אָט דער שיינער חברותא קאָן מען נאָך צורעכענען דאָס ביסל יידן, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צו דער געסטאַפּאָ. יענע און די האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם נייעם קלאַס, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן די מויערן פון געטאָ. יענע, אינאיינעם מיט זייערע משפחות, האָבן געלעבט אַ לעבן פון לוקסוס, געפרעסן און געטרונקען אויפן חשבון פון זייערע געפייניקטע ברידער. פון דער בצמצומדיקער טעגלעכער פּאָרציע ברויט און פּאָווידלע, וואָס די דייטשן האָבן צוגעטיילט פאַר די תושבים פון געטאָ, איז כמעט ווי גאָרניט געבליבן פאַר די יידן, ווייל אויף זייער

חשבון האָט זיך אויסגעפּאַשעט די "חברותא". די יידן פון געטאָ זיינען געשטאָרבן פון הונגער בשעת די עקלדיקע ברואים האָבן געלעבט אין ווילטאָג און זייערע טעג און נעכט פאַרבראַכט אין קאַפע־הייזער און אין רעסטאָראַנען.

אויף דער יידישער גאַס דערמאָנט מען אַ סך מאָל דעם נאָמען פון עלטסטן פון וואַרשעווער יודנראַט — אדם טשערניאַקאָוו און די קאָנטראָווערסאַלע ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אין געטאָ. איך וועל בשום אופן ניט קומען זאָגן, אַז טשערניאַקאָוו איז געווען דער מענטש וואָס איז גרייט געווען צו דינען די דייטשן, אָבער ער האָט זיך באַשול־דיקט מיטן עצם פאַקט וואָס ער האָט געדינט ווי אַ יודנעלטסטער און איז געווען, ווי געזאָגט, אַרום גערינגלט מיט מענטשן פון אַ וועלט וואָס איז געווען פרעמד פאַר די יידן און וואָס דער יידישער ענין איז זיי אין גאַנצן ניט אָנגעגאַנגען, און אַפילו מיט אונטערוועלטניקעס, ווי אויך מיטן פאַקט וואָס ער האָט געהתמעט אויף אַלע גזרות, וואָס די דייטשן האָבן אַרויפגעלייגט און דער יודנראַט האָט זיי אויסגעפירט, און כאָטש ער האָט זיך פאַראייביקט מיט דעם, וואָס זיך גענומען דאָס לעבן, קאָן דאָס בשום אופן ניט מכפּר זיין אויף זיינע מעשים. פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָגט די יידן וואָס עס האָט אים באַוויגן צו באַגיין זעלבסט־מאָרד? פאַרוואָס ניט געוואָרנט דעם עולם פאַר דעם, וואָס די דייטשן גרייטן פאַר אים צו? פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָגט, אַז עס רעדט זיך וועגן טויט, וועגן ליקווידאַציע?!

געווען פאַרשידענע מענטשן אין יודנראַט. למשל אויך אַזאַ געשטאַלט ווי מרדכי חיים רומקאָווסקי, פון די אויסוואורפן פון מענטשלעכן מין, אַ מענטש אַ דעמאָראַליזירטער, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין געטאָ ליצמאַנשטאַט — לאָדזש — אַ מין לעכערלעכע קאַריקאַטור פון אַ יידישן "פירער" און ניט נאָר דאָס וואָס ער האָט זיך באַמיט אויסצופירן די באַפעלן פון זיינע האַרן אין תחום פון זיין "רעגירונג", ער האָט נאָך דערצו באַוויזן זיין

אייגענעם כוח כלפּי זיינע ״אונטערטאַנען״, פון זיין אייגענער איניציאַטיוו, אויך ווען די דייטשן האָבן אים צו דעם ניט געצוווּנגען. די יודנראַטלער און זייערע משרתים פון דער יידישער פּאָליציי האָבן זיך שטענדיק באַמיט אויסצופירן די באַפעלן פון זייערע נאַצישע ברויטגעבער, דורכגעפירט רעוויזיעס ביי די יידן און זיי אויך געכאַפּט צו דער אַרבעט. און ווען דער טאָג פון ליקווידאַציע איז געקומען, זיינען זיי עס געוועזן יענע, וואָס האָבן ניט איינמאָל דעצידירט וועגן גורל פון די יידן. די יודנראַטן זיינען געווען שותפים ביים אויסטיילן די ״לעבנס־שיינען״, ווער צום טויט און ווער צום לעבן, און זייערע משרתים — די פּאָליציי־לייט האָבן זיך אין די טעג פון ליקווידאַציע געיאָגט נאָך די יידן, טאָמער וועט זיך עמעצן איינגעבן צו באַהאַלטן און דער דייטש וועט ניט געפינען זייער באַהעלטעניש. אַזוי אַרום האָבן יידן, כאָטש געציילטע, ג ע ה אָ ל פ ן מיט אייגענע הענט די דייטשן צו טרייבן זייערע ברידער צו דער שחיטה.

איין מאָל, ווען מיר זיינען געווען אין גאַס, פרומקע פּלאָטניצקאַ, מרדכי טענענבוים, יצחק צוקערמאַן און איך, זיינען מיר פּלוצעם אַרום גערינגלט געוואָרן דורך יידישע פּאָליציאַנטן און איידער מיר האָבן זיך געכאַפּט וואָס עס טוט זיך, האָט מען שוין געשלעפּט פרומקען און יצחקן צו דעם טראַמוואָגן און אין איין אויגנבליק איז אויסגעוואָקסן אַ קייט פון יידישע פּאָליציאַנטן און אונדז ניט צוגעלאָזט. איך און מרדכי האָבן מער ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו זיי צוצוקומען. יצחק און פרומקע האָבן זיך געראַנגלט מיט די מנוּוולים, נאָר יענע זיינען געווען אַ סך און אין גיכן האָט מען זיי אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן. די צוויי, צעשלאָגן, פאַרוווּנדעט און אין גאַנצן איינגעשמירט מיט בלוט האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו ראַנגלען. דערווייל האָבן זיך אויפן אָרט אויפ־געקליבן מאַסן יידן און צווישן זיי אויך אייניקע פון אונדזערע חברים. איך האָב געהערט ווי איינער שרייט: ״צי ווייסט איר וועמען איר פירט? די עלטסטע פון החלוץ! מיר וועלן ניט שווייגן!״ די כאַפּערס

האָבן זיך דערשראָקן. איז דעמאָלט זייערער אַן אָפיציר צוגעגאַנגען צו יצחקן און צו פרומקען און האָט צו זיי בייז אויסגערופן: "אַ חרפּה און אַ שאַנד, אַז די עלטסטע פון החלוץ זאָלן זיך אויפפירן ווי כוליגאַנעס און זאָלן ניט גיין רואיִק צום אומשלאַגפּלאַץ!" און זאָגנדיק דאָס האָט ער זיי באַפרייט. יצחק און פרומקע האָבן אים געשפּיגן אין פּנים און זיינען צו אונדז צוריק געקומען.

ניט לייכט איז אונדז אָנגעקומען צו אַרבעטן אין יענע טעג. דערוויל האָבן מיר נאָך ניט געוואָגט צו נעמען אין די הענט דעם רודער פון גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. ביז דעמאָלט זיינען מיר געווינט געווען זיך צו זען ווי אַ יוגנט־באַוועגונג וואָס איר אויפגאַבע איז צו דערציִען די יידישע יוגנט און ס'האָט אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים זאָלן זיך פאַרנעמען די עלטערע טוער לויט זייערע פאַרשידענע פאַרטייען, אָבער נאָך דעם ווי די יידישעווירקלעכקייט האָט אונדז געשטעלט אין דער לאַגע צו זיין די באַשטימער פון יידישן לעבן און גורל, האָבן זיך אין אונדז דערוועקט חרטה־מחשבות: אפשר האָבן מיר פאַרשפּעטיקט, אפשר האָבן מיר באַדאַרפט באַצייטנס נעמען אויף זיך די אחריות. נאָר די דאָזיקע מחשבות זיינען, ווי געזאָגט, אויפגעשוווּמען שפּעט און מיר האָבן ניט געקאָנט קיין סך פאַריכטן.

אונדזער אַרבעט האָבן מיר געטאָן אין אַ גרויסער, גייסטיקער שפּאַנונג און אין זוכענישן נאָך אַן אויסוועג. געווען חברים וואָס האָבן געזאָגט: ריכטיק, אין דאָזיקן ים פון צרות מוזן מיר טאָן אַלץ וואָס מיר קאָנען און וויכטיק זיינען די אונטערנעמונגען מיט וועלכע מיר פאַרנעמען זיך — קיבוצים, סניפים און פירן אַ קולטורעלע טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט — אַלץ וואָס איז נויטיק אָפּצוהיטן דעם מענטש פון אַ גייסטיקער און פיזישער ירידה, אָבער דאָס אַלץ זיינען בלויז ווינקעלעך פון לעבן, בשעת אונדזער אמתער ציל איז דאָס אַראָפּדרינגען אין פאָלק, דאָס

אויסמישן זיך מיט די מאַסן, דאָס לעבן ווי זיי און מיט זיי אינײנעם. כאַפּט מען יידן צו די אַרבעטס־לאַגערן — מוזן מיר זיי באַגלייטן; מער נאָך — מוזן מיר זיך אַליין פרייוויליק שטעלן צו די אַרבעטס־לאַגערן, ווייל מיר זיינען יונג און מיר קאָנען העלפן דעם געכאַפּטן, דעם שטרויכלענדיקן, שוואַכן, הן דורך ממשותדיקער הילף, הן דורך אַ דערמוטיקנדיק וואָרט; מיר דאַרפן גיין צו הילף דעם געפייניקטן ייד, זיך באַטייליקן אין זיין ביטערן גורל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן לגבי דער ערשטער תקופה, איידער מ׳האָט אָנגעהויבן די ליקווידאַציע. געוועזן דאַקעגן אַנדערע וואָס האָבן געטענהט: אונדזער גאַנצער כוח ליגט אין אונדזער אייניקייט, אין אונדזער זיין אינײנעם. אויב מיר וועלן זיך צעשפּרייטן אויף אַ סך שטחים, וועלן מיר אומזיסט פּטרן אונדזער כוח. ווייל וואָסאַראַ באַדייט האָט דער כוח פון אַ יחיד, פון אַן איינזאַמען?

געוועזן נאָך אַ פּראָבלעם וואָס האָט אַוועקגערויבט אונדזער רו. צי זיינען מיר באַרעכטיקט צוצוקוקן ווי די דייטשן איזדעקעווען זיך איבער יידן און שווייגן? איך האָב שוין דערציילט וועגן אַ פאַל ווען אַ דייטש האָט זיך איזדעקעוועט איבער אַן אַלטן ייד, אים געשטעלט צו דער וואַנט מיט פאַרמאַכטע אויגן. דאָס אַלץ איז געשען, ווי איר געדענקט, צווישן אונדזער היים אויף דזיעלנע און צווישן דער באַוווסטער פאַוויאַק־טורמע. דורך די פענצטער פון אונדזער היים האָבן מיר זיך צוגעקוקט צו דעם גרויל. געוועזן צווישן אונדז אַזעלכע , וואָס האָבן געפאָדערט גלייך צו רעאַגירן, דעריאָגן דעם דייטש און מיט בלויזע הענט פּלעטן אים דעם קאָפּ. דאָס איז געווען אונדזער ערשטע מחשבה, אָבער מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. איינע פון די דייטשע טעראָר־מיטלען קעגן די יידן און אויך קעגן די גויים וואָס האָבן געליימט אונדזערע הענט ביז דער לעצטער מינוט, איז געווען דאָס באַוווסטזיין פון קאָלעקטיווער אחריות. געוווסט, אַז אויב מיר דערהרגענען איין דייטש, וועלן אין דער שטראָף־אַקציע פאַלן טויזנטער יידן און ווייל מיר האָבן דעמאָלט ניט געוווסט,

אַז זיי גרייטן צו די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון די יידן, האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן. ווידער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט: די פּאָליאַקן געפינען זיך דאָך אויך אין אַזאַ סיטואַציע — מ'אַרעסטירט, מ'מאַכט הויז־רעוויזיעס, מ'הרגעט, מ'שיקט אַוועק אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און אויך זיי רעאַגירן ניט.
און אַזוי, אין אומאויפהערלעכע און אויפרעגנדיקע שמועסן צווישן זיך און יעדער איינער מיט זיך אַליין און מיט זיין געוויסן, האָבן מיר געטאָן אונדזער אַרבעט.
ווען איך קום איצט מאַכן אַ שטיקל סך־הכל וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער באַוועגונג, וואָס איר אָריענטאַציע איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערע, מוז איך אויך דערמאָנען אונדזערן אַ שווערן פעלער וואָס מיר האָבן געמאַכט: וואָלטן מיר גלייך, ביים אַריין קומען פון די דייטשן קיין פּוילן, דערגאַנגען צו דעם באַוווסטזיין צו וועלכן מיר זיינען דערגאַנגען אין אַ שפּעטערן שטאַפּל, דאָס באַוווסטזיין, אַז מיר מוזן נעמען אויף זיך די אחריות ניט נאָר פאַר דער יוגנט אַליין, פאַר דער חלוצישער באַוועגונג, נאָר פאַרן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון יידישן יישוב, וואָלטן אפשר די געשעענישן אויף דער יידישער גאַס אָנ־גענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. מיר זיינען אָבער געווען אַ דערציערישע באַוועגונג, אַ באַוועגונג וואָס פאַרווירקלעכט, מיר האָבן געווירקט צווישן דער יוגנט און ניט געפילט אין זיך גענוג כוח צו זיין טעטיק צווישן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. מיר האָבן געמיינט, אַז די דאָזיקע אויפגאַבעס זיינען באַשטימט פאַר אַנדערע. זיינען דאָך אין דער געזעלשאַפטלעכקייט פון פאַר דער מלחמה געווען מענטשן מיט כללטוערישן סטאַזש און זיי האָבן עס זיך אונטערגענומען צו שטיין אין שפּיץ פון פּאָליטישן לעבן אויך אין די מלחמה־טעג. מיר האָבן זיך באַנוגנט מיט אונדזער טעטיקייט צווישן דער יוגנט. ס'איז קיין ספק ניט, אַז אָט די אַקטיוויטעט האָט אויסגעשטראַלט אויפן אַרום און משפּיע געווען אויפן יידישן יישוב אין גאַנץ פּוילן. צו שפּעט אָבער זיינען מיר

געקומען צום באַוווּסטזיין, אַז די לאַגע פּאָדערט, אַז מיר זאָלן נעמען אין אונדזערע הענט די אָנפירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס געפינט זיך אין קלעם.

אין אָנבליק פון די גזרות

אין אָנבליק פון די גזרות, וואָס האָבן זיך אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט, איז קלאָר געוואָרן, אַז די דייטשן ווילן אונדז ליקווידירן גייסטיק, דערהרגענען אין אונדז יעדעס מענטשלעך געפיל, פאַרדאַרבן דעם צלם־אלוהים — איידער זיי וועלן קומען פאַרענדיקן זייער מלאכה. האָבן מיר דערזיבער געטאָן אַלץ, וואָס געקאָנט, כדי צו באַקעמפן אָט די דייטשע בייזוויליקע כוונות. דער דאָזיקער קאַמף האָט אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען.

אין דער ערשטער צייט, ווען די יידן האָבן אויסגעוואַנדערט פון די שטעט און שטעטלעך קיין וואַרשע און צענדליקער טויזנטער יידן האָבן זיך געוואַלגערט אָן עסן און אָן טרינקען אין די גאַסן — האָט פרומקע, וואָס האָט זיך געהאַט אומגעקערט, די ערשטע, פון די סאָוויעטישע געביטן אין די באַזעצטע דורך די דייטשן, און מיט איר נאָך צענדליקער אַקטיוויסטן פון צווישן די פיל חברים פון החלוץ, וואָס האָבן זיך אויפגעקליבן פון די הכשרה־קיבוצים אין לאָדזש, קעלץ און בענדין, זיך אַריין געפלאָכטן אין דער הילף־טעטיקייט פאַר אָט די יידן. אין דעם האָבן זיי געזען זייער הויפּט־אויפגאַבע. דזיעלנע איז דעמאָלט באַקאַנט געווען אין וואַרשע ווי אַ פּונקט וווּ עס געפינען זיך באַגליבטע מענטשן בראש מיט פרומקען און וווהין מ׳קאָן קומען און קריגן אַן עצה, דערמוטיקונג און הילף.

שפּעטער־צו, אין דער העלפט פון יאָר 1940 און דער עיקר נאָכדעם ווי מ׳האָט אויפגעשטעלט דאָס געטאָ און ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אין אים אַ מין געזעלשאַפטלעך לעבן, האָבן מיר אָנגעהויבן צו פירן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט, אַרויסגעגעבן צייטונגען און איינגעאָרדנט אָוונטן. ספּעציעל געדענק איך די תנ״ך־אָוונטן פון דראַמאַטישן קרייז

פון דרור, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און אונטער דער לייטונג פון יצחק קאַצענעלסאָן.

איך פיל זיך ניט בכוח איצט צו דערציילן וועגן יצחק קאַצענעלסאָן, אָבער מ׳קאָן אויך ניט ריידן וועגן דער דאָזיקער צייט און ניט צו דערמאָנען אים. אַ סך פון אונדזער קולטורעלער, געזעלשאַפטלעכער, דערציערישער און ליטעראַרישער אַרבעט פאַר דער יוגנט און פאַר די דערוואַקסענע, אַ סך פון אונדזער אידעאיִשער טעטיקייט אין די דער־ציערישע ראַמען — די העברעיִשע גימנאַזיע וואָס מיר האָבן אויפ־געשטעלט אין קאָנספּיראַציע ווי אויך די הכשרה — איז פאַרבונדן געווען מיט דער אַקטיוויטעט און מיט דער פּערזענלעכקייט פון יצחק קאַצענעלסאָן. ער איז געווען בשעת דער מלחמה איינער פון די חלוצישע דערציער און וועגווייזער פאַר די חברים — ווי איינער פון אונדז.

מיר האָבן געזען וואָס עס טוט זיך צווישן דער יוגנט, געזען ווי די דעמאָראַליזאַציע שלינגט אונדז איין, און מיר האָבן באַשטימט די אויפגאַבן וואָס וואַרטן אויף אונדז. אין יענער תקופה האָט זיך אונדזער טעטיקייט אויסגעדריקט אין דריי ריכטונגען: א) זוכן וועגן קיין ארץ־ישראל, ב) אויפשטעלן קיבוצים־הכשרות, ג) פירן קולטורעלע און דערציערישע טעטיקייט.

פון ערשטן טאָג אָן זינט די דייטשן זיינען אַריין אין פוילן און אין משך פון אַלע זעקס יאָר מלחמה, איז אונדזער געדאַנק געוועזן געווען אויף אָפּצוהיטן דעם קאָנטאַקט צווישן דעם גוססדיקן גלות און צווישן ארץ־ישראל. אמת, בלויז צענדליקער מענטשן זיינען אין יענער צייט געקומען אין לאַנד, אָבער הונדערטער האָבן געפּרוּווט זייער מזל. צענדליקער חברים זיינען אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן בעת זייער פּרוּוון אויסצוגעפינען וועגן קיין ארץ־ישראל און ניט ווייניק זיינען געהרגעט געוואָרן און בלויז איינצלנע זיינען דערגאַנגען.

מיר האָבן ניט אויפגעהערט זוכן וועגן ווי צו קומען קיין ארץ־ישראל.

חוץ די גרופּעס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט אין די סאָוויעטישע געביטן, וואָס זייער ציל איז געווען די רומענישע גרענעץ, אָדער לכל הפּחות ווילנע, האָבן מיר די גאַנצע צייט געזוכט אויך אַנדערע וועגן דורך דער סלאָוואַקיי און אונגאַרן. פּרומקע, ווי געזאָגט, האָט אַנטפּלעקט דעם וועג דורך דער סלאָוואַקיי. נאָך איר האָט לאה פּערלשטיין ניט אויפגעהערט צו זוכן וועגן אויף צו שמוגלען די גרענעץ אין יענער סביבה. מיר האָבן דאָרט קאָנצענטרירט גרופּעס חברים. דאָס דערגיין צו דער גרענעץ איז געווען אַ שווערער און קאָמפּליצירטער ענין. עס איז דאָך פאַרוועהרט געווען דאָס פאָרן מיט דער באַן און כדי אַריבער צו גיין פון קאַנט צו קאַנט אין פּוילן גופא, האָט מען געמוזט אַדורך עטלעכע גרענעצן. דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען אונדזער פרייד ווען די ערשטע גרופּע האָט זיך געלאָזט אין וועג, אָבער די פרייד איז געווען אַ קורצע. אויף צו מאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט די גאַנצע גרופּע געכאַפּט. לאה האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט יידישע טוער, צווישן זיי מיט מאָניעק מערין, דעם עלטסטן פון בענדינער יודנראַט, וואָס איז שפּעטער נאָמינירט געוואָרן ווי דער עלטסטער פון אַלע יודנראַטן אין זאַגלעמביע, און ס׳האָט זיך איר איינגעגעבן אַרויסצורייסן די חברים פון די נאַצישע נעגל. ווען מערין האָט זיך דערוווּסט ווער עס זיינען די מענטשן און וואָס ס׳איז זייער ציל, האָט ער צוגעזאָגט צו שאַפן וויזעס כדי זיי זאָלן ניט מוזן שמוגלען די גרענעץ.

אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע איז — צום ווייניקסטן אָפּיציעל — נאָך דערלויבט געווען די יידישע אויסוואַנדערונג. עס זיינען אויך געעפנט געוואָרן אויסוואַנדערונגס־ביוראָען. און טאַקע, עטלעכע יידן האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצופאָרן קיין איטאַליע. דאָס איז געשען איידער איטאַליע איז אַריין אין מלחמה. וואָכן און מאָנאַטן זיינען מיר אַרום געלאָפן פון איין ״מאַכער״ צום צווייטן (״מאַכער״ — אַ יידישער באַגריף וואָס באַצייכנט אַ מענטש וואָס קאָן ״איינאָרדענען״,

צי דורך כאַבאַר, צי אַ דאַנק פאַרבינדונגען) — כדי צו באַקומען וויזעס. צו לעצט — האָבן מיר גאָרניט געקראָגן. נאָר געציילטע רייכע יידן און געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן מצליח געווען. נאָך דעם ווי מיר האָבן געזען, אַז אַלע אונדזערע באַמיאונגען זיינען אומזיסט, האָבן מיר פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו זוכן אומלעגאַלע וועגן כדי אַריבער צו גיין די גרענעץ. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ שמוגל־אַפּאַראַט אין שפּיץ מיט לאַבאַן, דאָס איז אברהם לייבאָוויטש, שפּעטער איינער פון די אָנפירער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ קראָקע. לאַנגע מאָנאַטן האָט ער שווער געאַרבעט ביז געפונען די פּאַסיקע שמוגלערס. דער ערשטער וואָס איז אַוועק, איז געווען שלמה ציגעלניק פון דער הכשרה אויף דזיעלנע. ער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און איז אַריבער די גרענעץ לעבן דער שטאָט ניי־סאַנדץ ניט האָבנדיק קיין שום פאַרבינדונג מיט דער צווייטער זייט. קומענדיק אין דער סלאָוואַקיי האָט ער געשאַפן פאַרבינדונגען מיט החלוץ־מיטגלידער אין בראַטיסלאַווע און אויפגעשטעלט אַן אַפּאַראַט אויפצונעמען חברים און אַזוי אַרום אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פאַר הונדערטער חברים וואָס זיינען אים נאָכגעגאַנגען. די באַזע פאַר אויפנעמען חברים אין דער סלאָוואַקיי איז געווען אין שטעטל באַרדיעף, לעבן גרענעץ.

ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ סך מוט, אויסערגעוויינלעכן כוח און אָריענטאַציע כדי צו קאָנען אַרויסבאַקומען זיך פון געטאָ, צו פאָרן מיט דער באַן, אָדער גיין צו פוס, אָנקומען צו דער גרענעץ און זי אַריבער שמוגלען. אמת, אַ סך גרופּעס זיינען געכאַפּט געוואָרן אין וועג לעבן דער גרענעץ, אָבער אַ סך חברים פון דער באַוועגונג און פון אַנדערע חלוצישע באַוועגונגען זיינען פון דעסטוועגן אַריבער. צווישן זיי זיינען געווען יוסף קאָרניאַנסקי, צבי גאָלדפאַרב, איטקע ווערטהיים, יצחק פישמאַן, חנהלע געלבאַרד, ירחמיאל העלפגאָט און אַנדערע. די הויפּט־באַזע פאַר יענע, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג איז געווען קראָקע, די הויפּטשטאָט פון גענעראַל־גוווערנאַמענט, און אַהין זיינען אָנגעקומען

חברים אויך פון אויבערשלעזיע, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום רייך. פון קראָקע האָט דער וועג געפירט קיין טאַרנע, קיין ניי־סאַנדץ ביז צו דער סלאָוואַקישער גרענעץ, קיין באַרדיעף.

אונדזער צווייטער טעטיקייט־געביט איז געווען די ה כ ש ר ה. ס׳איז צו שטוינען ווי אַזוי אונטער די דייטשן, אין אַ געוויסער תקופה, האָט זיך די חלוצישע באַוועגונג פאַרשפּרייט און פאַרגרעסערט אַ סך מער ווי פאַר דער מלחמה. אָט איז גראָכאָוו ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן — און גראָכאָוו איז געווען דער סימבאָל פאַר דער באַוועגונג. אין די ערשטע וואָכן נאָך איר באַנייען האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן דעם אין אַלע עקן פון פּוילן און איז דערגאַנגען ביז צו די פאַרוואָרפנסטע מקומות: גראָכאָוו עקזיסטירט — הייסט עס, אַז די באַוועגונג עקזיסטירט, אַז דער החלוץ עקזיסטירט.

אינעם אויפשטעלן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קיבוץ אין גראָכאָוו האָבן מיר באַטייליקט, אין דער ערשטער צייט, אויך די אַנדערע חלוצישע באַוועגונגען: השומר־הצעיר, הנוער־הציוני און אַנדערע.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרן קיבוצים אין אַ סך שטעט. מיר האָבן געהאַט אַ פּלאַן לויט וועלכן מ׳האָט באַדאַרפט אויפשטעלן אין יעדער גרויסער שטאָט אונדזערע אַ באַזע, כדי ס׳זאָל זיך געפינען עפּעס אַ ווינקעלע אין לעבן פון געטאָ, אין מיטן פון דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס זאָל זיין אַנדערש, אַן אויסנאַם אין דער געטאָ־סביבה, און כדי צו זיין אויפן אָרט און גרייט צו אַלץ וואָס עס דערוואַרט נאָך די יידן. דעמאָלט האָבן מיר זיך נאָך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אָט די ווינקעלעך, אָט די קיבוצים, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט כדי צו דערציען די יוגנט ליב צו האָבן דעם מענטש, דערציען אים צו ווערטן ווי אַרבעט און שלום, וועלן שפּעטער ווערן די באַזעס פאַר דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ס׳איז כמעט ניטאָ קיין שטאָט אין פּוילן וווּ ס׳איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד, עס זאָל ניט האָבן געווען אין איר אונדזערס אַ קיבוץ. פונקען פון מרידות האָבן זיך צעפלאַקערט אין יענע ערטער וווּ ס׳זיינען

געוועזן אונדזערע הכשרות. די מיטגלידער פון קיבוץ זיינען געוועזן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קערן פאַרן ווידערשטאַנד און זיי זיינען עס אויך געוועזן די ערשטע צום אויפשטאַנד.

אויפן צוזאַמענטרעף פון דער באַוועגונג, וועגן וועלכן איך האָב פריער דערציילט, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרשטאַרקן די קערן־גרופּעס פון די קיבוצים וואָס האָבן עקזיסטירט אין בענדין, אין וואַרשע און אויך אויפצושטעלן נייע קיבוצים. און מיר האָבן טאַקע אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם געביט: פאַרנומען זיך מיט די הכשרות וואָס האָבן עקזיסטירט אין פאַרשידענע שטעט פון גענעראַל־גוווערנאַמענט און אין די געביטן וואָס זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום רייך און זיך אויך באַמיט אויפצושטעלן נייע קיבוצים. אָרגאַניזירט הכשרות אין טשענסטאָכאָוו, אין דאָרף ווערבקאָוויץ לעבן הרוביעשאָוו, אין אָסטראָוויעץ, לובלין א.א. און נאָך דעם דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד — אויך אין ביאַליסטאָק, וואָס די דייטשן האָבן איינגענומען.

מ׳האָט געמוזט אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי. ניט געוועזן ניט קיין טיש און ניט קיין בעט. עס האָבן אויסגעפעלט די עלעמענטאַרסטע איינאָרדענונגען. אויך קיין געלט איז ניט געוועזן. מיר האָבן געאַרבעט אין אַ דאָפּלטער קאָנספּיראַציע — סיי כלפּי חוץ, סיי כלפּי אינעווייניק. ניט געטאָרט אויפטרעטן אַלס החלוץ, נאָר זיך געדעקט אונטער אויסגעטראַכטע נעמען פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס ווי ״אַזילן פאַר פּליטים״, ״אַרבעטס־פּונקטן״ א.א. אין טייל ערטער האָט דער יודנראַט ניט נאָר אונדז ניט געהאָלפן, נאָר ער האָט אויך אין אַ סך פאַלן אַרויסגעוויזן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו אונדזער טעטיקייט. די יודנראַטלער האָבן דאָפּלט מורא געהאַט: געציטערט פאַר אַ ליאַדן אָרגאַניזירטן, יידישן זעלבשטענדיקן כוח, וואָס איז עלול זיך צו דערטראַכטן צו אַ

זעלבשטענדיקן געדאַנק, אויך האָבן זיי זיך געשראָקן, אַז די דייטשן זאָלן זיך דערוויסן פון אונדזער עקזיסטענץ. הונגעריקע און אויסגעשעפּטע פלעגן מיר זיך אַרום יאָגן און זוכן אַרבעט און דאָס איז ניט גרינג געווען צו געפינען. מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט די משונהדיקסטע באַשעפ־טיקונגען, אַפילו געאַרבעט ביים רייניקן קלאָזעטן. און דאָך האָבן מיר זיך אויסגעהאַלטן. דער קיבוץ איז דעמאָלט געווען דאָס לייכטנדיקע און וואַרעמע ווינקעלע אין מיטן דעם חושך פון דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט אונדז אַרום גערינגלט. מיר האָבן געהאַט אַ צייטונג וואָס איז אַרויס אומלעגאַל און איז געבראַכט געוואָרן פון וואַרשע און מ׳האָט געקאָנט לערנען עברית; עס האָבן ניט געפעלט קיין שטורמישע דעבאַטן וועגן טעמעס וואָס שטייען אויפן סדר היום און טייל מאָל, אין די שווערסטע שעהען, האָט זיך צעטראָגן צווישן אונדז אַ געזאַנג, זיך צעפלאַקערט אַ טאַנץ און די חברה האָט זיך אַריין געוואָרפן אין אַ רוישיקער, שטורמישער הָאָרא. די הכשרות אין די שטעט זיינען געוואָרן דער צוזאַמענג־צענטער פאַר דער יוגנט און אין טאָג פון נסיון זיינען זיי געווען די קעמערלעך פאַרן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

חוץ די קיבוצים אין שטאָט, האָבן מיר אויך אויפגעשטעלט לאַנדווירט־שאַפטלעכע הכשרות. זיך פאַרדונגען אַלס אַרבעטער ביי עטלעכע פּוילישע גוטבאַזיצער, נאָך דעם ווי מיר האָבן וועגן זיי אויפגעקליבן גענויע אינפאָרמאַציעס. אונדזער לוין איז געווען אַ נישטיקער, אָבער גאָר אין גיכן האָבן זיי אָפּגעשאַצט אונדזער אַרבעט און באַמערקט די ספּעציפישקייט פון אונדזער קאָמונע־לעבן. די גוטבאַזיצער האָבן פאַר זיך געזען אַ מין יידישן יוגנטלעכן מיט וועלכן זיי האָבן זיך פריער ניט אָנגעטראָפן. יוגנטלעכע וואָס ווייסן זיך ווי צו אָרגאַניזירן, אַרבעטן גוט, היטן אָפּ ריינקייט, און דער עיקר — אַ זאַך וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט באַנעמען — זיי טיילן זיך מיט זייער ביסן, דאגהנען איינער פאַרן

צווייטן, גיבן הילף אַ קראַנקן, אונטערשטיצן דעם שוואַכן און קלייבן פּאַר אים אויס אַ לייכטע אַרבעט. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַן איינדרוק — און זיי האָבן זיך באַצויגן צו אונדז מיט כבוד. ווען מיר האָבן זיך געפילט זיכערער, פלעגן מיר וואַגן צו שטעלן "פאָדערונגען" ווי צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און צו פאַרגרעסערן די שפּייז־נאָרמעס. אין דער אמתן איז דאָס דאָזיקע שטעלן־באַדינגונגען די גוט־באַזיצערס געווען געפערלעך ביז גאָר. זיי האָבן דאָך געקאָנט אונדז צווינגען צו אַרבעטן אין גאַנצן אָן לוין, אָבער מ׳האָט שוין וועגן אונדז געוווסט און מ׳פלעגט אונדז גערן נעמען צו דער אַרבעט. מיטן באַקומען אַרבעט אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער און מיטן קאָנטראָלירן ווער עס זיינען זייערע בעלי־בתים, האָט אונדז געהאָלפן דער אַגראָנאָם סודאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון "טאָפּאָראָל" — אַן אָרגאַניזאַציע צו העלפן יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט. מיט דער צייט האָט דער דאָזיקער מענטש פאַרנומען אַ צענטראַלע פּאָזיציע אין אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד אין פאַרניכטונגס־לאַגער טרעבלינקע.

די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קיבוץ־הכשרה האָבן מיר יענעם זומער געגרינדעט אין טשערניאַקאָוו, אַ וואַרשעווער פאָרשטאָט, אָבער אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן מיר אויפגעשטעלט נאָך אַ ריי לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פאַרמעס: דריי אין דער סביבה פון סאָקאָלאָוו, דריי אין דער סביבה פון סאָכאַטשעוו און פיר צי פינף אין דער סביבה פון הרוביעשאָוו און לובלין. פריער, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, האָבן מיר אויפגעשטעלט פון דאָס ניי די לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם אין גראָכאָוו. אַזוי ווי די פאַרם אין גראָכאָוו האָט געהערט צו דער יידישער קהילה אין וואַרשע און אירע ערד־שטחים האָבן מיר באַאַרבעט זינט די צוואַנציקער יאָרן, ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען אונדז דערלויבט דעם פונקט צו באַאַרבעטן ווי אַ קהילה־פאַרם. כאָטש די באַציאונג פון יודנראַט איז געווען אַ גלייכגילטיקע און אפשר אַן אָפּגעפרעמדטע און האָט אונדז אויך ניט איין מאָל פאַרשאַפט

גרויסע שוועריקייטן, האָט זיך איינגעגעבן אַריין צו נעמען אין אונדזערע הענט די פאַרוואַלטונג פון דער פאַרם און אויך די גערעטעניש איז געווען אונדזערע. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען האָבן מיר געקראָגן אַ ביסל געלט פון דזשאָינט און זיך באַזעצט אויף דער ערד. אַ וווין־אָרט האָבן מיר געפונען אין חרובן בנין אין מיטן די פעלדער (דאָס הויז איז צעשטערט געוואָרן בשעת באָמבאַרדירן וואַרשע), אָבער מיר האָבן זיך ניט מייאש געווען און נאָך אַ קורצער צייט פון הונגער און פּיין, איז גראָכאָוו אויפגעבויט געוואָרן פון דאָס ניי. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ שטאַל און וווין־צימערן, געאַקערט און געזייט די ערד, אַפילו פאַרפלאַנצט בלומען־גערטנער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר געזען די ערשטע רעזולטאַטן — די פאַרם איז געוואָרן אַ קוואַל פון פרנסה און עקזיסטענץ. אין דער צייט ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַנייען גראָכאָוו, האָבן יידן נאָך געמעגט אַרויס־גיין פון דער שטאָט. דאָס געטאָ אין וואַרשע איז נאָך ניט געווען אויפ־געשטעלט און אַ סך פלעגן אַרויסגיין אויף די פעלדער פון קיבוץ און כאַפּן דאָרט אַ שפּאַציר.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה איז געווען וויכטיק מכמה טעמים. אין צייט פון הונגער האָט זי אונדז געראַטעוועט פון טויט, כאָטש אונדזערע חברים האָבן שווער געאַרבעט, ווייל די גוטבאַזיצערס האָבן געוווּסט ווי אויסצונוצן זייערע אַרבעטער, בפרט די יידן. מען האָט אונדז געגעבן ברויט, קאַרטאָפל און מילך — פּראָדוקטן וואָס אַ סך פון די געטאָ־יידן האָבן געזען בלויז אין חלום. אַ באַזונדערע חשיבות האָבן די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָמונעס געהאַט מיט דעם, וואָס אַ דאַנק זיי האָט מען געקאָנט אַרויסנעמען יוגנטלעכע פון צווישן די שטיקנדיקע געטאָ־מויערן און זיי באַזעצן אויסער דער שטאָט. אַ סך מענטשן זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף אונדז מיט קנאה בשעת זיי פלעגן אונדז זען אַרויסגיין אין אַ ריי פון געטאָ. ענדע זומער זיינען אונדזערע חברים צוריק געקומען אין געטאָ געזונטע און אָפּגעברענטע פון דער זון, אָבער

דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן באַוויזן צו שאַפן אין אונדזערע פאַרמעס אַ קיבוציש־הומאַנעם לעבנס־שטייגער, אויפֿגעבויט אויף קעגנזייטיקער הילף, אויף גלייכהייט און אויף געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס זיינען געווען גאָר אַנדערע ווי די, וואָס האָבן אונדז אַרום גערינגלט אין געטאָ. ווי נאָר איך האָב באַוויזן זיך אַרויסצוכאַפּן פון געטאָ און קומען קיין טשערניאַקאָוו, צי קיין גראָכאָוו, פלעג איך פילן כאילו כ׳וואָלט אַריבער אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. דאָ פלעג איך אָן אַלץ פאַרגעסן. דאָ האָב איך געקאָנט כאָטש אויף אַ רגע פאַרגעסן אָן געטאָ, אָן דער פּיין, דעם הונגער און די דייטשן. כ׳האָב זיך אין גאַנצן אויסגעמישט מיט די יונגע חברים און חברטעס — אַ גרופּע יוגנטלעכע וואָס איז געווען פול מיט שאַפונגס־און־לעבנס־פרייד.

די פאַרם פון טשערניאַקאָוו איז אָנגעפירט געוואָרן מיט חכמה און איבערגעגעבנקייט דורך לאה פערלשטיין. איך האָב זי געזען ביי איר אַרבעט און מי. אַלע האָבן זיך צו איר באַצויגן מיט כבוד און אָפּשיי, איינגערעכנט אירע בעלי־בתים, די גויים און די דייטשן, וואָס פלעגן באַזוכן די פאַרם. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן דער פאַן זאַטוואַרניצקי, דער אייגנטימער פון דער פאַרם, וואָס האָט אַרויס־געוויזן אַ סימפּאַטישע באַציאונג צו אונדזערע מיטגלידער, האָט אונדז געגעבן אַ ברייטע אויטאָנאָמיע און אַוועקגעקוקט פון אונדזער פאַרשידנאַרטיקער חלוצישער טעטיקייט.

די קולטורעל־דערציערישע טעטיקייט איז געווען פאַרבונדן מיטן נייעם אָרגאַניזירן־זיך פון דער באַוועגונג.

לויט די באַשלוסן פון דער יום־כיפור־קאָנפערענץ תש״א האָבן מיר אויפגעשטעלט קרייז־ראַטן אין די דיסטריקט־שטעט פון גענעראַל־גוווערנאַמענט, אָדער אין די שטעט וואָס זיינען פאַר אונדז געווען

וויכטיק צוליב דער באַוועגונג. לעבן יעדן ראַט זיינען באַשטימט געוואָרן צוויי צי דריי פאַראַנטוואָרטלעכע חברים.

אין דער וואַרשעווער געגנט: חנהלע געלבאַרד, מאָניעק רייני־געווירץ און בערל ברוידא;

אין קעלץ: רעגינאַ ליטעווסקאַ, שפּעטער איז דער קאַנט איינ־געטיילט געוואָרן אין צוויי ראַיאָנען — טשענסטאָכאָוו און אָפּאַטאָוו;

אין לובלין: רבקה גלאַנץ און שפּעטער, מאָניעק וויניצקי און דוד זאַלצבערג;

אין הרוביעשאָוו: שאול דאָבוכנאַ. שפּעטער איז צוגעקומען צו אים משה רובינטשיק, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די הכשרה־קיבוצים פון דער סביבה און איז נאָכהער געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון די פּאַרטיזאַנען־גרופּעס אין דער הרוביעשאָווער סביבה;

אין טשענסטאָכאָוו: רבקה גלאַנץ;

אין קראָקעווער דיסטריקט: העשעק ישׂראלעוויטש און אברהם לאַבאַן־לייבאָוויטש;

אין בענדין: הערשל שפּרינגער און ברוך גאַפּטעק.

אַ קורצע צייט האָט אַ ראַט אויך עקזיסטירט אינעם פּאָדלאַסיער קאַנט און דאָס זיך־אָרט פון די לייטנדיקע חברים איז געווען אַ מאָל אין סאָקאָלאָוו און אַ מאָל אין שעדלעץ.

אונדזער ערשטער אויפטו, זינט דער דייטשער אָקופּאַציע, איז געווען דאָס אַרויספאָרן אין די שטעט און שטעטלעך, צו באַנייען די פאַר־בינדונגען מיט די חברים און אין אויפשטעלן קאָנספּיראַטיווע קעמערלעך פון דער באַוועגונג, צו פינף אין יעדער קעמערל. אַלע קעמערלעך איינינעם האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אָרטיקן סניף. ניט געווען קיין איין שטעטל, ווו ס׳איז אַ מאָל געווען אַ סניף, מיר זאָלן עס ניט האָבן באַזוכט. אין אָנהייב פון אונדזער טעטיקייט האָבן מיר געצווייפלט צי אונדזער מי וועט האָבן אַן אָפּקלאַנג, צי די יוגנט וועט אונדז וועלן אויסהערן, אָבער גאָר אין גיכן זיך איבערצייגט, אַז מיר

האָבן ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די וויטאַליטעט פון דער יוגנט. די חברים פון די שטעטלעך האָבן מיט התלהבות אויפגענומען די אָרגאַניזירער. דער עצם פאַקט , וואָס אין אַזאַ צייט פון אָפּהענטיקייט און צעמישט־קייט האָבן זיך געפונען מענטשן וועלכע באַהאַלטן זיך ניט אין זייערע ד' אמות, נאָר פּרוּוון אָרגאַניזירן די יידישע יוגנט — איז געווען אַ קוואַל פון דערמוטיקונג פאַר אונדזערע חברים אין די פאַרוואָרפענע שטעטלעך פון פוילן.

ס'איז דורך בלויז אַ קורצע צייט און אין אַלע עקן פון לאַנד זיינען געגרינדעט געוואָרן סניפים. אין די שטעט, ווו זיי האָבן פון פריער עקזיסטירט, האָט מען פון דאָס ניי אויפגעשטעלט שטאַרקע סניפים און אין די ערטער, ווו עס האָבן זיך פאַר דער מלחמה געפונען בלויז שוואַכע גרופּעס, זיינען איצט די סניפים פאַרגרעסערט געוואָרן און אַרום גענומען אַ סך יוגנטלעכע. די איבערגעגעבנקייט פון אונדזערע יונגע חברים — איז געווען אין־לשער. מיט מסירות־נפש האָבן זיי זיך אַריין געוואָרפן אין דער אַרבעט און דורך דעם אַרויסגערופן דערהויבענע געפילן ביי אַ סך פון די יוגנטלעכע, וואָס זיינען געווען ווייט פון אונדז אידעאיש; ס'האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן אַ פונק פון גלויבן און דערוועקט זייער בענקשאַפט צו אַן אַנדער לעבן און אויך זיי זיינען אַריין געצויגן געוואָרן אין דער טעטיקייט. דאָס אויפשטעלן און פאַר־ברייטערן פון די סניפים האָבן געשאַפן די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע פאַר אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטורעל־דערציערישע טעטיקייט, אָבער אין גיכן האָט מען איינגעזען, אַז די צאָל מדריכים וואָס מיר פאַרמאָגן איז ניט גענוג כדי אַרום צו נעמען די מאַסן יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוואָלט זיך אָנשליסן אין אונדזערע רייען. האָבן מיר זיך דעריבער באַמיט צו שאַפן אַ נייעם קאַדר פון דערציערס, וואָס זאָלן זיין מסוגל צו נעמען אויף זיך דעם עול פון דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט. צוליב דעם האָבן מיר געשאַפן דעם צענטראַלן סעמינאַר פון אונדזער באַוועגונג, אין דער אונטערערד. דער דאָזיקער סעמינאַר איז בכלל

געוועזן דער ערשטער אין דער חלוצישער, קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג. עס זיינען זיך צונויפגעקומען אין אים ביי די פּופּציק מיטגלידער פון אַלע עקן לאַנד. חברים האָבן זיך אַרויסגעשמוגלט פון זייערע יישובים, זיינען געקומען דורך וועגן ווו סכנה האָט אויף זיי געלויערט אויף יעדן שריט און טריט, געפאָרן מיט דער באַן, אָדער געגאַנגען צו פוס און אָנגעקומען אויף דער דזיעלנע גאַס זיך צו לערנען די תורה פון דער באַוועגונג. די קאָמונע אויף דזיעלנע, וואָס האָט געקעמפט אויף צו שאַפן אַ שטיקל ברויט פאַר אירע מיטגלידער, האָט אויף זיך גענומען דעם עול אויסצוהאַלטן אין משך פון זעקס וואָכן די באַטייליקטע אין סעמינאַר.

מיר האָבן דורכגעפירט דעם סעמינאַר הינטער פאַרהאַקטע טירן. איז דאָך אין דער נאָענט פון אונדזער היים געווען די פּאַוויאַק־טורמע. אונדזערע שומרים זיינען געשטאַנען אַלע 24 שעה אין מעת־לעת און האָבן אַכטונג געגעבן מ׳זאָל אויף אונדז, חלילה, ניט וואַרפן אַ בייז־אויג. אין דרויסן — אומעטום גרויל און שרעק און אינעווייניק — בחורים און מיידלעך וואָס שפּינען אַ חלום ווי אַזוי צו פאַרטרייבן די בייזע מאַכט פון לאַנד און באַראַטן זיך ווי אַזוי אָפּצוהיטן דעם מענטשלעכן פּרצוף פון דעם ייד, טראָץ דער דעמאָראַליזאַציע אין געטאָ־לעבן.

ווי געזאָגט, איז דאָס געווען דער ערשטער סעמינאַר אויף דער יידישער גאַס, אָפּגעהאַלטן אין אונטערערד. און אָט, ווי נאָר ס׳איז באַקאַנט געוואָרן זיין עקזיסטענץ ביים ברייטן עולם, איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. איך געדענק, אַז ס׳האָבן אונדז פאַרפּלייצט ״דעלעגאַציעס״ פון פאַרשידענע קרייזן. אַלע האָבן אונדז געוואָרנט פאַרן אומגליק, וואָס מיר קאָנען חלילה אַראָפּברענגען אויף אונדז און אויף אַלע יידן אין וואַרשע. אין אָנהייב האָט מען כאילו אַרויפגעלייגט אויף אונדז אַ חרם. דרויסנדיקע פּרעלעגענטן האָבן אין אָנהייב מורא געהאַט צו אונדז צו קומען, אָבער פּאַמעלעך־פּאַמעלעך האָט זיך די באַציאונג געענדערט

און די סעמינאַר־אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן און זיך אויך געענדיקט בשלום. חוץ די חברים פון אונדזער באַוועגונג האָבן געהאַלטן לעקציעס אויפן סעמינאַר: אליעזר ליפּע בלאָך, אליהו גוטקאָווסקי, יוסף סאַק, סטעפאַ ווילטשינסקאַ, דער אַדוואָקאַט לייב כ״ץ, לייזער לעווין, דער מאַגיסטער מנחם לינדער, דער אַדוואָקאַט מיכאל לאַנדאו, יוחנן מאָרגענשטערן, מאיר מאָרגענשטערן, דער אינזשיניער לעאָן פייגנבוים, אלחנן צייטלין דער ייִנגערער זון פון הלל צייטלין, יצחק קאַצענעלסאָן, יאַנוש קאָרטשאַק, עמנואל רינגעלבלום. אויף דער סיום־פייערונג האָבן מיר איינגעלאַדן אַ קליינעם קרייז פון געזעלשאַפטלעכע טוערס. די באַטייליקטע פון סעמינאַר האָבן דערציילט וועגן זעקס וואָכן סעמינאַר־אַרבעט. איינער פון די געסט, יצחק גיטערמאַן, פון די דירעקטאָרן פון דזשאָינט, האָט געפונען אַ פאַרגלייך אין דער אָנגעוויטיקטער יידישער געשיכטע און אונדז פאַרגלייכט צו די מאַראַנען פון שפּאַניע. די רייד האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג און מער נאָך ווי די רייד האָט געווירקט דער גייסט אין וועלכן זיי זיינען געזאָגט געוואָרן. אויף דער מסיבה זיינען מיט אונדז געזעסן אויך יענע, וואָס האָבן אונדז בשעתו געבעטן אָפּצו־לאָזן פון דורכפירן דעם סעמינאַר. איצט האָבן אויך זיי זיך אָנגע־שטעקט מיט התלהבות זעענדיק די אומבאַגרענעצטע גרייטקייט פון דער יוגנט וואָס האָט זיך באַטייליקט אין סעמינאַר.

מיר האָבן דורכגעפירט אין קאָנספּיראַציע דריי צענטראַלע סעמינאַרן און צוגעגרייט גרופּעס יונגע מדריכים פאַר דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. אונדזערע סעמינאַרן האָבן אָנגעהויבן מיט דער מצווה און די אַנדערע חלוצישע באַוועגונגען האָבן אונדז נאָכגעטאָן.

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו פירן די פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט, האָבן מיר זיך אין גיכן איבערצייגט, אַז עס פעלט אונדז אין גאַנצן אויס ליטעראַרישער און היסטאָרישער לערן־מאַטעריאַל פאַר די חברים. אין געטאָ זיינען ניט דערשינען קיין נייע ביכער און אויך די אַלטע האָט מען ניט געקאָנט קריגן. אויך אויף דעם געביט זיינען מיר

געוועזן געצוווּנגען צו שאַפן אַלץ פון דאָס ניי. צוליב דעם האָבן מיר אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע ליטעראַרישע טעטיקייט. דאָס ערשטע בוך, וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג פון דרור, איז געווען: אַ ליטעראַריש־היסטאָרישע אַנטאָלאָגיע "פיין און גבורה אין דער יידישער געשיכטע אין ליכט פון דער קעגנוואַרט". דאָס בוך איז העקטאָגראַפירט געוואָרן. אין שעהען פון צווייפל און ייאוש האָבן מיר געוואָלט געבן דער יוגנט מוסטערן פון העלדישקייט און פון פאַרטיידיקונג אין דער יידישער געשיכטע. מיר האָבן ניט געהאַט ניט קיין שרייבמאַשין און אויך ניט קיין העקטאָגראַף. מיט שווערער מי האָבן מיר געקראָגן מאַטעריאַלן. איין מאָל זיינען דייטשן פאַרביי געגאַנגען און דערהערט, אַז מ'זינגט ביי אונדז. ס'איז זיי ניט געפעלן געוואָרן. ווי אַזוי וואַגן עס יידן צו זינגען? זיי האָבן זיך צו אונדז אַריין געריסן און מיר האָבן קוים באַוויזן צו באַהאַלטן די דרוקמאַשינען. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַלע צימערן און דערשטוינט געוואָרן — אַזוי פיל יידישע יוגנט! מיר האָבן געטענהט, אַז דאָס זיינען פליטים. זיי האָבן געפאָרשט, געזוכט, גענישטערט אין אַלע שפּאַלטן און לעכער. מעשה־נס זיינען זיי פאַרביי לעבן צימער ווו מיר האָבן געדרוקט און ניט אַריין. אַזוי אַרום זיינען מיר ניצול געוואָרן. דאָס ערשטע בוך אין געטאָ איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן. מ'האָט זיך מיט דעם באַנוצט אין אַלע סניפים, אַלע חברים האָבן עס געלייענט; יוגנטלעכע און דערוואַקסענע ווי אויך יידן, וואָס האָבן מיט אונדז סימפּאַטיזירט, פלעגן בלעטערן און אַריין קוקן אין דעם ערשטן בוך וואָס איז אַרויס אין דער יידישער אוטערערד.
אין דער העלפט פון יאָר 1940 האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די צייטונג פון דער באַוועגונג, אויף יידיש און אויף פּויליש, מיטן נאָמען "דרור" און "דרור־וואָלנאָשטש". אויך די צייטונגען האָבן מיר געדרוקט אויף אַ העקטאָגראַף. די צייטונג איז פאַר אונדז געווען אַ טריבונע אויף צו קאָמענטירן די געשעענישן מיט אַן אידעיִשער באַלייכטונג. אין אַ שפּעטערער תקופה, אין יאָר 1942, האָבן מיר

אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט אויף יידיש מיטן נאָמען "ידיעות" וואָס האָט געהאַלטן ביי אַ 8-10 זייטן. אויך העקטאָגראַפירט. אין די "ידיעות" האָבן מיר פאַרעפנטלעכט נייעסן וואָס אונדזער געהיימער ראַדיאָ האָט אויפגעכאַפּט. מען האָט אויך אין אים געבראַכט באַריכטן וואָס אונדזערע פאַרבינדלער האָבן געבראַכט פון אַנדערע געטאָס. די "ידיעות" האָבן געזאָלט צושטעלן אינעווייניקסטע אינפאָרמאַציע וועגן גורל פון פוילישן יידנטום און אויך, כביכול, געזאָלט פאַרבינדן מיט דער ברייטער וועלט. חוץ די פעריאָדישע אויסגאַבעס אַרויסגעגעבן העפטן "למדריך" אין וועלכע מיר האָבן פאַרעפנטלעכט הילף-מאַטעריאַל פאַר די דערציִער אין די סניפים. מיט אָט די העפטן האָבן זיך געניצט די מדריכים אָנשטאָט די ביכער וואָס — ווי געזאָגט — עס האָט אויס-געפעלט אין געטאָ.

מיט יצחק קאַצענעלסאָן

אין פאַרלאַג "דרור" איז דערשינעז די תנ"כישע פּיעסע פון יצחק קאַצענעלסאָן "איוב". די דראַמע איז געשריבן געוואָרן דורכן דיכטער אין יאָר 1941. דאָס דערשיינען פון "איוב" איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין יידישן קולטורעלן לעבן אין וואַרשע. אין אַ סך קרייזן האָט דער דיכטער געלייענט אויסצוגן פון זיין שאַפונג. ער האָט אָנגעהויבן אויף דזיעלנע, פאַר אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער און חברים פון דער באַוועגונג, און נאַכהער ממשיך געווען אין אַנדערע קרייזן, צווישן זיי — שרייבער און קינסטלער. ווער עס האָט געהערט קאַצענעלסאָנען לייענען פון זיין פּיעסע "איוב" איז אָנגעצונדן געוואָרן דורך זיין פייער און אויף אַזאַ אופן איז אויפגעהאַלטן געוואָרן דער מאָראַל פון אַ סך יידן אין געטאָ: אָט, טראָץ אַלעמען, האָט זיך די דייטשן ניט איינגעגעבן צו צעברעכן אונדזער גייסט, עס האָבן נאָך געקוואַלט אין אונדז שעפערישע כוחות. אין יענע טעג האָבן אויך די סאַמע ניכטערע צווישן אונדז, וואָס האָבן די גאַנצע צייט נבואה געזאָגט, אַז מיר שטייען פאַר אַ גרויס אומגליק, דאָך געטראַכט: אפשר, אפשר וועלן זיי אונדז פאָרט ניט בייקומען. קאַצענעלסאָן האָט אין יענער צייט אַ סך געשריבן. ער האָט אפשר נאָך ניט געהאַט אַזאַ פּרוכטבאַרן שאַפונגס־פּעריאָד ווי אין דער צייט פון געטאָ און מלחמה.

אין דער צייטשריפט "דרור" האָט דער דיכטער פאַרעפנטלעכט לידער און פּראָזע־זאַכן אויף יידיש: "פּאָלקסמאָטיוו פון יאָר 1940" ("אַרויס איז געגאַנגען אַ ייד אויף דער גאַס"); "קאַרמעליצקע"; "ווען דער טייוול איז גערעכט"; "די כראָניק פון הערשעלעס טויט". אין איינעם פון די ערשטע נומערן האָט ער געדרוקט זיין איבערזעצונג אויף יידיש פון ביאַליקס "על השחיטה" און אויך די עסייען "צו ביאַליקס היי־יאָריקן יאָרצייט"; "צום הונדערט־פינפטן געבורטס־טאָג פון מענדעלע

מוכר־ספרים"; "יאַ מאַם לידלעך" — וועגן טויט פון פאַרפּייניקטן פּאָלקס־דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש, וואָס איז געשטאָרבן פאַר הונגער.
זיינע פריינד אין דער דזיעלנער קאָמונע האָט ער געווידמעט דעם "יזכור", אַ פּאָעמע אין צוויי טיילן. דעם ערשטן טייל פון זיין שאַפונג האָט ער פאַר אונדז געלייענט ערב ראש־השנה תש"א (1940). אַלע זיינען מיר געזעסן אַרום טיש אין עסזאַל פון קיבוץ און אויסגעהערט דעם "יזכור" נאָך זיינע געפּייניקטע ברידער, וואָס גייען אויס פאַר הונגער, פאַר די וואָס ווערן געהרגעט אין מיטן גאַס, פאַר די יידישע שטיבער וואָס ליגן איינגעטונקען אין טרויער. שפּעטער אַ ביסל האָט ער צוגעגעבן דעם צווייטן טייל פון דער פּאָעמע. די שאַפונג — אירע ביידע טיילן — איז פאַרלאָרן געגאַנגען.
יצחק האָט אָנגענומען אונדזער ביטע און אויפגעשטעלט דעם דראַמאַטישן קרייז "דרור", וואָס איז אויפגעטראָטן מיט אייניקע פון זיינע שאַפונגען און אויף תנ"כישע אָוונטן. פאַר אָט די אָוונטן האָט ער איבערגעזעצט פּרקים פון ישעיהו, ירמיהו, הושע און עטלעכע אָפּ־שניטן פון ספר איוב. דער אָוונט פלעגט זיך עפענען מיט אַ לירישן אַריינפיר, וואָס ער האָט געשריבן און שליסן זיך מיט אַ "פינים" — "געענדיקט איז דער אָוונט פון תנ"ך". אויך האָט ער פאַרן קרייז איבערגעזעצט אַ פּיעסע, וואָס ער האָט בשעתו געהאַט פאַרפאַסט אויף עברית "יעקב און עשו" און אָנגעשריבן נייע פּיעסעס פאַר יוגנטלעכע: "צווישן ליכט און מענטשן" און "מיך ציט אין גאַס". די פּיעסע "מיך ציט אין גאַס" האָט ער אַ סך מאָל פאָרגעלייענט פאַר זיינע פריינד אין דער קאָמונע און פאַר לערער אין די פאָלקס־שולן אויף יידיש און פון די תרבות־שולן, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער באַשטע־טיקונג פון דער דייטשער מאַכט. די לערער צוזאַמענטרעפן זיינען פאָר־געקומען אין עסזאַל אויף דזיעלנע. די פּיעסע איז געשטעלט געוואָרן דורך די קינדער פון יתומים־הויז אונטער דער לייטונג פון זיין געטרייען

פריינד דוד דאָמבראָווסקי. די פּיעסע, אַ געשריבענע מיט גראַם און ריטם, האָט זיך ניט אָפּגעהיט. דער דרור־דראַם־קרייז האָט אַ סך טעג געאַרבעט איבער זיין פּיעסע "על נהרות בבל". צו אַ טייל שטעלן פון דער פאָרשטעלונג האָט זיין פריינד, דער קאָמפּאָזיטאָר ישראל גלאַטשטיין, צוגעפּאַסט מעלאָדיעס. גלאַטשטיין האָט אויך געשריבן די מעלאָדיע צו זיין ערשטער שאַפונג, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין "דרור": "אַרויס איז געגאַנגען אַ ייד אויף דער גאַס". אויך די נאָטן צו דעם ליד זיינען געדרוקט געוואָרן אין דעם זעלבן נומער.

אין דער צייט פון גרויסן הונגער אין געטאָ האָט ער אויך געשאַפן זיין סעריע לידער: "לידער פון הונגער", "לידער פון קעלט", ווי אויך דאָס ליד "דער באַל" — אַ באַנקעט פון די רייכע שכנים, וואָס פרעסן און טרינקען כדי אויפצוקלייבן געלט פאַר די הונגעריקע קינדער פון הויף. די קינדער אָבער גייען אויס פאַר הונגער, אין מיטן באַנקעט, אין קעלער פון הויז.

ספּעציעל דערמאָן איך זיך אָן דער סצענע ווען דער דיכטער האָט געלייענט זיין "איוב". די פּיעסע איז העקטאָגראַפירט און איינגעבונדן געוואָרן. אייניקע פון די געטאָ־קינסטלער האָבן צוגעגרייט פאָרשלאָגן פאַרן איינבונד און צו דעם עקזעמפּלאַר, וואָס זיינע חברים, די חלוצים, האָבן אים דערלאַנגט ווי אַ מתנה, זיינען אויך צוגעלייגט געוואָרן די אָריגינעלע אַרבעטן פון די קינסטלער. אויף דער מסיבה לכבוד דעם דערשיינען פונעם ווערק זיינען פאַרבעטן געוואָרן עטלעכע פון זיינע פריינד, שרייבער און כלל־טוער און פאַרשטייט זיך — זיינע געטרייע חברים פון דער דזיעלנער קאָמונע. ווען דער דיכטער האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן לייענען (ער איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער רעציטאַטאָר) איז אַריין דער מבשר מיט דער בשורה: די דייטשן האָבן געמאָלדן וועגן זייער אַריין מאַרש אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען דעם 22־טן יוני 1941. די ידיעה האָט אַרויסגערופן ביי אונדז אַ גרויסע צערו־דערונג. מיר האָבן געמיינט, אַז די נייע מלחמה אין מזרח וועט מאַכן אַ

סוף צום דריטן רייך. פּאַקטיש האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן דער סוף פון יידישן פאָלק אויף די, דורכן דייטש, באַזעצטע געביטן.
די ידיעות וועגן ביטערן גורל פון זיינע ברידער אין יענער תקופה האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין זיינע נייע שאַפונגען: "דער ייד האָט געלאַכט": "שפוך חמתך"; "דאָס ליד וועגן שלמה זשעליכאָווסקי"; "וויי מיר".

אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ איז אָפּגעשניטן געוואָרן דער טאָג־טעגלעכער קאָנטאַקט מיטן דיכטער און זיין משפחה. ער האָט אונדז דערציילט וועגן ביטערן גורל פון זיין פרוי חנה און זיינע צוויי יינגערע זין, וואָס מ'האָט אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע און אויך וועגן זיין שרעקלעכער לאַגע. מיר זיינען געווען פאַרנומען מיטן אויפשטעלן די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע און דער דיכטער און זיין בכור צבי האָבן געפונען אַן אַזיל אין איינע פון די אַרבעטס־שאָפּן. העלפט יאַנואַר 1943 איז ער צו אונדז געקומען, אויף דער באַזע פון די דרור־קעמפער אויף דער זאַמענהאָף גאַס. אין יענער תקופה האָט ער געשריבן צוויי לידער, איין ליד "לאַבאַן און יצחק", אַ באַלאַדע וועגן גורל פון די צוויי חברים; לאַבאַן — דאָס איז אברהם לייבאָוויטש, פון די אָנפירער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע און זיין חבר יצחק צוקערמאַן. די באַלאַדע האָט ער געשריבן אונטערן איינדרוק פון נקמה־אַקט פון די יידישע קעמפער אין דער שטאָט קראָקע, דעצעמבער 1942; דאָס צווייטע ליד, געשריבן אויף עברית, דערציילט וועגן דעם דיכטערס איבערלעבונגען בשעתן אויפ־שטאַנד פון יאַנואַר 1943, דער אויפשטאַנד אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט, אין דער קאַמף־גרופּע פון יצחק צוקערמאַן.ביידע לידער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן נאָך שאַפונגען פון קאַצענעלסאָן, וועגן וועלכע מיר האָבן אין יענער צייט ניט געהערט.

ער האָט געשריבן טאָג און נאַכט. אויך דערמוטיקט אַנדערע צו שאַפן און האָט זיי צוגעצויגן צו אונדז. און טאַקע, די ערשטע טריבונע פאַר די שרייבער, וואָס זיינען געבליבן אין געטאָ, איז געווען אונדזער פעריאָדיק. זיי האָבן זיך געוואַרעמט אָן אונדזער ליכט, זיינען געזעסן ביי אונדזער טיש און מיר האָבן זיך געטיילט מיט זיי מיט אונדזער אָרעמען ביסן. מער פון אַלץ האָט אויף זיי געווירקט די מענטשלעכע אַטמאָספער; דער גלויבן וואָס האָט געווייעט פון אונדזער גאַנצער טעטיקייט האָט דערוועקט און געשטאַרקט אין זיי דעם שעפערישן כוח.
דער דיכטער יחיאל לערער האָט אין דרור אָפּגעדרוקט אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע אין נוסח פון "מיין היים", וואָס איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויך אין עברית און דערשינען דאָ אין לאַנד. קאַצענעלסאָן האָט אין אונדזער צייטונג אָפּגעדרוקט עטלעכע לידער געשריבענע פון פאָלקס־דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש, שוין נאָכן טויט פון דיכטער.
אַפילו מענטשן וואָס זיינען געווען ווייט פון אונדז אידעאיש, ווי דער דיכטער, לערער און רעדאַקטאָר פון העברעיִשע צייטשריפטן מרדכי טשודנער און דער עסייאיסט און זשורנאַליסט יצחק בערנשטיין, האָבן געפונען אַן אָרט צווישן דער דזיעלנער חברותה און ביי אונדז פאַר־עפנטלעכט זייערע שאַפונגען. מנחם לינדער, דער יונגער געלערנטער אויפן געביט פון יידישער עקאָנאָמיק און דעמאָגראַפיע, פלעגט רעפערירן אויף די סעמינאַרן און שרייבן אין אונדזער פעריאָדיק. ער איז דערהרגעט געוואָרן איניינעם מיט נאָך עטלעכע צענדליק יידן אין דער שחיטה־נאַכט אין געטאָ, דעם 18־טן אַפּריל 1942. פּראָפעסאָר צענטנערשווער, אַ וועלט־באַרימטער עקספּערט אין כעמיע, האָט פאַר אונדז רעפערירט און זיך געהאַלטן לעבן אונדז. יאַנוש קאָרטשאַק און סטעפאַ ווילטשינסקאַ האָבן זיך שטאַרק צו אונדז דערנענטערט אין יענער צייט און זיך סטאַביל באַטייליקט אין אונדזערע סעמינאַרן. מער נאָך, זיי האָבן פאַרפולט ביי אונדז אַן ארץ־ישראלדיקע שליחות. אין יענער צייט, ווי באַוווּסט, האָבן אונדז אויסגעפעלט שליחים פון ארץ־

ישראל. קאָרטשאַק און סטעפאַ — זיינען געווען די איינציקע צווישן אונדז, וואָס זיינען אַ מאָל געווען אין ארץ־ישראל, און דערפאַר האָבן מיר אין זיי געזען שליחים פון לאַנד. אויף סעמינאַרן און אויף חברישע שמועסן פלעגן זיי אונדז דערציילן וועגן לאַנד, וועגן די קינדער פון ארץ־ישראל און וועגן קיבוץ.

מיט דער פרעסע און מיט אונדזער פאַרלאַג האָבן זיך פאַרנומען יצחק צוקערמאַן, טוביה באָזשיקאָווסקי און מאַרעק פאָלמאַן. מיט טעכנישער אַרבעט און פאַרשפרייטן די צייטונגען האָבן זיך פאַרנומען אַ סך חברים פון דעם יונגן אַקטיוו.

צווישן די וווּנדערלעכסטע שאַפונגען אין געטאָ איז געווען די פאָלקס־שול און די גימנאַזיע ״דרור״. אין יענער צייט האָבן די דייטשן אַרויס־געלאָזט אַ גזרה קעגן לערנען יידישע קינדער (אין אַ שפּעטערער תקופה האָבן זיי יאָ דערלויבט אויפצושטעלן פאָלקס־שולן). מיר האָבן געזען, אַז דער יונגער דור דרייט זיך אַרום פּוסט און פּאַסט, און אַז די קינדער וואַקסן אָן תורה און דרך־ארץ — און דאָס זיינען דאָך די דייטשן אויסן געווען. דערפאַר האָבן מיר זיך געהאַלטן פאַר מחויב צו אָרגאַניזירן אַ קעגן־אַקציע, דער עיקר לטובת די אָרעמע קינדער און אַזוי אַרום האָבן מיר אויפגעשטעלט די דערציאונגס־היימען אין קאָנספּיראַציע.

אונדזער גימנאַזיע

אין אָנהייב האָבן מיר געהאַט אַ מחשבה צו גרינדן אַ גימנאַזיע פאַר די מיטגלידער פון דער באַוועגונג, געוואָלט מיט זיי איינשטודירן ידיעות אין אַלגעמיינע וויסנשאַפטן ווי אויך יידישע לימודים. מיט דער צייט אָבער האָט זיך אויסגעברייטערט די ראַם און מיר זיינען דערגאַנגען ביז צו הונדערט און צוואַנציק תלמידים. די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די לערער זיינען געווען שווערע. אין דער גימנאַזיע האָבן געאַרבעט דרייצן לערער — אָן באַשטימטע לערן־קלאַסן, אָן בענק, אָן ביכער און אָן דידאַקטיש מאַטעריאַל. די תלמידים־גרופּעס מיט זייערע לערערס האָבן געוואַנדערט פון איין דירה אין אַ צווייטער. אין אַ שמאָל צימער, דאָרט ווו אַלע משפחה־מיטגלידער פלעגן זיך צונויפשטופּן און ווינטערצייט אין אַ שרעקלעכער קעלט, פלעגן זיך אַריין פּרעסן אין אַ ווינקעלע אַ מנין תלמידים (״קאָמפּלעטן״ האָט מען גערופן אַזעלכע גרופּעס) מיט זייער לערער. הונגעריקע, מיט געשוואָלענע פיס פון קעלט, פלעגן די לערערס זיצן און לערנען תורה מיט זייערע תלמידים, וואָס זיינען געווען אויך הונגעריק און געשוואָלן ווי זיי.

לאַנגע מאָנאַטן האָט זיך די גימנאַזיע אויסגעהאַלטן אַ דאַנק די פּעקלעך וואָס מיר האָבן געקראָגן פון אונדזערע חברים אין ווילנע. יענע פלעגן אונדז שיקן וווּרשט, פּוטער און אַנדערע דעליקאַטעסן, וואָס זיינען ניט געווען אָנגעמאָסטן לויט אונדזער שטאַנד. פלעגן מיר דערפאַר פאַרקויפן די ״לוקסוס־אַרטיקלען״ און אָנשטאָט זיי — קויפן ברויט פאַר די קינדער, פאַר די לערערס און זייערער משפחות (ווייל עס זיינען פאַרביי מאָנאַטן און מיר האָבן ניט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה אויף צו באַצאָלן די לערערס זייער לוין).

צו דעם אָנגענומענעם לערן־פּראָגראַם האָבן מיר צוגעגעבן די געשיכטע פון דער יידישער, ציוניסטישער און פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־

באַוועגונג, אָבער דאָס אייגנאַרטיקע פון דער שול איז ניט געלעגן בלויז אין די לימודים, וואָס מ׳האָט דאָרט געלערנט. אויף דער סיום־פייערונג פון איין לערן־יאָר האָט דאָס אויסגעדריקט איינע פון די שילערינס זאָגנדיק אַזוי: ״איך האָב דאָ דערוואָרבן קענטענישן אין געאָגראַפיע, חשבון און געשיכטע, אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס כ׳האָב דאָ געקראָגן איז געווען די אידעי״. דאָס איז געווען אַ שול פון לעבן פאַר דער יוגנט וואָס האָט אין יענע טעג געאָטעמט מיטן הייסן אָטעם פון דער אידעי. ס׳רוב תלמידים פון דער גימנאַזיע זיינען דעמאָלט די גאַנצע צייט געווען טעטיק צווישן דער יוגנט. זיי האָבן איבערגעגעבן פון זייערע קענטענישן די חברים, וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו זיצן אויף דער לערן־באַנק און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן שפּעטער פאַרפולט די רייען פון די אויפשטענדלער. דער לעבעדיקער גייסט פון דער גימנאַזיע איז געווען יצחק קאַצענעלסאָן. זיינע לעקציעס זיינען באַרימט געווען צווישן די תלמידים. זיין ספּעציעלער קעגנשטאַנד איז געווען תנ״ך, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען אַריין צו פלעכטן אין די לעקציעס פון תנ״ך אויך די ליבשאַפט צום פאָלק און צום לאַנד און אויך די פאָדערונג צו האַלטן דעם קאָפּ אין דער הויך. ריידנדיק, פלעגט ער זיך שטענדיק באַגייסטערן און אָנצינדן די הערצער פון זיינע תלמידים. ווען די התלהבות איז דערגאַנגען צום הויכפּונקט האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען און דאָס געזאַנג פלעגט אָנשטעקן זיינע צוהערער און די משפחה־מיט־גלידער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם זעלבן צימער. בדרך כלל איז געווען שווער צו קריגן אַ לערן־צימער, אָבער פאַר די לעקציעס פון יצחק קאַצענעלסאָן איז יעדע טיר געשטאַנען אָפן, ווייל זיי פלעגן ווערן אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער משפחה.

דער לייטער פון גימנאַזיע איז געווען דער לערער פון מאַטעמאַטיק מאַרעק פאָלמאַן. פאַר זיינע תלמידים איז ער געווען מער ווי אַ לערער — אויך אַ מדריך און אַ חבר. נאָך דעם ווי מ׳האָט אים אַרויסגעשיקט אויף אַ צווייטער אַרבעט (צווישן דער יוגנט אין בענדין), איז אויף זיין

אָרט געקומען חיים זאַלמאַנאָווסקי, אַ ביאָלאָגיע־לערער פון הויכן ניוואָ און אַ זעלטענער דערציער. ביז צו דער מלחמה איז ער ניט געווען קיין טעטיקער חבר פון דער באַוועגונג, נאָר ווען ער האָט זיך אָן אונדז אָנגעשלאָסן, האָט ער זיך איבערגעגעבן דעם ענין גימנאַזיע מיט לייב און לעבן און געטראָגן אויף זיך דעם עול פון דער אינסטיטוציע במשך פון איר גאַנצער עקזיסטענץ. אַ סך האָט פאַר דער גימנאַזיע אויפגעטאָן יוסף סאַק, אַ חבר פון דער פּועלי־ציון צ.ס. פּאַרטיי, וואָס חוץ זיין געזעלשאַפטלעכער און פּאַרטייאישער טעטיקייט האָט ער לאַנגע שעהען געווידמעט דעם לערנען די וועלט־ליטעראַטור און די פּוילישע שפּראַך. עס האָבן אויך געגעבן לעקציעס אליהו גוטקאָווסקי, פון די נאָענטע מיטאַרבעטער פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום, ביים אָרגאַניזירן דעם אונטערערדישן אַרכיוו, וואָס האָט געטראָגן דעם פּאַרמאַסקירטן נאָמען ״עונג שבת״ און פערעלע לוי פון לאָדזש, די שוועגערין פון לייזער לעווין. איינער פון די באַטייליקטע, ווייצער, אַ יונגער לערער פון מאַטעמאַטיק, ענדע אויגוסט 1942 איז ער געפאַלן אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין דער סביבה פון הרוביעשאָוו. אַנדערע לערערס זיינען געווען: בראַגינסקי, בענדערסקאַ, ווייסבערג, זאַלמאַנאָווסקאַ, די פרוי פון חיים זאַלמאַנאָווסקי און סטאַשעווסקי. אַלע זיינען אומגעקומען אין דער גרויסער אַקציע אין געטאָ וואַרשע, זומער 1942.

אין משך פון דער צייט זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין שטאָט פיל ״גימנאַזיאַלע קאָמפּלעטן״, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געלערנט די קינדער פון די רייכע. די לערערס פון יענע ״קאָמפּלעטן״ האָבן גוט פאַרדינט. טראָצדעם האָבן די אידעאַליסטן צווישן זיי ממשיך געווען די אַרבעט ביי אונדז, ווייל אין אונדזער גימנאַזיע — האָט מען געזאָגט — לערנען זיי זיך אויך, און דערציען זיך אַליין אין דער חלוצישער אַטמאָספער וואָס גיט זיי כוח צו לעבן. ס׳איז געווען אַ ספּעציעלער זכות גלייכצייטיק פאַרן לערער און פאַרן תלמיד צו זיין צווישן די תלמידים, אָדער צווישן די לערערס פון דער דרור־גימנאַזיע.

אַלץ וואָס איך האָב אויסגערעכנט וועגן דער גימנאַזיע איז אויך חל אויף אונדזער פאָלקס־שול, מיטן אויסנאַם וואָס די דייטשן האָבן שפּעטער דערלויבט די עקזיסטענץ פון די יידישע פאָלקס־שולן.

צו אַ באַזונדערער באַצייכנונג איז ראוי די טעטיקייט אין די "הויז־קאָמיטעטן". מיר פלעגן אַרויס פון שטוב פאַרן אָנהייב פון דער שפּער־שטונדע און איבערנעכטיקן אין אַ הויף, ווו מיר האָבן געזאָלט דורכ־פירן אַ קולטורעלע טעטיקייט. פאַרנאַכט־צו פלעגן זיך צונויפקומען אַלע יוגנטלעכע פון הויף אין דער שטוב פון איינעם פון די חברים און דורכפירן אַ שמועס וועגן אַלגעמיינע ענינים און אויף אַקטועלע טעמעס. מיר האָבן אויך פאַרבראַכט די צייט מיט זינגען לידער. שפּעטער פלעגן מיר אָט די יוגנטלעכע אָרגאַניזירן אין דער באַוועגונג.

דער וואַרשעווער סניף האָט זיך שטאַרק געהאַט צעוואָקסן. ס'זיינען געווען אין אים ביי טויזנט חברים און זיך אויסגעצייכנט מיט אַן איבער־געגעבענעם קאַדר פון מדריכים, פעאיִקע און פולע מיט איניציאַטיוו. דער דאָזיקער קאַדר האָט אויך אָרגאַניזירט אַלע אַנדערע טעטיקייטן צווישן דער יוגנט אין שטאָט. אַן אַנדערע קולטורעלע טעטיקייט, אין יענער צייט, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די "קינדער־ווינקלען". קינדער־גערטנערינס און קינדער־פלעגערינס האָבן זיך צוגעלערנט אין ספּעציעלע קורסן, וואָס די באַוועגונג האָט אָרגאַניזירט, אויף צו פאַר־נעמען זיך מיט די קינדער בשעת די עלטערן זיינען ניט געווען אין דער היים, זיך מיט זיי געשפּילט און אויך געלערנט. אַ גרופּע חברטעס איז אויך די גאַנצע צייט געווען טעטיק אין דער פאָלקס־שול "שול־קולט", וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך די פּועלי־ציון צ.ס. איינע פון די חברטעס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין פּערסאָנאַל פון קאָרטשאַקן און איין חברטע האָט מיטגעאַרבעט מיטן פעאיִקן דערציער אהרן קאָנינסקי, דער פאַרוואַלטער פון גרויסן קינדער־אינטערנאַט אויף מילנע 18. קאָנינסקי איז געווען איינער פון די אַקטיוויסטן פון די פּועלי־ציון צ.ס. און אַ פריינד פון דער דרור־באַוועגונג. אויך ער , ווי

יאַנוש קאָרטשאַק, איז געגאַנגען אין שפּיץ פון די קינדער פון זיין אינסטיטוציע, בשעת דער גרויסער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, צום אומשלאַגפּלאַץ קיין טרעבלינקע. דער נאָמען יאַנוש קאָרטשאַק איז געבליבן איינגעקריצט אין האַרץ פון פאָלק און פון פעלקער. אהרן קאָנינסקי איז פאַרגעסן געוואָרן.

אויך פון זינגען האָבן מיר זיך ניט אָפּגעזאָגט. מיר האָבן איינגעאָרדנט אין אונדזער סניף אַ כאָר פאַר יונגע און אַ כאָר פאַר דערוואַקסענע. די כאָרן זיינען דיריגירט געוואָרן דורך פּראָפעסאָר ישראל פּייווישעס פון לאָדזש, יצחק קאַצענעלסאָנס פריינד. יעדער אויפטריט פון קינדער־כאָר פלעגט שאַפן אַ יום־טובדיקע שטימונג. די כאָרן פון די קינדער און פון דער יוגנט ווי אויך דער דראַמאַטישער קרייז פלעגן צוציען צו זיך יידן אין די טויזנטער. די יידן פלעגן קומען צו די דאָזיקע פאָרשטעלונגען כדי צו אַנטלויפן כאָטש אויף אַ קורצער צייט פון דער חשכות פון געטאָ־לעבן. געווען אין עצם צונויפקומען־זיך פון די מאַסן מענטשן אַ וויכטיקע דעמאָנסטראַציע: נאָך דאָ אין אונדזער לעבן פונקטן פון ליכט און פון שעפערישקייט.

צו דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג פלעגן מיר פון מאָל צו מאָל משתף זיין פּאַרטיי־חברים אין שפּיץ מיט לייזער לעווין, יוסף סאַק, שלום גראַיעק, יוחנן מאָרגענשטערן, לייב כ״ץ, אברהם פישלזאָן און משה ליכטשטיין.

אונדזערע פאַרבינדלערינס

מיר וואָלטן ניט מסוגל געווען דורכצופירן אונדזער טעטיקייט אינעם גאַנצן דייטשן באַזעצונג־געביט אָן די פאַרבינדלערינס. יעדעס געטאָ, ווי געזאָגט, איז געווען אַ מין "מדינה" פאַר זיך, אָפּגעשניטן פון דער וועלט און פון די אַנדערע געטאָס. קיין שום פאַרבינדונג איז ניט געווען צווישן איין געטאָ און צווייטן און דאָס האָט פאַרשאַפט גרויסע שוועריקייטן די יידן־מאַסן און דער עיקר דער יידישער אונטערערד־טעטיקייט. ניט נאָר צווישן איין געטאָ און צווייטן האָט מען געמוזט שאַפן פאַרבינדונגען. די מערבדיקע געביטן פון פוילן זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום דריטן רייך און נאָך דעם דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד זיינען צוגעקומען נייע אַדמיניסטראַטיווע שטחים, וואָס גרענעצן טיילן זיי פונאַנד ווי למשל דער באַצירק ביאַליסטאָק, אָסטלאַנד א.א. און יעדע גרענעץ — אַ סכנה, יעדע גרענעץ — טויט. איך בין ניט בכוח צו שילדערן וואָס עס איז אַזוינס געווען די פאַרבינדלער־אַרבעט צווישן געטאָ און געטאָ און צווישן איין געביט מיטן צווייטן אין די ראַמען פון פאַרמלחמהדיקן פוילן. פון געטאָ האָט מען געמוזט אַרויסגיין מיט געפעלשטע שיינען, אָדער זיך דורכגנבענען דורך כל מיני לעכער און שפּאַרעס אין די חרובע הייזער ביים גרענעץ פון געטאָ, אָדער אַריבער קלעטערן די מויערן וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט, אָנקומען אויף דער אַרישער זייט, זיך אַרום קוקן אין אַלע זייטן צי מ׳ווערט ניט באַמערקט און זיך אויסהיטן פאַר דער סכנה וואָס לויערט מצד אַ דייטש, מצד אַ פוילישן פּאָליציאַנט, מצד אַ שאַנטאַזשיסט. אויסערן געטאָ האָבן מיר ניט געטאָרט זיך אַרום דרייען ווי יידן. אַ ייד האָט ניט געטאָרט פאָרן מיטן באַן צי אַרום גיין אויף די שאָסייען פון דער אָקופּירטער מדינה. כדי אַרויסצוגיין פון געטאָ האָט מען זיך געמוזט פאַרשטעלן פאַר אַ פּאָליאַק און צוליב דעם האָט מען געמוזט האָבן אַן "אַרישן אויסזען" און גוט קענען די

פוילישע שפּראַך. ניט שטענדיק האָבן זיך געפונען די פּאַסיקע מענטשן. נאָר אויב זיי האָבן זיך אַפילו יאָ געפונען האָבן זיי געמוזט דורכגיין אַלע מדורי גיהינום, ווייל יעדער איינער וואָס איז אַרויס פון געטאָ כדי דורכ־צוגיין די גאַסן פון שטאָט ביז צו דער באַן האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן. אויב דיין אויסזען איז אומעטיק, דערקענט מען אַז דו ביסט אַ ייד; אויב עמעצער קוקט אויף דיר מיט חוצפה און דו, אין אַ רגע פון שוואַכקייט, לאָזט אַראָפּ די אויגן — ביסטו אַ פאַרפאַלענער, ווייל ס'איז קלאָר, אַז דו ביסט אַ ייד, ווען ניט — וואָס דאַרפסטו מורא האָבן? ביים אַריין גיין אין באַן מוזטו זיך באַטייליקן אין שמועס מיט די פּאָליאַקן, און זייער עיקר שמועס — מכוח יידן און דו מוזט אויס־הערן, ריידן ווי איינער פון זיי, ווייל אויב ניט, וועט מען גלייך דערקענען, אַז דו ביסט אַ ייד.

ווען דו דאַרפסט אַריבער פון איין געטאָ אין צווייטן מוזטו דורכגיין, טייל מאָל, דריי גרענעצן: ביים אַרויסגיין — די מויער; ביים אַריבער גיין פון איין געביט אין צווייטן — די גרענעץ, און אַז דו ביסט שוין אָנגעקומען אין שטאָט, דיין ציל, ווי אַ פּאָליאַק — מוזטו ווידער זיך אַריין גנבענען אין אַ פרעמדן געטאָ, אַריבער גיין די מויער צי דעם פּלויט פון שטעכלדראָט אַזוי אַז קיינער זאָל דיך ניט זען.

און די פאַרבינדלער צי די פאַרבינדלערינס זיינען דאָך ניט געפאָרן מיט ליידיקע הענט. אין דער ערשטער צייט פלעגן זיי אַריבער פירן צייטונגען און אָנווייזונגען, אין דער צווייטער תקופה — רעוואָלווערס. אַ סך מאָל פלעגן די פאַרבינדלערינס אַריין פאַלן אין די אָבלאַוועס, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט קעגן די פּאָליאַקן. עס פלעגן דורך וואָכן פון אומבאַשרייבלעכער שפּאַנונג, ביז די פאַרבינדלערין האָט פאַרענדיקט איר שליחות און איז צוריק געקומען צו איר באַזע. וואָסאַרא גייסטיקע כוחות האָבן זיך געפאָדערט כדי דאָס אַלץ אויס־צושטיין!

עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע, ווי צום ביישפּיל, פרומקע, וואָס איר

אויסזען איז אין גאַנצן ניט געווען "אַריש" און פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער יידישער צער — זי פלעגט זיך וואַלגערן אויף די וועגן און ניט געווען קיין איין פונקט וווהין זי זאָל ניט האָבן דערגאַנגען: קיין ווילנע, קיין קאָוועל, קיין בענדין. פאַר איר און אויך נאָך איר זיינען חברים מער ניט אָנגעקומען פון וואַרשע קיין קאָוועל צי בריסק. ניט געווען אַ זאַך וואָס זי האָט ניט באַוויזן צו טאָן. מיר האָבן דאָך געמיינט, אַז אויב מיר ווען שיקן מענטשן אין די געטאָס צו עפענען די אויגן פון די מאַסן וועגן דער פאַרניכטונג וואָס וואַרט אויף זיי און העלפן אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ און די רעטונגס־מיטלען — אפשר וועלן יידן נאָך באַווייזן זיך צו ראַטעווען, אפשר וועט זיך איינגעבן אויפצושטעלן אַ יידישן כוח צו אָפּהיטן די מאָראַל, אפשר וועט מען נאָך באַווייזן צו אַנטלויפן אין די וועלדער. און טאַקע, דער עצם פאַקט וואָס ס'איז געקומען אַ פאַרבינדלערין איז געווען אַ יום־טוב פאַר אַ סך תושבים פון געטאָ. זי האָט תמיד געהאַט צו זאָגן זאַכן וואָס ניט נאָר מיטגלידער פון אונדזער באַוועגונג, נאָר אויך געזעלשאַפטלעכע טוער פלעגן אויסהערן און אויך גלייבן אין זיי. לאָנקאַ קאָזיעבראָדסקאַ, טעמע שניידערמאַן, חווקע פאָלמאַן, רישיע און פראַניע בעאַטוס פון דרור; טאָסיע אַלטמאַן פון השומר־הצעיר; סויקע ערליכמאַן פון גורדוניה און נאָך חברטעס, וואָס זיינען אין משך פון יאָרן געווען פאַרבינדלערינס צווישן געטאָ און געטאָ, צווישן איין פונקט און צווייטן, זיינען געגאַנגען הין־און־קריק צענדליקער מאָל און צענדליקער מאָל האָבן זיי געזען דעם טויט פאַר די אויגן. יעדעס מאָל נאָך אַזאַ נסיעה פלעגט מען זיך אָפּרוען אין משך פון עטלעכע טעג און נאָכהער זיינען זיי ווידער געווען אונטערוועגנס. מ'קאָן זיך כלל ניט פאָרשטעלן אונדזער אַרבעט, דאָס אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד און דעם אויפשטאַנד גופא אָן אָט די מיידלעך־פאַרבינד־לערינס.

אַ עיקר־יסוד אין אונדזער אַרבעט איז געווען דער קאָנטאַקט מיט די פונקטן און דאָס איז אויך געטאָן געוואָרן דורך פאַרבינדלערינס. די

דייטשן האָבן אונדז אין גאַנצן אָפּגעשניטן פון דער וועלט. זיי האָבן צעשטיקלט דאָס פּוילישע יידנטום און עס פאַרוואַנדלט אין מדולדיקע אברים. יעדעס געטאָ איז געווען אַ באַזונדערע איינהייט, טאָטאַל אָפּגע־שניטן פון אַנדערע געטאָס.

אונדזערע פאַרבינדלערינס האָבן אויף זיך גענומען די מיסיע צונישט צו מאַכן די דאָזיקע בייזע כוונה און זיי זיינען מצליח געווען אין דעם, זאָל זיין טיילווייז. מיט זייער גוף און זייערע מעשים האָבן זיי געפּרוּווט פאַראייניקן די געטאָס, דאָס פּוילישע יידנטום וואָס צעפאַלט זיך. פאַר די פאַרבינדלערינס זיינען ניט געווען קיין געטאָ־מויערן און ניט קיין גרענעצן און אַלע גזרות און פאַרבאָטן בנוגע פאַרקער אויף די וועגן האָבן פאַר זיי ניט עקזיסטירט. ניט געווען קיין איין ווינקל אין אָקופּירטן פּוילן, ווו עס האָבן זיך נאָר געפונען יידן (חוץ פון לאָדזש — ליצמאַנשטאַט), וואָס די פאַרבינדלערינס זאָלן אַהין ניט האָבן דערגאַנגען.

פאַר מיינע אויגן שווימט אויף די געשטאַלט פון לאָנקאַ קאָזיעבראָדסקאַ, אַ געבאָרענע אין שטעטל פּרושקאָוו, ניט ווייט פון וואַרשע, איר טאַטע, אברהם, איז געווען אַ לערער און יוגנט־דערציער און זיינע שילער, כאָטש ער האָט זיי ניט דירעקט אַהין געשיקט, זיינען ס׳רוב דערגאַנגען צו דער חלוצישער באַוועגונג. אויך ער אַליין — אַ מענטש פון חלוצישן שניט — איז די גאַנצע צייט געווען נאָענט צו אונדז, אָבער זיין טאָכטער לאָנקאַ, אַ שילערין פון אַ פּוילישער שול, האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין געזעלשאַפט פון פּאָליאַקן, אַקטיוו געווען אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג און ווייט פון דער יידישער יוגנט, אָבער דער גייסט וואָס האָט געהערשט ביי זיי אין שטוב האָט געטאָן דאָס זייניקע; אויך איר ברודער דוד, מיטגליד פונעם מרכז החלוץ און פון פרייהייט־החלוץ־הצעיר האָט אויף איר, ווייזט אויס, ניט ווייניק משפּיע געווען און אַז ס׳איז געקומען די שעה, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז זי צו אונדז געקומען און האָט

דערקלערט:״איך בין גרייט צו אַלץ און שטעל זיך אין דינסט פון דער באַוועגונג״.

אַ שיין, יונג מיידל, אַ בלאָנדע, מיט אַ גויישן אויסזען, אַ געבילדעטע, האָט זיך באַליבט געמאַכט ביי מענטשן און ווער ס׳איז געקומען מיט איר אין קאָנטאַקט האָט זי ליב געקראָגן און באַוואונדערט. ס׳האָט פון איר געשטראַלט מיט יוגנטלעכע ענערגיע. דאָס באַזונדערע אָבער ביי איר איז געווען — איר מוט. חוץ יידיש, פויליש און העברעיִש, וואָס זי האָט געהערט אין שטוב ביי אירע עלטערן, זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט פראַנצויזיש און דייטש און זיך אויך גיך אויסגעלערנט ענגליש, רוסיש און אוקראַיִניש. זי האָט ניט געוווּסט קיין צוימונג אין איר טעטיקייט און ס׳איז ניט געווען קיין פונקט וווּהין זי זאָל ניט דערגיין. פאַרשידענע גזרות האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון יידן און פּאָליאַקן, איין גזרה נאָך דער צווייטער, אָבער לאָנקאַ האָט שטענדיק באַוויזן זיך ״איינצואָרדענען״. איך געדענק, אַז מיר פלעגן פּאַקן איר וואַליזקע און דעם געפערלעכן מאַטעריאַל פאַרבאַהאַלטן צווישן אַ דאָפּלטן דעק און דאָס האַרץ האָט געציטערט: ווער ווייסט וואָס עס וואַרט אויף איר? מיר זיינען אויך געווען באַזאָרגט צוליב אירע עלטערן. אין משך פון מאָנאַטן פלעגן זיי אויסקוקן און ציטערן טאָג־טעגלעך פאַרן גורל פון זייער באַליבטער טאָכטער. צי האָבן מיר דאָס רעכט אַריין צו וואַרפן זי יעדעס מאָל אין די אומצאָליקע סכנות? פון דעסטוועגן האָט קיין מאָל ניט געטראָפן, אַז די עלטערן זאָלן זיך אַנטקעגן שטעלן איר שליחות. אדרבא, זיי האָבן זי שטענדיק באַגלייט מיט ציטער און מיט ליבשאַפט. לאָנקע שמייכלט און דערמונטערט גאָר אירע עלטערן און אונדז: ״דאגהעט ניט, אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג״. זי איז געווען זיכער אין דער גערעכטיקייט פון אירע מעשים, מיט איר מוטיקייט, מיט איר שטאַרקן כאַראַקטער און מיט איר גיכער אָריענטירונגס־פעאיִקייט און אויך אַז זי וועט אויספירן איר שליחות בשלמות. ווען זי פלעגט אַוועקפאָרן — פלעגט דאָס האַרץ

צאַפּלען אין משך פון לאַנגע וואָכן. ניטאָ קיין בריוו, ניטאָ קיין ידיעה. זי האָט דאָך שוין פון לאַנג באַדאַרפט זיין צוריק און פּלוצעם — פון דער העלער הויט — איז זי דאָ און אַ שמייכל אויף אירע ליפּן. וועגן אירע אַוואַנטורעס און וועגן אַלץ וואָס זי האָט דורכגעמאַכט פלעגט זי דערציילן אויבנאויפיק און מיט באַשיידנקייט, גלייך זי וואָלט זיך שעמען צו דערמאָנען וועגן דער דרייסטקייט וואָס זי פאַרמאָגט. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער זעלבער נסיעה האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע. מ׳האָט געזוכט אין אַלע פּעקלעך. אָט וועט מען באַלד צוקומען אויך צו איר און אין איר וואַליזקע איז דאָ דער געפערלעכער מאַטעריאַל, לאָנקאַ אָבער האָט זיך ניט פאַרלאָרן און אין דער לעצטער מינוט ממש איבערגעגעבן איר ״שווערע״ וואַליזקע איינעם אַ דייטש, מיט וועלכן זי האָט זיך אָקערשט באַקאַנט און זי האָט ביי אים נושא־חן געווען. יענער — מעשה־קאַוואַליר האָט גענומען די וואַליזקע און זי אַריבער געפירט בשלום דורך דער קייט פון די דייטשן און ניט געוווּסט, פאַרשטייט זיך, וואָסאַראַ אוצר ער האַלט אין דער האַנט. תמיד פלעגט זיך איר איינ־געבן אַרויסצודרייען פון די דייטשע זשאַנדאַרמען און די וואַליזקע — מיט איר, און אויף דעם, דער עיקר, איז זי שטאָלץ געווען.

זי פלעגט שטראַלן אין גאַנצן ווען זי האָט דערציילט וועגן אירע באַזוכן אין די געטאָס אין וועלכע זי האָט באַוויזן אַריין צו דרינגען. איר קומען איז געווען אַ יום־טוב פאַר די חברים און פאַר אַלע מענטשן מיט וועלכע זי האָט זיך געטראָפן אין די יידישע וווין־ערטער. מ׳פלעגט זי אַרום שטעלן און אויסהערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אירע מעשיות וועגן דער יוגנט, וואָס איז ניט משלים מיט איר דערנידריקונג און וואָס חלומט וועגן אַ בכבודיק לעבן צי אַ בכבודיקן טויט. זי פלעגט דערציילן וועגן אַ פּאָליאַק און אַ מאָל אויך וועגן אַ דייטש וואָס האָט איר געהאָלפן. אויך צווישן די ווילדע חיות האָט זי געזוכט דעם מענטש וואָס אין זיי, און אַז זי האָט אים אָנגעטראָפן איז זי געווען גליקלעך.

געווען אַ פאַל ווען מ׳האָט פון קיבוץ אויף דזיעלנע געכאַפּט זעקס

חברים און זיי געבראַכט אין אַרבעטס־לאַגער קאַמפּינאָס. זי האָט ניט געצווייפלט זיי נאָכצוגיין, אָפּגעזוכט ווו זיי זיינען געווען און געטאָן אַ געוואַגטע זאַך — זי האָט געפּרווּט אַריין צו דרינגען אין שטרענג־באַוואַכטן לאַגער. אמת, העלפן האָט זי שוין ניט געקאָנט, ווייל זי איז באַמערקט געוואָרן, אָבער אויף איר מזל האָט זיך איר איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דער פּאַסטקע, אין וועלכער די היטער פון לאַגער, פּאָלקס־דייטשן און אוקראַיִנער, האָבן איר געפּרווּט אַריין כאַפּן, און זי האָט זיך בשלום אומגעקערט קיין וואַרשע.

ניט איין מאָל האָט זי זיך געפונען ממש אין פּיסק פון די דייטשן, אָבער תמיד באַוויזן צו אַנטלויפן. זי פלעגט אַריין דרינגען אין שטעט און שטעטלעך, אין צייט פון שחיטה און ליקווידאַציע, טראָגנדיק מיט זיך אַן אויפרוף צו אָרגאַניזירן די זעלבסט־פאַרטיידיקונג און נאָך דעם, ווי ס׳איז שוין אַלץ געווען פאַרפאַלן, ווען מ׳האָט שוין גאָרניט ניט געקאָנט אויפטאָן קעגן דער אַקציע, פלעגט זי איינשטעלן איר לעבן כדי צו ראַטעווען, זאָל כאָטש זיין איין חבר. אויף צו ראַטעווען איין יידיש קינד, פלעגט זי זאָגן, איז כדאי און כדאי זיך איינצושטעלן דאָס לעבן.

און אַזוי ווי לאָנקאַ — אויך די אַנדערע פאַרבינדלערינס. עס זיינען געווען פאַרבינדלערינס צו יעדן געביט אין פּוילן. פראַניע בעאַטוס, וואָס האָט קודם געאַרבעט אין אָסטראָוויעץ און אומגעגנט, ווהין מ׳האָט איר פאַרטריבן פון קאָנין וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין רייך; ריסיע — דער פאַמיליענאָמען ניט באַקאַנט — אויך זי פון די פאַר־טריבענע פון קאָנין — קיין טשענסטאָכאָוו און קעלץ. ביידע האָבן זיך אָנגעשלאָסן ווי פאַרבינדלערינס אָן דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע סוף יאָר 1942; אַזוי אויך רעניע קוקיעלקאַ אין בענדין, בראָנקאַ וויניצקאַ אין ביאַליסטאָק און בעלאַ חזן אין גראָדנע. חוץ די באַזוכן פון די צענטראַלע חברים, האָבן זיי, די פאַרבינדלערינס, געטראָגן אויף זיך דעם עול פון דעם טעגלעכן קאָנטאַקט. זיי פלעגן דערמוטיקן און אָרגאַניזירן, אויפגעזוכט מקומות פאַר לאַנדווירט־

שאַפטלעכע פאַרמעס, צוגעגרייט אַ פונקט פאַר אַ נייעם קיבוץ, אַריבער געפירט צייטונגען און ביכער, באַגלייט חברים צו דער סלאָוואַקישער גרענעץ, אויפגעשטעלט די באַזעס פאַר פאַרטיזאַנישער טעטיקייט און אַנטוויקלט אַ ברייט־צעצווייגטע הילף־טעטיקייט פאַר די געראַטע־וועטע פון די געטאָס.

טעמע שניידערמאַן איז געווען איינע פון די ערשטע וואָס האָט געבראַכט פון ווילנע די שרעקלעכע בשורה וועגן דער ליקווידאַציע; לאָנקע און פרומקע זיינען געווען די ערשטע וואָס זיינען געפאָרן אַהין אָנהייב יאַנואַר 1942, נאָך דעם ווי דער פּאָליאַק העניעק גראַבאָווסקי איז געשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין ווילנע כדי מיט די אייגענע אויגן אויסצופאָרשן די לאַגע.

די פאַרבינדלערינס זיינען עס געווען די, וואָס האָבן אַריבער געפירט געווער אין געטאָ. זיי האָבן געטראָגן דאָס געווער פון שטאָט צו שטאָט און עס צו לעצט אַריין געבראַכט צווישן די געטאָ־מויערן. די דייטשן פלעגן דורכפירן שטרענגע קאָנטראָלן, אָבער די פאַרבינדלערינס איז געלונגען די דייטשן אָפּצונאַרן בשעת זיי האָבן געטראָגן דאָס געווער אויף זייער לייב, אָדער באַהאַלטן עס אין לעבלעך ברויט א.א.וו. טעמען האָט אַ מאָל פּאַסירט אַ קאָמישער פאַל. זי איז געפאָרן אין דער באַן און געפירט גראַנאַטן באַהאַלטענע אין אירע תחתונים. צו איר שלימזל איז פריי געוואָרן אַ פּלאַץ און די גויים האָבן איר מיט גרויס העפלעכקייט פאָרגעשלאָגן צו זיצן. זי האָט געוווּסט אַז אויב זי וועט זיך זעצן איז זי עלול צו שטעלן אין סכנה זיך און די פּאַסאַזשירן. צום גליק האָט זיך איר איינגעגעבן אָפּצווועגדן זייער אויפמערקזאַמקייט און זי איז אַרויס בשלום פון קלעם.

פון אַלע זייטן האָבן אויף די פאַרבינדלערינס געלויערט סכנות. ס׳איז שטענדיק געווען אַ מעגלעכקייט פון אַ פּלוצעמדיקער אָבלאַווע, ווייל מ׳פלעגט זוכן ביי אַלע פּאַסאַזשירן און אַריין קוקן אין זייערע כלים. ס׳איז געווען אַ סכנה געכאַפּט און פאַרשיקט צו ווערן אין אַן אַרבעטס־

צי־קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָבער די גרעסטע סכנה איז געווען דערקענט צו ווערן ווי אַ יידישקע. די דייטשן האָבן געהאַט זייערע קען־צייכנס: זיי פלעגן זיך איינקוקן אין די פּנימער פון די פאַרבייגייער און ווען זיי פלעגן דערזען איינעם וואָס זיין פּנים דריקט אויס עצבות, פלעגן זיי גלייך אים חושד זיין, אַז ער איז אַ ייד. אויך אין שעהען פון דער גרעסטער געשפּאַנטקייט האָבן די פאַרבינדלערינס געמוזט ווייזן אַ פריילעך און לאַכנדיק פּנים. אַ סך מאָל האָבן זיי זיך געפונען ממש אויף דער שוועל פון טויט, איידער זיי האָבן אויסגעפירט זייער מיסיע. איינע נאָך דער אַנדערער זיינען זיי אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן און אַ סך זיינען געהרגעט געוואָרן.
איינע פון זיי, פראַניע בעאַטוס, די יינגסטע צווישן די פאַרבינדלערינס, וואָס איז געבליבן לעבן נאָכן אויפשטאַנד און טעטיק געווען אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, האָט געזאָגט: נאָך דעם ווי אַלץ איז אַ תל געוואָרן, האָב איך מער ניט וואָס צו טאָן, וויל איך מער ניט לעבן אין זכות פון מיין אַרישן אויסזען. דער גורל פון אַלע יידן איז אויך מיין גורל. און זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן. דאָס איז געווען דעם 12־טן מאַי 1943, געציילטע טעג נאָך דעם ווי די גרופּע מיט די לעצטע קעמפער איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון צענטראַלן געטאָ דורך די קאַנאַלן.

אַזעלכע זיינען געווען אונדזערע פאַרבינדלערינס, פון די ערשטע טעג אָקופּאַציע ביז דעם לעצטן טאָג פון די פּוילישע יידן.
פרומקע און טעמע האָבן באַוויזן אַריין צו דרינגען אין דער שטאָט קאָוועל, אין וואָלין, און זיך געטראָפן מיט לאה פיש, רחל פאָגעלמאַן, שיינדעלע שוואַרץ און דוד אייזנבערג — חברים, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געזעגנט און מיט וועלכע מיר האָבן געפירט אונדזער אומלעגאַלער טעטיקייט אין די סאָוויעטישע געביטן. פון זיי, פון די פאַרבינדלערינס, האָבן מיר עס געקראָגן די ערשטע ידיעות וועגן זייער

ווייטערדיקער אַרבעט ביז צו דער דייטשער אינוואַזיע קיין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אויף די שטחים וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך די באַוועגונג געהאַט פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג. עס זיינען אויפגעשטאַנען נייע סניפים און אַ סך יוגנטלעכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן. נאָר ווען זיי זיינען דערגאַנגען צום הויכפּונקט פון זייער טעטיקייט — האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען עדעק גאָלאָוונער, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון דער גאַנצער טעטיקייט. ביז דער לעצטער מינוט האָט עדעק אויף זיך גענומען די גאַנצע שולד. ער האָט די סאָוויעטן געזאָגט גלייך אין פּנים אַריין: איך בין אַ חלוץ און טראָצדעם וואָס איך באַוווּנדער אייער ווערק איז אין מיר ניט פאַרלאָשן געוואָרן מיין בענקשאַפט צו ארץ־ישראל און איך וועל ניט מוותר זיין אויף מיין חלוציִשקייט, אָבער מיינע חברים זיינען ניט שולדיק. צופעליק האָב איך זיך מיט זיי געטראָפן. אַ טייל פון די חברים זיינען "באַפרייט" געוואָרן דורך די דייטשן. עדעקן האָבן זיי געלאָזט אין טורמע און זינט דעמאָלט האָט מען מער פון אים ניט געהערט. ס'איז אַרום געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די דייטשן האָבן אים געמאַכט פאַר אַן איבערזעצער צווישן זיי און די זעלנער פון דער רויטער אַרמיי, וואָס זיינען געהאַט אַריין געפאַלן אין פלען. ער האָט גערעדט אַ גוטן דייטש און אויך רוסיש און אוקראַיִניש.

שפּעטער זיינען מיר געוווּיער געוואָרן, אַז די חברים פון קאָוועל האָבן אָרגאַניזירט פאַרטיזאַנער גרופּעס. ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן צו שיקן צענדליקער מענטשן אין די אַרומיקע וועלדער (מיט טייל פון זיי האָב איך זיך געטראָפן נאָך דער מלחמה). אויך זיי אַליין האָבן זיך געגרייט צו גיין אין וואַלד, נאָר אין מיטן פון די צוגרייטונגען האָט זיי, ווייזט אויס, פאַרהאַלטן די אַקציע און זיי האָבן שוין ניט באַוויזן צו אַנטלויפן.

פּאָנאַר און כעלמנאָ

מיטן אויסברוך פון דער רוסיש־דייטשער מלחמה האָבן מיר געמאַכט דעם ערשטן פּרווו צו אָרגאַניזירן עטלעכע זעלבסטשוץ־גרופּן צווישן די יוגנטלעכע. מ׳האָט דעמאָלט צווישן אונדז געהאַלטן, אַז די רויטע אַרמיי וועט באַזיגן די דייטשן און זיי צווינגען אַנטלויפן פון פוילן. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז בעת זייער אַנטלויפן וועלן די דייטשן אָפּרעכענען זיך מיט די יידן און אַז אויך די פּאָליאַקן וועלן אויסנוצן דעם בין־הזמנים און, ביז די רויטע אַרמיי וועט אַריין קומען, אומברענגען יידן. צו אָט דער איבערגאַנגס־צייט האָבן מיר געוואָלט צוגרייטן די יידישע יוגנט. מיר האָבן צונויפגערופן עטלעכע זיצונגען פון דער דרור־אָנפירונג און שפּעטער אויך אַ זיצונג מיט דער פּאַרטיי־צענטראַלע. מ׳האָט געמאַכט פאַרשידענע פּלענער און אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די מיטגלידער אין פינפער־גרופּעס, זיי אויסמושטירן און צוגרייטן צו טואונג. מיר זיינען געווען אָפּטימיסטיש. טראָץ אַלעמען, האָבן מיר זיך געזאָגט, וועלן אונדז די דייטשן ניט בייקומען און מיר וועלן נאָך צו לעצט דערלעבן זייער מפּלה. ווי באַוווסט, זיינען גאָר אין גיכן אָט די אַלע אָפּשאַצונגען צו נישט געוואָרן. טאָג פאַר טאָג האָבן מיר צעטומלטע געהערט אין ראַדיאָ די יובל־געשרייען פון דער דייטשער אַרמיי אין איר בליץ־קריג קעגן מאָסקווע, געשרייען וואָס זיינען באַגלייט געווען מיט איוב־בשורות וועגן חורבן, וואָס זיי פאַרזייען אין די יידישע ווין־ערטער. מיר האָבן זיך דעמאָלט ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אָט די "פינפטלעך" וועלן עס זיין איינע פון די באַשטאַנד־טיילן פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען און אין אַן אַנדערער ווירקלעכקייט.

סוף 1941 זיינען צו אונדז דערגאַנגען די ערשטע ידיעות וועגן חורבן פון די ווילנער יידן. אין איינעם אַ טאָג איז געקומען צו אונדז טעמע

שניידערמאַן, וואָס איז דורך מרדכי טענענבוים געשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין ווילנע, און האָט אויף אַ זיצונג פון מרכז דערציילט, אַז גלייך נאָכן איינעמען די שטאָט האָבן די דייטשן אַרויסגעשלעפּט טויזנטער יידן און זיי געפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז מ'פירט די יידן צו די וועלדער פון שכנותדיקן פּאָנאַר און דאָרטן הרגעט מען זיי. די געציילטע וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן פון די גריבער באַשטעטיקן דאָס. אַ סך אָבער פון די יידן, האָט זי דערציילט, ווילן בשום אופן ניט גלייבן. דאָס זיינען געווען די ערשטע ידיעות וועגן אַ טאָטאַלן חורבן. מיר זיינען אויפגעציטערט געוואָרן. צו די ידיעות וואָס טעמע האָט געבראַכט האָבן מיר גענומען אין חשבון די אַרטיקלען און רעדעס פונעם "פירער", וואָס ער האָט געהאַלטן איידער ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט רוסלאַנד. מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן זיינע דראָונגען קעגן די יידן ערב דעם אַריין מישן זיך פון אַמעריקע, און זיין דעקלאַראַציע ערב דעם אויסברעכן פון דער וועלט־מלחמה. נאָך האָט געקלונגען אין אונדזערע אויערן זיין ריטשען צו דער וועלט: "אויב דאָס אינטערנאַציאָנאַלע יידנטום אין אייראָפּע און אויסער אייראָפּע וועט באַוויזן ווידער אַריין צו וואַרפן די פעלקער אין אַ וועלט־מלחמה וועט דער רעזולטאַט זיין — די פאַרניכטונג פון דער יידישער ראַסע אין אייראָפּע".

בשעתו האָבן מיר געמיינט: הוילע פראַזן פון אַ מטורפן הויכ־שטאַפּלער, אָבער אין ליכט פון די ידיעות, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען דורך שליחים, האָבן זיינע רייד געקראָגן אַ קלאָרן און מאוימדיקן באַדייט.

אין איינעם אַ טאָג זיינען אָנגעקומען נאָך שליחים פון ווילנע — עדעק באָראַקס און חייקע גראָסמאַן פון השומר־הצעיר, שלמה ענטין פון הנוער־הציוני און אַנדערע, צווישן זיי שליחים פון די רעוויזיאָניסטן, און האָבן פאַר אונדז אויסגעמאָלט אַ גרויזאַם בילד פון חורבן און פאַר־ניכטונג. אונדזער געפיל איז געווען, אַז ווילנע איז דער אָנהייב פון

טאָטאַלער פאַרניכטונג, אַז די אומבאַקאַנטע ריכטונג איז גאַנץ גוט באַקאַנט: אומקום. איך ווייס ניט פון וואַנען ס׳איז צו אונדז געקומען דאָס אינטואיִטיווע געפיל, אָבער די גאַנצע חלוצישע באַוועגונג האָט געפילט דאָס זעלבע: עס רוקט זיך אָן די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון די יידישע קהילות אין די דורך־דייטשן אָקופּירטע געביטן.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער זיינען אָנגעקומען ידיעות פון מערב פּוילן, פון כעלמנאָ, וואָס אין דער וואַרטעגאַו, שטחים אַרום דעם טייך וואַרטע, געביטן וואָס זיינען פאַראייניקט געוואָרן מיטן דריטן רייך. די ידיעות זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דורך אַ ייד, וואָס איז געווען אַ קברן אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער און באַוויזן צו אַנטלויפן. קומענדיק קיין וואַרשע האָט ער זיך געטראָפן מיט אייניקע פון די געזעל־שאַפטלעכע טוערס און דערציילט, אַז אין די שטעטלעך פון יענער געגנט זיינען איין איינעם אַ טאָג געקומען די דייטשן און געזאָגט אָט וואָס: אַזוי ווי ס׳איז דאָ ניטאָ גענוג אַרבעט פאַר אַלע, ווילן זיי אַריבער פירן די יידן קיין מזרח און באַזעצן אויף ברייטע ערד־שטחים וואָס זיינען איינגענומען געוואָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד. צוליב דעם האָט מען זיי קאָנצענטרירט אין כעלמנאָ, און אויף זייער לשון: קולמהאָף. קיין איין ייד האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ בייזער כוונה. כאָטש ס׳איז זיי שווער אָנגעקומען דאָס צעשיידן זיך פון זייערע ווויִן־ערטער, פון זייערע שטיבער און פון זייער ביסל אָרעם פאַרמעגן — האָבן זיי קיין ברירה ניט געהאַט און זיינען געגאַנגען פון אייגענעם ווילן. איז דאָך דאָס אַלץ געשען אין חודש דעצעמבער 1941 צי יאַנואַר 1942, ווען קיינער האָט נאָך ניט געקאָנט ברענגען אויפן געדאַנק, אַז מ׳וועט נעמען יונגע מענטשן, זקנים, קינדער און פרויען, הונדערטער יידן און נאָכהער טויזנטער און שפּעטער מיליאָנען און זיי פירן צו דער שחיטה און טאַקע, נאָר אַ קראַנקע פאַנטאַזיע האָט זיך געקאָנט אַזוינס פאָרשטעלן.

די יידן זיינען געבראַכט געוואָרן אין אַ פאַרלאָזענעם פּאַלאַץ. אַ

פעטלייביקער, דייטשער אָפיציר האָט זיי שיין אויפגענומען און געזאָגט: "אָט האָט איר אַזוי געליטן אין געטאָ, געהונגערט, געלעבט אין פיין, יעדער דייטש האָט זיך געקאָנט איבער אייך איזדעקעווען, שיסן אויף אייך, טאָן וואָס ער האָט געוואָלט. מיר ווייסן, אַז מיר האָבן קעגן אייך געזינדיקט און דערפאַר ווילן מיר דאָס אַלץ פאַריכטן. דער עיקר אייך, יוגנטלעכע, וואָס איר זייט אַרבעטס־פעאיִק — אייך דאַרפן מיר האָבן. איצט גייט איר צו דער אַרבעט, אָבער קודם מוזט איר זיך אויס־באָדן. אָט איז אַן אָרט פאַר די פרויען, און אָט איז אַן אָרט פאַר די מענער; טוט זיך אויס, גייט אַריין אין באָדצימער, דערנאָך וועט איר באַקומען אַרבעטס־קליידער און שפּייז און איר וועט אַרויספאָרן קיין מזרח אויף אַרבעט".

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אויף אַ פיינעם, העפלעכן אופן, ווי די דייטשן קאָנען נאָר: פירן צו דער שחיטה — אויף אַ העפלעכן אופן. די יידן זיינען אַריין געבראַכט געוואָרן אין "באָדצימער" און תיכף, ווי נאָר זיי זיינען אַריבער די שוועל, האָט זיך די באַציאונג געביטן: מ'האָט זיי געהייסן אויסטאָן אין דער גרויסער קעלט, און די דייטשן האָבן אָנגע־הויבן זיי אַריין צו שטופּן אין אַ מאַשין, אַ מין אויטאָבוס, וואָס איז געווען הערמעטיש פאַרמאַכט. אין אים רערן דורך וועלכע מ'האָט אַריין געלאָזט גאַז, בעת די מאַשין האָט גערירט פון אָרט. דער אויטאָבוס איז צוגעפאָרן צו אַ וועלדל, עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון דעם פאַרוואָר־לאָזטן פּאַלאַץ. ווען דער דייטשער שאָפער איז צוגעפאָרן צום באַשטימטן פּלאַץ און האָט געעפנט די טיר, זיינען שוין אינעווייניק געווען בלויז טויטע. עס פלעגט טרעפן, אַז מ'האָט דאָרט געפונען קליינינקע קינדערלעך, וואָס דער גאַז האָט אויף זיי ניט געווירקט אַזוי גיך ווי באַדאַרפט (ווייזט אויס, אַז צוליב די קאָלדרעס אין וועלכע די מאַמעס האָבן זיי געהאַט איינגעוויקלט), אָבער קיינער האָט אויף זיי ניט געלייגט קיין אַכט צי זיי לעבן ניט. די גאַנצע מענטשלעכע לאַסט וואָס איז געבראַכט געוואָרן האָט מען אַריין געוואָרפן אין

גריבער. דאָרט איז געווען זייער קבר און אַזוי האָט מען שפּעטער געטאָן מיט הונדערטער טויזנטער.
מ׳האָט יידן באַשעפטיקט הן ביים גראָבן די גריבער, הן ביים באַגראָבן די בר־מינגס. די דאָזיקע אַרבעט האָבן די דייטשן אויסגעפירט מיט יידישע הענט. און אַט דער קברן האָט דערציילט, אַז ניט איין מאָל האָט ער און זיינע חברים זיך אומגעקערט פון דער דאָזיקער נסיעה און געוואָלט זיך דאָס לעבן נעמען. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן תפילה געטאָן. אין משך פון די נעכט פלעגן די דייטשן אָנטאָן די קברנים קייטן אויף די פיס און אין דער פרי זיי באַפרייען, כדי זיי אַרויסצופירן פון דאָס ניי אין וואַלד. איין מאָל ווען מ׳האָט דעם קברן געפירט צו דער ״אַרבעט״ אין אַ ברעזענט־פאַרדעקטן לאַסט־אויטאָ, האָט ער דעם צודעק צעשניטן מיט אַ ראַזיר־מעסערל, וואָס ער האָט געהאַט אויסבאַ־האַלטן פון די דייטשן, און ער איז אַרויסגעשפרונגען. די דייטשן האָבן אים נאָכגעיאָגט אָבער אים ניט געכאַפּט. ער האָט אַרום געוואָגלט איבער אַ סך יידישע יישובים און אומעטום, ווו ער האָט נאָר אָנגע־טראָפן יידן, זיי אויפגערופן און דערציילט וועגן דער שחיטה.
ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מיט דער ליקווידאַציע און פאַרניכטונג פון די יידן, האָבן זיי נאָך מורא געהאַט, אַז די יידן אין פוילן און אויף דער גאַנצער וועלט וועלן זיך דערוויסן, און ניט וועלן מער גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויב ס׳וועט זיי קלאָר ווערן די בייזע כוונה. זיי האָבן אויך מורא געהאַט ס׳זאָל ניט קומען קיין ענטפער מצד די פּאָליאַקן, אָדער מצד דער ברייטער וועלט. אויך מיר האָבן געמיינט, אַז ס׳וועט טאַקע קומען אַן ענטפער. מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז די וועלט ווייסט, קוקט זיך צו און שווייגט. מיר האָבן געמיינט, ווי די דייטשן, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ וועלט, ס׳איז נאָך דאָ אַ געוויסן און אויב מ׳וועט זיך דערוויסן וואָס מ׳טוט מיט אונדז — וועט זיך געפינען עפּעס אַ כוח וואָס וועט זיך אַריין מישן, פּרווון ראַטעווען. די דייטשן האָבן זיך באַמיט אין דער ערשטער צייט, אַז די ידיעה וועגן די שחיטות זאָל ניט אַרויס אין דרויסן.

דערפאַר, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן קברנס אַנטלויפן, האָט מען צעשיקט שטאַפעטן איבער דער גאַנצער סביבה כדי אים צו כאַפּן.
ווען דער קברן פלעגט קומען אין אַ שטעטל, צונויפרופן די עלטסטע פון יישוב און זיי דערציילן — פלעגט מען אים ניט גלייבן. זיי האָבן געטענהט, אַז ס׳לייגט זיך ניט אויפן שׂכל. אויך אין וואַרשע — אין יענע טעג אַ צענטער פון אַ האַלבן מיליאָן יידן — האָבן זיך אויפֿ־געקליבן עטלעכע צענדליק גרזעלשאַפטלעכע טוער כדי אויסצוהערן זיין עדות־זאָגן. אויך זיי האָבן ניט געגלייבט, ניט געוואָלט גלייבן. איינער, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צווישן די יידן, האָט געזאָגט: ס׳איז ניט מעגלעך, אַז אַזאַ זאַך זאָל זיך טרעפן אין האַרץ פון אייראָפּע, אין וואַרשע. די וועלט וועט געוויער ווערן און זי וועט שווייגן? טאָר מען דעריבער ניט ריידן וועגן שחיטות און מ׳טאָר דאָס אַפילו ניט ברענגען איבערן מויל.
אויך די מאַסן פּשוטע יידן, אויך זיי האָבן ניט געגלייבט, ניט געקאָנט גלייבן. יעדער איינער איז געווען אַריין געטאָן אין זיינע טאָג־טעגלעכע צרות, אַריין געטאָן אין דער דאגה נאָך אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער, פאַר אַן עלעמענטאַרן קיום און ניט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס׳איז ניט געווען אין די ראַמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דעריבער האָט קיינער ניט געוואָלט און ס׳איז שווער געווען צו גלייבן אין אַן אַטמאָספער פון אָפּהענטיקייט און הילפלאָזיקייט.
געווען אָבער צווישן אונדז מענטשן וואָס פון ערשטן טאָג אָן, נאָכן קריגן די ידיעה, האָבן זיי געזאָגט: דאָס איז אַ טאָטאַלע שחיטה. דאָס דאָזיקע שרעקלעכע געפיל איז שווער צו שילדערן. אָט גייסטו אַרום אין די גאַסן פון וואַרשע, אין דער ענגשאַפט פון געטאָ, צווישן הונדערטער טויזנטער, צווישן לעבעדיקע מענטשן, וואָס לויפן און יאָגן זיך, עסן אויף איינער דעם צווייטן און עס דוכט זיך זיי, אַז זיי קעמפן פאַרן לעבן, פאַרן קיום, אָבער פאַקטיש, ווען דו פאַרמאַכסט די אויגן, זעסטו, אַז דאָס זיינען בלויז בר־מיננס, טויטע מענטשן...

אין אַזעלכע מינוטן, ווי נאָך אין אַ סך אַזעלכע מינוטן פֿאַר דעם און נאָך דעם, וואָלטן מיר ניט געווען אויסגעהאַלטן ווען ניט דאָס געפֿיל, אַז ס'איז דאָ אַ באַזונדערער זין אין אונדזער לעבן, אין אונדזער טעטיקייט און אין אונדזער טויט; אַז מיר האָבן פֿאַר וועמען צו אַרבעטן און צו קעמפֿן, אַז מיר טאָרן זיך ניט נעמען דאָס לעבן. די אידעאיִשע לאָגיק פֿון דער יוגנט, וואָס האָט ניט געוואָלט משלים זיין מיטן פֿאַרניכטונג־גזר, האָט אונדז געהייסן ממשיך זיין און ווייטער פֿירן אונדזער מערכה.
ווען ס'איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז דער גורל פֿון די יידן איז אַ געחתמעטער, איז די ערשטע פֿראַגע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אונדזער מויל, געווען: און די יידן זיינען געגאַנגען צו דער שחיטה און ניט געפּרוּווט זיך אַנטקעגן צו שטעלן? די וואָס האָבן געבראַכט די ביטערע בשורה האָבן — גלייך וועלנדיק זיך פֿאַרענטפֿערן, געזאָגט: די יידן גלייבן דאָך ניט, אַז זיי גייען צום טויט. חוץ דעם האָבן זיי ניט מיט וואָס זיך צו פֿאַרטיידיקן.
דעמאָלט איז געפֿאַלן צווישן אונדז דער באַשלוס: אַ נ ט ק ע ג ן ש ט ע ל ן ז י ך! אָבער גלייך אויף דעם איז אויפֿגעשווומען אַ צווייטע פֿראַגע: ווי אַזוי און מיט וואָס?
מיר האָבן געוווּסט, אַז ס'איז ניט לויט אונדזערע כּוחות אויפֿצוהייבן אַליין די לאַסט פֿון פֿאַרטיידיקן זיך, ווייל דער עיקר תּנאי איז, אַז אַ סך זאָלן זיך אָנשליסן אָן דעם דאָזיקן געדאַנק, און אַז מאַסן זאָלן אונדז נאָכגיין, אָבער כּדי צו איבערצייגן די מאַסן אין דער באַדערפֿעניש פֿון פֿאַרטיידיקן זיך, מוז מען אין זיי פֿאַרשאַרפֿן דאָס געפֿיל פֿון אכזריותדיקן גורל, מוזן זיי אָנערקענען און פֿאַרשטיין, אַז דער טויט וואַרט אויף אונדז אַלע — היינט ווילנע־פּאָנאַר, דער וואַרטעגאַו, און מאָרגן — וואַרשע און אַלע אַנדערע פּוילישע שטעט.
אויך צווישן אונדז זיינען געווען חברים וואָס האָבן געצווייפֿלט. זיי האָבן געטענהט: צי דען זיינען מיר באַרעכטיקט צו אַנטפּלעקן דעם גאַנצן אמת פֿאַר די יידן? צי מעגן מיר קומען צו אַ געשלאָגענעם און

צעבראָכענעם ייד, צערייסן דעם רעשט פון זיינע אילוזיעס און זאָגן אָפן אין פנים אַריין: מאָרגן איז דיין טויט. און אפשר זיינען מיר זיך טועה מיט דעם, וואָס מיר קומען צו אַזעלכע אויספירן? אָבער די מערסטע פון אונדז האָבן קיין שום צווייפל ניט געהאַט אין דער משמעות פון די געשעענישן. אויך דער וועג וואָס מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אָן קיין שום ספק ניט. פון דעסטוועגן האָבן מיר געשיקט קיין ווילנע איינעם מיט טעמען אויך פרומקען און לאָנקען, זיי זאָלן קאָנטראָלירן די פאַקטן פון דער נאָענט. ניט אַריבער קיין סך און מיר האָבן פון זיי געקראָגן ידיעות וואָס באַשטעטיקן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין פריער געהאַט געהערט: צענדליקער טויזנטער יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן אין פאָנאַר! גלייכצייטיק זיינען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות אויך פון צווייטן עק לאַנד, פון די געביטן אין מערב־פוילן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום רייך, און איך האָב שוין וועגן דעם דערציילט. מ׳האָט איבערגעגעבן וועגן אַ גרויסער שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען אין כעלמנאָ, און ווידער האָבן די שליחים דערציילט, אַז די יידן גלייבן נאָך ניט, אַז די דייטשן פירן דורך די שחיטה מיט כל ערליי כיטרע גענג און מיט פאַרשידענע טריקן. ס׳האָט אויף אַן אמת זיך ניט געלייגט אויפן שכל, אַז מענטשן זיינען פעאיִק צו אַזעלכע מעשים.

רוף צום ווידערשטאַנד

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג. ס׳איז געווען ענדע 1941 — אָנהייב 1942. די גאַנצע טעטיקייט פון אונדזער באַוועגונג איז אַריבער אויף גאַנץ אַנדערע רעלסן. אויב מיר האָבן ביז דעמאָלט פאַר אַלעמען געוואָלט אָפּהיטן דעם מענטשלעכן גייסט און דעם מענטשלעכן פּרצוף, און אונדזער טעטיקייט אָריענטירט זיך און איז אויך מצליח געווען אין דער ריכטונג, האָבן מיר איצט אונדזער גאַנצע אַרבעט געווידמעט דעם ענין פון ווידערשטאַנד. מיר האָבן געזאָגט: מיר זיינען מחויב צו זען דעם אמת אַזוי ווי ער איז. מען וויל אונדז ליקווידירן און דערפאַר האָבן מיר קיין אַנדערע ברירה ניט נאָר צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג און דעם קאַמף פאַר אונדזער כבוד און פאַרן כבוד פון עם־ישראל. אמת, מיר האָבן געוווּסט, אַז טראָץ אַלע באַמיאונגען וועלן מיר ניט באַוויזן צו ראַטעווען אַ סך יידן, פון דעסטוועגן איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז מיר טאָרן זיך מער ניט נוהג זיין ווי פריער. מיר וועלן מער ניט גיין מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז צו דער שחיטה; ניט גיין צום טויט סתם, אָן ווידערשטאַנד. מיר וועלן אַרויס אין אַ קאַמף פאַר זיך אַליין, פאַר אייך, פאַרן יידישן יישוב, פאַר די יידן אין די גלות־לענדער.

אָט דאָס באַוווּסטזיין איז געווען דער טרייב־כוח פאַר אונדזער פאַר־טיידיקן־זיך, פאַר אונדזער מלחמה. אויב מיר וועלן אַפילו באַצאָלן מיט אונדזער לעבן פאַר אָט דעם אַנטקעגן שטעלן זיך, וועלן מיר אויך דעם שונא אָפּצאָלן אַזוי ווי ס׳קומט אים. אויב דאָס געוויסן פון דער וועלט האָט זיך ניט איבערגעוועקט און אויב אונדזערע פריינד זיינען ניט געקומען צו הילף, קאָנען מיר מער ניט שווייגן און מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט די רוצחים פון אונדזער פאָלק אויף ווי ווייט מיר וועלן נאָר קאָנען. און כאָטש שוואַך איז אונדזער כוח און מיר שטייען פּנים־

אל־פנים מיט אַ ריזיקער אַרמיי, וואָס שפּאַנט פון נצחון צו נצחון, אַן אַרמיי, וואָס גרויסע מדינות האָבן איינע נאָך דער אַנדערע פאַר איר קאַפּיטולירט, און די טעג זיינען פינצטערע, מ׳זעט ניט קיין פונק האָפענונג און ניטאָ קיין רמז אויפן נצחון פון די פאַרבינדעטע לענדער — פון דעסטוועגן וועלן מיר אַרויס אין קאַמף און קעמפן מיטן שונא ביזן סוף.

ווידער זיינען מיר זיך צונויפגעקומען אויף באַראַטן זיך, וואָס צו טאָן. מיר האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אונדזער גרויסער שונא — איז די אילוזיע. די אילוזיע מוזן מיר צעשטערן מיט דער הילף פון אונדזערע צייטונגען, דורך טרעפונגען און דורך פּערזענלעכער אויפקלערונג. די צווייטע זאַך, וואָס מיר מוזן טאָן, איז דאָס אויפשטעלן אַ באַוואָפנטן כוח. ווידער איז אויפגעשווומען די פראַגע: ווי אַזוי טוט מען דאָס? געוועזער האָבן מיר ניט געהאַט, אויך ניט געהאַט פון וועמען זיך אויסצו־לערנען די מלאכה פון פאַרטיידיקן זיך און פון קאַמף. די פּוילישע אונטערערד האָט נאָך צו יענער צייט ניט אָנגעהויבן מיט אַ ממשותדיקער מיליטערישער טעטיקייט. אַלע אירע מעשים האָבן ביז דעמאָלט זיך באַנוגנט, אין אַלגעמיינעם, מיט אַרויסגעבן פון אומלעגאַלער פּרעסע און מיט אויפקלערונג. מער נאָך, מיר האָבן ניט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער אונטערערד, מיר זיינען בכלל ניט געווען באַקאַנט. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן מיר מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות און באַשלאָסן צו זוכן, פאַר יעדן פּרייז, פאַרבינדעטע צווישן דער יידישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט.

האָבן מיר פאַרבעטן אויף אַ קאָנפערענץ מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן, דער עיקר באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער. יצחק צוקערמאַן האָט, אין אונדזער נאָמען, אַנאַליזירט פאַר די געקומענע דעם מצב און דערקלערט אונדזער אויפפאַסונג און ווילן צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ווען ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָבן די פּנימער פון

אַלע אַנווענדע אָנגעוואָרן זייער פאַרב, צי צוליב פּחד וואָס איז זיי באַפאַלן, צי צוליבן כעס פאַר אונדזער גערוואַגטקייט. זייער ענטפער איז געווען אַ שטורמישער. זיי האָבן אונדז געזידלט, וואָס מיר פאַרזייען ייאוש און אומזיכערקייט צווישן די יידן, "אָן אחריות", און אויך צוליב אונדזער געוואַגטקייט צו טראַכטן וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. קוים וועט דאָס נאָר באַקאַנט ווערן, איז עס עלול צו ברענגען אַן אומגליק אויף דער באַפעלקערונג. צי זייט איר גרייט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אומקום פון צענדליקער טויזנטער יידן?

פון די קאָנפערענצן פלעגן מיר אַרויס גיין מיט ציין־קריצעניש און מיט מאַכטלאָזן צאָרן. מיר האָבן זיך געזען שטיין פאַר אַ בלינדער וואַנט אָן קיין שום מעגלעכקייט זי דורכצוברעכן. ווידער האָבן מיר זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס טוט מען? איז דאָך די הילף פון דער יידישער באַפעלקערונג לעבנסוויכטיק, אָן איר איז ניטאָ קיין שום אויסזיכט, אַז אונדזער פּלאַן זאָל געלונגען.

מיר האָבן געמאַכט נאָך אַ פּרווו — צונויפגערופן אַ זיצונג פון די אַרבעטער־פאַרטייען: פּועלי־ציון צ.ס., פּועלי־ציון לינקע און בונד. מיר האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף די מעגלעכקייטן פון בונד, ווייל די פּוילישע אונטערערד האָט געקענט דעם בונד און ער האָט אויך געהאַט באַציאונגען מיט דער פּפּ"ס (די פּוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי), מיט אירע ביידע פראַקציעס. אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט יצחק צוקערמאַן געשילדערט די לאַגע, איבערגעגעבן די ידיעות וואָס מיר האָבן און פאָרגעשלאָגן אויפצושטעלן אַ יידישע קאַמף־אָרגאַני־זאַציע. ער האָט אויך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וואָס פאַר אַ גורל וואַרט אויף אונדז, וואָס איז אונדזער צוקונפט און וואָס דאַרפן מיר טאָן? מיר, די אַרבעטער־פאַרטייען, וואָס האָבן אַ דערפאַרונג אין דערציען צו מענטשלעכן און יידישן כבוד, צום פאַרטיידיקונג פון לעבן, וועלן פריער פאַר אַלעמען פון אונדזערע רייען אויפשטעלן די יידישע

קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט קעמפן פאַרן יידישן שטאָלץ. ווען יצחק האָט געענדיקט, האָט זיך אויפגעשטעלט מאַוריצי אָזשעך, דער באַקאַנטער פירער פון בונד, און מיט אַן אויסדרוק פון ביטול זיך געווענדעט צו יצחקן: דו ביסט נאָך צו יונג און דיין אָפּשאַצן די לאַגע איז ניט אויסגעהאַלטן. עס איז ניט מעגלעך, אַז מ׳זאָל אונדז אַלעמען פאַרניכטן און אומברענגען דריי מיט האַלבן מיליאָן יידן אין פוילן. דו מאַכסט אָן אַ פּאַניק. אויך טויזנטער פּאָליאַקן קומען אום, צווישן זיי די אינטעליגענץ און אַרבעטער, און אונדזער קאַמף איז דאָך פאַרבונדן מיטן קאַמף פון פוילישן אַרבעטער; איז פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט, פאַרן באַפרייען די מענטשהייט. מיר וועלן זיך ניט באַטייליקן אין אַ כלל־יידישער אָרגאַניזאַציע. מיר פירן אַ מלחמה מיטן שונא מיט אונדזערע מיטלען און אויף אונדזער אופן. דערפאַר האַלטן מיר די אַלע רייד, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אויף דער זיצונג, ווי ציללאָז און מיר נעמען ניט אָן אייער פאָרשלאָג.

הייסט עס, אויך די זיצונג איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט גאָרניט. מיר זיינען ווייטער געשטאַנען צעטומלטע, האָבן ניט געוווסט וואָס צו טאָן. אין יענע טעג האָט אונדז אַרום גענומען אַ שרעקלעך געפיל. מיר פלעגן זיך אַרום דרייען אין די וואַרשעווער גאַסן צווישן מאַסן יידן, וואָס לויפן און יאָגן זיך נאָך זייערע געשעפטן. מיר האָבן זיי געזען כאילו זיי זיינען אַלע בר־מיננס. ניט איין מאָל פלעג איך אַנטלויפן פון גאַס און אַריין פאַלן אין מיין צימער, כדי ניט צוצוזען דעם קאָשמאַר, פלעג זיך אַרויפ־וואַרפן אויפן בעט און אויסברעכן אין אַ ביטער, פאַרצווייפלט געוויין. מיר האָבן צונויפגערופן אַ זיצונג פון די אַקטיוויסטן אין אונדזער באַוועגונג. אויף דער זיצונג האָבן מיר באַשלאָסן אַליין צו זוכן אַ קאָנטאַקט מיט דער אַרישער זייט. צוליב דעם האָבן מיר אַרויסגעשיקט ספּעציעלע שליחים אויף יענער זייט, צו די אָנפירער פון דער פוילישער אונטערערד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז מ׳האָט אָנגעבונדן דעם קאָנטאַקט מיט דער נייער פוילישער אַרבעטער־

פּאַרטיי — פּפּ״ר (״פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ״), דער נייער נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס דער קאָמינטערן האָט פאַר דער מלחמה פונאַנדערגעלאָזט, און איצט האָט זי זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן פון דאָס ניי.

מיטן שאַפן דעם קאָנטאַקט האָט זיך פאַרנומען וואָלף פּאַלמאַן, דער עלטערער ברודער פון מאַרעק און חווקע פּאָלמאַן, אַן אַלטער מיטגליד פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס איז געווען טעטיק אין דער פּוילישער אונטערערד אין די ראַמען פון דער ״גוואַרדיאַ לודאָוואַ״, די פּאָלקס־גוואַרדיע, דער מיליטערישער אָרעם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. בשעתו האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַהאַלטן זיך מיט זיין משפּחה אויף אַ זיכערן מקום־מיקלט, אויף דער אַרישער זייט, אָבער זיין געוויסן האָט אים ניט געגעבן קיין רו און ער האָט שפּעטער איבערגעלאָזט זיין פרוי און זיין קליינעם זון און איז אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. ער איז געפאַלן אין קאַמף, אין די קעלצער וועלדער.

די פּאָליאַקן האָבן שוין געהאַט אַן אָרגאַניזירטע און פאַרצווייגטע אונטערערד־באַוועגונג, וואָס האָט געאַרבעט מיט התמדה און מסירות־נפש און אין משך פון דער צייט איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן די ״דעלעגאַטור״ — די פאָרשטייערשאַפט פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן. אין יענער תקופה איז נאָך די פּוילישע אונטער־ערד געשטאַנען אויף שוואַכע פיס. די אַרמיאַ קראַיאָוואַ, דער מיליטערישער אָרעם פון די אָנהענגער פון דער לאָנדאָנער רעגירונג, וואָס איז געווען די שטאַרקסטע אין דער אונטערערד, האָט נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבן אירע מאַסיווע, באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף די דייטשן. די טעטיקייט פון דער פּוילישער אונטערערד האָט זיך, בערך, אַזוי ווי אונדזער טעטיקייט צו יענער צייט, באַנוגנט מיט אויפקלער־אַרבעט צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג און באַשטראָפן די קאָלאַבאָראַנטן מיט די דייטשן, אָפּגאָלן די האָר פון די יונגע פרויען, וואָס האָבן פאַר־

צביהס עדות־זאָגן בעת דער קיבוץ־המאוחד־קאָנפערענץ אין יגור — יוני, 1946

בראַכט מיט די דייטשן, באַיקאָטירן די קינאָס א.א.וו. די אויפפאַסונג פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ כמעט ביזן סוף פון דער מלחמה, איז געווען, אַז די פּאָליאַקן מוזן טאַקע זיין גרייט מיט מענטשן און געווער, אָבער דאָס געווער דאַרף זיין "צוגעשמידט צום פוס", דאָס הייסט — וואַרטן. די פּאָליאַקן דאַרפן ניט פירן מלחמה מיט די דייטשן, אָנווענדנדיק זייער גאַנצן כוח, פאַר דער צייט. נאָר שפּעטער, ווען דער פאַרמעסט צווישן ביידע ריזן, דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד, וועט אָפּשוואַכן דעם כוח פון ביידע צדדים, דעמאָלט וועט זיין דער פּאַסיקער מאָמענט פאַרן פּוילישן געווער. פון דער אַנדערער זייט האָט פּפּ"ר, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לויט די דירעקטיוון פון מאָסקווע און איר מיליטערישע אָרגאַניזאַציע איז געווען די גוואַרדיאַ לודאָוואַ (שפּעטער: אַרמיאַ לודאָוואַ — די פאָלקס־אַרמיי) געהאַלטן, אַז די מלחמה מיט די דייטשן מוז זיך אָנפאַנגען גלייך אומעטום. די פּפּ"ר איז אויפגעשטעלט געוואָרן ערשט אין יאַנואַר 1942, איר צאָל מיטגלידער איז נאָך געווען קליין. זי איז נאָך געווען שוואַך און ערשט אין אָנהייב פון אָרגאַניזירן זיך.

וואָלף פאָלמאַן (מיר האָבן אים גערופן וועוועק) האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אָנפירער פון דער נייער פּאַרטיי און אירע מיליטערישע אויספיר־אָרגאַנען. אייניקע פון זיי זיינען געווען זיינע נאָענטע פריינד: סטאַניסלאַוו טאָלווינסקי, מאַריאַן ספּיכאַלסקי און נאָך. די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען פאַך־חברים, אַרכיטעקטן, און פאַרבונדן מיט אים דורך פערזענלעכע פריינדשאַפט־באַציאונגען. זיי האָבן זיך געפרייט מיט אונדזער ווענדונג און פאַרזיכערט, אַז זייערע מיטגלידער אין געטאָ וועלן זיך שטעלן מיט אונדז אין פאַרבינדונג.

אין חודש אַפּריל 1942 האָבן זיך צו אונדז געווענדעט יוסף לעוואַרטאָווסקי־פינקעלשטיין און אַנדזשעי שמידט, די פאָרשטייער פון די יידישע קאָמוניסטן אין געטאָ, וועגן אויפשטעלן אַן אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק. ענדע חודש איז דער דאָזיקער בלאָק געשאַפן

געוואָרן. חוץ די קאָמוניסטן האָבן אין אים אָנטײל גענומען פּועלי־ציון לינקע, פּועלי־ציון צ.ס., דער החלוץ, השומר־הצעיר און דרור.

דער ציל פון בלאָק איז געווען זיך איינצוגלידערן אין דער אַלגעמיינער אַנטינאַצישער מלחמה דורכן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף הינטער די פראָנט־ליניעס און אַזוי אַרום העלפן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן געהאַט ספקות. אין גרונט גענומען האָבן מיר דאָך פון גאַנצן האַרצן געוואָלט אָט דעם קאַמף, אָבער מיר האָבן זיך געזאָגט: צי שטעקט דען ניט קיין סכנה, אַז די דאָזיקע טעטיקייט זאָל פאַרטונקלען אונדזער באַזונדערע מלחמה, ווי יידן קעגן נאַציס? ס׳קאָן דאָך זיין, אַז ביז ס׳וועט זיך אָנהייבן דער אַלגעמיינער פראָנט וועט שוין פאַר אונדז זיין צו שפּעט. פון דעסטוועגן האָבן מיר, ווי געזאָגט, זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם בלאָק, אָבער מיר האָבן בפירוש אונטערגעשטראָכן אַז מיר, יידן, האָבן אַ באַזונדערן חשבון מיט די דייטשן און אין דעם גייסט וועלן מיר פּרוּוון משפּיע זיין אויף דער טעטיקייט פון בלאָק.

ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגע־הויבן צו פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט מכוח דער נויטווענדיקייט פון אַן אַקטיוון קאַמף קעגן פאַשיזם, כדי אַרויסהעלפן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, און מיטן ציל אויפצושטעלן אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. די אויפגאַבע, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט פאַר זיך געשטעלט, אין סאַמע אָנהייב פון איר טעטיקייט, איז געווען דאָס אויסאײבן מענטשן צו קאָנען באַנוצן זיך מיט געווער און שפּעטער — אויפצושטעלן גרופּעס, וואָס זאָלן אַרויס אין די וועלדער צו פאַרטיזאַנישער טעטיקייט. מיר זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם פּלאַן, אָבער מיר האָבן בפירוש זיך אויסגענומען, אַז אויך אין געטאָ גופא מוזן בלייבן קאַמף־גרופּעס, ווייל מיר האָבן געהאַט גענוג כוחות הן פאַר די וועלדער, הן פאַרן געטאָ. דער דאָזיקער באַדינג איז אָנגענומען געוואָרן אויך דורך די קאָמוניסטן אויף דער אַרישער זייט. איצט האָבן מיר געוואַרט טאָג־טעגלעך אויף געווער־טראַנספּאָרטן און אויפן באַפעל אַרויסצושיקן גרופּעס אין די

וועלדער. אין יענער תקופה, נאָך דעם, ווי מיר האָבן געעפנט אַ שפּאַרע אין דעם מויער, האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז סוף־סוף האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען פאַרבינדעטע: מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע, מיר וועלן קריגן געווער, מיר האָבן אויך אַ פּלאַן און, אויב מיר וועלן באַווייזן דורך אונדזער פעריאָדיק צו דערקלערן דער יידישער יוגנט דעם אמת פון אונדזער לאַגע, וועלן מיר אויך דערגיין צו דער מעגלעכקייט פון אָרגאַניזירן אַ יידישן ווידערשטאַנד אין געטאָ גופא.

די גרויסע אַקציע

דאָס לעבן פון דער גאַנצער באַוועגונג האָט זיך זינט דעמאָלט קאָנצענ־טרירט אַרום דער ענדערונג, וואָס איז איינגעטראָטן אין אונדזער טעטיקייט. די קולטורעלע אַרבעט איז אַריבער געגאַנגען אויף רעלסן פון צוגרייטן דעם ווידערשטאַנד. אונדזערע פאַרבינדלערינס האָבן זיך איצט דער עיקר אָפּגעגעבן מיט שאַפן געווער און מיט אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג אין די געטאָס פון אָקופּירטן פּוילן. געוועזן צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן געשפּינט געוואַגטע און בונטע חלומות און זיך איינגערעדט, אַז מיט אונדזער מלחמה וועלן מיר אויפוועקן אויך די פּוילישע אונטערערד־באַוועגונג, וואָס לייגט אָפּ איר אַקטיוון קאַמף אויף שפּעטער; און ווייל עס האָבן זיך שוין צו יענער צייט אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע שפּראָצונגען פון אונטערערד־מלחמות אין פאַר־שידענע לענדער, האָבן מיר געהאָפט, אַז מיטן אויפשטעלן פון אַ "דריטן פראָנט" (אַזוי האָבן מיר אָנגערופן די אונטערערד־באַוועגונגען אין אייראָפּע) וועט אויך קומען אונדזער צייט. אַזוי צי אַזוי, ס'איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. מיר האָבן זיך באַפרייט פונעם שווערן קאָשמאַר, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף אונדז, אָט די אָפּהענטיקייט און דאָס באַוווסטזיין, אַז ס'איז דיר געבליבן בלויז דאָס קלאַפּן־קאָפּ־אין־וואַנט, אָדער נעמען זיך דאָס לעבן.

ווי ביטער אָבער איז געווען אונדזער אַנטוישונג, ווען געווער איז ניט אָנגעקומען און קיין אָנווייזונגען פון דער פּוילישער אונטערערד האָט מען ניט געקראָגן. צו אונדזער שלימזל האָט דער פאַראַט פון אַ פּוילישן קאָמוניסט גורם געווען צו דעם אַרעסט פון זיינע חברים אין געטאָ. די פפ"ר אין געטאָ איז דערשטיקט געוואָרן. דער בלאָק איז געוואָרן אַ ווערטלאָז געצייג און ווען די ערשטע אַקציע איז אויסגעבראָכן אין וואַרשע, דעם 22־טן יולי 1942, זיינען מיר געווען אַ "צו אַלץ גרייטע

אַרמיי״, וואָס האָט פאַרמאָגט בלויז צוויי רעוואָלווערס... מ י ר האָ ב ן פ אַ ר ש פ ע ט י ק ט. דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכע געפיל וואָס איז אונדז אַלעמען באַפאַלן.

פאַרצווייפלטע און נידערשלאָגענע האָבן מיר ווידער צונויפגערופן אַ זיצונג פון מרכז החלוץ. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און פול מיט בושה זיינען מיר געזעסן און ווידער געווען אָפּהענטיק און ראַטלאָז. עס זיינען אויפגעשוווּמען פאַרשידענע פאָרשלאָגן. טייל האָבן געזאָגט: לאָמיר אַרויס קעגן דער יידישער פּאָליציי (זי האָט עס דורכגעפירט די ערשטע אַקציע) מיט בלויזע הענט, מיט שטעקנס, מיט וואָס מ׳קאָן נאָר, און זיי מער ניט לאָזן כאַפּן יידן. אויב מ׳וועט זיך אָנשטויסן אָן דייטשן, און קעגן זיי וועלן מיר דאָך ניט קאָנען אַרויס מיט שטעקנס, וועלן מיר דעמאָנסטרירן, רופן די מאַסן זיי זאָלן זיך אָנשליסן און, ווען אַפילו די דייטשן וועלן אויף אונדז שיסן, וועט מען ניט אָפּטרעטן. מיר האָבן זיך גענייטיקט אין אַזאַ דעמאָנסטראַציע כדי צו איבערצייגן זיך אַליין, אַלע יידן, די פּאָליאַקן און אויך די דייטשן, אַז מיר וועלן ניט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה. מיט אונדזער טויט האָבן מיר געוואָלט, לכל הפחות, ראַטעווען דעם כבוד פון פאָלק און נאָך האָבן מיר ביי זיך געטראַכט: קאָן זיין, אַז דורך אונדזער פאַרצווייפלטן טאַט וועט אַזוי אַרום באַוווּסט און באַקאַנט ווערן וועגן דער שחיטה אין דער דרויסנדיקער וועלט. מיר האָבן נאָך דעמאָלט געגלייבט אין געוויסן פון דער וועלט און אַז דאָס געוויסן וועט ניט לאָזן שווייגן. אפשר וועלן מיר אויך דורך דעם טאַט אַ ביסל שטערן די דייטשן אין דער מלאכה, עס זאָל זיי אַזוי גרינג ניט אָנקומען. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיט דעמאָנסטראַציעס וועלן מיר ניט ראַטעווען דאָס לעבן פון יידן, אָבער אויך געפילט, אַז מען מוז עפּעס טאָן. איידער מיר האָבן געמאַכט אונדזערע ערשטע טריט, האָבן מיר אָבער געוואָלט אַריין ציען אין דעם ענין די ברייטערע יידישע עפנטלעכקייט.

אויף יענער זיצונג האָט זיך מיט אונדז געפונען אויך לאַבאַנ־

לייבאָוויטש. ער איז געקומען קיין וואַרשע עטלעכע טעג פאַרן אויס־ברוך פון דער ערשטער אַקציע און מיט זיך געבראַכט פּלענער צום קאַמף אין קראָקעווער געטאָ, פּלענער וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן דורך אים און זיינע חברים. דער ציל פון זיין וויזיט איז געווען זיך מיט אונדז צו באַראַטן, ווי צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד אין זיין שטאָט. ביים אַריין קומען אָבער אין געטאָ האָט מען אים געכאַפּט און אַרעסטירט. אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר אַרום געלאָפן איבער די וואַרשעווער גאַסן ביז ס׳האָט זיך אונדז סוף־סוף איינגעגעבן איבער־צוקויפן אַ טורמע־וועכטער און אים צו באַפרייען.

אין יענעם טאָג ווען ס׳איז פאָרגעקומען די זיצונג, ערב דער אַקציע, האָט זיך געפילט אַ שפּאַנונג אין דער שטאָט. מ׳האָט, ווייזט אויס, פאָרויסגעפילט דאָס אומגליק, וואָס לאָזט זיך אויף אונדז אַראָפּ. ביים סוף פון דער דעבאַטע האָבן מיר אָנגעצייכנט עטלעכע אָפּעראַטיווע וועגן אויף פאַר קראָקע, אָבער לאַבאַן האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן וואַרשע, געוואָלט זיין מיט אונדז אין די שווערע טעג וואָס רוקן זיך אָן. פון דעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט פאַרלאָזן די שטאָט — ניט כדי ער זאָל ראַטעווען זיין לעבן נאָר כדי צו אָרגאַני־זירן דעם ווידערשטאַנד אין קראָקע. גאַנצע טעג זיינען מיר געלעגן אין די קעלערס, ביי די טויערן פון געטאָ און זיך גוט אָנגעהאָרעוועט ביז מיר האָבן געפונען אַ געלעגנהייט אים אַריבער צו פירן דעם מויער. דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע אין וואַרשע. עס זיינען דורך וואָכן און מאָנאַטן און מיר האָבן ניט אָנגעהויבן צו וויסן וועגן זיין גורל. ערשט נאָך אַ לאַנגער צייט איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז לאַבאַן איז בשלום צוריק געקומען קיין קראָקע, אַז אונדזערע חברים דאָרט האָבן אָנגע־הויבן מיט זייער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט און אַז זיי פאַרמאָגן שוין אויך געווער.

איך וויל דאָ דערציילן וואָס עס האָט באַדייט אַן ״אַקציע״: עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם, אַז די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן

פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג דורכן יודנראַט, אין וועלכער אַלע איינ־וווינער פון געטאָ זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן אויסצוואַנדערן קיין מזרח, חוץ יענע וואָס אַרבעטן ביי די דייטשן צי ביים יודנראַט, ווי אויך יענע וואָס זיינען פעאיִק צו טאָן אַ "פּראָדוקטיווע אַרבעט". אויך די קראַנקע וואָס ליגן אין די שפּיטעלער האָט מען באַפרייט פונעם אַריבער קלייבן זיך "קיין מזרח". אויפן ערשטן אָנבליק האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז דער באַפעל איז חל בלויז אויף אַ קליינעם טייל פון די וואַרשעווער יידן.

איך ווייס ניט צי האָט אדם טשערניאַקאָוו אַליין געגלייבט, אַז עס איז אַזוי, אָבער ס׳איז ניט אַדורך קיין טאָג און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די גזרה פון "אויסזידלונג" איז חל אויף דאָס רוב מענטשן וואָס געפינען זיך אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צוצושטעלן יעדן טאָג טויזנטער יידן — זקנים, פרויען און קינדער, אָבער דעמאָלט ווען ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אויסוועג און אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן — האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט נאָך ניט געוווסט, אַז "מזרח" מיינט טויט. זי האָט ניט געוואָלט גלייבן, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. חוץ דעם, האָבן די דייטשן פאַרשטאַנען, אין משך פון דער צייט וואָס די אַקציע האָט אָנגעהאַלטן — קרוב צו צוויי מאָנאַטן — ווי אַזוי אונטערצוהעצן איין ייד קעגן צווייטן. קודם האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי פירן אַרויס בלויז יענע, וואָס אַרבעטן ניט. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אַז איין חלק פון די געטאָ־יידן, דער חלק וואָס האָט געאַרבעט, האָט אָנגעהויבן זען אין צווייטן טייל, דעם וואָס אַרבעט ניט, אַ שונא און אין האַרצן תפילה געטאָן, אַז די ניט־אַרבעטנדיקע זאָלן זיך ניט אַרויסדרייען פון דער איבערזידלונג קיין מזרח און אַז מ׳זאָל זיי אַלע געפינען. אויב ניט, אויב עס וועט זיך זיי איינגעבן אַרויסצודרייען — וועלן זיי נעמען מיך, דעם וואָס אַרבעט נאָך דערווייל. שפּעטער האָבן די דייטשן געזאָגט, אַז אויך אויף די , וואָס אַרבעטן דאָ צי דאָרט, איז חל

דער באַפעל אַרויסגעטריבן צו ווערן פון וואַרשע. און ווידער איז געבליבן אַ טייל וואָס האָט זיך געפילט זיכער, ווייל ער איז באַשעפטיקט ביי אַזאַ אַרבעט, וואָס גיט אים דעם זכות צו בלייבן אין געטאָ. אַזוי האָט זיך די דייטשן איינגעגעבן פונאַנדערטיילן איין ייד פון צווייטן. יענע, וועלכע זיינען איבערגעבליבן פון דעם האַלבן מיליאָן יידן, וואָס האָט געלעבט אין וואַרשע, האָבן זיי איינגעטיילט צווישן עטלעכע געטאָס. די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען און יעדער שאָפּ צי אַרבעטס־פּלאַץ איז כמעט געוואָרן אַ געטאָ פאַר זיך, באַוואַכט פון אַ ספּעציעלער וואַך, און ס׳איז פאַרבאָטן געווען דאָס אַריין און אַרויסגיין פון אים. יעדער ייד האָט געמיינט: אין מיין געטאָ וועל איך שוין בלייבן לעבן.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרסמט דעם גייסט און פאַרדאָרבן דעם מענטשלעכן פּרצוף, האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט דער גרויסער הונגער. איז וואָס דער וואונדער, אַז יידן זיינען געגאַנגען וווהין מ׳האָט זיי געהייסן גיין?

אויך טאָר מען ניט אַוועקקוקן פון דער ביטערער פּרשה וואָס איר נאָמען איז: די יידישע פּאָליציי, די אַזוי גערופענע אָרדענונגס־דינסט. ס׳איז די דייטשן גאָר באַקוועם געווען צו שלאָגן און צו כאַפּן יידן מיט דער הילף פון די יידן אַליין. אָט ווי זיי פלעגן טאָן: די ערשטע צייט, וואָס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן, פלעגן בלויז די יידישע פּאָליציאַנטן כאַפּן יידן און זיי ברענגען צום אומשלאַגפּלאַץ, וואָס האָט באַדייט — אומקום. זיי האָבן עס געטאָן, ווייל די דייטשן האָבן צוגעזאָגט, אַז יעדער פּאָליציאַנט וועט דורך דעם ראַטעווען זיך און זיין משפּחה: די עלטערן, די פרוי און די קינדער, און זיי זיינען זיכער געווען, אַז אַזוי וועט געשען.

יענע, וואָס האָבן געדינט אין דער וואַרשעווער יידישער פּאָליציי, זיינען ס׳רוב געווען מענטשן מיט הויכער צי מיטעלער בילדונג, און זיי אַליין האָבן אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו געוועלטיקן איבערן לעבן און טויט פון זייערע ברידער כאילו זיי זיינען געגליכן צו

דער ס״ס, און וועלן אַליין קאָנען מאַכן אַ סדר. געוועז צווישן זיי אויך אַזעלכע וואָס האָבן אויפריכטיק געגלייבט, אַז אויב זיי אַליין וועלן דורכפירן די אומזידלונג — אַ באַגריף וואָס איז אויסן געווען צו פאַרשטעלן די אמתע כוונה: אומקום — וועלן די דייטשן ניט אַריין קומען אין געטאָ און דורך דעם פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונג און אפשר אַ דאַנק דעם וועט באמת נאָר אַ קליינע צאָל פאַרלאָזן די שטאָט און דאָס רוב וועט איבערבלייבן. גאַנץ אַנדערש וועט זיין ווען די דייטשן וועלן אַריין און זיך באַנוצן מיט געווער. דערפאַר האָבן זיי, די פּאָליציאַנטן, זיך באַמיט אויסצופירן זייער אַרבעט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. אָן אַזאַ מין געדאַנקען־גאַנג קאָן מען ניט פאַרשטיין ווי אַזוי,שוין אין די ערשטע שטאַפּלען פון דער אַקציע, האָבן די דייטשן באַוויזן צו געפינען און אַרויסצוטרייבן פון זייערע באַהעלטענישן די יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן. ניט קיין סך געטאָ־איינוווינער האָבן זיך איינגעשטעלט און באַהאַלטן, ווייל פון איין זייט האָבן די יידן ניט געגלייבט, אַז דאָס פאַרלאָזן דאָס געטאָ באַדייט אומקום, פון דער אַנדערער זייט איז ניט געווען קיין ספק, אַז ווער ס'וועט זיך אויסבאַהאַלטן און אַנטדעקט ווערן — ווערט דערהרגעט אויפן אָרט. די ווייניקע אָבער, וואָס האָבן פון דעסטוועגן זיך פאַרשטעקט, זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן נאָר צוליב דער פּאָליציי, ווייל די פּאָליציי האָט אַלץ געטאָן כדי צו פאַרפולן די קוואָטע, וואָס מ'האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. יעדן טאָג האָט זי געמוזט צושטעלן די דייטשן אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער יידן. שפּעטער איז באַשטימט געוואָרן, אַז יעדער פּאָליציאַנט מוז ברענגען אַ באַשטימטע צאָל יידן — זיין טאָג־טעגלעכע קוואָטע. און ער האָט דאָס פאַרפולט. און טייל מאָל אַפילו מער...

צו דעם מוז מען צוגעבן, אַז אין יענע טעג האָבן אָנגעהויבן אַריין צו קומען אין געטאָ בריוו פון פאַרשידענע מענטשן, וואָס די דייטשן האָבן געצוווּנגען צו שרייבן צו זייערע משפחות, אַז זיי געפינען זיך אין דער סביבה פון ביאַליסטאָק, צי מינסק, אין ווייס־רוסלאַנד, אַז זיי אַרבעטן

דאָרט און קריגן עסן און אָנטאָן און ס׳גייט זיי גוט און זיי לייגן פּאָר זייערע קרובים אויך אַהין צו קומען — וועט מען דורך דעם נאָך מער פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס פאָלק איז געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה. אין אָנהייב, ווי געזאָגט, איז די כּאַפּ־אַרבעט געטאָן געוואָרן נאָר דורך די יידישע פּאָליציאַנטן. מ׳האָט ניט געוואונען דעם, וואָס האָט געהאַט אַן אַרבעטס־שיין. ווער עס האָט געקאָנט זיך איינאָרדענען ביי אַן אַרבעט — האָט געאַרבעט און ווער ס׳האָט געקאָנט זיצן אין שטוב און ניט אַרויסגיין אין גאַס — איז געבליבן אין שטוב. און די גאַס, וואָס ערשט נעכטן האָט זי געראָיעט מיט מענטשן — איז ווי אויסגעשטאָרבן געוואָרן. אַ שטילקייט פון אַ בית־עלמין. נאָר די אויטאָס פון די דייטשן, זייער שיסן אין דער לופט, צי אויף מענטשן, האָבן צעריסן די שטילקייט. די יידישע פּאָליציאַנטן לויפן אַרום איבער דער גאַס מיט גרויסע וועגענער איינגעשפּאַנט אין פערד. די גאַס איז שטיל, נאָר דאָ און דאָרט שניידן דורך די לופט יאָמערלעכע קולות: די פּאָליציאַנטן שלאָגן, שלעפּן צו די וועגענער. עס הערן זיך געשרייען פון קינדער, וואָס ווערן אַוועקגעריסן פון זייערע מאַמעס, ווייל די מאַמע האָט אַ לעבנס־שיין און דאָס קינד — ניט, און געשרייען פון זקנים, וואָס ווייסן ניט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. פון דער ערשטער מינוט אָן איז קלאָר געווען, אַז דער גורל פון די זקנים און די קינדער איז אַ געחתמעטער. אויב עס וועלן נאָך בלייבן יונגע מענטשן צו אַרבעטן, זיינען די אַלטע און די קינדער פאַרמשפּט צום תיכּפדיקן טויט. זיי האָבן דאָס געפילט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. זיי האָבן געהאַט בלויז איין ברירה — צו שרייען, צו יאָמערן.

יעדן אָוונט, ווען די אַקציע פלעגט זיך אָפּשטעלן, זיינען די יידן אַרויס פון די לעכער און באַהעלטענישן און אַרויסגעקומען אין גאַס. זייער צאָל אָבער איז קלענער געוואָרן מיט יעדן טאָג. עס זיינען געבליבן ווייניק.

די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אין אָנהייב געמיינט, אַז דורך זייער

שענדלעכער אַרבעט וועלן זיי ראַטעווען זייערע משפּחות. נאָר ווען די צאָל יידן איז מיט יעדער וואָך וויניקער געוואָרן און מ׳האָט געדאַרפט צווישן די אויסגעזידלטע אַריין נעמען נאָך קאַטעגאָריעס — האָבן די דייטשן געזאָגט: אַ יידישער פּאָליציאַנט וועט ראַטעווען זיין פרוי און זיינע קינדער, אָבער זיינע עלטערן וועלן גיין אינאיינעם מיט אַלע יידן. און ס׳האָט טאַקע פּאַסירט, אַז אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט געפירט זיינע עלטערן צום טויט.

שפּעטער האָבן די דייטשן אָנגעווענדעט דעם מעטאָד פון "בלאָקאַדע" — דורכפירן אַ שפּערע אויף הייזער־בלאָקן. דאָס וואָרט אַליין "בלאָקאַדע" האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. ווען אַ סך באַוואָפנטע דייטשן האָבן בלאָקירט אַ גאַס, אין וועלכער ס׳זיינען געבליבן געציילטע יידן, צעקריגטע צווישן זיך, איינזאַמע, פּנים־אל־פּנים מיטן טויט — וואָס האָבן דען די יידן געקאָנט אויפטאָן קעגן אַזאַ כּוח, קעגן אַזאַ טעראָר? קעגן אַזאַ סאַדיזם?

אויף אַזאַ אופן האָט זיך די דייטשן איינגעגעבן זייער טייוולאָנישער פּלאַן: זיי האָבן אָנגערייצט איין ייד קעגן דעם צווייטן, די פּראָדוקטיווע אַנטקעגן געשטעלט די ניט־פּראָדוקטיווע, און די יידן האָבן געגלייבט די דייטשן. זיי האָבן געגלייבט ווייל ס׳איז שרעקלעך געווען צו טראַכטן, אַז דאָס וואָס מיר זאָגן — איז אמת, ס׳איז טאַקע שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ יישוב וואָס ציילט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן וועט מען אַרויספירן צום טויט.

יעדער ייד האָט געגלייבט, אַז קריגנדיק אַן אַרבעטס־שיין ראַטעוועט ער זיך פון גירוש, און זיך געפילט גליקלעך. ווען מען ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַקומען אַ שיין, ווייל דער פרייז איז העכער געוואָרן מיט יעדן טאָג — האָט זיך געפילט אומגליקלעך. סיי יענע און סיי די האָבן זיך ניט משער געווען אַז איין גורל וואַרט אויף אַלעמען: אויפן אַרבעטער און אויפן ניט־אַרבעטער, אויפן רייכן צי אויפן אָרעמאַן.

דעוויל האָט מען טאָג פאַר טאָג אַרויס געשלעפּט יידן. קודם גענומען

יתומים־קינדער, שפּעטער — געכאַפּט פּליטים. אין המשך פון דער אַקציע האָט מען אַרויס געפירט נאָר די וואָס אַרבעטן ניט און צום סוף אויך די וואָס אַרבעטן. די וואַרשעווער גאַסן, וואָס האָבן שטענדיק געשוויבלט מיט מענטשן, האָבן זיך אויסגעליידיקט. אַ שטילשווייגן איז אַראָפּ אויפן געטאָ. אין דער פרי פלעגט מען לויפן גיך צו דער אַרבעט, כדי זיך ניט אַרום צו דרייען אויף דער גאַס. פון מאָל צו מאָל איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן, אַ יללה האָט צעשניטן די לופט. דאָס זיינען געווען די ייאוש־געשרייען פון פרויען און קינדער, וואָס מ׳האָט געכאַפּט און אַריין געוואָרפן אין די וועגענער אויפן וועג צום אומשלאַגפּלאַץ. דאָרט פלעגט מען זיי אויפלאָדן אויף וואַגאָנעס, וואָס זיינען געפאָרן קיין מזרח. מיר פלעגן אַרום לויפן ווי משוגע פון זיצונג צו זיצונג און ניט איין מאָל געוואָלט אַרויפקלעטערן אויף די וועגענער און אויך אַוועקפאָרן, פאָרן אינאיינעם מיט אַלע יידן, אין זייער לעצטן וועג.

אין ערשטן טאָג פון דער אַקציע אין וואַרשע האָבן מיר צונויפגערופן אַ זיצונג פון די פּאַרטייען און פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין געטאָ. צו דער זיצונג זיינען געקומען פון די בעסטע מענטשן פון צווישן דעם האַלב־מיליאָניקן יידישן יישוב, וואָס איז דעמאָלט געווען אין וואַרשע און אַוועקגעשטעלט די פראַגע: אמת, מיר האָבן נאָך ניט קיין געווער. מיר פאַרמאָגן בלויז צוויי רעוואָלווערס, אָבער קעגן אונדז שטייט בלויז די יידישע פּאָליציי און אויך זיי האָבן ניט קיין געווער. קאָנען מיר אַזוי אַרום אַרויסגיין קעגן זיי מיט שטעקנס און ניט צולאָזן, אַז זיי זאָלן דורכפירן זייער אַרבעט. צווישן די פאַרבעטענע אויף דער זיצונג זיינען געווען פאַרשידענע מענטשן. אַ טייל וואָס האָבן געגלייבט, אַז ס׳איז נאָך ניט געחתמעט דער גזר קעגן אַלע יידן, און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן צוליב שוואַכקייט ניט געוואָלט גלייבן אין דער אומפאַר־מיידלעכקייט פון אומקום: ״ס׳קאָן דאָך ניט זיין, אַז אין וואַרשע — אין הארץ פון אייראָפּע — וועט מען אָפּטאָן אַזאַ גרויל״. סיי יענע, סיי די

האָבן דערציילט: "ערשט נעכטן זיינען מיר געווען אין יודנראַט; מיר האָבן אויך געהערט פון אַ קאָמפּעטענטן דייטשן מקור, אַז די אַקציע איז געווענדעט בלויז קעגן פופציק טויזנט, אפשר זיבעציק טויזנט, און די שוואַרצזעער האָבן גערעדט וועגן הונדערט טויזנט. אין אַ וואָך, צוויי וואָכן אַרום וועט זיך די אַקציע אָפּשטעלן. דאָס רוב באַפעלקערונג וועט בלייבן. אויב איר וועט זיך אַרויסלאָזן אין קאַמף מיט די יידישע פּאָליציאַנטן וועט איר ברענגען צו דעם, אַז די דייטשן זאָלן זיך אַריין רייסן אין געטאָ און זיי וועלן שוין ניט מאַכן קיין סעלעקציע, נאָר נעמען וועד עס אַרבעט יאָ, צי אַרבעט ניט, און אַלעמען טויטן. איר האָט ניט דאָס רעכט צו נעמען אויף אייער געוויסן דאָס לעבן פון הונדערטער טויזנטער מענטשן." און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט: "ס'קאָן זיין, אַז זיי וועלן אַרויספירן אויך מער ווי זיבעציק טויזנט, אָבער ס'איז קלאָר און זיכער, אַז די יונגע וואָס אַרבעטן ביי די דייטשן, וועלן בלייבן, ווייל זיי נויטיקן זיך אין זיי."

די דייטשן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי דאַרפן באמת די יידישע אַרבעטער. עטלעכע וואָכן איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע, איז די דייטשע פּרעסע פול געווען מיט אַרטיקלען, וואָס האָבן דערציילט ווי אַזוי מ'האָט דעם יידישן יישוב, וועלכער האָט שטענדיק געלעבט אויף מסחר און מעקלעריי — פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָדוקטיוון עלעמענט, ווי אַזוי די יידן אַרבעטן און העלפן צו דעם נצחון פון די דייטשן. די אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אין אַזאַ גייסט גלייך מ'וואָלט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן דאָס פירן די מלחמה אָן דער יידישער הילף. אויף דער זיצונג זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געטענהט, אַז אַזוי ווי די דייטשן האָבן פאַרלאָרן אויף די פראָנטן אין אייראָפּע אַ סך זעלנער, פעלן זיי אויף אָן אמת אויס מענטשן צו דער אַרבעט. איינער אַ "ראַדיקאַלער" האָט אַזוי באַגרינדעט זיין קעגנערשאַפט צו אונדזער פאָרשלאָג: "אין די שאָפּן פון די דייטשן אַרבעטן טויזנטער יידישע אַרבעטער. די דאָזיקע פּראָלעטאַריער וועלן בלייבן לעבן און מיר טאָרן

זיי ניט שטעלן אין סכנה. מיר קאָנען ניט ראַטעווען די יידן וואָס זיינען פאַרמשפּט צום טויט, אָבער אונדזער ווידערשטאַנד קעגן דער אַקציע איז עלול צו ברענגען דעם טויט אויף טויזנטער אַנדערע יידן, וואָס וואָלטן געבליבן לעבן", און איינער אַ טייערער ייד פון די אגודת־ישראל־מענטשן האָט אונדז געזאָגט: "מיר מוזן אויפנעמען באהבה דעם ווילן פון אויבערשטן ברוך־הוא. ה׳ נתן וה׳ לקח, יהי שם ה׳ מבורך."
די זיצונגען האָבן אָנגעהאַלטן שעהען און טעג און אויך די אַקציע האָט אָנגעהאַלטן און די צאָל יידן אין געטאָ איז אַלץ קלענער געוואָרן. ס׳איז אונדז זייער שווער אָנגעקומען צו באַשליסן אויף אייגענעם באַראָט.
איך געדענק וואָס עס האָט אונדז געזאָגט אַ ייד ועמען איך שאַץ זייער — דער דירעקטאָר פון דזשאָינט — יצחק גיטערמאַן. פאַר דער אַקציע, ווען אַ סך האָבן ניט געוואָלט גלייבן אין ביטערן גורל וואָס דערוואַרט אונדז, איז ער געווען צווישן די איינצעלנע וועלכע האָבן אונדז פאַרשטאַנען און אונטערשטיצט (אַזוי אויך דניאל דוד גוזיק, דער צווייטער דירעקטאָר פון דזשאָינט, אַ האַרציקער ייד, וואָס איז עטלעכע מאָל געזעסן אין אַרעסט ביי די דייטשן צוליב זיין טעטיקייט אין געבן הילף זיינע ברידער יידן). אַפילו גיטערמאַן, אַ קלוגער ייד, וואָס האָט געקאָנט געבן עצות און לייזן שווערע פּראָבלעמען, אויך ער האָט אונדז אויף אָט די זיצונגען געזאָגט: "אויב איר וועט טאָן ווי איר האָט געזאָגט און זיך ניט רעכענען מיט אונדזער מיינונג — זאָלט איר וויסן, אַז איר וועט טראָגן די אחריות פאַר די שווערע רעזולטאַטן. די געשיכטע פון אונדזער פאָלק וועט אייך ניט מוחל זיין."
צווישן די באַטייליקטע אויף די זיצונגען זיינען מיר, די חלוצישע יוגנט, געווען אין דער מינדערהייט. מיר זיינען געווען בלויז אַ קליינער טייל צווישן די אָנוועזנדיקע. מיר האָבן געוואָלט האַנדלען מיט דער הסכמה פון דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט און ניט קעגן איר. נאָך אַ סך זיצונגען אָבער, ווען מיר האָבן געזען, אַז קיינער טוט ניט גאָרניט, האָבן מיר צונויפגערופן אַן ענגערע באַראַטונג, בלויז פון די אַרבעטער־

פּאַרטייען. אויף דער זיצונג האָט זיך שוין דער בונד ניט אַנטקעגן געשטעלט צו דער זעלבסטשטענדיקער פּאַרטיידיקונג, כאָטש אויך דאָס מאָל האָבן זיינע וואָרטפירער נאָך ניט געגלייבט, אַז עס וואַרט אויף אונדז אַ טאָטאַלע ליקווידאַציע. אין סאַמע מיטן פון דער אַקציע האָט דער בונד אַרויסגעשיקט אַ מענטש קיין טרעבלינקע, כדי אויסצופאָרשן צי פירן טאַקע די באַנען אַהין, און צי באַדייט דאָס טאַקע — טויט. עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג און דער שליח איז צוריק געקומען און האָט באַשטעטיקט, אַז טרעבלינקע איז דער טייטש — טויט. אונדזערע שליחים האָבן דאָס שוין פון לאַנג געהאַט געזאָגט. מיר האָבן דעם דאָזיקן פאַקט געוווּסט גלייך מיטן אָנהייב פון דער אַקציע און וועגן דעם איבערגעגעבן די באַטייליקטע אויף די אומצאָליקע זיצונגען, צו די פאָרשטייער פון די פּאַרטייען און באַוועגונגען.
איצט האָט אויך דער בונד זיך שוין איבערצייגט, אַז מ׳מוז זיך צוגרייטן צו פּאַרטיידיקונג. זייער פאָרשטייער איז געקומען צו דער זיצונג אינאיינעם מיט אַ מיטגליד פון פּפּ״ס (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך ער איז אַ ייד), אין וועלכן מיר האָבן געזען דעם פאָרשטייער פון דער פּוילישער אונטערערד. אָט דער מענטש האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז ער קערט זיך אום צו דער אַרישער זייט און וועט זיך באַמיען צו קריגן געווער. ער האָט אַפילו געוואָרנט דעם יודנראַט און די יידישע פּאָליציי, אין נאָמען פון דער פּוילישער אונטערערדישער אַרמיי, אַז זיי זאָלן ניט מיטאַרבעטן מיט די דייטשן און אויפהערן מיט זייער שענדלעכער טעטיקייט קעגן זייערע ברידער. מיר האָבן געמיינט, אַז אָט הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה און פון ס׳ניי געוואַרט אויף דער הילף פון דער פּוילישער אונטערערד, אויפן סמך פון די הבטחות פון דעם פּפּ״ס־פאָר־שטייער, אָבער אומזיסט. דערווייל לויפן די טעג, טעג פון וואַרטן און האָפענונג, און יידן ווערן פאַרטריבן מאַסנווייז. קיין שום הילף איז ניט געקומען פון דער אַרישער זייט. ווידער האָבן מיר דערפילט די שרעקלעכע איינזאַמקייט — איינזאַמע, אַליין אויף דער וועלט.

אויך די מיטגלידער פון דער באַוועגונג, וואָס האָבן ניט געוווּסט וועגן די אַלע זיצונגען און וועגן אונדזערע אינערלעכע ראַנגלענישן, האָבן אָנגעהויבן זיך צו בייזערן פאַרוואָס מיר טוען גאָרניט. קיינער האָט אויך ניט געוווּסט וואָס מ׳דאַרף אייגנטלעך טאָן, בשעת די דייטשן זיינען שטאַרק און באַוואָפנט און מיר — פאַרמאָגן בלויז צוויי רעוואָלווערס.

דאָס אויפשטעלן פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך געהאַט מייאש געווען פון דער יידישער עפנטלעכקייט און פון דעם גלייכגילט מצד דער פוילישער אונטערערד, זיינען מיר זיך צונויפגעקומען, אַ קליינע צאָל חברים, בלויז פון דער חלוצישער באַוועגונג, און אויפגעשטעלט די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז שפּעטער אין פּוילן און אויף דער גאַנצער וועלט באַקאַנט געוואָרן אונטער איר פּוילישן נאָמען זש.אָ.ב., די ראשי־תבות פון ״זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ״.

דאָס איז געשען דעם 28־טן יולי 1942, בלויז איין וואָך נאָך דעם ווי די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן. ביי די פופציק טויזנט יידן האָבן שוין דעמאָלט געפונען זייער טויט אין טרעבלינקע.

אויף דער דאָזיקער זיצונג זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געטענהט: וואָס קאָנען מיר אויפטאָן? קיין געווער האָבן מיר ניט, די יידישע מאַסן און זייערע אָנפירער טראָגן זיך נאָך אַרום מיט פאַלשע אילוזיעס — און זיינען קעגן אונדז; אויף די פּוילישע אונטערערד לייגט אויף אונדז ניט קיין אַכט. לאָמיר־זשע טאָן וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך אויף צו ראַטעווען מענטשן. לאָמיר פּרוּוון אַרויספירן די וואַרשעווער יידן אויף אַנדערע פּונקטן וואָס זיינען דערווייל שטיל. וועלן מיר זען וואָס וועט געשען.

מיר האָבן ניט אָנגענומען די דעה. מיר האָבן געזאָגט: וויפל וועלן מיר אויף אַזאַ אופן קאָנען ראַטעווען? געציילטע; צי האָט עס אַ זין זיך אָפּצוגעבן מיט ראַטעווען געציילטע ווען מיליאָנען גייען צום אומקום? ניין! איין גורל איז באַשטימט פאַר אונדז אַלעמען און מיר מוזן בלייבן מיט די יידן ביזן סוף, און דער עיקר — מ׳מוז ווידער פּרוּוון צו אָרגאַני־זירן דעם ווידערשטאַנד. צו יענער צייט איז אונדז שוין געווען אין גאַנצן

קלאָר, אַז אויב מיר וועלן גאָרניט טאָן, וועט דאָס גאַנצע פאָלק אויס־געהרגעט ווערן און ניט לאָזן הערן פון זיך אַ קול פון ווידערשטאַנד. אָט דער באַוווּסטזיין האָט אונדז אַריין געגעבן אַ נייעם כוח צו פּרווון נאָך אַ מאָל, און ניט נעמען זיך אַליין דאָס לעבן.

אויף דער דאָזיקער זיצונג איז געפאַלן די אַנטשיידונג. מיר האָבן אויף זיך גענומען די אחריות, מיר, די יונגע.

מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה וואָס פּאַר אַ נאָמען צו געבן דער אָרגאַניזאַציע. דורך אים געוואָלט אויסדריקן דעם תמצית פון אונדזער שטרעבן — אַ נאָמען וואָס זאָל ווערן אַ סימבאָל. געווען פאָרשלאָגן: "ציוניסטישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע", "חלוצישע קאַמף־אָרגאַני־זאַציע", א.א. צו לעצט איז באַשלאָסן געוואָרן: "יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע".

מיטן אויפשטעלן פון דער אָרגאַניזאַציע און מיטן באַשטימען איר נאָמען, האָבן מיר געפילט, אַז ס'האָט זיך געענדיקט אונדזער קוווענקלען זיך. ס'איז געווען אַ מין ציען־אַן־אונטערשטע שורה אויף אַלע ספקות וואָס האָבן אונדז אַזאַ לאַנגע צייט געמאַטערט. איצט האָבן מיר געוווּסט, אַז מ'קאָן זיך מער ניט פאַרלאָזן אויף דער הילף פון די געזעל־שאַפטלעכע טוער און אָנפירער, נאָר מיר מוזן מיט די אייגענע כוחות אָנהייבן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אָן קיין שום קאָמפּראָמיסן. ס'איז נאָך, פאַרשטייט זיך, געבליבן צו לייזן די פראַגע מכוח דעם אופן פון פירן די מלחמה, ווי אַזוי צו קעמפן, אָבער נאָך אַלע באַטראַכטונגען זיינען מיר צו קיין גרויסע רעזולטאַטן ניט דערגאַנגען, האָבן מיר דאָך פאַרמאָגט בלויז צוויי רעוואָלווערס.

אַלע האָבן מיר זיך איינגעשפּאַנט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט. דער ערשטער אויפטו איז געווען די אויפקלערונג־אַרבעט. מיר האָבן אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף כדי אים צו פאַרשפּרייטן אין די גאַסן און צעקלעפּט פּלאַקאַטן אויף די הייזער־ווענט. מיר האָבן דערקלערט און געוואָרנט: "יידן, זייט וויסן — גירוש איז טייטש

טרעבלינקע, און טרעבלינקע מיינט — טויט. פאַרלאָזט זיך ניט אויף די אַרבעטס־שיינען, באַהאַלט די קינדער און די זקנים, די יונגע ווידער דאַרפן זיך אַנטקעגן שטעלן מיט וואָס זיי קאָנען נאָר. לאָמיר, לכל הפחות, שווערער מאַכן די אַרבעט פאַר די רוצחים. לאָמיר ניט מורא האָבן, אַז מ׳וועט אונדז כאַפּן און שיסן. בעסער צו שטאַרבן דורך אַ קויל אין געטאָ, איידער דער טויט אין טרעבלינקע!״
גלייכצייטיק האָבן מיר אויך ניט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד. געוווּסט, אַז אויך ער איז וויכטיק, ווייל אויך ווער עס באַהאַלט זיך אויס מאַכט שווערער פאַר די דייטשן די אַרבעט. ס׳וועט זיי שוין ווידער ניט אַזוי גרינג אָנקומען צו כאַפּן מענטשן אין די גאַסן ווי ביז איצט. און טאַקע — פון איצט אָן האָבן די דייטשן און זייערע משרתים געמוזט אַריין דרינגען אין יעדן הויז און זוכן זייערע קרבנות אין די באַהעלטענישן.
אונדזער צווייטער אויפטו איז געווען — דאָס אַרויסשיקן חברים אויף דער אַרישער זייט, כדי צו זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אונטער־ערד־גרופּעס און צו שאַפן געווער. פרומקע און די יונגע פאַרבינדלערין חוקע פּאָלמאַן פון דרור, טאָסיע אַלטמאַן און אריה ווילנער פון השומר־הצעיר האָבן געזאָלט גלייך אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט. מרדכי טענענבוים האָט געקראָגן אַ ספּעציעלע מיסיע: צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון אונדזערע חברים אויף דער פאַרם אין דער פאָרשטאָט טשערניאַקאָוו. צו זיי איז צוגעקומען לאה פּערלשטיין, די סעקרעטאַרין פון דער קיבוץ־הכשרה אין טשערניאַקאָוו.
אין יענע טעג האָבן די דייטשן אַרויסגענומען די יידן פון באַשטימטע גאַסן און, אַזוי ווי ס׳איז דאָרט איבערגעבליבן אַ גרויס פאַרמעגן פון די אַרויסגעשיקטע יידן, פלעגט קומען די ״בריגאַדע״ צונויפגעשטעלט פון יידן אונטער דייטשער אויפזיכט — די ״ווערט־ערפאַססונג״, אויפ־קלייבן דאָס פאַרמעגן און עס סאָרטירן. די דייטשן האָבן זיך אויך גוט אָריענטירט אינעם ווערט פון די יידישע ספרים און זיי פלעגן צונויפ־

נעמען ספר־תורהס און אַנדערע ספרים. אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין פולסטער "דייטשער אָרדענונג". ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיי אַ סך מיטגעהאָלפן יידישע וויסנשאַפטלער, וואָס פלעגן סאָרטירן די ביכער לויט זייער אינהאַלט.

ווי אַן ענטפער אויף דעם האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין די נעכט, צי אַפילו בייטאָג, דורכגעגאַנגען די גאַסן און אונטערגעצונדן די מעבל־לאַגערן און די קאַסטנס מיטן רויב, כדי זיי זאָלן ניט אַריין פאַלן אין די הענט פון די דייטשן.

מיר האָבן אויך באַשלאָסן פאַרברענען הייזער, פון וועלכע די יידן זיינען אַרויס. געוואָלט פאַרניכטן דאָס יידישע פאַרמעגן, כדי די מערדער זאָלן דערפון ניט הנאה האָבן. מיר האָבן באַשלאָסן צו טויטן דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, שערינסקי, וועלכער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער אַקציע. יוזעף שערינסקי, אַ משומד, מיט הויכער בילדונג, איז געווען אַן אַמאָליקער אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי, נאָך פון פאַר דער מלחמה, און נאָכהער אין דער פּוילישער פּאָליציי. די אויפגאַבע צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף אים איז געפאַלן אויף ישראל קאַנאַל, אַ מיטגליד פון דער עקיבא־באַוועגונג. ביז צום גירוש איז קאַנאַל געווען אין דער יידישער פּאָליציי, צו וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן ווי אַ שליח פון זיין באַוועגונג. ביים אָנפאַנג פון דער אַקציע האָט ער דעזערטירט פון דער פּאָליציי און זיך אָנגעשלאָסן אָן די רייען פון די קעמפער, נאָך ביים אָנהייב וועג. ער האָט גוט געקענט די הייזער־בלאָקן וואָס זיינען באַשטימט געווען, בשעת דער אַקציע, פאַר די יידישע פּאָליציאַנטן, זייערע אַריינגענג און די וואָס דאַרפן דאָרטן האַלטן וואַך. ער האָט פון ס'ניי אָנגעטאָן דאָס פּאָליציי־היטל, דאָס מאָל כדי אויסצופירן דעם פסק־דין איבער שערינסקין.

אונדזער ערשטן באַוואָפנטן טאַט האָבן מיר — אַזוי אַרום — געזאָלט אָנהייבן מיטן אַוועקלייגן אַ תושב פון געטאָ. און כאָטש עס וועט אויסזען מאָדנע, האָבן מיר אַנדערש ניט געקאָנט טאָן. דורכן הרגענען

דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט געוואָלט אָפּמעקן דעם שאַנדפלעק, אַז יידן פירן מיט אייגענע הענט זייערע ברידער צו דער שחיטה. מיר האָבן געוווּסט, אַז אָט די שענדלעכע כנופיה פאַרשטייט ניט קיין אַנדער שפּראַך חוץ דער שפּראַך פון רעוואָלווער, און אויב מיר ווילן עפּעס דערגרייכן, מוזן מיר קודם־כל אָפּרייניקן די אַטמאָספער. און דער עיקר, עס איז וויכטיק די יידן זאָלן דערפילן, אַז אין געטאָ איז דאָ נאָך אַן אַנדער כוח און מאַכטאָרגאַן חוץ דעם יודנראַט און דער יידישער פּאָליציי. דער אַטענטאַט אויף שערינסקי איז אויסן געווען איינצו־האַמעווען זיינע אונטערגעאָרדנטע און אָנוואַרפן אויף זיי אַ שרעק.
איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן יענעם אָוונט פון 20־טן אויגוסט אין וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער טעטיקייט. מיר זיינען אַרויס פון דזיעלנע 34. די גאַס און די אַרומיקע גאַסן זיינען שוין געווען אויסגע־ליידיקט פון יידן. די דייטשן האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אין דעם הויף, נאָענט צו דער פּאַוויאַק־טורמע, געפינט זיך דער שטאַב פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.
מיר האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזט גרופּעוויז. טייל אויף אונטערצוציינדן הייזער, ווי ס׳איז דערמאָנט געוואָרן פריער, מיט אַ בינטל צינדשטאָף אין האַנט. אַנדערע צו צעקלעפּן פּלאַקאַטן און איינער פון אונדז — איז געגאַנגען הרגענען שערינסקין. מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ זיינען מיר אַרויס אין גאַס, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן צי ס׳ווייזט זיך ניט קיין דייטש, אַ פּאַליאַק צי אַ יידישער פּאָליציאַנט. פאָרזיכטיק האָבן מיר זיך געשלייכט אין שאָטן פון די הייזער און ווען מיר זיינען צוגעקומען צום ״אויסגעבענקטן״ ציל, אונטערגעלייגט דעם צינד־מאַטעריאַל און אונטערגעצונדן דאָס הויז. דער צופאַל האָט געוואָלט און דאָס הויז האָט ניט אָנגעהויבן צו ברענען. האָבן מיר אָנגעהויפט מאַטראַצן, מעבל און אַלץ וואָס איז ברענבאַר אויף איין הויפן און ווידער אָנגעצונדן. סוף־סוף האָט זיך אונדז איינגעגעבן. דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט און ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע שרפה און פייער־צונגען האָבן געטאַנצט און

זיך געריסן אין דער הויך — ווי האָט דאָס האַרץ זיך געטאָן פרייען! אין אָט די פלאַמען האָבן מיר געזען אַ סימבאָל פון דעם נקמה־פלאַם, וואָס פלאַקערט אין אונדזער האַרץ, אַ סימן פון אַ ממשותדיקן יידישן ווידער־שטאַנד צו וועלכן מיר האָבן אַזוי געגאַרט.

אויף די פלאַקאַטן האָט מען אויסגעקלעפּט — פלאַקאַטן מיט דער אונטערשריפט פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געענדיקט אונדזער אַרבעט און איינציקווייז זיך ווידער צונויפגעקליבן אויף דער דזיעלנע גאַס. מיר זיינען אַלע צוריק געקומען גאַנצע, ניט געווען קיין אבדות, בלויז איינער האָט געפעלט — ישראל קאַנאַל. מיר האָבן געציטערט פאַר זיין גורל: צי וועט זיך אים איינגעבן צו אַנט־לויפן, אָדער מ׳וועט אים גאָר כאַפּן? ווי מיר זיצן אַזוי פאַרדאגהטע, הערן מיר דעם אָפּגעשמועסטן פייף. ישראל קומט! אַ מינוט זיינען מיר געשטאַנען מיט אַן אָפּגענומען לשון. זיין פּנים איז געווען גלייכגילטיק, גלייך ס׳וואָלט גאָרניט ניט פּאַסירט. אפשר האָט ער געהאַט אַ ספק, חרטה געקראָגן — איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק — און ער האָט ניט אויסגעפירט דעם אַטענטאַט? מיר האָבן געוווסט וועגן זיינע קווענקלענישן און וועגן די מחשבות וואָס האָבן אים געמאַטערט: ער מוז הרגענען אַ מענטש! דאָס איז דאָך געווען אונדזער ערשטער שאָס! מיר שטייען נאָך צעמישטע און אָט לאָזט ישראל פאַלן שטיל איין וואָרט: ״בסדר״. ס׳איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ.

שפּעטער האָט ער דערציילט, אַז ער האָט איין שאָס אָפּגעגעבן אויף שערינסקין. ווען ער האָט געוואָלט שיסן נאָך אַ מאָל האָט זיך דער רעוואָלווער פאַרהאַקט, די קויל איז ניט אַרויס. דער שאָס האָט אויפ־געוועקט די יידישע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן אים תיכף אַרום געריגלט און געוואָלט כאַפּן, אָבער מיט זיין קאַליע־געוואָרענעם רעוואָלווער האָט ער געדראָט יעדן וואָס האָט געפּרוווט צו אים צוקומען, אַז ער שיסט אים אויפן אָרט. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך דערשראָקן און ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן און אַ היים קומען. אַזוי ווי ער איז

אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון געטאָ־טויער אויף די נאַלעווקי גאַס, האָט שפּעטער זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער, וואָס האָט געמאַכט דעם אַטענטאַט, איז אַ פּאָליאַק וואָס איז אַריין אין געטאָ אין שליחות פון דער פּוילישער, סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

יענעם אָוונט איז געווען אַ גרויסע שמחה אויף דזיעלנע, און די שמחה איז געוואָרן פאַרפולט ווען אַלאַרם־סירענעס האָבן פּלוצעם צעשניטן די שטילקייט פון דער נאַכט און גלייך נאָך דעם האָט אויפגעהודיעט אַ דונער פון אויפרייסן אין דער לופט: די סאָוויעטישע אַוויאַציע האָט צום ערשטן מאָל באָמבאַרדירט וואַרשע. אויך אין דעם האָבן מיר געוואָלט זען אַ סימבאָל: די פייער־צונגען פון געטאָ האָבן זיך געצינגלט אין דער הייך און זיינען דערגאַנגען ביז צו אונדזערע פאַרבינדעטע.

נאָכן יום־טוב אָבער זיינען ווידער אונדז באַפאַלן גראָע טעג. די וואַרשעווער יידן האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַר די פּלאַקאַטן און פאַר די שרפות און זיי האָבן געזאָגט: ניט אַנדערש נאָר דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע פון די דייטשן, וואָס ווילן ברענגען אַן אומגליק אויפן רעשט יידן פון וואַרשע. אונדזערע חברים און חברטעס זיינען נאָכן אויספירן די אויפגאַבן צוריק געקומען אַ היים און טרערן זיינען געשטאַנען אין זייערע אויגן — בשעתן פאַרטיילן די אויפרופן האָבן יידן זיי געכאַפּט און געשלאָגן. אַן ענלעכע זאַך איז פאָרגעקומען מיט אַ חודש פריער, ווען די אַקציע אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן. דער אַטענטאַט אויף שערינסקין איז דווקא געפעלן געוואָרן דער יידישער באַפעלקערונג, אָבער דעם טאַט גופא האָבן זיי צוגעשריבן דער פפ״ס. ניט געגלייבט, אַז יידן זיינען פעאיק דאָס צו טאָן. דאָס האַרץ האָט וויי געטאָן ווען די יידן אַליין האָבן אַראָפּגעריסן די פּלאַקאַטן פון די ווענט, פּלאַקאַטן וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי אָפּגעדרוקט און זיך איינגע־שטעלט דאָס לעבן ביים אויפקלעפּן זיי.

נאָך באַדויערן מיר און עס טוט אונדז נאָך וויי די רעאַקציע פון אונדזערע יידישע ברידער, איז דערווייל צו אונדז דערגאַנגען אַ שטיקל

טרייסט פון דער אַרישער זייט. די חברים, וועלכע זיינען אָנגעקומען אַהין, האָבן איבערגעגעבן, אַז ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן צו שאַפן אַ ביסל געווער: 8 גראַנאַטן, 5 רעוואָלווערס און בקרוב וועלן זיי דאָס געווער אַריין ברענגען אין געטאָ. דאָס געווער האָבן מיר געקויפט פאַר אונדזער געלט און מיט דער הילף פון די פוילישע קאָמוניסטן. חוץ דעם האָבן זיי צוגעזאָגט צו העלפן די יידן וואָס וועלן אַרויסגיין אין די וועלדער צו דער פאַרטיזאַנישער מלחמה. אויך האָבן אונדז די חברים איבערגעגעבן, אַז עס איז באַוויזן געוואָרן צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט די מיטגלידער פון דער אַרמיאַ קראַיאָווע, אָבער יענע טענהן, אַז זיי האָבן ניט קיין געווער און קאָנען אונדז ניט העלפן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין דער סאַמע מיטן פון דער אַקציע, ווען די מויערן פון געטאָ זיינען געווען אַרום גערינגלט, געוויינטלעך, דורך דייטשן און פוילישע פּאָליציאַנטן, האָט זיך אונדזערע חברים איינגעגעבן אַריין צו שמוגלען דאָס געווער. עטלעכע חברים האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען, צווישן זיי פרומקע און אריה ווילנער. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ יידישער אַרבעטס־קאָלאָנע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרישער זייט אין געטאָ אַריין. נאָך געפינענדיק זיך צווישן די פּאָליאַקן האָבן זיי אָנגעטאָן אויף זיך די אָפּאַסקע. אין אַ טאָרבע, וואָס איז געווען פול מיט קאַרטאָפל, האָט פרומקע אַריין געלייגט די גראַנאַטן. אריה איז איר נאָכגעגאַנגען. ביים טויער האָט מען גענוי אונטערזוכט. פון איינעם, וואָס איז געגאַנגען פאַר איר — אַרויסגעשיט די קאַרטאָפל אויפן טראָטואַר. פרומקע האָט געוווסט, אַז זי האָט מער גאָרניט אָנצוווערן און זיך ניט אָפּגעשראָקן. מ׳האָט געזוכט אין איר טאָרבע, אָבער ווי דורך אַ נס האָבן זיי זיך באַנוגנט אַרום צו טאַפּן פון אויבן און זי איז בשלום דורכגעגאַנגען, האַלטנדיק דאָס געווער אין איר טאָרבע.

דער שטאַב פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט און אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן, לויט וועלכן מיר האָבן זיך געזאָלט באַהאַלטן גרופּעוויז אין די קאָרידאָרן פון

באַשטימטע הייזער אין די הויפּט־גאַסן, דאָרט וווּ די דייטשן פלעגן פאַרביי מאַרשירן און אַריין אין געטאָ, כּדי ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַקציע. די דאָזיקער לויערנדיקע גרופּעס האָבן געזאָלט אָנפאַלן אויף די דייטשן פון הינטן אַרום, וואַרפן גראַנאַטן און שיסן אויף זיי פון אונדזיירע רעוואָלווערס; אַנדערע האָבן געקראָגן די אויפגאַבע אויס־צונוצן די מהומה, וואָס ס׳וועט אויסברעכן צווישן די דייטשן און זייער אַנטוואָפענען פון זייער געווער. מיט דעם געווער, וואָס וועט אַריין פאַלן אין אונדזערע הענט, האָבן מיר געזאָלט אָנהייבן אונדזער פאַר־צווייפלטע מלחמה.

אַן אַנדער פונקט פון אונדזער פּלאַן איז געווען אַריבער צו פירן גרופּעס יוגנטלעכע אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. כאָטש דער הויפּטציל אונדזערער איז געווען צו קעמפן צוזאַמען מיטן פאָלק, צווישן די געטאָ־מויערן, האָבן מיר געוואָלט אַ טייל פון אונדזערע כּוחות אַוועקשיקן אין וואַלד, ווייל די צאָל יוגנטלעכע איז געווען גרויס און געווער — ווינציק.

די מענטשן, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט אין די וועלדער אין די טעג פון דער אַקציע, האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די שפּאַלטן און שפּאַרעס פון דעם געטאָ־מויער, וואָס איז געווען אין גאַנצן אַרום געשטעלט דורך אַ געדיכטער קייט פון דייטשע חיילות און זייערע מיטהעלפער די פּאָליאַקן, אוקראַינער און ליטווינער. יענע, וואָס דער מזל האָט זיי צוגעשפּילט און טראָץ אַלעמען, אָנגעקומען אויף דער אַרישער זייט, זיינען אויסגעשטעלט געווען צו סכּנות־נפשות בשעת זיי האָבן דורכ־געקווערט די אַרישע גאַסן כּדי אָנצוקומען צו דער באַן־סטאַציע. אויך נאָך דעם ווי זיי זיינען אַדורך אַלע מדורי גיהינום און האָבן זיך דורכ־געשטופּט צו אַ וואַגאָן, זיינען זיי ווייטער געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר מ׳זאָל זיי כאַפּן, ווייל בשעת דער אַקציע האָבן די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען געשווימלט פון געסטאַפּאָווצעס און ס״ס־לייט,

וואָס האָבן געלויערט אויף די יידן. אויך אויפן וועג אין וואַלד האָט אויף יעדן טראָט געלויערט דער טויט, פון דעסטוועגן זיינען הונדערטער פון אונדזערע בחורים אַרויס אַהין. אַ סך זיינען געפאַלן נאָך איידער זיי האָבן דערגרייכט דעם ציל, אַנדערע זיינען געפאַלן בשעת די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן, אָדער צוליב מאַנגל אין נסיון, אָדער ווייל זיי האָבן ניט געקראָגן די הילף, וואָס מ׳האָט זיי צוגעזאָגט.
אין די וועלדער, אַרום הרוביעשאָוו, האָבן מיר בשעת דער אַקציע אַרויסגעשיקט עטלעכע גרופּעס, ביי אַ זיבעציק מאַן, און אַלע, חוץ איינעם, חברים פון דרור. מיט די פּאַרטיזאַנישע טעטיקייטן האָט אָנגעפירט משה רובינטשיק, וואָס האָט פריער געאַרבעט אין קרייז־ראַט הרוביעשאָוו און זיך פאַרנומען מיט די הכשרה־קיבוצים אין דער סביבה.
כמעט אַלע חברים זיינען ליקווידירט געוואָרן, צווישן זיי רובינטשיק, גדליה גרשוני, אַ קרוב פון באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער גריגאָרי גרשוני, מאָניעק רייגעווירץ און זיין חברטע פעסיע פורמאַנאָוויטש, דינה לעווין (די טאָכטער פון לייזער לעווין), יעקב כ״ץ, רות שקליאַר, שאול דאָבוכנאַ און יצחק נאָזשיצע. אַלע חברים פון דער דריטער גרופּע, וועלכע איז אַרויס אין די וועלדער, האָט מען אַראָפּגענומען פון דער באַן און דערשאָסן, חוץ איינעם וואָס מ׳האָט אומגעקערט קיין וואַרשע און אים איינגעזעצט אין פּאַוויאַק־טורמע. דאָס רוב מיטגלידער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער באַזע אין דאָרף ווערבקאָוויץ, זיינען אָנגעגריפן געוואָרן דורך די דייטשן. די גרעסטע טייל איז געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, איייניקע זיינען אַנטלאָפן. די פולע פּרטים האָבן מיר געהערט פון איינעם פון די יונגע חברים, וואָס האָט באַוויזן זיך אומ־צוקערן קיין וואַרשע, אַ תלמיד פון אונדזער גימנאַזיע, מאָניעק שטענגעל.
אין דער קאַמף־גרופּע, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט אין די מעזריטשער וועלדער, האָבן זיך באַטייליקט חברים פון דרור און פון

השומר־הצעיר. אויך זיי זיינען ליקווידירט געוואָרן. צווישן אַנדערע איז דאָ דערהרגעט געוואָרן אַרמין לאַקס און פעסיע הערמאַן.

די גרופּעס וואָס זיינען איבערגעבליבן אין געטאָ האָבן זיך פּיבערדיק צוגעגרייט אויסצופירן דעם פריער דערמאָנטן פּלאַן. אַזוי ווי די דייטשן האָבן אויף אַ וויל אָפּגעשטעלט די גירוש־אַקציע פון וואַרשע (זיי האָבן דערווייל ליקווידירט די יידן אין די אַרומיקע שטעטלעך), האָבן מיר באַשטימט דעם אָנגריף אויף די דייטשן אין טאָג ווען זיי וועלן באַנייען די אַקציע, אָבער אויך דאָס מאָל האָט אונדז דאָס מזל פאַראַטן. דעם 3־טן סעפּטעמבער, עטלעכע טעג פאַרן גרויזאַמסטן שטאָפּל פון דער אַקציע, האָט מען אַרעסטירט יוסף קאַפּלאַנען, די בולטסטע געשטאַלט אין דער השומר־הצעיר באַוועגונג. עטלעכע שעה נאָך דעם איז דערהרגעט געוואָרן, אויף דער גענשע גאַס, זיין יינגערער חבר שמואל בראַסלאַוו, פון די גרינדער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ווען מיר זיינען געווויער געוואָרן וועגן אַרעסט און וועגן מאָרד, האָבן מיר געהייסן, צוליב פאָרזיכטיקייט, אַריבער פירן דעם געווער־סקלאַד און דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין אַ צווייטער דירה, אויף דזיעלנע 34.

פאַר נאַכט זיינען מיר געזעסן אויף דזיעלנע און מיט דאגה אַרויס־געקוקט אויפן קומען פון די חברים, וואָס האָבן באַדאַרפט אַריבער פירן דאָס געווער. פון וויטן האָבן מיר געזען ווי עס דערנענטערט זיך צו אונדז איינער פון די, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן צו דער דאָזיקער שליחות. ווען ער איז צוגעקומען נאָענט האָבן מיר געזען, אַז ער ברענגט מיט זיך נאָר דעם ראַדיאָ. ווען מיר האָבן אים געפרעגט וועגן געווער, איז ער בלייך געוואָרן און געענטפערט: מיט אַ שעה צוריק איז דאָך די פאַרבינדלערין רעגינקאַ שניידערמאַן, אַ חברטע פון השומר־הצעיר, אַרויס פון איר שטוב און דאָס געווער אין איר קויש. מיר האָבן תיכף פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט פּאַסירט אַן אומגליק. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די חברטע, וואָס האָט אַריבער געפירט דאָס געווער, האָט טאַקע אויסגעקליבן אַ פּאַסיקע שעה ווען די דייטשן דרייען זיך ניט

אַרום אין די גאַסן, אָבער אויף איר ביטערן מזל איז צופעליק דורכ־
געפאָרן אַן אויטאָ מיט דייטשן און זי איז זיי געוואָרן פאַרדעכטיק. זיי
זיינען איר גלייך נאָכגעפאָרן און זי געכאַפּט מיטן געווער. ווידער זיינען
אונדזערע האָפענונגען אויסגערונען. און אַזוי איז געשען, אַז אין די טעג
פון דער ערשטער אַקציע, טראָץ אַלע אונדזערע באַמיאונגען און
טראַצדעם וואָס הונדערטער און טויזנטער יוגנטלעכע זיינען גרייט
געווען צו נעמען געווער אין האַנט און זיך אַנטקעגן שטעלן, האָט מען
הונדערטער טויזנטער וואַרשעווער יידן אַרויסגעפירט צום אומקום
כמעט אָן קיין שום ווידערשטאַנד.
אין דער נאַכט, נאָכן פאַרענדיקן די אַקציע, וואָס איז געווען, ווי
געזאָגט, די אכזריותדיקסטע וואָך, זיינען מיר זיך צונויפגעקומען און
געזעסן פאַרטרויערטע און שווייגנדיקע. אַ סך פון אונדזערע חברים
זיינען שוין ניט געווען. מיר האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם
צווייטן אין פנים. אמת, אין דער דאָזיקער אַקציע זיינען מיר שוין ניט
געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, מיר האָבן געמאַכט איבערמענטשלעכע
אָנשטרענגונגען. דאָס רוב פון אונדזערע חברים זיינען ניט ליקווידירט
געוואָרן אָן ווידערשטאַנד. טייל פון זיי זיינען געפאַלן אין דער
פאַרטיזאַנקע, טייל אומגעקומען אין פאַרשידענע נקמה־אַקטן, הן ווען
זיי זיינען געלאָפן ראַטעווען יידן פון די כאַפּערס הענט, הן ווען זיי האָבן
געזען, אַז ס׳איז שוין אַלץ פאַרלאָרן און געפּרוווט אַנטלויפן פון די
רייען געפירטע צום אומשלאַגפּלאַץ; די שטערונגען פון דרויסן און
אונדזערע אייגענע דורכפאַלן האָבן זיך אָנגעהויפּט פון אַלע זייטן. צו
קיין ממשותדיקע טאַטן זיינען מיר ניט דערגאַנגען. מיר, וואָס זיינען
געבליבן לעבן, האָבן זיך מיט דעם געשעמט, זיך געפרעגט: ווי קאָנען
מיר ווייטער ממשיך זיין נאָך דעם ווי אונדזערע אויגן האָבן געזען
הונדערטער טויזנטער יידן ווערן געפירט צו דער שחיטה? נאָך אַ לאַנגע
שעה פון צעטומלטן שטילשווייגן האָט איינער פון די חברים פאָר־
געשלאָגן: מיר פאַרמאָגן נאָך עטלעכע ליטער נאַפט און בענזין און איין

רעוואָלווער. לאָמיר אַלע אַרויס אין גאַס, אונטערצינדן די דייטשע סקלאַדן, שיסן אויף די מערדער ביז צו דער לעצטער קויל. מיר וועלן זיכער אַלע געהרגעט ווערן, אָבער מיט דעם וועט זיך אויך אַלץ ענדיקן. דאָס איז געווען אַ פאָרשלאָג פון אַ קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד. און טאַקע, יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט, אַז דאָס איז דער איינציקער און בעסטער אויסוועג. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. און ביז היינט קאָן איך ניט פאַרשטיין ווי אַזוי מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פּלאַן.

איך געדענק נאָר דאָס, אַז איין חבר, יצחק צוקערמאַן, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, פריער שטיל, ווי ניט געוואַגט, נאָכהער האָט ער געהעכערט זיין קול: איך בין קעגן דעם פאָרשלאָג. אמת, ער איז גוט פאַר יעדן איינעם פון אונדז ווי אַ יחיד, ווייל אין די באַדינגונגען דוכט זיך יעדן, אַז דער טויט איז אַן אויסלייזער, אָבער דער כוח וואָס האָט אונדז אויפגעהאַלטן ביז איצט און באַשטימט אונדזערע אַלע טוּאונגען — צי האָבן מיר אים איינגעהאַלטן בלויז כדי זיך אויסצו־קלייבן אַ שיינעם טויט? מיר ווילן דאָך מיט אונדזער קאַמף און מיט אונדזער טויט ראַטעווען דעם כבוד פון יידישן פאָלק. און נאָך עפּעס: מיר זיינען דאָך מחויב זיך נוקם זיין אָן די דייטשן פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. דאָס פאַרפליכטעט אונדז צו בלייבן לעבן. מיר האָבן שוין נסיון. די גאַנצע צייט זיך געלאָזט נאַרן, ווייל ניט געגלייבט אין אונדזערע כוחות. איצט האָבן מיר שוין דערפאַרונג אין שאַפן געווער, מוזן מיר דערפאַר אויסנוצן דעם צופאַל וואָס מיר זיינען דערווייל געבליבן לעבן און אויך דאָס וואָס די אַקציע איז צייטווייליק אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין דער דאָזיקער שעה ליגט אויף אונדז דער חוב פאָרצוזעצן אונדזער ווידערשטאַנד־טעטיקייט און זי דערהייבן צו אַ העכערן שטאַפּל. די אויפגאַבע איז ניט, אַז יעדער איינער פון אונדז זאָל פאַרענדיקן שיין זיין לעבן. אויב די יידן זיינען ניט פאַר איין מאָל ליקווידירט געוואָרן — איז אונדזער אויפגאַבע צוצוגרייטן זיך, בשעת

דעם איבערייס צווישן איין אַקציע און דער צווייטער, און אויפטאָן אַזוינס וואָס איז מער ווי דער טויט פון יחידים, עפּעס וואָס זאָל ראַטעווען סיי דעם כבוד און סיי דאָס לעבן פון יענע, וואָס זיינען געבליבן נאָך דער שחיטה.

יעדער איינער פון אונדז האָט זיך אין האַרץ געבונטעוועט ביים הערן דעם אַנאַליז וואָס יצחק צוקערמאַן האָט געמאַכט מיט אַזאַ קאַלטער לאָגישקייט און אכזריות, ניט אָננעמענדיק דעם פּלאַן פון קאָלעקטיוון־זעלבסטמאָרד. פון דעסטוועגן האָבן מיר, ווייזט אויס, ניט געקאָנט זיך אַנטקעגן שטעלן דער לאָגיק פון זיינע קאַטעגאָרישע רייד און דער פאָרשלאָג פון נעמען זיך דאָס לעבן איז אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. מיר האָבן אַראָפּגעשלונגען אונדזערע געפילן און גענומען זיך פון ס׳ניי צו דער אַרבעט.

און טאַקע, וועלנדיק אויסקלייבן אַן אַנדערן פּערזענלעכן טויט, אַ טויט וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אויך נקמה אָן שונא און אויך ראַטעווען דעם כבוד פון פאָלק — האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן נאָך אַ פּרוּוו און אויסנוצן די צייט פון איבערייס צווישן איין אַקציע און דער צווייטער כדי פון ס׳ניי אָרגאַניזירן אונדזערע כוחות.

פון דער אַקציע האָבן מיר אַראָפּגענומען אַ משל. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט, אַז מיר טאָרן זיך ניט פאַרלאָזן אויף אַנדערע, נאָר אויף זיך אַליין, אויף די דאָזיקע יונגע מענטשן, וואָס דער גורל האָט אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו שטיין אין קאַמף פאַרן יידישן כבוד, ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען קליגער, נאָר ווייל זיי זיינען געווען מיטגלידער פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויך אין נאָרמאַלע צייטן געפאָדערט דעם מענטשן אין גאַנצן; ווייל זיי האָבן באַלאַנגט צו אַ חלוצישער באַוועגונג, וואָס איר גרונט־יסוד איז געווען די זעלבסט פאַרווירקלעכונג. און אויב אין נאָרמאַלע צייטן האָט אָט די זעלבסט פאַרווירקלעכונג זיך אויסגעדריקט אינעם אַריבער גיין צו אַ לעבן פון אַרבעט, אינעם פּערזענלעכן שינוי, וואָס זי האָט אַריין געבראַכט אינעם

לעבן פון דער יידישער יוגנט, — איז איצט, אין אונדזערע באַדינגונגען, דער אויסדרוק פון דער זעלבסט פאַרווירקלעכונג באַשטאַנען אין קאַמף פאַר אונדזער לעבן, אין אָפּהיטן דעם כבוד פון פאָלק, די יידישע און מענטשלעכעווירדע, אין אַנטקעגן שטעלן זיך מיט געווער אין האַנט.

אין דער ערשטער, גרויסער, אַקציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן זעקס וואָכן, זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון וואַרשע, צי געהרגעט געוואָרן אויף די גאַסן פון געטאָ, קרוב דריי הונדערט טויזנט יידן. אינאיינעם מיט די יידן־מאַסן זיינען אויך געפאַלן פיל פון די געזעלשאַפטלעכע טוער, פון די פאַרטיי־אַקטיוויסטן וואָס האָבן, זינט דער דייטשער אָקופּאַציע, אַ סך אויפגעטאָן אין די הילף־אָרגאַניזאַציעס — אין דער יידישער אַליין־הילף, אין דזשאָינט און אין די קולטור און דערציאונג־אַנשטאַלטן. עס זיינען אויך געפאַלן פיל לערער און דערציער.
צווישן די געהרגעטע זיינען געווען אייניקע וואָס האָבן אינאיינעם מיט אונדז אויפגעשטעלט דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, מענטשן וואָס האָבן זיך באַטייליקט מיט אונדז אויף זיצונגען, אין די ערשטע טעג פון דער אַקציע, און ווי זיי — אויך פיל פון אונדזערע סימפּאַטיקער און אונטערשטיצער.

הונדערטער חברים פון די חלוצישע באַוועגונגען האָבן געפונען זייער טויט אין משך פון אָט די וואָכן, צענדליקער האָבן באַוויזן אַראָפּצו־שפּרינגען פון די באַנען, וואָס האָבן געיאָגט קיין טרעבלינקע, און זיך אומגעקערט אין געטאָ. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אַראָפּגע־שפּרונגען און מער האָבן מיר זיי ניט געזען. ווייזט אויס, אַז זיי זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן בעתן שפּרינגען, צי אַריין געפאַלן אין די הענט פון די אומצאָליקע שונאים, וואָס האָבן געלויערט אויפן צוריקוועג קיין וואַרשע — אויף די טראַקטן, לעבן די באַן־רעלסן, ביי די אַריינגענג אין שטאָט צי לעבן די מויערן פון געטאָ.
צענדליקער חברים זיינען דערהרגעט געוואָרן אויפן וועג צו די

פּאַרטיזאַנישע וועלדער, זיינען אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן פון די פּאַסאַזשיר־צוגן און גלייך דערשאָסן געוואָרן, צי אַנטפּלעקט געוואָרן אויפן אָרט, ווו זיי האָבן זיך אויפגעקליבן אין די אַרויסגאַנג־באַזעס צו די וועלדער אַרום הרוביעשאָוו און מעזריטש. אומזיסט האָבן אונדזערע מענטשן געוואַרט אויפן קומען פון די פּאַרבינדלער מצד דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ. זיי זיינען ניט געקומען. אין יענעם פּעריאָד, האַרבסט 1942, איז דער וואַלד געווען אויך פּאַר די פּוילישע קאָמוניסטן, פּאַר די פּפּ״ר־מיטגלידער און די קעמפּער פון דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ אַ שטרעבונג, אַ קאַמף־פּאַראָל און ניט קיין ממשותדיקע קאַמף־באַזע. אַזוי אַרום זיינען מיר אַרום געערינגלט געווען פון אַלע זייטן — אין געטאָ און אויסערן געטאָ.

אויך די הויפּט־קאָמענדע פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט זעקס וואָכן פריער, האָט געגעבן איר בייטראָג אין קרבנות: יוסף קאַפּלאַן און שמואל בראַסלאַוו זיינען אומגעקומען. מרדכי טענענבוים, ווי מ׳געדענקט, איז אַריבער געשיקט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע און נאַכהער האָבן מיר אים געשיקט קיין ביאַליסטאָק, דאָרט אויפצושטעלן די קאַמף־אָרגאַני־זאַציע. אין חודש סעפּטעמבער זיינען אין געטאָ געבליבן בלויז דריי פון די אָנפירנדיקע חברים: ישראל קאַנאַל, יצחק צוקערמאַן און איך. עס האָבן זיך געפאָדערט אַ סך גייסטיקע כוחות, כדי אָנצוהייבן פון דאָס ניי.

אין געטאָ זיינען געבליבן עטלעכע הונדערט מיטגלידער פון החלוץ, פון דרור און פון השומר־הצעיר, און עטלעכע פון דער עקיבא־באַוועגונג. די חברים פון דער גורדוניה־קאָמונע, אין זייער שפּיץ — אליעזר געלער, האָבן פאַרלאָזט דאָס געטאָ, ווען די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן, און געפונען אַ צייטווייליקן מקום־מקלט אין טשענסטאָכאָוו, קעלץ און ראַדאָם. אייניקע פון זיי זיינען געקומען קיין בענדין און סאָסנאָוויעץ. די פאַרבליבענע אין געטאָ האָבן זיך אין משך פון דער אַקציע

פֿאַרשטעקט אין באַהעלטענישן, צי אין די שאָפֿן פֿון די דייטשע אינדוסטריעלער טעבענס־שולץ און אַנדערע. צענדליקער חברים פֿון השומר־הצעיר האָבן געקראָגן הילף פֿון די ברידער לאַנדוי, יוסף און אלכסנדר. די צוויי ברידער זיינען געווען די אייגנטימער פֿון אַ פֿאַבריק פֿון האָלץ־אויסאַרבעטונגען אויף דער גענשע גאַס, ניט ווייט פֿון יידישן בית־עולם. ביזן אויסברוך פֿון דער מלחמה האָט ביי זיי געאַרבעט אַ גרופּע חברים פֿון הכשרה־קיבוץ אין גראָכאָוו. נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען ביי זיי אַוועקגענומען די פֿאַבריק און זי איבערגעגעבן צו אַ דייטשן נאמן. די ברידער, ביידע ספּעציאַליסטן, זיינען געבליבן פֿאַרוואַלטערס. איצט, אין דער צייט פֿון דער אַקציע, האָבן זיי אויסגענוצט זייער איינפֿלוס און מעמד און אַריין גענומען צו זיך צענדליקער געזעלשאַפֿטלעכע עסקנים און אַ גרויסע גרופּע פֿון השומר־הצעיר־מיטגלידער. מיטן אויסרייד, אַז מע מוז פֿאַרלייכטערן די לאַגע פֿון די פֿאַבריק־אַרבעטער האָבן די ברידער לאַנדוי געקראָגן פֿון די דייטשן די דערלויבעניש צו באַאַרבעטן אַ שטיקל לאַנד לעבן יידישן בית־עלמין, וואָס האָט זיך געפֿונען אויסערן געטאָ און זיך געגרענעצט מיטן פּוילישן בית־הקברות. פֿאַר פּרי פֿלעגט אַרויסגיין אַ גרופּע ״אַרבעטער״ צו באַאַרבעטן דאָס שטיקל לאַנד. דאָס זיינען געווען אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן אויסגענוצט די דערלויבעניש אַרויס־צוגיין צום יידישן בית־עלמין. מיט ווידלעס און רידלען אויף די אַקסל פֿלעגן מיר אַרויסשפּאַנען דורכן געטאָ־טויער און פֿון דער אַרישער זייט זיינען אָנגעקומען אונדזערע אַקטיוויסטן פֿון דער לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער פֿאַרם אין טשערניאַקאָוו און אונדזערע פֿאַרבינדלער, וואָס האָבן געלעבט ווי פּאָליאַקן, געוווינט אין געדונגענע דירות און געטראָגן אין זייערע קעשענעס געפֿעלשטע אַרישע דאָקומענטן.

אָט דאָס אָרט, צווישן די קברים, איז געווען דאָס שטילסטע אין גאַנץ וואַרשע. נאָר זעלטן פֿלעגן די דייטשן אָנפֿאַלן אויף פּוילישע שמוגלערס, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט זייער סחורה צו די יידישע קברנים,

די "פינקערטאָווצעס". מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען צווישן די קברים, מיר — די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אונדזערע חברים, די שליחים אויף דער אַרישער זייט, פלעגן זיך באַראַטן וועגן צוריק אויפשטעלן די יידישע אונטערגרונט־באַוועגונג און באַשליסן וועגן עיקר: ג ע וו ע ר פ אַ ר ן ג ע ט אָ.

אין אונדזער דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט זיינען פאַרגעקומען ענדערונגען: פרומקע פּלאָטניצקאַ איז אַרויסגעפאָרן קיין בענדין. זי און צבי בראַנדעס, וואָס האָט ביז דאַן אָנגעפירט מיט דער פאַרם פון השומר־הצעיר אין זשאַרקי, לעבן טשענסטאָכאָוו, האָבן געקראָגן די אויפגאַבע אויפצושטעלן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין זאַגלעמביע. דאָרט זיינען שוין געווען טעטיק פיל פון אונדזערע חברים און די בולטסטע צווישן זיי: הערשל שפּרינגער און ברוך גאַפטעק, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי דער אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע. מרדכי טענענבוים האָט זיך אומגעקערט קיין ביאַליסטאָק.

ניט בלויז הילף אין געווער האָבן מיר געזוכט. אַ דאַנק די פּוילישע פריינט האָבן מיר געוואָלט אויפשטעלן אַ סטאַבילן קאָנטאַקט מיט דער גרויסער וועלט, מע זאָל דאָרט וויסן וואָס די דייטשן טוען אונדז אָפּ. מיר האָבן אין אונדזער נאַיִוקייט געגלויבט, אַז די וועלט שווייגט, ווייל זי ווייסט ניט וועגן פּלאַנמעסיקן אויסשעכטן פון יידישן פאָלק. ווען זי וועט געוויוער ווערן, וועט זי אונדז אפשר קאָנען העלפן, טראָץ אַלעמען.

עטלעכע טעג נאָך דעם ווי די גרויסע אַקציע האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אומגעקערט אין געטאָ מרדכי אַנילעוויטש. איך האָב שוין פריער דערציילט, אַז אין דער העלפט פון יאָר 1942 איז ער אַרויסגעפאָרן, אין שליחות פון זיין באַוועגונג, קיין זאַגלעמביע, קיין בענדין און סאָסנאָוויעץ. מיטן אומקערן זיך פון זיין לאַנגדויערנדיקער נסיעה איז ער געבליבן שטעקן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע. דאָס איז געשען די לעצטע וואָך פון דער אַקציע, אין איר אכזריותדיקסטן

פעריאָד, אין די טעג פון "קעסל", ווי די יידן האָבן עס אָנגערופן (קאָציאָל אויף פויליש). דער דאָזיקער פעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן דעם 6־טן סעפּטעמבער און זיך פאַרצויגן ביז דעם 13־טן פון זעלבן חודש. די רעשטלעך פון די יידן אין וואַרשע און סביבה, וואָס האָבן געציילט צענדליקער טויזנטער נפשות, זיינען צוזאַמענגעשטופּט געוואָרן אויף דער מילע גאַס און אירע שכנותדיקע גאַסן, וואָס איניינעם האָבן זיי געשאַפן אַ מין פאַרשפּאַרט, ענג קעסל. אריה ווילנער האָט געטראָפן מרדכין אין דער וווינונג ביי איינער פון אונדזערע פאַרבינדלערינס אויף דער אַרישער זייט, וואַרטנדיק אויף אַ פּאַסיקער מינוט כדי זיך אַריין צו גנבענען אין באַלאַגערטן געטאָ.

אויף די ערשטע באַגעגענישן מיט אונדזערע מענטשן האָבן אונדזערע פריינט, די אַקטיוויסטן פון דער אַרמיאַ קראַיאָווא, אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז די דעלעגאַטור פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, דאָס הייסט די ציווילע, קאָנספּיראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען, און אויך די הויפּט־קאָמענדע פון דער אַרמיאַ קראַיאָווא, וואָס האָבן ביז איצט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט צו געבן הילף דעם געטאָ, וועלכעס גייט אָפּ אין בלוט, און איגנאָרירט די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פון זיי געפאָדערט געווער די גאַנצע צייט ווי לאַנג די אַקציע האָט אָנגעהאַלטן, וועלן ניט וועלן אָנערקענען דעם החלוץ און זיינע יוגנט־באַוועגונגען ווי באַפולמעכטיקטע פאָרשטייער פון געטאָ און ווי זיינע אָנערקענטע וואָרט־פירער. אַ ווענדונג וואָס וועט קומען מצד דעם החלוץ — האָבן זיי געזאָגט — וועט אָפּגעוויזן ווערן דורך די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, סיי ציווילע סיי מיליטערישע.

מיר אין געטאָ האָבן אַפילו ניט געטראַכט, אַז מיר וועלן קאָנען בלויז מיט אונדזערע אייגענע כוחות אָרגאַניזירן מיט הצלחה דעם ווי־דערשטאַנד קעגן די דייטשן. ס'איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז מען מוז שאַפן אַ ברייטערע געזעלשאַפטלעכע באַזע. מיר האָבן דאָך שוין גע־האַט דערפאַרונג און געוווּסט, אַז אַ צילבאַוווּסטע טעטיקייט אויסצו־

ברייטערן די געזעלשאַפטלעכע באַזע און קאָנסאָלידירן די אָרגאַניזאַציע אין מיליטערישן און פּאָליטישן זין, וועט דויערן אַ סך צייט. ביז מיר וועלן באַוויזן צו קאָנצענטרירן אַרום זיך די אַקטיוויסטן פון געטאָ, וואָס זיינען געבליבן ביים לעבן — וועלן דורך טעג און אפשר וואָכן. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פאַר דער פּוילישער ציווילער אונטערגרונט־באַוועגונג ווי די פאָרשטייער פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פאַר דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ — ווי די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

די קאָמוניסטישע אונטערגרונט־באַוועגונג האָט געוווסט וועגן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט דער צווייטער פּוילישער באַוועגונג, די וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן; זי האָט אויך ניט פּראָטעסטירט קעגן אונדזער שטרעבן אויפצוהאַלטן נאָרמאַלע, פאָרמעלע פאַרבינדונגען מיט דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ און צוליב דעם צו באַשרענקען די פאַרבינדונגען מיט דער אַרמיאַ לודאָוואַ. וואָרן ממשותדיקע הילף אין געווער האָט אין יענעם פּעריאָד נאָר די אַרמיאַ קראַיאָוואַ געקאָנט געבן.

זינט לאָנקאַ קאָזיעבראָדזקאַ איז אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן, איז אָפּגעשניטן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיטן געביט אין וועלכן זי האָט געאַרבעט. רבקה גלאַנץ און יהודה גליקשטיין, אַ חבר פון השומר־הצעיר, האָבן אויף זיך גענומען די אחריות פאַרן אויפשטעלן און קאָנסאָלידירן די קאַמף־כוחות אין טשענסטאָכאָווער געטאָ און בערל ברווידא — דאָס אויפשטעלן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין אָסטראָוויעץ און אָפּאַטאָוו. פון לאַבאַן — אברהם לייבאָוויטש, האָט מען געקראָגן די ידיעה, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין קראָקע און איינעם מיט דאָלעק ליבעסקינד און שמעון דרענגער,ביידע חברים פון דער עקיבא־באַוועגונג, האָבן באַוויזן אויפצושטעלן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע, געשאַפן געווער און אָנגעהויבן צו פירן אַ טעטיקייט אין

געטאָ און אויסערן געטאָ. לאה פּערלשטיין און טוביה באָזשיקאָווסקי האָבן אָנגעפירט מיט אונדזער באַזע אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם אין טשערניאַקאָוו, וואָס איז ניט באַשעדיקט געוואָרן אין די טעג פון דער ליקווידאַציע אין וואַרשעווער געטאָ. אריה ווילנער, וואָס איז געווען מיט אונדז בשעת דער לעצטער גורלדיקער וואָך פון דער אַקציע, האָט זיך אומגעקערט אויף דער אַרישער זייט. ער, לאה פּערלשטיין, טאָסיע אַלטמאַן און מאַרעק פּאָלמאַן האָבן אָנגעפירט מיט אַלע טעטיקייטן אויף דער אַרישער זייט. אריה ווילנער און מאַרעק פּאָלמאַן זיינען נאָמינירט געוואָרן ווי אונדזערע פאָרשטייער ביי די פּוילישע אונטערגרונט־באַוועגונגען. זייער אויפגאַבע איז געווען צו זוכן און צו שאַפן פאַרבינדונגען מיט דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ און מיט דער קאָמוניסטישער אַרמיאַ לודאָוואַ.

אויף מיר, אויף יצחק צוקערמאַן, מרדכי אַנילעוויטש, מרים הײנסדאָרף און ישראל קאַנאַל האָט מען אַרויפגעלייגט דאָס אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע. יצחק האָט אויך געזאָלט זיין דער ממונה אויף די אַנדערע שטעט.

ערשטע באַוואָפנטע טאַטן

ביים באַנייען די פאַרבינדונגען מיט דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָט אונדז געהאָלפן אַ פוילישע פרוי, אַ פרומע קאַטוילין, פון די וועטעראַנען פון דער פוילישער סקויטן־באַוועגונג, מיטן נאָמען אירענאַ אַדאַמאָוויטש. נאָך פאַר דער מלחמה האָט זי געשאַפן ענגע פאַרבינדונגען מיט דער השומר־הצעיר־באַוועגונג, האָט באַזוכט זייערע זומער־קאָלאָניעס, די הכשרה־קיבוצים און אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע פאַר דער יידישער באַפרייאונג־באַוועגונג. בשעת דער מלחמה האָט זי זיך נאָענט באַקענט אויך מיט אונדזערע חברים פון החלוץ און פון דרור און מיט אונדז פאַרבראַכט אַ סך טעג אויף דזיעלנע 34. אויך נאָכן אויפשטעלן דאָס געטאָ האָט זי אויסגענוצט איר דערלויבעניש, וואָס זי האָט געקראָגן פון דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג, ווו זי האָט געאַרבעט ווי אַ באַאַמטין, אַריין צו קומען אין געטאָ. עטלעכע פון אירע חברים, וועטעראַנען פון דער פוילישער סקויטן־באַוועגונג, האָבן פאַרנומען צענטראַלע פּאָסטנס אין דער פוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן. איינער פון זיי איז געווען הובערט—אַלכסנדר קאַמינסקי, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון אָרגאַן פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ. זי האָט פאַר זיי פאָרגעשטעלט אונדזערע פאָרשטייער אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע, שטאַרק אויס־געלויבט די חלוצישע באַוועגונג, דערציילט וועגן איר לאָיאַלקייט כלפּי די פוילישע נאַציאָנאַלע צילן און רעקאָמענדירט, אַז די פוילישע אונטערגרונט־באַוועגונג זאָל באַווילקן צו געבן הילף דעם יידישן קעמפנדיקן אונטערערד.

אַזוי אַרום זיינען מיר, איבער נאַכט, פאַרביטן געוואָרן אויף דעם "יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" און אונדזער קאַמף־אָרגאַניזאַציע —

ווי זיין מיליטערישער אויספיר־אָרעם. מיר האָבן נאָך דערווייל ניט געוווּסט, אַז דאָס קאָנסאָלידירן דעם פּאָליטישן און מיליטערישן כוח אין געטאָ איז פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן.
נאָך אַ ביינאַכטיקער באַראַטונג האָט זיך אריה ווילנער אומגעקערט אויף דער אַרישער זייט ווי דער פאָרשטייער פון "אַלע אָרגאַניזירטע פּאָליטישע כוחות אין געטאָ". מיר האָבן אויף זיך גענומען די אחריות צו קאָנצענטרירן אין געטאָ אַלע כוחות וואָס מ׳קאָן נאָר געפינען לטובת דעם בשותפותן ציל — צוגרייטן דעם אויפשטאַנד.
גלייכצייטיק מיט דעם באַשלוס זיינען מיר אויך געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז אָפּרייניקן די אַטמאָספער אין געטאָ און, פאַר אַלעמען, פאַרמשפּטן צום טויט די מענטשן, וועלכע האָבן סימבאָליזירט די מיטאַרבעט פון יודנראַט מיט די דייטשן בשעת דער אַקציע — דעם לייטער פון דער יידישער פּאָליציי יעקב לייקין, וואָס איז געקומען אויפן אָרט פון משומד יוזעף שערינסקי, און ישראל פירשט, דעם פאַרבינדלער פון יודנראַט מיט די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען. מיט די צוויי טויט־אורטיילן האָבן מיר געוואָלט טרעפן צוויי אַנשטאַלטן — דעם יודנראַט און זיין פּאָליציייאישן אויספיר־אָרגאַן, אין וועלכע מיר האָבן געזען די, וואָס האָבן אַ חלק אינעם טויט פון צענדליקער טויזנטער יידן. מיר האָבן געוואָלט אָנוואַרפן אַ פּחד אויף זיי און אויף זייערס גלייכן. זאָלן אויך די אַנדערע פילן און וויסן, אַז דאָס וואָס מ׳האָט אָפּגעטאָן מיט די יידן וועט ניט דורך אָן נקמה. מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז די דייטשן וועט ניט אַזוי גרינג אָנקומען צו געפינען אונדז אָן דער הילף פון יידישע מוסרים און קאָלאַבאָראַנטן.
נאָך אַ לאַנגן נאָכשפּיאָנירן איז אויסגעפירט געוואָרן דער גזר־דין קעגן יעקב לייקין. דאָס איז געשען דעם 29־טן אָקטאָבער. אַ חודש שפּעטער, דעם 29־טן נאָוועמבער, אויך נאָך וואָכנלאַנגן נאָכשפּירן איז געטויט געוואָרן ישראל פירשט. דאָס אָוועקלייגן פון די צוויי דייטשע משרתים האָבן מיר באַגלייט מיט אויסגעקלעפּטע מעלדונגען אויף די ווענט פון

די הייזער, אין וועלכע מיר האָבן דערקלערט די סיבות פון אויספירן דעם טויט־אורטייל און געוואָרנט, אַז יעדער וואָס וועט זיך פאַרשולדיקן מיט אַ פאַרברעכערישן טאַט קעגן יידן — וועט עס אויסגיין צו זיין אייגענעם קאָפּ.

דער איינדרוק פון דער דאָזיקער האַנדלונג איז געווען אַ גוואַלדיקער. מיר האָבן גאָר ניט געהאָפט אויף אַזעלכע רעזולטאַטן. אונדזערע ברידער, די יידן און אויך די מיטגלידער פון יודנראַט האָבן סוף־סוף באַנומען, אַז אין געטאָ עקזיסטירט נאָך אַ מאַכט, חוץ דער מאַכט פון די רוצחים, פון זייערע משרתים און פון זייערע מיטאַרבעטער.

ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן האָט מען ניט ווייניק איבערגעטריבן ביים אָפּשאַצן אונדזערע כוחות און דער פּחד פאַר דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, די "אָרגאַניזאַציע" ווי מ׳האָט זי גערופן אין געטאָ, איז געפאַלן אויף יענע אַלע, וואָס האָבן אויף אַזאַ צי אַן אַנדערן אופן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן.

די תקופה צווישן מיטן סעפּטעמבער 1942 און נאָוועמבער פון יענעם יאָר האָבן מיר אויסגענוצט אויף צו פאַרפעסטיקן דעם פּאָליטישן כוח, וואָס האָט געזאָלט זיין דער רעפּרעזענטאַנט פון אַלע געזעל־שאַפטלעכע פאַקטאָרן וועלכע זיינען איבערגעבליבן אין געטאָ. גלייכצייטיק מיטן אויפשטעלן די פּאָליטישע ראַם האָבן מיר זיך באַמיט צו פאַרברייטערן די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע און דאָס אַריין נעמען אין איר יוגנטלעכע, דער עיקר מיטגלידער פון יוגנט־באַוועגונגען, וואָס זיינען געווען טעטיק אין געטאָ ביז צו דער גרויסער אַקציע.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט פאָרשטייער פון פּאַרטייען, פריער מיט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פּועלי־ציון צ.ס. און פּועלי ציון לינקע, אונדזערע שותפים ביים אויפשטעלן דעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, און שפּעטער — מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן. אונדזער פרווו צוצוציען צום יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט די מיטגלידער פון מזרחי און אגודת־ישראל איז ניט געלונגען. דאָ און

דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן מיט אייניקע פון זייערע אַקטיוויסטן, אָבער אין יענעם מאָמענט זיינען זיי ניט געווען אַן אָרגאַניזירטער כוח. פון החלוץ־מזרחי, אַ באַוועגונג וואָס האָט מיט אונדז מיטגעאַרבעט אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע, זיינען ניט געבליבן קיין סך. די באַוועגונג איז פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך. ביים אָנהייבן די גרויסע אַקציע איז איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט זייער בולטן מנהיג — סקוטשקאָווסקי און מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט.

די שווערע דעבאַטעס, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די מיטגלידער פון די רעליגיעזע פּאַרטייען אין די ערשטע טעג פון דער אַקציע, קאָנען ניט פאַרטונקלען מיין געפיל צו זיי. איך באַצי זיך צו זיי מיט כבוד און ווייס וויל, אַז זיי האָבן אַ סך אויפגעטאָן צו ראַטעווען יידן און אין אָפּהיטן — אויף זייער אופן — דעם יידישן כבוד.

די אָנפירער פון די יידישע קאָמוניסטן, מיט וועלכע מיר האָבן אין פרילינג 1942 פאַרהאַנדלט וועגן אויפשטעלן דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, האָבן מער ניט געלעבט. גאָר גיך האָבן מיר געפונען אַ קאָנטאַקט מיט צוויי פון זייערע חברים, וואָס זיינען רעקאָמענדירט געוואָרן דורך מיטגלידער פון פּ.פּ.ר, זייערע באַקאַנטע פון דער אַרישער זייט אין וואַרשע. דערווייל האָט אויפגעהערט די אַלטע פּאָלעמיק מיט די קאָמוניסטן מכוח אַרויסציען דעם קעמפנדיקן כוח, וואָס האַלט זיך ביים אָרגאַניזירן, מחוץ דעם געטאָ, אין די וועלדער. די צוויי, מיט וועלכע מיר האָבן זיך צונויפגעשמועסט, זיינען מסכים געווען זיך אָנצושליסן אָן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי זייער פּאַרטיי אין געטאָ, די פּ.פּ.ר, איז געווען אונטער־געוואָרפן דעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און איז ניט געווען באַפולמעכטיקט צו רעפּרעזענטירן דעם כלל יידישע קאָמוניסטן אין אָקופּירטן פּוילן, האָט זייער עצם אָנשליסן זיך אָן דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע גורם געווען, אַז די הויפּט־קאָמענדע, אין וועלכער

ס׳באַטייליקט זיך זייערס אַ פאָרשטייער, וועט טראָגן די אחריות בלויז פאַרן וואַרשעווער געטאָ.
דער משא־ומתן מיטן בונד האָט זיך פאַרשלעפּט. דערווייל האָבן מיר נאָך ניט געהאַט געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך. זיי האָבן טאַקע דאָס מאָל ניט געוואָגט מבטל צו זיין אונדזער ווענדונג מיט זייערע געוויינלעכע תשובות, נאָר געטענהט: ״אָן דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע קאָנען מיר זיך אָנשליסן, אָבער מיר ווילן ניט זיין קיין שותפים צו אַן איינהייטלעכער פּאָליטישער פאָרשטייערשאַפט.״ נאָך אויסמאַטערנדיקע זיצונגען זיינען זיי מסכים געווען אויפצושטעלן איניינעם מיט אונדז דעם יידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט (זשידאָווסקי קאָמיטעט קאָאָרדינאַציני, בראשי־תיבות: זש.ק.ק.), אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע אויף צו קאָאָרדינירן די פּאָליטישע טעטיקייטן פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט מיטן בונד. אָן דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך דער בונד אָנגעשלאָסן בלויז אין וואַרשע. וואָס שייך די פּראָווינץ־שטעט, האָבן זיי געטענהט, קאָנען זיי ניט באַשטימען זייער שטעלונג. די אַלגעמיינע ציוניסטן און זייער יוגנט־באַוועגונג הנוער־הציוני, זיינען צוגעשטאַנען צום יינ״ק און צום ייק״אָ אָן קיין שום באַוואָרענישן.

אויף דער אַרישער זייט זיינען, אַזוי אַרום, געווען צוויי פאָרשטייער־שאַפטן: די פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס האָט אַרום גענומען אַלע אַקטיווע כוחות אין געטאָ, און אַ פאָרשטייערשאַפט פון בונד. ביידע זיינען בשותפות אויפגעטראָטן כלפּי די פּוילישע אונטערגרונט־באַוועגונגען אין דער ראַם פון יידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט. די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּלאַטפאָרם פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט דערמעגלעכט אירע דעלעגאַטן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע מיטצואַרבעטן מיט ביידע פּוילישע אונטערגרונט־באַוועגונגען: דער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער גלות־

רעגירונג אין לאָנדאָן, און מיט דער קאָמוניסטישער אונטערגרונט־באַוועגונג, וואָס האָט געקראָגן אירע דירעקטיוון פון מאָסקווע.

דער יידישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט בלויז מיט דער לאָנדאָנער אונטערגרונט־באַוועגונג. דער בונד איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיטביידע פראַקציעס פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער פאָרשטייער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען אויך אין נאָמען פון בונד, מיט ביידע קעגנערישע מיליטערישע אונטערגרונט־באַוועגונגען אין פּוילן: מיט דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ און דער אַרמיאַ לודאָוואַ.

שפּעטער־צו, נאָכן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, האָט זיך פאַרשטאַרקט די שותפות צווישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם בונד, ביסלעכווייז האָט זיך פאַרברייטערט די געמיינזאַמע אחריות און די ממשותדיקע טעטיקייט האָט אַרום גענומען אַלע געביטן פון גענעראַל־גוּווערנאַמענט.

נאָך אַ סך באַמיאונגען האָבן מיר אויך געפונען אַ וועג צו דער רעוויזיאָ־ניסטישער גרופּע. זיי זיינען מסכים געווען זיך אָנצושליסן אָן דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אָן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אָבער שוין אויף די ערשטע זיצונגען פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון יידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט האָבן זיך אַנטפּלעקט שאַרפע מיינונג־פאַרשידנהייטן צווישן זיי און אַלע אַנדערע. און אַזוי ווי זייערע פאָדערונגען זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן און זיי האָבן ניט אָנגענומען די געזעצן פון דער גאַנצער מחנה — האָבן זיי זיך אָפּגע־זונדערט און אויפגעשטעלט אָן אייגענע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

אין וואַרשע איז באַשטימט געוואָרן אַ הויפּט־קאָמענדע פון פינף מענטשן אויף צו אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד: מרדכי אַנילעוויטש פון השומר־הצעיר — קאָמענדאַנט (אָרגאַניזאַציע); יצחק צוקערמאַן פון החלוץ און דרור — וויצע־קאָמענדאַנט (פאַראַנטוואָרטלעך אויף צו שאַפן געווער); יוחנן מאָרגענשטערן פון פועלי־ציון צ.ס. (פינאַנסן);

הירש בערלינסקי פון פּועלי־ציון לינקע, בערעק שניידמיל און שפּעטער אויף זיין אָרט מאַרעק עדעלמאַן פון בונד (אויסשפּיר); אין אַ ווייטערער תקופה האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן מיכאל ראָזענפעלד אין נאָמען פון פּ.פּ.ר.

אַזוי ווי די בשותפותדיקע הויפּט־קאָמענדע איז געווען טעטיק בלויז אין וואַרשעווער געטאָ, איז געווען אומפאַרמיידלעך דאָס אויפשטעלן פון נאָך אַ קאָמענדע, אין באַשטאַנד פון מיטגלידער פון החלוץ, דרור און השומר־הצעיר, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד אין אַלע טיילן פון דעם דורך־די־דייטשן אָקופּירטן פּוילן און פאַרן אויפהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די אַנדערע געטאָס — אַן אחריות וואָס די פאַרברייטערטע יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אויף זיך ניט גענומען.

ווידערשטאַנד אין קראָקע

קראָקע, די הויפּטשטאָט פון דער דייטשער אָקופּאַציע־רעגירונג, איז געווען די ערשטע צווישן די שטעט פון גענעראַל־גווערנאַמענט, וואָס איז אַרויס מיט געווער אין האַנט קעגן די דייטשן. ווען ס׳איז אונדז אַלע קלאָר געוואָרן, אַז דער גורל פון די יידן איז אַ געחתמעטער און ער באַדייט אומקום, האָבן אונדזערע מענטשן אין קראָקע זיך באַמיט צו קריגן געווער און צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג. דעם ערשטן רעוואָלווער האָבן זיי דעראָבערט מיט "בלויזע הענט". מיט דער הילף פון ערשטן רעוואָלווער האָבן זיי דערגרייכט צום צווייטן. די דאָזיקע טעטיקייט איז בכיוון אויסגעפירט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט פון שטאָט, ווייל דאָרט האָבן אַרום געשווייבלט מאַסן דייטשע זעלנער און פּאָליציי־לייט און אויך כדי צו פאַרמיידן אַ קאָלעקטיווע שטראָף, וואָס האָט געקאָנט די קראָקעווער יידן אָפּקאָסטן אַ סך קרבנות. מיטן קריגן געווער האָט מען אָנגעהויבן אָפּצוריייניקן די אַטמאָספער אין געטאָ.

צווישן די חלוצישע באַוועגונגען וואָס זיינען געווען טעטיק אין פּוילן, האָט עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע קליין אין צאָל — עקיבא — וועמענס צענטראַלע און איר בולטסטער סניף איז געווען אין קראָקע. אין יענע טעג האָבן אירע חברים אַרויסגעוויזן דרייסטקייט און געוואַקטקייט אָן אַ שיעור.

די באַדינגונגען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע זיינען געווען שווערערע ווי ביי אונדז, אין וואַרשע, ווייל דאָס געטאָ איז געווען קלענער, די צאָל פון די יידן ווייניקער און מ׳האָט די קעמפער געקענט.

ס׳האָט אַ מאָל פּאַסירט, אַז די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אַרום גערינגלט דאָס הויז פון דער הויפּט־קאָמענדע , ווו ס׳איז איינגע־

שטאַנען אונדזער חבר לאַבאַן און מיט אים, די חברים דאָלעק ליבעסקינד און שמעון דרענגער,ביידע פון די אָנפירער פון דער עקיבא־ באַוועגונג, און זיי האָבן מיט זיך אַוועקגענומען דאָלעקן. אין מיטן וועג האָט דאָלעק אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער און מיט אים געדראָט די פּאָליציאַנטן. זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן און דאָלעק האָט זיך אומגעקערט צו דער הויפּט־קאָמענדע, אָבער זינט דעמאָלט איז געווען קלאָר, אַז די אָרגאַניזאַטאָרס פון אויפשטאַנד מוזן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, אויב ניט וועלן זיי אַריין פאַלן אין די הענט פון פאַרעטער, וואָס וועלן זיי אויסגעבן דעם שונא נאָך איידער די אַקציע וועט זיך באַנייען, און די אַקציע האָט דאָך געזאָלט זיין פאַר אונדז דער סיגנאַל פון אָנהייבן דעם אויפשטאַנד.

זיינען דעמאָלט די קעמפער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און אָנגע־ הויבן צו אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנישע סאַבאָטאַזש־אַקטן: אַרויסגעשיקט קאַמף־גרופּן אין די וועלדער, פלאַנירט דיווערסיעס קעגן באַנען ניט ווייט פון דער שטאָט און ממשיך געווען מיטן אָנפאַלן אויף איינצעלנע דייטשן, וועלכע דרייען זיך אַרום אין די גאַסן פון שטאָט, און ביי זיי צונעמען דאָס געווער.

אין אָט דער טעטיקייט האָבן מיטגעהאָלפן, דער עיקר מיט טעכנישער עצה, מיטגלידער פון דער פּ.פּ.ר., אָבער גלייכצייטיק מיט אָט די טעטיקייטן האָבן זיך די חברים אין קראָקע צוגעגרייט צו פאַרמעסטן פון גרויסן מאַסשטאַב. זיי האָבן געהאַט געוואַגטע פּלענער און דער עיקר: געגלייבט אין זייערע כוחות זיי צו פאַרווירקלעכן. פאַרן צוטרעטן צו דער אויספירונג פון די פּלענער האָבן זיי געוואָלט זיך באַראַטן מיט חברים פון וואַרשע און דערפאַר געבעטן, אַז איינער פון אונדז זאָל זיי קומען באַזוכן. דער ערשטער איז אַרויסגעפאָרן אריה ווילנער און נאָך אים, אויף זייער פאָדערונג, יצחק צוקערמאַן אין באַגלייטונג פון דער יונגער פאַרבינדלערין חווקע פאָלמאַן, אָבער ביז ער איז דערפאָרן און זיי אויפגעזוכט — איז שוין דער פּלאַן געווען צוגעגרייט און זיי האָבן

אַפילו געהאַט באַשטימט דעם טאָג און די שעה ווען די פּעולה וועט זיך אָנהייבן: דעם 22־טן דעצעמבער.
זייער פּלאַן איז געווען אויפגעבויט אויף עטלעכע צענטראַלע אָנגריפן: הרגענען דייטשן אין די גאַסן פון דער שטאָט; אויפרייסן מיליטערישע גאַראַזשן; אַריין וואַרפן האַנט־גראַנאַטן אין די גרעסטע קאַפע־הייזער, אין אַזעלכע וועלכע זיינען באַשטימט בלויז פאַר דייטשן; גלייכצייטיק — פאַרשפּרייטן אויפרופן קעגן דעם אכזריותדיקן אָקופּאַנט.
די גאַנצע אונטערנעמונג איז צוגעגרייט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען, ווייל ס׳רוב קעמפער האָבן געהאַט אַן אויסדריקלעך יידישן אויסזען.
אמת, לאַבאַן האָט געוווּסט ווי זיך צו אָריענטירן אין יעדן מצב. אין אָנהייב איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ מונדיר פון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט און איז אַרום געגאַנגען פראַנק און פריי איבער די גאַסן, האָבנדיק ביי זיך פאַלשע דאָקומענטן. שפּעטער האָט ער זיך אַליין ״אַוואַנסירט אין ראַנג״ און זיך אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם פון אַ דייטשן אָפיציר, אַרום געגורט מיט געווער, אָבער ניט אַזוי — די אַנדערע. זייער פּנים האָט גלייך פאַראַטן, אַז זיי זיינען יידן, און דערפאַר שטענדיק געצוווּנגען געווען זיך צו באַהאַלטן. חוץ דעם זיינען ניט געווען קיין דירות ווו צו אָרגאַניזירן די טעטיקייט און ניט קיין שטוב ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ.
נאָך לאַנגע מאַטערנישן האָט מען געפונען אַ פאַרלאָזט הויז, אַן אַמאָליק יידיש שפּיטאָל, וואָס איז געשטאַנען פּוסט אויף דער אַרישער זייט פון דער שטאָט. דער דאָזיקער פּונקט איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ באַזע פאַר די מיטגלידער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דאָ האָבן די קעמפער געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ און פון דאַנען זיינען זיי אַרויס אויף אויס־צופירן די אויפגאַבן.
אין באַשטימטן טאָג, דעם 22־טן דעצעמבער 1942, זיינען לאַבאַן און יצחק צוקערמאַן געווען אויף דער באַזע פון דער אָרגאַניזאַציע. לאַבאַן האָט געגעבן די דירעקטיוון און אָפּגעשמועסט צו טרעפן זיך מיט די

קעמפּער אויף צו מאָרגנס, 5 אַ זייגער פאַר נאַכט, אַ טאָג נאָכן דורכ־פירן די דיווערסיע. נאָכהער איז ער אינײַנעם מיט יצחקן געגאַנגען צו זיין דירה, אַ קעלער־שטוב אין אַ הויז, ווו ס׳האָבן געוווינט בלויז דייטשן. אין יענער נאַכט האָבן זיי געהאַט אַן אויספירלעכן שמועס און צוגעגרייט די פּלענער פאַר דער טעטיקייט אין געטאָ. אין אָט דעם שמועס האָט זיך אויך באַטייליקט דאָלעק ליבעסקינד, אַ חבר פון דער קראָקעווער הויפּט־קאָמענדע.

אין אָוונט, פאַר דער שפּער־שטונדע, זיינען די פאַרבינדלער געקומען צום פאַרבינדונגס־פּונקט פון שטאַב און איבערגעגעבן, אַז די אויפ־גאַבע איז דורכגעפירט געוואָרן לויטן פּלאַן. זיי האָבן געהרגעט געסטאַ־פּאָוצעס און אָפּיצירן פון דערווערמאַכט און אַפילו געבראַכט זייערע רעוואָלווערס; זיי האָבן אויך אונטערגעצונדן גאַראַזשן, אַריין געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן אין די קאַפע־הייזער און געטראָפן פיל פון די דייטשע באַזוכער. די געלונגנסטע האַנדלונג איז אויסגעפירט געוואָרן אין קאַפע־הויז "ציגאַנעריע". אַ סך שפּעטער איז מען פון פּוילישע און דייטשע אינפאָרמאַציע־קוועלן געווויער געוואָרן, אַז אין די אַלע האַנדלונגען זיינען דעהרגעט געוואָרן דרייצן דייטשן, פופצן זיינען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און עטלעכע זיינען אַרויס מיט לייכטע ווונדן. אין יענעם אָוונט האָט מען, ווי פּלאַנירט, פאַרשפּרייט דעם אויפרוף זיך אַנטקעגן־צו־שטעלן די דייטשן.

טייל זיינען ביי דער מיינונג, אַז אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן אַריין געדרונגען פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער געסטאַפּאָ; ווידער אַנדערע — אַז מען האָט נאָכשפּיאָנירט די פאַרשפּרייטער פון אויפרוף און אויף אַזאַ אופן האָט זיך זיי איינ־געגעבן צו געפינען די באַזע פון דער אָרגאַניזאַציע. וואָס מ׳ווייסט אויף געוויס איז, אַז די דייטשן האָבן זיך ביי נאַכט שטיל פאַרגנבעט אין חרובן שפּיטאָל אויף דער סקאַווינסקאַ גאַס און, איידער אונדזערע מענטשן האָבן נאָך באַוויזן צו נעמען זיך צום געווער, האָט מען אַלע

קעמפּער אַרעסטירט און אַריין געוואָרפן אין די טורמעס מאָנטעלופּי און העלצלווו.
ווי געזאָגט האָט לאַבאַן געהאַט אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן אויף צו מאָרגנס מיט די חברים. אין דער אָפּגערעדטער שעה איז ער אײנײנעם מיט יצחק צוקערמאַן געגאַנגען צו דער טרעפונג אויף דער באַזע פון די קעמפּער. דאָס הויז האָט זיך געפונען אין אַ שמאָל געסל. אויפן וועג אַהין האָט זיך ביי לאַבאַנען אויפגעוועקט אַ פאַרדאַכט. דאָס געסל געפעלט מיר ניט — האָט ער געזאָגט. שטענדיק פלעגט דאָ זיין שטיל, איצט האָבן זיך אין דער סביבה אַרום געדרייט פאַרדעכטיקע טיפּן. אויפן וועג האָט ער זיך אויך דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם רעוואָלווער. פון דעסטוועגן זיינען זיי אַריין אין פינצטערן קאָרידאָר — לאַבאַן דער ערשטער, ווייל ער האָט געקענט דעם וועג, און נאָך אים — יצחק. "הענדע האָך!" — האָט אין חלל געדונערט אַ דייטשער באַפעל, באַגלייט מיט אַ האָגל פון קוילן. יצחק איז גלייך צוריק געשפּרונגען. ער האָט באַוויזן צו עפענען די טיר, געשטעלט עטלעכע טריט און איז געפאַלן — אַ קויל האָט אים געטראָפן אין פוס און אים פאַרווונדעט, נאָר כהרף־עין זיך אויפגעשטעלט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ניטאָ וואָס אָנצוווערן, און איז אַרויס דורכן גערטנדל, וואָס אַרום דעם הויז, אין גאַס אַריין.
אין סאַמע קריטישן מאָמענט האָט ער זיך ניט פאַרלאָרן — ער איז אַוועק עטלעכע טריט פון טויער, שטיין געבליבן אין גאַס, גלייך ער וואָלט זיין גלייכגילטיק צו דעם וואָס פאַסירט און האָט פאַרויכערט אַ ציגאַרעט. אין דרויסן איז צוגעפאַלן די נאַכט. די פאַרדעכטיקע טיפּן, אָנגעטאָן אין ציוויל, ווען זיי האָבן געזען אַ מענטש שטייט און פאַרויכערט אַ ציגאַרעט אין גאַס, זיינען ווייזט אויס געווען זיכער, אַז ער איז איינער פון זיי, לעבן אים פאַרביי געגאַנגען און אים ניט חושד געווען. ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט, האָט זיך יצחק געווענדט צו דער קעגנזייטיקער ריכטונג. אַ שטיקל צייט איז ער אַרום געקראָכן איבער די

גאַסן מיט אַ פּוס, וואָס איז שווער פאַרוואונדעט געווען און געבלוטיקט. ער האָט ניט געוווּסט וווּהין צו גיין. צו זיין אומגליק האָבן די דייטשן יענעם טאָג, נאָך די אַטענטאַטן, באַשטימט די שפּער־שטונדע אויף 6 אַ זייגער, און אָט באַגינט די שפּער־שטונדע און ער ווייסט נאָך אַלץ ניט וואָס צו טאָן.

ער האָט זיך געזען שטיין לעבן אַ קלויסטער. ניט טראַכטנדיק קיין סך איז ער אַריין. אינעווייניק האָבן געקניט עטלעכע מענטשן. ווי אַלע אַנדערע האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער תפילה. נאָך דעם ווי די גויים זיינען אַוועק, איז ער צוגעגאַנגען צום גלח און אים דערציילט, אַז ער איז פאַרוואונדעט, אַז ער אַנטלויפט פאַר די דייטשן און בעט זיין הילף, אָבער דער איבערגעשראָקענער גלח האָט אים ניט געוואָלט לאָזן אין קלויסטער און אים אַרויסגעטריבן אין גאַס.

יצחק האָט זיך ווייטער אַרום געדרייט איבער די גאַסן ביז ער האָט אָנגעטראָפן אַ הויז און אויף אים אַ שילד. דער אויפשריפט איז געווען נאָר אויף פּויליש: "דאָקטאָר פון אינערלעכע קראַנקייטן", דאָס מיינט, אַז ער, דער דאָקטאָר, איז ניט פאַראינטערעסירט אין דייטשע פּאַציענטן. איז יצחק אַריין אינעווייניק, אָבער דער דאָקטאָר איז גראָד ניט געווען אין דער היים. דערווייל האָבן זיך אויפגעקליבן אין טרעפּן־הויז אייניקע פון די פּוילישע איינוווינער און באַמערקט דעם פאַרוואונדעטן און בלוטנדיקן, וואָס ליגט אויף די טרעפּ, און זיי האָבן געוואָלט אים איבערגעבן דער פּאָליציי. עטלעכע זיינען אַפילו צוגעקומען נאָענט און געוואָלט אים נעמען בגוואַלד און אויסליפערן צו די דייטשן, אָבער יצחק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ און מיט אַ כמעט ניט נאָרמאַלער עקשנות די גאַנצע צייט איבערגעחזרט: "איך ריר זיך ניט! הרגעט מיך, פון דאַנען ריר איך זיך ניט!" זיין עקשנות האָט, מן־הסתם, געריירט די פּאָליאַקן, זיי האָבן חרטה געקראָגן און זיך צעגאַנגען. עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך אַפילו געפונען עמעץ אין הויף, וואָס האָט אים פאַרבאַנדאַזשירט דעם פּוס, אָבער קיינער איז ניט

מסכים געווען אים אַריין צו לאָזן אין שטוב. זיי האָבן זיכער מורא געהאַט. אויב די דייטשן וועלן אים טרעפן, וועלן זיי באַצאָלן מיטן לעבן. יצחק האָט געפיבערט. ווייזט אויס, אַז ער האָט עפּעס געמורמלט אויף יידיש און מ'האָט זיך דערוווּסט ווער ער איז. ער געדענקט, אַז ער האָט געהערט ווי מ'שושקעט זיך און מע זאָגט, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן ביז אין דער פרי. ער וועט זיכער שטאַרבן. און ווער איז דאָס פּאַראַנט־וואָרטלעך פּאַר אַ טויטן וואָס ליגט אויף די טרעפּ פון הויז?

די איינוווינער האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין זייערע שטיבער. אַ פּויליש יינגל איז צו אים צוגעקומען און האָט אים געבראַכט ברויט און מילך. אַ פרוי האָט געעפנט אַ טיר, דאָס איז געווען די הויז־וועכטערין. זי האָט זיך אַרום געקוקט אין אַלע זייטן צי מען זעט ניט און צוגעדעקט אים מיט אַ זאַק. דאָס איז געשען סוף דעצעמבער, אין אַ שווערער, אייזיקער ווינטער־נאַכט. יצחק איז געלעגן אויף די טרעפּ די גאַנצע נאַכט.

אויף צו מאָרגנס, מיטן שפּראָץ פון טאָג, איז ווידער געקומען די הויז־וועכטערין. זי האָט זיך צען מאָל איבערגעצלמט פון שרעק און געזאָגט: דו לעבסט נאָך, און מיר אַלע זיינען דאָך געווען זיכער, אַז דו וועסט שטאַרבן. די דאָזיקע גויע האָט זיך דערבאַרעמט אויפן אומגליקלעכן ייד און, קיינער זאָל ניט זען, אים אַריין גענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן אים צו טרינקען עפּעס וואַרעמס און אויך צו עסן. יענעם גאַנצן טאָג האָט זי אים אָפּגעהיט, אָבער אויך זי האָט מורא געהאַט צו לאָזן אים איבערנעכטיקן. יצחק האָט אַזוי אַרום געמוזט ווייטער שלעפּן זיך, פאַרוווּנדעט און צעבראָכן, ביז ער איז אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע. מיט די לעצטע כוחות זיך אַריין געשטופּט אין אַ ליידיקן וואַגאָן און נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאָרן אָנגעקומען אין דער פרי קיין וואַרשע. אַ פולשטענדיק אויסגעשעפּטער, אָן אַ מענטשלעכן אויסזען, איז ער פאַרקראָכן אויף אונדזער באַזע אין דער זאַמענהאָף גאַס, אין צענטראַלן געטאָ.

דעמאָלט האָבן מיר געמיינט, אַז יצחק איז דער איינציקער וואָס איז

געבליבן לעבן נאָך דער אַטאַקע פון די יידישע קעמפער קעגן די דייטשן אין קראָקע. שפּעטער זיינען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז אַ סך פון די קעמפער האָט מען אַרעסטירט און זיי געפינען זיך אין טורמעס און די, וועלכע האָבן זיך אין יענער נאַכט פון די אָנגריפן געהאַט אויס־באַהאַלטן אין אַנדערע מקומות, אָדער זיך ניט באַטייליקט אין דעם דעצעמבער־אָנגריף, זעצן פאָר די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין קראָקע און איר סביבה.
איין מאָל האָט מען געפירט צו דער אויספאָרשונג אַ גרופע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און צווישן זיי — לאַבאַן. בעתן פאָרן, זייענדיק אין דער איבערגעדעקטער לאַסט־מאַשין, האָט לאַבאַן אָרגאַניזירט אַן איבערפאַל אויף די וועכטער. דער פלאַן איז געווען צו הרגענען די דייטשע היטער, אַוועקנעמען זייער געווער און אַנטלויפן, אָבער דער פלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבן. די דייטשן האָבן געהרגעט ס׳רוב פון די אויפשטענדלער און לאַבאַנען געבראַכט אין לאַגער פלאַשאָוו. דאָרט האָט מען אים אומגעבראַכט.
דאָלעק ליבעסקינד, וואָס האָט אומזיסט געוואַרט אין לאַבאַנס דירה אויפן צוריק קומען פון לאַבאַנען און יצחקן, האָט מען געכאַפּט און ער איז געפאַלן בשעתן פאַרטיידיקן זיך. מיט יענע, וואָס זיינען אַרעסטירט און געבראַכט געוואָרן אין די טורמעס און שפּעטער אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, איז אויך געווען חוקע פאָלמאַן.

דער אויפשטאַנד אין יאַנואַר 1943

די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן פּיבערדיקע צוגרייטונגען אין וואַרשע און אין די אַנדערע שטעט. פון די חברים, וואָס אויף דער אַרישער זייט, האָבן מיר געקראָגן נאָך אַ ביסל געווער און אַט, אין מיטן פון אָרגאַניזירן און פאַרפעסטיקן זיך, איז אויסגעבראָכן די אַקציע פון חודש יאַנואַר 1943.

די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן דם 18־טן אין דער פרי. די דייטשן, אין זייער כיטרעקייט, האָט זיך שטענדיק איינגעגעבן אונדז צו איבעראַשן. עטלעכע טעג פאַר דער אַקציע אין געטאָ האָבן די דייטשן דורכגעפירט ברייטע אָבלאַוועס אויף דער אַרישער זייט און אַרעסטירט טויזנטער פּאָליאַקן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז כל־זמן זיי זיינען דאָרט פאַרנומען, וועלן זיי אין אונדז פאַרגעסן. געווען פאַלן, אַז פּאָליאַקן, מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, האָבן זיך אַריין געגנבעט אין "שטילן" געטאָ און דאָרט געזוכט אַן אַזיל. אויך מיר האָבן געהייסן אונדזערע מענטשן פון דער אַרישער זייט, די פאַרבינדלער און פאַרבינדלערינס, צוריק צו קומען אין געטאָ ביז דאָס בייז וועט אַריבער.

די יידן, וואָס זיינען יענעם אין דער פרי אויפגעשטאַנען, האָבן ניט געפילט קיין שום ספּעציעלע סכנה. און אָט, גאָר פלוצעמדיק, איז דאָס גאַנצע געטאָ אַרום גערינגלט געוואָרן און מ׳האָט אָנגעהויבן צו כאַפּן יידן וואָס זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט. די גרופּעס אַרבעטער, וואָס האָבן געוואַרט ביים אַרויסגאַנג־טויער פון געטאָ, זיינען גלייך פאַרקירעוועט געוואָרן צום אומשלאַגפּלאַץ. אויך מיר, וואָס זיינען שטענדיק גרייט געווען צו יעדער פורענות, זיינען איבעראַשט געוואָרן. ערשט נעכטן געזעסן און אויסגעאַרבעט פּלענער ווי אַזוי אויסצונוצן די טעג ווען די דייטשן זיינען פאַרנומען אויף דער פּוילישער זייט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מ׳וועט נאָך האָבן עטלעכע וואָכן אויף

צוצוגרייטן זיך. אין אָוונט זיינען אַ טייל פון אונדזערע גרופּעס אַרויס אויף פאַרשידענע מיסיעס: צו שאַפן געווער, צו באַפרייען אונדזערע חברים פון די הענט פון דער יידישער "ווערקשוץ", — די וואַך איבער די דייטשע שאַפּן אויפן טעבענס־שולץ־געביט; אַנדערע האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו גיין אויף אַ מסיבה אין דער נייער באַזע, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט פאַר בערל ברוידאס קאַמף־אָפּטיילונג. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז ער געקומען פון אָסטראָוויעץ און מיט אים צענדליקער אָרטיקע חברים וואָס האָבן אָנגעהערט צו דער אָרגאַני־זאַציע. יענעם אָוונט האָבן מיר געהאַט ביי זיך אַ טייערן גאַסט — יצחק קאַצענעלסאָן. דער דיכטער האָט געוווינט אויפן געביט פון טעבענס־שולץ און געאַרבעט, איניינעם מיט זיין איינציק פאַרבליבענעם זון, צבי, אין דעם שאַפּ פון דייטשן אינדוסטרי'עלער שולץ. ביידע האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון דאָרט, פאַרביי געשלייכט זיך דורכן פוסטן שטח, וואָס איז שוין אייניקע מאָנאַטן געווען אָפּגערייניקט פון יידן, און אָנגע־קומען אויף אונדזער באַזע אין צענטראַלן געטאָ. דער דיכטער האָט אויסגעזען שרעקלעך. ער איז געווען אין גאַנצן צעבראָכן. דאָס איז געשען נאָכן אומקום פון זיין משפחה, זיין פרוי און זיינע צוויי יינגערע זין. "אַ וואָך צייט האָבן מיר זיך ניט געזען" — האָט ער געזאָגט. ער איז געקומען כדי צו הערן, זיך אַראָפּריידן פון האַרץ און אויך צו לייענען פאַר אונדז די לעצטע שאַפונג — וועגן אומגליק פון זיין משפחה. מיר האָבן מיט אים פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט. פאַר טאָג האָבן מיר זיך צוגעלייגט שלאָפן.

איידער מיר האָבן איינגעדרימלט איז געקומען צו לויפן דער חבר, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, און אונדז אויפגעוועקט: עס פּילט זיך אַ מיליטער־באַוועגונג אין שטאָט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער אַרישער זייט, פון דעסטוועגן זיינען מיר אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטאָן און אַראָפּ אין הויף כדי גענויער צו באַטראַכטן די לאַגע. מיר האָבן דערזען, אַז אַלע גאַסן

זיינען אַרום געשטעלט און אַז לעבן יעדן הייזער־בלאָק געפינט זיך אַ דייטשע וואַך. מ׳האָט ניט געקאָנט אַרויס גיין אין גאַס. מיר האָבן אויך מער ניט געקאָנט זיך פאַרבינדן מיט די אַנדערע קאַמף־גרופּעס פון דער אָרגאַניזאַציע. פון אונדזערע פּלענער פון נעכטן און אייערנעכטן — איז גאָרניט געוואָרן. יעדע גרופּע איז געבליבן איזאָלירט. יעדע אָפּטיילונג, אויף וויפל זי האָט פאַרמאָגט געווער, האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן בלויז אויף זיך אַליין. מיר האָבן ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן אונדזער קאַמף־פּלאַן ווייל ס׳איז אוממעגלעך געווען זיך צו רירן פון אָרט. די אַקציע האָט יעדערן פון אונדז געפּאַקט אויף זיין פּונקט. און דאָך האָבן מיר געטאָן אַלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך אין אַזעלכע באַדינגונגען.

אין דעם דאָזיקן אויפשטאַנד זיינען אויסגעפּרוווט געוואָרן צוויי קאַמף־טאַקטיקעס: איינע, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן דורך אַ גרופּע פון השומר־הצעיר, אין דער שפּיץ מיט מרדכי אַנילעוויטש. אירע מענטשן, וואָס זיינען איבעראַשט געוואָרן גלייך ביים אָנהייב פון דער אַקציע, האָבן צוגעלאָזט, אַז די דייטשן זאָלן זיי כאַפּן און זיך אויסגעמישט מיט די מאַסן, האַלטנדיק ביי זיך דאָס געווער. די דייטשן און זייערע אוקראַיִנישע אַרויסהעלפער האָבן געפירט די מאַסן צום אומשלאַג־פּלאַץ. אין אַ באַשטימטער מינוט, אין מיטן גאַס, איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו שיסן. ווען די חברים פון דער גרופּע האָבן אָנגעהויבן שיסן, האָבן זיי געשריען צו די יידן: ״אַנטלויפט!״ אָבער די יידן, פאַר גרויס שרעק, זיינען זיך ניט צעלאָפן, נאָר ס׳רוב זיינען דווקא אַוועק אין דער ריכטונג פון אומשלאַגפּלאַץ. זיי האָבן מורא געהאַט מע זאָל זיי ניט כאַפּן און הרגענען אויפן אָרט, נאָר אויב זיי וועלן אַליין קומען צום אומשלאַגפּלאַץ, אפשר וועט מען זיי לאָזן לעבן. פון דעסטוועגן האָבן עטלעכע יידן באַוויזן צו אַנטלויפן.

אין דער ערשטער מינוט האָבן די דייטשן ניט געגלייבט, אַז אַזאַ זאַך איז גאָר מעגלעך, און זיינען צעטומלט געוואָרן. מיר האָבן געהערט די

געשרייען פון די דייטשן: ״די יודען שיסן!״ דאָס האָט זיי איבעראַשט און פאַרווונדערט, ווייל אַזאַ זאַך האָבן זיי זיך גאָר ניט געקאָנט פאָר־שטעלן. די חברים האָבן אויסגענוצט די מינוטן פון צעטומלטקייט און ווייטער געשאָסן, אָבער דערווייל זיינען די דייטשן צו זיך געקומען און אונדזערע חברים האָבן זיך דערזען שטיין מיט בלויזע רעוואָלווערס פנים־אל־פנים מיט דייטשן באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס. כמעט אַלע חברים פון דער דאָזיקער גרופּע זיינען אומגעקומען. טייל זיינען אַנט־לאָפן און געהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן בעתן נאָכיאָגן זיי. ביי די אַנדערע האָבן זיך אויסגעלאָזט די קוילן. פון דער גרופּע זיינען ניצול געוואָרן נאָר מרדכי אַנילעוויטש און אַ מיידל. נאָך דעם, ווי די קוילן האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָט מרדכי אַרויסגעכאַפּט ביי אַ דייטש די ביקס, זיך צוריק געצויגן אין אַ טויער און פון דאָרט אַרויסגעשאָסן. די דייטשן האָבן מורא געהאַט אַריין צו גיין אין דעם הויז. ניט ווייט פון דאָרט זיינען יידן געזעסן אין אַ בונקער. איינער פון זיי איז אַרויס און האָט אַריין געצויגן נאָך זיך מרדכי אַנילעוויטש. די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן און פאַרברענט דאָס הויז.

דאָס איז געווען איין טאַקטיק, וואָס מיר האָבן אָנגעווענדט אין יאַנואַר־אויפשטאַנד. געווען אויך אַ צווייטע מיט וועלכער מיר האָבן זיך באַנוצט.

מיר האָבן אָפּגעשאַצט, אַז אין אונדזער לאַגע, מיט דעם געווער וואָס מיר פאַרמאָגן, איז זייער שווער אַרויסצוגיין אין אַן אָפענעם קאַמף מיט די דייטשן, פנים־אל־פנים.

די יידן האָבן געוווּסט, אַז מ׳דאַרף זיך באַהאַלטן, אַז עס וואַרט אויף זיי דער טויט, אָבער געווען צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געטרייסט מיט דעם, אַז די דייטשן וועלן ניט ליקווידירן אַלע יידן, אַלנפאַלס די אַרבעטער וועלן זיי לאָזן לעבן. אויך די דייטשן האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי ווילן, אַז אַ טייל פון די יידן זאָל בלייבן לעבן. ווען די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן — ווער ס׳האָט באַוויזן האָט

זיך באַהאַלטן, ווער ס׳האָט ניט באַוויזן — איז געכאַפּט געוואָרן. די דייטשן האָבן דאָס מאָל שוין ניט געקאָנט פאַנגען יידן אין די גאַסן נאָר געמוזט אַריין גיין אין יעדער שטוב און זוכן. האָבן מיר דערפאַר באַשלאָסן ניט אַרויסצוגיין צו די דייטשן און זיי אָנגרייפן אין גאַס, נאָר וואַרטן ביז זיי וועלן קומען צו אונדז. מיר האָבן זיך משער געווען, אַז די דייטשן וועלן ניט זיין אַזוי פאָרזיכטיק, ווייל זיי ווייסן נאָך ניט אַז מע וואַרט אויף זיי מיט געווער אין האַנט. איז דערפאַר מעגלעך געווען, אַז צוליב דער איבעראַשונג וועלן מיר מצליח זיין. מיר האָבן זיך אָבער ניט פאָרגעשטעלט, אַז נאָך די דאָזיקע יאָרן פון אימה קאָן מען ברענגען אויפן געדאַנק, אַז יידן וועלן שיסן אויף דייטשן, הרגענען פון זיי און דערנאָך בלייבן ביים לעבן. ס׳איז אונדז געווען קלאָר, אַז די דייטשן וועלן אונדז ליקווידירן, אָבער מיר האָבן זיך געזאָגט, אַז אפשר מיט אָט דער טאַקטיק וועלן מיר מסוגל זיין צו הרגענען מער דייטשן און אויך אויסהאַלטן אַ לענגערע צייט.

זיינען מיר געשטאַנען גרייט אויף אונדזערע פּאָזיציעס אין ווין־הויז פון איינער פון די דרור־אָפּטיילונגען אויף דער זאַמענהאָף גאַס 56־58. פלוצעם האָט זיך באַוויזן דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן און זיין זון צבי. ווי ס׳איז שוין פריער דערציילט געוואָרן האָבן מיר מיט זיי פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט אויפן 18־טן יאַנואַר. פאַר פרי האָבן זיי געזאָלט אָנשליסן זיך אָן איינער פון די אַרבעטער־גרופּעס, וואָס זיינען באַשעפטיקט אויף דער אַרישער זייט, כדי אַריבער צו גיין דעם הפקר־שטח פון געטאָ, און זיך צעשיידן מיט זיי, לעבן דעם אַזוי גערופענעם טעבענס־שולץ געטאָ, דעם ווין און אַרבעטס־פּלאַץ פון דיכטער. צוקומענדיק צו די טויערן פון געטאָ האָבן זיי געזען מאַסן יידישע אַרבעטער צונויפגעפּרעסטע לעבן טויער און אַרום געריינגלטע דורך די דייטשן. זיינען זיי דערפאַר צוריק געקומען צו אונדז.

מיר האָבן געוואָלט זיי באַהאַלטן אין איינעם פון די בונקערס, וואָס זיינען געווען אין יענעם הויז, אָבער קאַצענעלסאָן איז בשום אופן אויף

דעם ניט מסכים געווען. ס׳איז זיין פליכט צו בלייבן מיט אונדז — האָט ער געזאָגט קאַטעגאָריש. אויך ער וועט קעמפן, אויב אַפילו ס׳איז ניטאָ געננג געווער פאַר אונדז אַלעמען.

באַלד נאָך דעם איז צו אונדז אָנגעקומען אַ קליינע גרופּע פון גורדוניה־מיטגלידער אין דער שפּיץ מיט אליעזר געלער. נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, בשעת דער גרויסער אַקציע, יולי 1942, האָבן זיי, נאָך אַ סך איבערלעבענישן, אָנגעהויבן סוף יאָר צוריק צו קומען איינציקווייז אין וואַרשעווער געטאָ. זיי האָבן זיך באַזעצט אין איינער פון די פאַרלאָזטע דירות, אין זעלבן הויף ווו מיר האָבן אויפגעשטעלט אונדזער הויפּט־קאָמענדע. איצט, אין אַנטשיידנדיקן מאָמענט, געוואָלט זיך אָנשליסן אָן אונדז. קיין געווער האָבן זיי ניט געהאַט. מיט זייער ווענדונג צו אונדז זיינען זיי אַריין געטראָטן אין די רייען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן זיך באַהאַלטן אויף אונדזערע פּאָזיציעס. פּערציק בחורים און מיידלעך אונטער דער קאָמענדע פון יצחק צוקערמאַן, אין אונדזער רשות 4 האַנט־גראַנאַטן און 4 רעוואָלווערס. דאָס רוב חברים זיינען געווען באַוואָפנט מיט אייזערנע פרענטן און מיט שטעקנס און אויך מיט אונדזער אַליין־געשאַפענעם געווער — עלעקטרישע לעמפּלעך אָנגעפילטע מיט וויטריאָל. זאָלן נאָר די דייטשן קומען, האָבן מיר געזאָגט, וועלן מיר פאַרברענען זייער עקלדיקן פּרצוף מיט אָט דער פליסיקייט. און כאָטש מיר האָבן געוווסט, אַז נאָך די אבדות, וואָס מיר וועלן זיי פאַרשאַפן, וועלן זיי אָנפאַלן מיט זייער ריזיקן כוח און וועלן אונדז אַלע פאַרניכטן, האָבן מיר געוואַרט געשפּאַנטע אויף זייער קומען. מיר האָבן געזאָגט: ס׳דערנענטערט זיך די שעה פון נקמה, לאָמיר זי ניט פאַרפאַסן, נאָכהער וועלן מיר פאַלן מיט אַ רואיק געוויסן.

אַ שטילשווייגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן קאָפּ. די געציילטע איינוווינער האָבן אַלע פאַרלאָזט זייערע דירות כדי זיך צו באַהאַלטן אין לעכער, בונקערס און אין פאַרשידענע באַהעלטענישן. פון מאָל צו מאָל

איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן. אַ געיאָמער פון יידן וואָס מ׳פירט צום אומשלאַגפּלאַץ האָט צעשניטן די לופט. עס האָבן זיי באַגלייט די געשרייען פון די דייטשן: ״לאַופן, שנעלער לאַופן!״

אונדזער שטימונג האָט זיך יעדעס מאָל געביטן: אַרויף און אַראָפּ. טייל מאָל האָט די געשפּאַנטקייט כאילו נאָכגעלאָזט און אָנשטאָט איר איז געקומען אַן אומעט און פאַרפולט אונדזערע הערצער. מיר זיינען געשטאַנען יעדער אין זיין ווינקל, יעדער איינער אַריין געטאָן אין זיך, מיטן געוועער אין האַנט און מיט טרויער אין האַרצן. אַזוי האָבן מיר געוואַרט אויפן ערשטן שאָס.

שווער, אוי ווי שווער איז אָנגעקומען דער ערשטער שאָס! האָט דאָך די ליקווידאַציע אין וואַרשע שוין געדויערט אַ האַלב יאָר און ביז איצט איז נאָך ניט געשאָסן געוואָרן קיין איין קויל אויף די רוצחים. ווי אַזוי וועט דאָס אויסזען? ווי אַזוי וועלן מיר זיך אויפפירן?

ס׳האָבן מיך באַפאַלן אומעטיקע געפילן, אַ מין חשבון־הנפש אין די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן. אויף אַ רגע בין איך מיט מיין פאַנטאַזיע פאַרפלויגן ווייט, ווייט קיין ארץ־ישראל, צו די נאָענטע חברים — צי דען, צי דען וועל איך זיי שוין קיין מאָל ניט זען?

אין אָט דער ערנסטער מינוט פון אַנטשיידונג, פאַרן צוזאַמענשטויס מיטן שונא, האָט יצחק קאַצענעלסאָן אָנגעהויבן און געזאָגט רירנדיקע געזעגענונג־ווערטער פאַר זיך אַליין און פאַר אונדז:

״לאָמיר זיין גליקלעך, וואָס מיר גרייטן זיך, מיט געוועער אין האַנט, אַנטקעגן צו גיין דעם שונא און צו שטאַרבן. אונדזער באַוואָפנטער קאַמף וועט ווערן אַ קוואַל פון וועלכן די קומענדיקע דורות וועלן שעפּן זייער האָפענונג. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל אונדזערע ברידער אין ארץ־ישראל — זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שוואַכקייט אין צייט פון סכנה און זיינען געשטאַנען געציילטע קעגן אַ סך און מיט זייער טויט דערצויגן דורות פון יידן. די דייטשן האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען פון יידן, אָבער זיי וועלן אונדז ניט בייקומען. דאָס יידישע פאָלק וועט

ווייטער עקזיסטירן. אונדזערע אויגן וועלן דאָס מער ניט זען, אָבער מע וועט אָפּצאָלן דאָס, וואָס עס קומט זיי. נאָך אונדזער טויט וועלן אונדזערע מעשים בלייבן אויף אייביק..."

זיינע רייד, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ הייליקער התלהבות, האָבן אָנגעצונדן אַ פייער אין אַלעמענס האַרץ.

קוים האָט דער דיכטער געענדיקט זיינע באַגייסטערטע רייד האָט פון די טרעפּ זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון באַקאָוועטע שטיוול. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און עס האָבן זיך אַריין געריסן אין שטוב אַ באַנדע דייטשן. די ערשטע, אויף וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן, זיינען געוועזן זכריה אַרטשטיין און חנוך גוטמאַן.

זכריה אַרטשטיין האָט זיך אויסגעצייכנט ווי איינער פון די מוטיקסטע קעמפער אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַ געבאָרענער אין שטעטל פּרושקאָוו האָט ער זיך פאַר דער מלחמה דערצויגן אין דער יוגנט־באַוועגונג פרייהייט. קיין וואַרשע איז ער געקומען מיט די אַרויס־געטריבענע פון זיין שטעטל. זיינע עלטערן זיינען געשטאָרבן אין געטאָ, געשטאָרבן פון הונגער. געפינענדיק זיך נאָך אין שטעטל האָט מען אים געבראַכט אין אַן אַרבעטס־לאַגער און ער איז אויסגעשטאַנען אַלע זיבן מדורי גיהינום פון דערנידערונג. נאָך איידער ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מ'גרייט זיך צו ליקווידירן דאָס יידישע פאָלק, האָט ער געשוואָרן נקמה צו נעמען און דער דראַנג דאָס צו טאָן האָט אים אין גאַנצן פאַרפולט. טייל מאָל האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז ריידן רעדט ער טאַקע אַ סך וועגן נקמה, נאָר צו קיין מעשים וועט דאָס ניט דערפירן, אָבער ער האָט גערעדט און אויך געטאָן.

זיין חבר חנוך, וואָס מיר האָבן אים גערופן הענעך, אַ געבאָרענער אין דער שטאָט לאָדזש, איז געקומען קיין וואַרשע גלייך נאָך דעם ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אַזוי ווי זכריה, איז אויך ער דערצויגן געוואָרן אין פרייהייט און נאָכהער געוואָרן איינער פון די יונגע אַקטיוויסטן אין דער פאַראייניקטער באַוועגונג פרייהייט־החלוץ־

הצעיר.ביידע האָבן זיך באַטייליקט אין ערשטן אומלעגאַלן סעמינאַר פון דרור, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע האָט ער געפּרוּווט. אָן הצלחה, צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף מיעטשיסלאַוו שמערלינג, אַן אָפיציר פון דער יידישער פּאָליציי וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אומשלאַגפּלאַץ.
שפּעטער זיינען זיי ביידע געשטאַנען אין דער שפּיץ פון קאַמף־גרופּעס און זיך אויסגעצייכנט ווי קעמפער און קאָמאַנדירן אין די טעג פון גרויסן אויפשטאַנד, אין חודש אַפּריל 1943. ביידע זיינען זיי אומ־געקומען.
ווען די דייטשן זיינען אַריין איז זכריה געזעסן אין פּאָדערצימער פאַרטיפט, כלומרשט, אין לייענען אַ בוך, און אַזוי אַרום האָבן זיי אויף אים ניט געלייגט קיין אַכט. מיר אַלע ווידער זיינען געווען צעשפּרייט איבער די אַנדערע צימערן פון הויז, אויסבאַהאַלטענע הינטער שאַפעס, און אין די נאָענטע דירות. די דייטשן האָבן האָפערדיק דורכגעשפּאַנט דאָס ערשטע צימער און זיינען אַריין אין אונדזערן. זיי האָבן באַמערקט נאָר עטלעכע פון אונדז — נעבעכדיקע יידישע יונגעלייט, וואָס וואַרטן מיט גלייכגילט אויפן קומען פון זייערע רוצחים.
אין אָט דער רגע איז זכריה אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, אַריין געשאָסן זיי אין פּלייצע און האָט געהרגעט צוויי דייטשן. די אַנדערע זיינען איבעראַשט געוואָרן און זיך צוריק געצויגן צום טרעפּן־הויז. גלייך האָבן אונדזערע חברים, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אין די צימערן, זיך דאָרט אַריין געריסן. דער ערשטער, מאיר פינקעלשטיין, איז שווער געטראָפן געוואָרן אין מויל דורך אַ דייטשער קויל. הינטער אים איז געשטאַנען חנוך גוטמאַן. אים האָט זיך איינגעגעבן אַדורכ־צושפּרינגען דעם שמאָלן אַריינגאַנג און אָנגעטראָפן אַן אַנטלויפנדיקן דייטש.
אין צוזאַמענשטויס האָבן זיך באַטייליקט אַלע חברים — ווער מיט אַ האַנט־גראַנאַט, ווער מיט אַ רעוואָלווער, ווער מיט אַן אייזערנעם

פרענט און ווער מיט וויטריאָל. זכריה און חנוך האָבן אַראָפּגענומען דאָס געווער פון די געפאַלענע צי פאַרווונדעטע דייטשן, די אַנדערע האָבן נאָכגעיאָגט די אַנטלויפנדיקע.

עטלעכע מינוטן זיינען מיר געווען גליקלעך. און טאַקע, מיט די אייגענע אויגן האָבן מיר געזען די דייטשן דערשראָקענע, אַנטלויפנדיקע אין בהלה. דייטשע זעלנער, וואָס נעמען איין די וועלט, אַנטלויפן פון אַ יידישן בחור, וואָס זיין גאַנץ געווער באַשטייט פון אַ רעוואָלווער צי אַ האַנט־גראַנאַט. מיר האָבן ניט געוואָלט זיי וויט נאָכיאָגן, ווייל אונטן, אין גאַס, זיינען געווען אַ סך ס.ס.־לייט און באַוואָפנטע אוקראַיִנער. די מערדער זיינען פאַרשוווּנדן פון הויז און פון הויף און מיר זיינען געבליבן אַליין.

ס׳האָט אונדז ווי געטאָן דאָס האַרץ צוליב דער שווערער פאַרווונדונג פון אונדזער חבר מאיר פינקעלשטיין, אָבער דאָס האָט אונדז ניט אַנט־מוטיקט. מיר האָבן דאָך צוגעקראָגן געווער, וואָס מ׳האָט אַראָפּ־גענומען פון די דייטשן: עטלעכע ביקסן, רעוואָלווערס און האַנט־גראַנאַטן. מיר זיינען נתעשר געוואָרן.

מיר זיינען געווען געפּלעפט. ווי איז דאָס מעגלעך? מיר, די געטאָ־יידן, האָבן די דייטשן פאַרשאַפט אבדות און זיי אַפילו פאַרטריבן. אַ רגע זיינען מיר געשטאַנען דערשטוינטע און צעמישטע, אָבער דער ניכטערער געדאַנק איז באַלד צו אונדז צוריק געקומען: מיר האָבן ניט קיין סך צייט. זיכער וועלן זיי אין קורצן מיט פאַרשטאַרקטע כוחות אַרום רינגלען דאָס הויז און אונדז אַלע אומברענגען, איז אויב אַזוי — מוזן מיר תיכף פאַרלאָזן דאָס הויז.

מיר האָבן דערלאַנגט ערשטע הילף אונדזער פאַרווונדעטן חבר, האָבן פאַר אים אויסגעזוכט אַ באַהעלטעניש, אים אויסצובאַהאַלטן פאַר די דייטשן, וואָס וועלן זיכער זיך אומקערן צו אונדזער באַזע.

ניט זייענדיק צוגעגרייט אויף דעם פון פריער — מיר האָבן זיך דאָך ניט פאָרגעשטעלט, אַז מירן קעמפן מיט די דייטשן און בלייבן לעבן —

האָט, כאילו פון זיך אַליין, זיך אויסקריסטאַליזירט אַ פּלאַן ווי אַזוי זיך צוריק ציען: אַריבער אין אַן אַנדער גאַס, דורך די בוידעמער און דעכער. געזאָגט און געטאָן. מיר זיינען אַרויף אויפן בוידעם, דורך אַ שמאָל פענצטערל אַרויס אויפן דאַך און זיך געלאָזט אין וועג איבער פאַרשנייטע און פאַראייזטע דעכער. מיר האָבן געשפּאַנט אין אַ לאַנגער שערענגע, איינער נאָכן צווייטן. דער וועג איבער די דעכער איז געווען אַן אויסמאַטערנדיקער; יעדע רגע זיינען מיר עלול געווען זיך אויס־צוגליטשן און געהרגעט ווערן דורך אַראָפּפאַלן פון פיר צי פינף שטאָק די הויך.

אונדזער ציל איז געווען די מוראַנאָווסקע גאַס 44. די מינוטן פון בלאָנדזשען האָבן געדויערט לאַנג, אונדז האָט זיך געדוכט — שעהען. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועט אונדז קיין מאָל ניט געלונגען, ס'איז אָבער אויך ניט געווען קיין וועג אויף צוריק. מיר האָבן געציטערט, אַז מיר וועלן בלייבן שטעקן אויף די פאַרשנייטע דעכער אָן קיין שום אויסוועג, אָבער צו לעצט האָט אונדז דאָס מזל צוגעשפּילט און מיר זיינען בשלום אָנגעקומען אויף מוראַנאָווסקע 44.

אָנגעקומען אויפן נייעם פּונקט האָבן מיר זיך פונאַנדערגעטיילט אויף גרופּעס און פאַרכאַפּט פּאָזיציעס אין די אונדז אומבאַקאַנטע דירות און אויף די טרעפּ איבער אונדז, וואָס פירן אַרויף צום בוידעם.

מיר האָבן געהאָפט, אַז מירן האָבן אַ ביסל צייט זיך אָפּצורוען, זיך אָנ־וואַרעמען — נאָר אָט איז דערגאַנגען צו אונדזער אויער נאָך אַ מאָל דער קלאַנג פון די דייטשע באַקאָוועטע שטיוול. זיי האָבן זיכער זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אויך דאָ לויערן אויף זיי יידישע יונגעלייט, וואָרן זיי האָבן זיך אַריין געלאָזט אָן קווענקלעניש אין די דירות פון אונטערשטן שטאָק און זיינען אַרויף האָפּערדיק צו די העכערע גאָרנס. ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען מיט די טרעפּ אַרויף נאָענט צו אונדז, האָבן מיר זיי מבקל פּנים געווען מיט אַ שיסעריי. איינער פון די דייטשן איז געכאַפּט געוואָרן דורך די שטאַרקע הענט פון אונדזערע צוויי חברים און איז

אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורכן חלל פֿון טרעפּן־הויז. אַן אַנדערער האָט אַראָפּגעשליידערט פֿון אויבן אַ האַנט־גראַנאַט אויפֿן אונטערשטן שטאָק, דורך וועלכן די דייטשן האָבן געהאַלטן ביים אָפּציען. שלעפּנדיק זייערע הרוגים און פֿאַרווונדעטע מיט זיך, זיינען די דייטשן אָפּגעטרעטן.

דערווייל איז אָנגעקומען די נאַכט און די דייטשן זיינען מער ניט צוריק געקומען. נאָר אויף צו מאָרגנס האָבן זיי באַפֿאַלן אונדזערע ליידיקע צימערן אויף זאַמענהאָף גאַס און אונדזער אימפּראָוויזירטע באַזע אויף מוראַנאָווסקע גאַס. צו אונדזער אַלעמענס שטוינען האָט אויך דער צוזאַמענשטויס זיך געענדיקט און מיר זיינען געבליבן לעבן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין הרוגים, בלויז איין פֿאַרווונדעטן.

מיטן צופֿאַלן פֿון דער פֿינצטערניש זיינען מיר אַוועק צו דער דרור־באַזע אויף דער מילע גאַס 34. דאָרט איז געווען די וווינונג פֿון אונדזערע חברים, וואָס זיינען ענדע 1942 פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרם אין טשערניאַקאָוו אַריין געטריבן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. אויך דאָרט האָט געהערשט די שטילקייט, די טויט־שטילקייט פֿון די אַקציע־טעג. דאָס הויז איז געווען פֿאַרלאָזט פֿון זיינע איינוווינער, דאָס מעבל צעבראָכן און בעטגעוואַנט־פֿעדערן האָבן צוגעדעקט די פּאָדלאָגע.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן גורל פֿון אונדזערע הילפֿלאָזע חברים, די איינוווינער פֿון דעם הויז. אין די ערשטע פֿרימאָרגן־שעהען האָבן די דייטשן זיי איבעראַשט און כמעט אַלעמען אַוועק גענומען צום אומשלאַגפּלאַץ און אָפּגעפֿירט קיין טרעבלינקע. אַ סך פֿון זיי זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער פּאָרנדיקער באַן, אָבער בלויז ווייניקע האָט זיך, נאָך אַ סך איבערלעבענישן און סכנות, איינגעגעבן צוריק צו קומען אין געטאָ. פֿון די, וואָס זיינען צוריק געקומען, האָבן מיר געהערט וועגן חברטעס, וואָס זיינען געשפּרונגען פֿון דער באַן און זיכער פֿאַרווונדעט געוואָרן בשעתן שפּרינגען, און אַז צווישן די חברטעס זיינען אויך געווען עטלעכע פֿון די פֿאַרבינדלערינס,

וואָס זיינען אין די אָבלאַווע־טעג אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, צוליב דער סכנה געכאַפּט צו ווערן טראָץ זייער אַרישן אויסזען, צוריק געקומען אין געטאָ.

אינעם ליידיקן הויז האָבן מיר זיך אויסגעקליבן פּאַסיקע דירות, מיר האָבן אַוועקגעשטעלט פּאָסטנס פאַר די קאַמף־גרופּעס און יעדע איינע פון זיי האָט געוווּסט פון וואַנען און ווען אָנצוהייבן דעם קאַמף. אויס־קוקער זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אומעטום כדי די דייטשן זאָלן אונדז ניט איבעראַשן. ס'איז אויך פון פאָרויס באַשטימט געוואָרן אַ נייער פּונקט פאַר די חברים, אויב ס'וועט קומען צו אַ קאַמף און מע וועט זיך מוזן צוריק ציען.
מיר האָבן פאַר זיך געהאַט די גאַנצע נאַכט און זי אויסגענוצט פאַר אָפּרו און פאַר אַן אומרואיקן שלאָף.
ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. אַ ווינטערדיקער טאָג. די גאַס איז שטיל. די געשרייען פון די דייטשן, וואָס האָבן נעכטן פאַרפולט די גאַסן, זיינען פאַרשטומט געוואָרן. מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז די שיסערייען פון די יידן האָבן אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ מורא. אָט גייען זיי שוין ניט ווי אויף אַ פּאַראַד, נאָר שלייכן זיך ביי דער זייט פון די הייזער. אויך וואַגן זיי ניט אַריין צו גיין די ערשטע אין די הייף, נאָר זיי שיקן פריער יידישע פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן אויסשפּירן די לאַגע און זיין פאַר זיי אַ שוץ. נאַכהער קומען זיי אַליין און קאָנטראָלירן דעם שטח מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. און זע נאָר אַ וווּנדער: די זוכענישן אין די יידישע הייזער זיינען מער ניט אַזוי שטרענג. צי האָבן זיי זיך איבערגעשראָקן פאַר די טויטלעכע קוילן פון ייד וואָס לויערט אויף זיי?
אונדזער שטימונג האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. די אַרבעט, דאָס בלוט און דער שווייס האָבן די אַלע טעג געהאַט צעריבן אונדזערע נערוון און זיי געשפּאַנט געמאַכט אָן אַ שיעור. איצט איז געקומען די אויסלאָדונג, מיר האָבן געפונען אַ טעם פאַר אונדזער לעבן. נאָך דעם, ווי מיר האָבן

געפונען דעם כוח זיך אַנטקעגן צו שטעלן די מערדער, וועט אויך זיין אַ טעם פאַר אונדזער טויט. און אפשר, האָט זיך אַריין געגנבעט אַ פונק פון האָפענונג, אפשר וועלן מיר גאָר בלייבן לעבן?...

צענדליקער טויזנטער יידן זיינען דעמאָלט געלעגן אין זייערע באַהעלטענישן און האָבן געציטערט פאַר יעדן שאָרך — אָט האָט אַריין געקוקט אין גאַס אַ דייטש, אָט קומען זיי נאָענטער. און מיר, אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָבן אָקערשט דורכגעמאַכט די פייער־פּראָבע, זיינען זיך געזעסן צופרידענע אין אונדזער דירה און די אָנגעשפּאַנטקייט איז כמעט ווי אין גאַנצן פון אונדז אַוועק. איינער פון אונדז איז אַרויס זוכן איבער די הייף — אפשר וועט ער געפינען אַ שוועבעלע און אַ ביסל האָלץ אויף איינצוהייצן דעם אויוון. ער האָט געפונען. גאָר אין גיכן האָט זיך אויך אָפּגעזוכט אַ ביסל בראָנפן. מיר האָבן איינגעהייצט דעם אויוון און זיך אויסגעזעצט אַרום צו "מאַכן אַ לעבן". מיר האָבן אָנגע־הויבן זיך צו וויצלען. מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן די נעכטיקע געשעענישן. דער "קרבן" פאַר אונדזערע וויצן איז געווען איינער פון אונדזערע חברים, וואָס האָט זיך געהאַט נעכטן דערשראָקן, ווען די דייטשן זיינען אַריין און מיינענדיק, אַז ס'איז שוין אַלץ פאַרלאָרן, האָט ער געעפנט דעם שלאָס פון דעם האַנט־גראַנאַט וואָס ער האָט געהאַלטן, גרייט צו וואַרפן אויף אונדז. אין דער לעצטער מינוט האָט אים דער רוף פון אונדזער קאָמאַנדיר "שטיי" צוריק געהאַלטן און אַזוי זיינען מיר אַלע ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. איצט האָבן אַלע אים צוגעזעצט כדבעי, און ער אַליין, פאַרשעמט און צעדרודערט, פאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט ניט געוואָלט מיר זאָלן אַריין פאַלן לעבעדיקע אין די הענט פון די דייטשן.

איין גרופּע זיצט אין אַן אנדער ווינקל און הערט זיך צו מיט הנאה וואָס עמעצער פון די קעמפער דערציילט. יענער האָט בילדעריש געשילדערט ווי אַזוי ער האָט געהרגעט אַ דייטש, ווי אַזוי דער דייטש איז געלעגן גלייך ער וואָלט זיך וועלן וואַרפן אויף די יידן, נאָר — חזיר איינער —

דאָס טייכל בלוט אין וועלכן ער האָט זיך געטובלט, האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט ניט מער קיין כוח צו שרייען "יודען"...

מיר האַלטן אין וויצלען זיך, דערציילן זיך העלדן־טאַטן און אָט מעלדן אונדז די אויסקוקער: אַ גרויסע אָפּטיילונג פון ס.ס. געפינט זיך אין הויף.

זיי שטייען און שרייען אויף אַ קול "יודען ראַוס!" אָבער קיינער הערט זיך ניט צו צו זייער באַפעל.

מיר האָבן אָפּגעוואַרט: מיר האָבן אויסגעקוקט אויף דער רגע ווען די דייטשן וועלן זיך פונאַנדערלאָזן איבער די ווינקלען פון הויף און אָנהייבן אַרויסשלעפּן יידן בגוואַלד. וועט זיך דעמאָלט אין אַ געוויסער מאָס זייער כוח צעפּיצלען און דאָס וועט פאַר אונדז זיין אַ סימן אָנצו־הייבן אונדזער אַטאַקע. און אָט גייען זיי אַרויף די טרעפּ און קומען אַריין אין אונדזער וווינונג. זיי האָבן אונדז ניט באַמערקט. נאָר זכריה אַרטשטיין איז אַליין געשטאַנען, געהאַלטן די הענט אין דער הייך ווי צום אונטערגעבן זיך און איז אַרויס אין קאָרידאָר. דערמאָלט זיינען מיר אַלע אַרויסגעשפּרונגען פון אונדזערע ווינקלען און באַפאַלן די פון אינעווייניק, אין דער דירה. קוילן זיינען געפאַלן אויף די קעפּ פון די דייטשן. זיי זיינען געפלעפּט געוואָרן, האָבן זיך אומגעקערט און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן אין בהלה. אָנקומענדיק אונטן האָט זיך אויף זיי אויפגעעפנט אַ נייע סעריע קוילן, ווייל זכריה האָט זיך אַ קער געטאָן און גענומען שיסן פון דרויסן. אויף די טרעפּ האָבן מיר געזען ליגן טויטע און פאַרוווּנדעטע דייטשן. די אַנדערע האָבן באַוויזן זיך צוריק צו ציען און פאַרלאָזן דעם הויף. אויך ביי דעם צוזאַמענשטויס האָבן מיר ניט געהאַט קיין אבדות.

ניט דורך קיין סך צייט און די דייטשן זיינען ווידער געקומען. פאַרזיכטיק און מיט פאַרשטאַרקטע כוחות האָבן זיי אָנגעהויבן צו זוכן די קעמפער, נאָר זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. די קעמפער האָבן זיי ניט געפונען, ווייל גלייך נאָכן צוזאַמענשטויס האָבן מיר אַראָפּגענומען דאָס

געוועזן פון די געהרגעטע דייטשן און מיר זיינען אַנטלאָפן. בשעתן צוריק ציען זיך דורכן בוידעם האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ בונקער פול מיט יידן. דער בונקער איז געווען גוט פאַרמאַסקירט אויפן דאַך פון איינעם פון די נאָענטע הייזער. דאָרט האָבן מיר זוכה געווען צו אַ ביסל נחת. אַלע יידן וואָס זיינען געווען אין בונקער, צווישן זיי אַ רב, האָבן אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. דער רב האָט זיך צו אונדז געוואָנדן און געזאָגט: ״אויב איר זייט אונדז נאָך געבליבן, יונגע יידישע קעמפער און נקמה־נעמער — וועט אונדז גרינגער זיין צו שטאַרבן.״ מיר האָבן אין יענער מינוט פאַרגעסן אָן די אַלע דורכפאַלן און אַנטוישונגען וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען פון אונדזערע ברידער, די יידן, געווען שטאַרק גערירט און טרערן זיינען אונדז געשטאַנען אין די אויגן.

די יאַנואַר אַקציע האָט אָנגעהאַלטן פיר טעג. דער פּלאַן פון די דייטשן אַרויסצוטרייבן אַלע איבערגעבליבענע יידן פון וואַרשע קיין טרעבלינקע איז נכשל געוואָרן. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ ניט־פאָרויסגעזעענעם, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און איבערגעריסן די אַקציע. ס׳איז זיי, די דייטשן, ווייזט אויס, ניט אָנגעשטאַנען צו באַצאָלן מיט זייער לעבן פאַרן טויט פון די געטאָ־יידן. זיי האָבן זיכער געמיינט, אַז עס שטייען אין אונדזער רשות פיל גרעסערע כוחות. און אפשר האָבן זיי מורא געהאַט, אַז דער פונק פון אויפשטאַנד וועט אַריבער די מויערן פון געטאָ און אָנצינדן אויך די פּאָליאַקן. אַזוי אַרום האָבן זיי באַשלאָסן צו געווינען צייט, צו געפינען אַ נייעם אופן פון ליקווידאַציע. זיי האָבן ניט געוווּסט, אַז די צייט אַרבעט אויך פאַר אונדז, אַז אין דעם צווייטן צוזאַמענשטויס מיט אונדז וועלן זיי באַצאָלן פיל טייערער.

אויסער דער דרור־גרופּע, וועגן וועלכער איך האָב דערציילט, האָבן זיך אין יאַנואַר־אויפשטאַנד באַטייליקט נאָך עטלעכע גרופּעס פון דרור און השומר־הצעיר, אָבער היות איך האָב זיך געפונען אין דער דאָזיקער גרופּע, האָב איך דערציילט וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען און זיך לענגער אָפּגעשטעלט וועגן דעם.

צווישן איין אויפשטאַנד און צווייטן

אין יענעם פעריאָד איז דער עיקר באַשעפטיקונג פון די יידן, וואָס האָבן באַוויזן זיך איינצואָרדענען און צו בלייבן לעבן, געווען די אַרבעט אין די שאָפּן.

די דייטשן האָבן אין געטאָ אויפגעשטעלט גרויסע וואַרשטאַטן און אינדוסטריעס, וואָס זיינען באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען "שאָפּן". הונדערטער מאַשינען האָט מען אויסגעשטעלט שורותווייז אין גרויסע האַלעס און איבער זיי זיינען געזעסן איינגעבויגן הונדערטער יידן, געניייט וועש און פאַרלאַטעט מונדירן פאַר דער אַרמיי. דער אַרבעטס־טאָג האָט געדויערט פון טונקל ביז טונקל — אָן איבערייס. נאָר צו מיטאָג־צייט האָט מען די יידן דערלויבט צו עסן זייער אָרעמען ביסן, לעבן דער מאַשין. דער לוין פאַר זייער אַרבעט איז געווען דאָס שטיקל ברויט, אַ ביסל פּאָווידלע און אַ ביסל זופּ.

אין משך פון דער גאַנצער צייט זיינען איבער די אַרבעטער געשטאַנען היטער מיט בייטשן אין די הענט. אויב ס'איז ווער אָפּגעשטאַנען, אָדער האָט אויף אַ רגע איבערגעריסן די אַרבעט, האָט גלייך די בייטש זיך געוויקלט אַרום זיין גוף. די ווונד האָט געבלוטיקט, נאָר קיינער האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף דעם. דער געשלאָגענער איז פאַרפליכטעט געווען פאָרזעצן זיין אַרבייט. יעדער אַרבעטער האָט געמוזט אויספירן אַ באַשטימטע נאָרמע, און ווייִ צו דעם וואָס האָט זי ניט אויסגעפירט.

אין דער ערשטער צייט האָבן זיך געפלייסט אַריין צו קומען אין די שאָפּן אויך מענטשן, וואָס האָבן ניט געקענט דאָס פאַך, וואָרום די אַרבעט אין שאָפּ האָט באַדייט דאָס רעכט צום לעבן, אָבער ניט ווייניק פון זיי האָבן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר זייער ניט אויספירן די נאָרמע. אַ ביסל טרייסט האָבן די אַרבעטער געפונען אין דעם, וואָס זיי האָבן דערלעבט נקמה אין שונא — די מונדירן, וועלכע זיינען געבראַכט

געוואָרן צום פּאַרלאַטען און פּאַריכטן, זיינען געווען צעריסן, פּאַרברענט און איינגעשמירט מיט בלוט (אין יענער צייט איז פּאָרגע־קומען דער בלוטיקער קאַמף אַרום סטאַלינגראַד). די געטאָ־יידן, די פּאַרמשפּטע צום טויט, זיינען דערמוטיקט געוואָרן דורכן זען בפירוש, אַז די רויב־חיה גייט אָפּ אין בלוט.

אויסער די שאָפּן אין געטאָ זיינען געווען אַ סך, וואָס האָבן געאַרבעט אין פּאַרשידענע דייטשע אינדוסטריעס אויף דער אַרישער זייט. יעדן אין דער פרי זיינען מיר געווען עדות פון אַזאַ בילד: טויזנטער יידן, אויסגעשטעלטע צו פיר, אַרום גערינגלטע פון אַלע זייטן דורך דייטשע היטער — די אַזוי גערופענע ווערקשוץ — און דייטשע זעלנער, שפּאַנען אין ריי מיט אַ "פריילעך" ליד אויף די ליפּן. האָט איינער פון די גייער געשטעלט אַ שלעכטן טראָט, אָדער זיין זינגען איז ניט געפעלן געוואָרן די דייטשע מערדער, האָט מען אים אויפן אָרט צעשלאָגן ביז בלוט. פון דעסטוועגן זיינען אָט די אַרבעטער געווען די סאַמע גליקלעכסטע אין געטאָ. אַלע זיינען זיי מקנא געווען און אַלע האָבן געפּרוווט — פּאַר יעדן פּרייז — אַריין צו קומען אין זייערע רייען. די סיבה דערפון — דער גרויסער באַגער אַ ביסל אַרויס פון צווישן די געטאָ־מויערן, זיך אַ ביסל דערווייטערן פון דער אַטמאָספער, וואָס דערדריקט סיי דעם גוף סיי די נשמה. ס'איז געווען נאָך אַ סיבה צו יאָגן זיך נאָך דער דרויסנדיקער אַרבעט: דער מסחר מיט געשמוגלטע זאַכן. די דייטשן האָבן פּאַרווערט יעטוועדן קאָנטאַקט מיט די פּאָליאַקן און געמאַכט שטרענגע אונטערזוכונגען ביי די טויערן. ווען מ'האָט געכאַפּט אַ ייד מיט אַ לעבל ברויט האָט מען אים צעממיתט. ניט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז אַזאַ שמוגלער איז געטויט געוואָרן אויפן אָרט. פון דעסטוועגן האָבן יידן באַוויזן איבערצוכיטרעווען די היטער. דערנענטערט זיך אַ קאָלאָנע צום טויער — גייט גלייך דורך אַ שעפּטשען צווישן די רייען: וואָס פּאַר אַ מין וואַך איז דאָס און ווי אַזוי פירט מען דורך די קאָנטראָל? פון מויל צו מויל גיט מען איבער

פאַרשידענע סימנים. אין הלכות שמוגלען און געפינען אַ באַהעלטעניש זיינען יידן דערגאַנגען ממש צו ווירטואָזישקייט. נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, הונגעריקע, געשלאָגענע און פאַרוואונדעטע פלעגן די יידן קומען צום טויער פון געטאָ מיט דער געשמוגלטער סחורה אויף זיך. די דייטשע וואַך נעמט אַלץ אַוועק און שלאָגט און ממיתט — אָבער דער שמוגל גייט ווייטער אָן.

הונדערטער טויזנטער יידן האָט מען שוין באַוויזן אַרויסצוטרייבן פון וואַרשע און צו שיקן אין די טויט־לאַגערן. טויזנטער דירות אין געטאָ זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן פון זייערע באַוווינער; טייל מאָל פלעג איך אַריין קומען אין די פאַרלאָזטע דירות, וואָס האָבן אויסגעזען גלייך ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף די בעלי־בתים, וואָס אָט באַלד וועלן זיי זיך אומקערן; אָט איז אַ גוט־איינגעאָרדנטע דירה: אַ געגרייטער טיש, כאילו די מענטשן וואָלטן געהאַט אַרויס אויף אַ רגע אין מיטן דער מאָלצייט; אַ קינדער־בעטל, אַן אויסגעבעטעס, וואַרט כאילו אויפן קינד, וואָס זאָל זיך אין אים אַריין לייגן. יעדעס מאָל ווען איך פלעג קומען אין יענע דירות, אין שייכות מיט דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, האָט מיך אָנגע־כאַפּט אַ געפיל פון פאַריתומטקייט און שרעק וואָס איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט בייקומען און איך בין וואָס גיכער פון דאָרט אַנטלאָפן. אויף אָט די פאַריתומטע דירות פלעגן אָנפאַלן ווי קראָען די אומגליקלעכע שמוגלערס, וועלכע זיינען צוריק געגאַנגען פון דער אַרבעט. זיי האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט גלייך ווי ס׳וואָלט זיין זייער אייגנס, פלעגן אויפקלייבן די "ציוכעס", אַזוי האָט מען אין געטאָ אָנגערופן די רעשטלעך פון צערויבטן פאַרמעגן, און זיי אַריין לייגן אין זייערע טאָרבעס. פריער האָבן זיי גענומען וועש, בגדים, שיך א.א. זיי פלעגן אָפּציען די קישעלעך און פאַרפולן די שטוב מיט פליענדיקע פעדערן. שפּעטער האָבן זיי צעבראָכן די טייערע מעבל און צעהאַקט אויף ברען־האָלץ, צו לעצט אַרויסגענומען די שלעסער, אַרויסגעריסן די טירן און פענצטער. ווען דו ביסט אַריין אין אַזאַ דירה, נאָכן באַזוך פון

די עלנטע "גליקזוכער", פלעגסטו באַדעקט ווערן מיט פעדערן. די שטוב האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרברענטער גוף מיט פוסטע אויגען־לעכער און אָפּגעהאַקטע איברים.
פון יענער זייט מויער, אויף דער אַרישער זייט, פלעגן זיך טאָג פאַר טאָג אויפקלייבן טויזנטער פּאָליאַקן און וואַרטן אויפן רויב. זיי האָבן אַלץ געקויפט — פאַר ברויט, פוטער אָדער ווורשט און אויך בראָנפן. פאַר נאַכט מיטן צוריק קומען פון די אַרבעטער, פלעגט דאָס געטאָ רוישן פון "מסחר", וואָס האָט געבליט אויף יעדן ראָג. דער טויש איז אָנגעגאַנגען מיט ברען: ברויט פאַר "ציוכעס" און פאַרקערט.

די געטאָ־יידן האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף, און **דווקא דערפאַר האָט אָנגעכאַפּט די מער־פאַרמעגלעכע צווישן זיי אַ** תאווה פון פרעסן און זויפן. פרעסן און ניט־געהאַמעוועטע הפקרות זיינען געוואָרן דער אינהאַלט פון זייער לעבן. "כאַפּ און פרעס — ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן" — דאָס איז געווען די לאָזונג צווישן די געטאָ־מויערן.

און די דייטשן האָבן אָנגעקוואָלן פאַר נחת. אָט ליקווידירן זיי ניט נאָר דעם גוף פון די יידן, זיי פאַרניכטן אויך זייער גייסט, דערנידריקן ביז צו שטויב זייער כבוד. צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט זיינען די יידן געפירט געוואָרן "מיט טאַצן און מיט פויקן". אָט שפּאַנט איינער מיט אַן אָפּגעפּליקטער באַק, אַ צווייטער — אַ לאָמער, ס׳רוב געשלאָגענע, פאַרווונדעטע און פאַרבלוטיקטע, אָבער זיי שפּאַנען ווי אין אַ פאַראַד — "זינגענדיק און טאַנצנדיק", מיט אַ לעכערלעכן זמר אויף די ליפּן. מיר האָבן מער ניט געקאָנט צוזען אָט דאָס גיהינומדיק־דערנידריקנדיקע בילד. די קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט פאַרווערט די שפּאַנענדיקע אין דער ריי צו זינגען אין געטאָ. מיר האָבן אויך געדראָט מיט שטראָף יענע וואָס וועלן עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט.

די יאַנואַר־אַקציע איז געווען די לעצטע וואָרענונג. ביז דעמאָלט האָבן זיך נאָך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן געמיינט אַז, טראָץ אַלעמען, וועלן די דייטשן לאָזןביים לעבן די "פּראָדוקטיווע עלעמענטן" אין געטאָ, וואָס זיי דאַרפֿן צו דער אַרבעט, און אַזוי אַרום אויך מאַכן דעם אָנשטעל כלפּי דער וועלט, אַז זיי האָבן ניט ליקווידירט אַלע יידן פון אייראָפּע. די לעצטע אַקציע האָט אַ סוף געמאַכט צו יעדער אילוזיע. די יידן האָבן זיך איבערצייגט, אַז נאָר אַ דאַנק דעם אויפשטאַנד איז איבערגעריסן געוואָרן די אַקציע. די מער ניכטערע צווישן זיי האָבן מער ניט געלייגט אַזאַ חשיבות אויף דער אַרבעט אין די שאָפּן, פונקטן, ווו זיי האָבן זיך כסדר געפונען אונטער די וואַכנדיקע אויגן פון די נאַציס, און זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן פאַר זיך אַ באַהעלטעניש. יענע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ ביסל געלט און זייער אויסזען איז געווען אַן אַרישער, האָבן פאַר יעדן פּרייז זיך איינגעשאַפט דאָקומענטן, כדי זיך איינצואָרדענען אויף דער אַרישער זייט; די אַנדערע האָבן צוגעגרייט פאַר זיך בונקערס אין געטאָ.

ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן איבערגעריסן די אַקציע, האָבן אַ סך יידן אויסגענוצט די געלעגנהייט און פיבערדיק אָנגעהויבן צוצוגרייטן גוט־פאַרמאַסקירטע בונקערס און באַהעלטענישן און געגנומען טראַכטן וועגן זעלבסט־פאַרטיידיקונג. אַ דאַנק דעם איז אויך אַ געוויסע צאָל געבליבן לעבן. אַנדערע האָבן באַוויזן אויפצושטעלן אונטערערדישע געבייען מיט וואַסער־דושן, עלעקטרע און מיט זאַפּאַסן שפּייז אויף אַ לענגערע צייט. אויך געווען צווישן די יידן אַזעלכע וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף צוגרייטן געווער אויף צו פאַרטיידיקן זיך, און מיט אַלע מיטלען און דורך אַלע וועגן אָנגעהויבן איינצושאַפן זיך געווער.

דער יאַנואַר־אויפשטאַנד, כאָטש עס זיינען דעמאָלט ניט געפאַלן קיין סך דייטשן, איז געווען פון גרויסער חשיבות. בעת דעם אויפשטאַנד האָבן מיר צום ערשטען מאָל געשאָסן. יידן האָבן זיך איבערצייגט, אַז

מען קאָן ניט נאָר הרגענען דייטשן, נאָר אויך נאָך דעם קאָן מען בלייבן לעבן; מער נאָך: אין זכות פון דעם אויפשטאַנד איז איבערגעריסן געוואָרן די אַקציע. דאָס האָט געבראַכט צו אַ שאַרפע ענדערונג אין דער פסיכאָלאָגיע פון דער יידישער באַפעלקערונג. די קאָלאַבאָראַנטן מיט די דייטשן האָבן אָנגעהויבן פאַר אונדז מורא צו האָבן, און אין דעם זיינען מיר געווען ביז גאָר פאַראינטערעסירט. אויך אויף דער אַרישער זייט האָט זיך די באַציאונג צו אונדז דראַסטיש געביטן. פון איצט אָן האָבן זיך אַלע באַצויגן צו אונדז "מיט צוטרוי און כבוד", ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט. זיי האָבן גוט אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, אַז מיר האָבן געוואַגט צו פאַרפירן אַ קאַמף מיט די דייטשן בשעת מיר האָבן געהאַט אַזוי ווייניק געווער.

אונדזער וואַפן־אַרסענאַל האָט זיך פאַרגרעסערט זינט דעם אויפשטאַנד. פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ אויף דער אַרישער זייט האָבן מיר געקראָגן אַ נייעם טראַנספּאָרט: 50 רעוואָלווערס און 50 האַנט־גראַנאַטן און אַ גרויסער כמות פון אויפרייס־מאַטעריאַל. מיט אָט דעם מאַטעריאַל האָט זיך שפּעטער איינגעגעבן צוצוגרייטן און אונטערלייגן מינעס אין די הויפּט־גאַסן פון געטאָ און אין די הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג דורך וועלכן די דייטשן קומען אַריין אין געטאָ. אַ סך דייטשן זיינען געהרגעט געוואָרן דורך אָט די מינעס אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד 1943. פון די ספּעציאַליסטן אין דער פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג האָבן מיר געקראָגן אָנווייזונגען ווי אַזוי צונויפשטעלן פאַרשידענע סאָרטן געווער. מיר האָבן אויך געקראָגן דעם רעצעפּט ווי אַזוי צוצוגרייטן דעם באַוווסטן "מאָלאָטאָוו קאָקטייל", וואָס איז ווירקזאַם קעגן טאַנקן און געפּאַנצערטע אויטאָס. דעם רעצעפּט ווי אַזוי צוצוגרייטן די בראַנד־פלעשער האָט פאַר אונדז געקראָגן, מצד זיינע פּוילישע סאָציאַליסטישע קאָלעגן, מיכאל קלעפּפיש, אַ בונדיסט, אַן אינזשיניער פון פאַך. אויך מיר אַליין האָבן געשאַפן געווער אויף וויפל מיר האָבן געקאָנט. נאָך דער מפלה פון די

דייטשן ביי סטאַלינגראַד האָט זיך אָנגעהויבן די דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון דער ווערמאַכט און פאַר געלט האָט מען געקאָנט קריגן אַ סך געווער. נאָך אַ קוואַל האָבן מיר געהאַט: געווער וואָס מיר האָבן אַראָפּגענומען פון די דייטשן און פון די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך אַרום געדרייט אין די גאַסן פון געטאָ.

דאָס איז געווען אַ צייט פון אינטענסיווער טעטיקייט. מיר האָבן איצט געהערשט איבערן געטאָ אָן שום באַגרענעצונג. מיר זיינען אין אים געווען אַ מין "רעגירונג". יידן האָבן מער ניט געפאָלגט דעם יודנראַט און ניט מער גערעכנט זיך מיט זיינע פאַראָרדנונגען. ניט נאָר דאָס, דער יודנראַט אַליין האָט זיך איצט אָפּגעזאָגט פון צו טאָן עפּעס, וואָס זאָל אים ניט אויספאַלן לרעה. עס זיינען אַפילו געווען קאָמישע פאַלן: איין מאָל האָט די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע באַקומען אַ ביטע פון אַ ייד צו עפענען אַ קלוב פאַר קאָרטנשפּיל אין געטאָ...

מיר האָבן אויסגעריייניקט דאָס געטאָ פון מלשינים, אויסגעפירט טויט־אורטיילן אויף יידישע געסטאַפּאָווצעס און פאַרטריבן יעדן פאַרעטער פון געטאָ. צוליב דעם האָבן מיר געקאָנט אַרבעטן עטלעכע מאָנאַטן אָן שטערונג. עס זיינען כמעט ווי ניט פאָרגעקומען קיין מסירות.

אויף צו קריגן געווער האָבן מיר זיך גענויטיקט אין גרויסע סומעס געלט. כדי צו באַוואָפענען פינף הונדערט קעמפער האָט מען באַדאַרפט מיליאָנען זלאָטעס. אין אָנהייב האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ קאָמיסיע פון יידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט (וועלכע מיר האָבן פריער דערמאָנט), וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו זאַמלען געלט ביי די איינוווינער. זעענדיק אַז די זאַמל־אַקציע גייט אָן פּאַמעלעך, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויפצולייגן שטייערן. אָנגעפאַנגען מיט די געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, די קאַסע פון יודנראַט און דעם געטאָ־באַנק, וואָס די וואַך איבער אים איז געווען אין די הענט פון פּוילישע פּאָליציאַנטן. אין איין העלן טאָג זיינען מיר געקומען מיט רעוואָלווערס אין די הענט און אַוועקגענומען דאָס גאַנצע געלט פון דער באַנק און אויך אויסגע־

ליידיקט די קאַסע פון יודנראַט. שפּעטער, ווען אויך די דאָזיקע קוואַלן זיינען ניט געווען גענוג, האָבן מיר אַרויפגעלייגט שטייערן אויף די רייכע יידן און באַזונדער אויף יענע, וואָס זיינען געשטאַנען אין האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט די דייטשן. קודם איז אַלץ געגאַנגען כשורה. מיר פלעגן שיקן אַ מעלדונג אין נאָמען פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע: "מ'האָט דיך באַשטייערט מיט אַזוי און אַזוי פיל..." און יענער פלעגט אָן שהיות באַצאָלן. זיי האָבן געמיינט, ווייזט אויס, אַז גויים פאָדערן דאָס געלט און פאַר גויים דאַרף מען מורא האָבן. ווען זיי זיינען געוויער געוואָרן ווער עס זיינען די אמתע מאָנער, האָבן זיי געזאָגט: "יידישע גזלנים", יענע וועלן זיכער ניט מחמיר זיין און אויפגעהערט צאָלן. מיר, וואָס האָבן געוווּסט: דער סוף פון די יידן וועט זיין, אַז די דייטשן וועלן זיי אומברענגען און זייער גאַנץ פאַרמעגן וועט גיין אין ניוועץ, האָבן ניט געוואָלט הרגענען יידן פאַר דער זינד פון ניט וועלן טאָן זייער פליכט און אָפּהיטן דעם מאָראַלישן ניוואָ פון אונדזערע מענטשן — אָט דער הייליקער אימפּעראַטיוו האָט אונדז באַגלייט טאָג און נאַכט.

אָט דער אימפּעראַטיוו, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען, איז געווען איינער פון די געבאָטן, וועלכע האָבן אונדז אויפגעהאַלטן ווי אַ באַוועגונג און ווי יחידים אין משך פון דער גאַנצער מלחמה. ביז צו דער לעצטער מינוט האָבן מיר ניט אויפגעהערט אָפּצוהיטן דעם מאָראַלישן ניוואָ פון אונדזערע מענטשן. אויך אין דער צייט, ווען מיר האָבן שוין פאַרמאָגט מיליאָנען זלאָטעס, איז די אַפּראָוויזאַציע פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע געווען אַ בצמצומדיקע און אַ שלעכטע. נאָך ברויט האָבן מיר ניט געהונגערט, זיך באַנוגנט מיט אַ טרוקענער ברויט־פּאָרציע. אין מיטן פון דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט אומעטום, האָבן מיר אָפּגעהיטן אונדזער מאָראַלישן פּרצוף, ניט געוואָלט געניסן פונעם געלט פון אונדזערע ברידער. ניט געוואָלט הרגענען יידן פאַר זייער ניט־וועלן געבן געלט, אַפילו ווען

ס׳איז לטובת דער מלחמה מיט די דייטשן. די יידן האָבן געוווּסט ווי אויסצונוצן אָט די ״שוואַכקייט״, זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז מיר זיינען ״יידישע גזלנים״. מיר האָבן געפירט פאַרהאַנדלונגען אין משך פון טעג און צו לעצט פלעגט דער אויפגעפאָדערטער באַהאַלטן זיין געלט און ניט געוואָלט געבן אַ חלק פון אים דער אָרגאַניזאַציע. ווען אונדזערע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געגאַנגען זוכן איבער די שטיבער, האָבן אויך ניט געהאָלפן, האָבן מיר צו לעצט געמוזט שאַפן אַן אייגענע טורמע, די טורמע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער מיר האָבן פאַרשפאַרט די סרובניקעס. מיר פלעגן אַרויפלייגן שטייערן נאָר אויף די רייכע, וואָס מיר האָבן געוווּסט אויף זיכער, אַז זייער געלט קומט פון ניט ריינע קוואַלן. אָט די מענטשן האָבן אויך אין דער טורמע ניט אַזוי גרינג אויסגעפירט אונדזערע פאָדערונגען, אָבער ס׳רוב פלעגט דער אַרעסט משפיע זיין אויף דער משפחה. די משפחה איז צום סוף מסכים געווען צו באַצאָלן די סומע מיט וועלכער מ׳האָט זיי באַשטייערט.

דערווייל האָבן די דייטשן, וואָס האָבן איבערגעריסן די אַקציע צוליבן יאַנואַר־אויפשטאַנד, אויסגעפונען נייע וועגן אויף ממשיך צו זיין די טאָטאַלע ליקווידאַציע. זיי האָבן זיך שוין געהאַט איבערצייגט, אַז אין געטאָ געפינט זיך אַ באַוואָפנטער כוח. דער יאַנואַר־אויפשטאַנד ווי אויך די רעפּרעסיעס, וואָס מיר האָבן אָנגעווענדט קעגן יידן־פאַרעטער און קעגן דייטשן אָדער פוילישע פּאָליציאַנטן, האָבן זיי דאָס קלאָר באַוויזן און זיי האָבן זיך דערפאַר געהיט צו דערפירן צו אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס מיט אונדז. איצט זיינען זיי געקומען אויף אַ נייעם געדאַנק: ניט די ס.ס. און ניט די געסטאַפּאָ־לייט וועלן אַריין קומען אין געטאָ, נאָר די דייטשע אַרבעטס־געבער, די בעלי־בתים פון די שאָפּן. און יענע זיינען טאַקע געקומען און געפּרוּווט אויפקלערן זייערע אַרבעטער: פון קאָמפּעטענטע קוואַלן זיינען זיי געוווּיער געוואָרן, אַז אויף וואַרשע איז אויסגעפאַלן דער גזר צו ווערן יידנריין, אָבער אַזוי ווי

די דאָזיקע יידן זיינען פּאַר זיי לעבנסוויכטיק, זיינען זיי — די בעלי־בתים — גרייט צו ראַטעווען און איבערפירן די יידן איינעם מיט זייערע משפחות און מיט די מאַשינען פון די וואַרשטאַטן, פון וואַרשע אויף אַנדערע ערטער — קיין פּאָניאַטאָווו און קיין טראַווניק, וואָס געפינען זיך אין דער לובלינער געגנט, אָבער בלויז ווייניקע זיינען אַריין געפאַלן אין דער פּאַסטקע. ווען מיר זיינען דאָס געוואויר געוואָרן, האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו די יידן און זיי אויפגעקלערט, וואָס עס באַדייט אַזוינס די "דאגה" פון די דייטשן צו לאָזן די יידן לעבן, זיי אַריבער פירן אין די לאַגערן פון פּאָניאַטאָווו און טראַווניק. מיר האָבן זיי אויך געזאָגט וואָס צו טאָן.

אַ וואָך שפּעטער נאָכן פאַרעפנטלעכן אונדזער אויפרוף צו די יידן אין דער מיט פון חודש מערץ, האָט דער "ממונה איבערן אַריבער פירן די אונטערנעמונגען פון יידישן קוואַרטל אין וואַרשע", דער דייטשער אינדוסטריעלער וואַלטער צעזאַר טעבענס, אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון דעם שאָפּן־אייגנטימער, דעם אינדוסטריעלער שולץ, זיך געוואָנדן מיט אַן אויפרוף צו די יידישע אַמוניציע־אַרבעטער פון יידישן קוואַרטל אַזוי צו זאָגן:

"איך וויל דאָ ענטפערן אויפן אויפרוף פון דער הויפּט־קאָמענדע פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער נאַכט פון 14־טן מערץ. איך בין מודיע אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן: 1) אַז די אויסזידלונג־אַקציע קומט גאָרניט אין באַטראַכט. 2) סיי שולץ און סיי איך האָבן קיין שום פאַראָרדענונג, אונטער דראָאונג פון רעוואָלווער, ניט באַקומען צו אַזאַ אַקציע. 3) איך מעלדע אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן, אַז די מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן לעצטן טראַנספּאָרט, זיינען ניט געהרגעט געוואָרן. ס'איז צו באַדויערן וואָס די אַרסענאַל־אַרבעטער פון שולץ האָבן ניט געפאָלגט די גוטע עצות וועלכע ער האָט זיי געגעבן. איך באַדויער אויך וואָס איך האָב זיך געמוזט אַריין מישן און אַריבער פירן איינעם פון מיינע

וואַרשטאַטן, כדי אויסצונוצן די פאַרקער־באַדינגונגען וואָס זיינען פאַראַן. מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל תיכף צו דערוויסן זיך די נעמען פון די אַרבעטער, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין טראַווניק, און אַריבער פירן איניינעם מיט זיי זייער באַגאַזש.

יידישע אַרסענאַל־אַרבעטער! גלייבט ניט יענע וואָס פאַרפירן אייך, זיי ווילן אייך אָנהעצן כדי גורם צו זיין אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן. ניטאָ קיין זיכערקייט אין די בונקערס און ס׳איז אוממעגלעך דאָרט צו לעבן. דאָס אייגענע — וואָס שייך די אַרישע זייט. די אומזיכערקייט און דאָס לײדיק־גיין — זיי אַליין וועלן באַווייזן צו צעשטערן די מאָראַל פון די אַרסענאַל־אַרבעטער, וואָס זיינען געוווינט צו אַרבעטן. איך פרעג אייך: פאַרוואָס קומען עס צו מיר די רייכע יידן פון דער אַרישער זייט און בעטן מיך איך זאָל זיי צונעמען צו דער אַרבעט? זיי האָבן גענוג געלט כדי צו בלייבן אויף דער אַרישער זייט, אָבער זיי האָבן ניט דעם כוח אויסצושטיין און צו דערליידן אַזאַ לעבן. מיטן פולסטן באַוווסטזיין ראָט איך אייך: פאָרט קיין טראַווניק, פאָרט קיין פּאָניאַטאָוו, דאָרטן קאָן מען לעבן, דאָרטן וועט איר בלייבן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע וועט אייך ניט אַרויסהעלפן, אירע הבטחות — האָבן ניט קיין האַפט. מע פאַרקויפט אייך פאַר גרויס געלט בונקערס, שפּעטער וועלן זיי אייך אַרויסטרייבן אין גאַס און אייך מפקיר זיין. איר זייט שוין גענוג אויסגעפרוווט אין אַזעלכע מאַכערייען. צוטרוי האָט נאָר אין די פאַרוואַלטערס פון די דייטשע אונטערנעמונגען, וואָס ווילן איניינעם מיט אייך אָנגיין מיט דער פּראָדוקציע אין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק. נעמט אויך מיט אייערע קינדער און פרויען, ווייל אויף פאַר זיי וועלן מיר דאגהנען.״

מיר האָבן קאָנפיסקירט דעם אויפרוף און ער איז ניט דערגאַנגען צו דער יידישער באַפעלקערונג. ווען דער אויפרוף וואָלט אַפילו יאָ דערגאַנגען — וואָלט מען אים ניט געגלויבט. די באַפעלקערונג האָט שוין געוווּסט, אַז מע דאַרף פאָלגן דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

ווען די דייטשן האָבן געזען, אַז די יידן קומען ניט פון אייגענעם ווילן — און זיי זיינען דאָך אויסן געווען, אַז די יידן אַליין זאָלן אָרגאַניזירן דעם גירוש פון וואַרשע, צוגרייטן די ליסטעס פון די אַרויסגייענדיקע און זיי אַרויפזעצן אויף דער באַן, איינענעם מיט זייערע משפחות און מיט זייער ביסל אָרעמקייט — האָבן זיי אָנגעהויבן צו סאָרטירן די אַרבעטער פון זייערע אונטערנעמונגען און זיי אַרויסצושיקן — אין קליינע גרופּעס — אין די לאַגערן. מיר האָבן אָנגעווענדט עטלעכע מיטלען וואָס האָבן אַ סוף געמאַכט צו אָט דעם טריק. נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן געכאַפּט עטלעכע מענטשן און זיי קאָנצענטרירט אין איינעם פון די הייזער, האָבן מיר אַרום געריגגלט דאָס הויז און די יידן באַפרייט. אַ גרויסער טישלער־וואַרשטאַט איז אונטערגעצונדן און ס׳זיינען פאַרברענט געוואָרן סיי די מאַשינען און סיי די רוי־מאַטעריאַלן. די יידן האָבן דעם טאַט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן די דייטשע פאַראָרדענונגען און זיך באַהאַלטן אין זייערע צוגעגרייטע בונקערס. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך די דייטשן איבערצייגט, אַז עס וועט זיי ניט אַזוי גרינג אָנקומען צו ליקווידירן די יידן. אָט אַזוי האָבן זיך אָפּגע־שפּילט די ענינים ביז צום אויפשטאַנד אין חודש אַפּריל.

אין יענעם פּעריאָד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אונדזערע אינטענסיווע צוגרייטונגען צום קאַמף אין וואַרשע און אין די אַנדערע געטאָס, זיינען אַרעסטירט און געהרגעט געוואָרן צענדליקער חברטעס און חברים, וועלכע האָבן אויסגעפירט פאַרשידענע מיסיעס און דער עיקר ביים אויפקויפן געווער און אים אַריבער פירן פון אָרט צו אָרט, פון געטאָ צו געטאָ.

אַ שווערן קלאַפּ האָבן מיר באַקומען דורכן אַרעסט פון אריה ווילנער, אונדזער פאָרשטייער אויף דער אַרישער זייט, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ און אַרמיאַ לודאָוואַ. אַ פּוילישע פרוי, וואָס האָט אים געזאָלט כביכול איבערגעבן געווער, האָט אים געמסרט. די דייטשן האָבן אַרום געריגגלט דאָס הויז, ווו ווילנער איז

איינגעשטאַנען, און האָבן אים געכאַפּט. וואָכנלאַנג האָט מען אים געפּייניקט מיט די שרעקלעכסטע פּיינען, מע האָט אָבער פון אים ניט אַרויסגעקראָגן קיין וואָרט. קודם האָבן זיי אים אויסגעפּאָרשט אין די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ, שפּעטער אים אַריבער געפירט אין דער פּאַוויאַק־טורמע, ווו ס'זיינען געוועזן פאַרשפּאַרט טויזנטער פּאָליאַקן און יידן, וואָס מ'האָט געכאַפּט אויף דער אַרישער זייט. מ'האָט אריהן אַהין אַריבער געפירט צעבראָכן און צעשלאָגן און אים אַריין געוואָרפן אין יידישן אָפּטייל.

אין איינעם אַ טאָג זיינען די דייטשן געקומען און האָבן מיט זיך מיט־גענומען אַ גרופּע יידן אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין דער געגנט פון וואַרשע. צווישן זיי — אויך אריה ווילנער, ניט אונטערשיידנדיק, אַז אריה איז אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט און ניט סתם אַ ייד וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט. פונעם אַרבעטס־לאַגער האָט ער באַוויזן צו אַנטלויפן מיט דער הילף פון אַ מוטיקן פּוילישן מענטש, איינער פון די פּוילישע סקויטן, העניעק גראַבאָווסקי. דאָס איז געוועזן דער זעלבער, וועמען מיר האָבן ענדע 1941 אַרויסגעשיקט צו אונדזערע חברים אין ווילנע, די אָקופּירטע דורך די דייטשן. דער געפּייניקטער און פאַרוווּנדעטער אריה האָט זיך אומגעקערט אין געטאָ.

פון זינט מ'האָט אים אַרעסטירט זיינען מיר עטלעכע מאָנאַטן געבליבן אָן אַ קאָנטאַקט מיט דער אַרישער זייט און מיט דער פּוילישער אונטערערד. די פּוילישע אונטערערד האָט איבערגעריסן מיט אונדז די פאַרבינדונגען אויס מורא, אַז אריה וועט זיך איינברעכן און אויסגעבן זיינע סודות די דייטשן. ס'איז דורך אַ טייערע צייט ביז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז ער האָט גאָרניט אויסגעגעבן.

ס'איז אויך ניט גרינג געווען צו געפינען אַ צווייטן מענטש וואָס זאָל קומען אויף אריהס אָרט. אמת, אונדזערע מענטשן אויף דער אַרישער זייט האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן ניט ווייניקער ווי אין געטאָ, אָבער זיי האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן פון די חברים אין געטאָ און זיין די

גאַנצע צייט פון זיי אָפּגעשניטן, לעבן אין אַ פרעמדער וועלט, וואָס טרייסלט זיך אָפּ פון זיי, 24 שעה אין מעת־לעת. וואָלט דער מענטש אַרויסגעגאַנגען פריער, וואָלט ער אפשר באַוויזן צוצוגרייטן, ווען עס וועט זיך פאָדערן, וועגן פון צוריקצוג און אַ באַזע אויפצוקלייבן די געבליבענעביים לעבן, וואָלט אפשר אויך די פוילישע הילף געווען דעמאָלט עפעקטיווער, אָבער לאַנגע טעג זיינען פאַרביי איידער מיר האָבן סוף־סוף געפונען אַ צווייטן פאָרשטייער אויף אַריה ווילנערס אָרט, און אויך נאָך דעם ווי מ׳האָט דעם פאָרשטייער באַשטימט, זיינען דורך עטלעכע וואָכן ביז ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען אַ טעלעפאָנישע מעלדונג פון דער אַרישער זייט: אויב מיר, די מענטשן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווילן אַז ״דאָס זאַלץ זאָל ניט אָנקומען נאָכן אָנבייסן, דאַרף מען קומען און עס גלייך אָפּנעמען.״

דער דאָזיקער לאַקאָנישער זאָג איז דערהאַלטן געוואָרן דעם 12־טן אַפּריל. אויף צו מאָרגנס איז אונדזער פאָרשטייער אַריבער אויף דער אַרישער זייט, עטלעכע טעג איידער ס׳איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון חודש אַפּריל. די מיסיע וואָס ער האָט געקראָגן, ווי פריער אריה ווילנער, איז געווען זיך פאָרצושטעלן פאַר דער פוילישער אונטערערד ניט נאָר אַלס פאָרשטייער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע נאָר אויך ווי דער פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע אין גאַנצן אָקופּירטן פוילן.

איך האָב שוין דערציילט וועגן דעם אויסברייטערן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע און וועגן אויפשטעלן פון דער פּאָליטישער פאָרשטייערשאַפט — דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (אויף פויליש: זשידאָווסקי קאָמיטעט נאַראָדאָווי, ר״ת — זש.ק.נ.), און וועגן יידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט (אויף פויליש: זשידאָווסקי קאָמיטעט קאָאָרדינאַציני, ר״ת זש.ק.ק.) — וואָס האָבן קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט מיט די פאָרשטייער פון בונד אין געטאָ און אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע.

די באַדייטנדיקע אויסברייטערונג אָבער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און פון די פּאָליטישע דאַך־אָרגאַניזאַציעס איז צו יענער צייט נאָר חל געווען אויף וואַרשע און נאָך ניט געהאַט אַרום גענומען די יידישע יישובים, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבן אין די געביטן פון גענעראַל־גוווערנאַמענט, אין די אָנגעשלאָסענע צום דריטן רייך און אין יענע געביטן וואָס זיינען איינגענומען געוואָרן פון די סאָוויעטן.

די קאַמף־אָרגאַניזאַציע, באַלד ווי זי איז געגרינדעט געוואָרן, סוף יולי 1942, איז געווען די ראָם און דער איניציאַטיוו־אָנטרייבנדיקער כוח פאַר באַוואָפנטע אָנפאַלן אין די געטאָס אויף אַלע געביטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אויף די ערטער ווו עס זיינען געווען טעטיק דער החלוץ און די אַנדערע חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען נאָך פון סאַמע אָנהייב ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די חלוצישע אונטערערד.

די הויפּט־באַזעס פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען איצט, אין די טעג פון דער ליקווידאַציע, געווען די הכשרה־קיבוצים וואָס מ׳האָט אויפגעשטעלט אין די מער־וויניקער ״רואיקע״ טעג.

ס׳איז געווען וויכטיק ביז גאָר צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער פריערדיקער לאַנד־קאָמענדע אין באַשטאַנד פון החלוץ־מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די שטעט ווי קראָקע, טשענסטאָכאָוו, אָסטראָוויעץ, בענדין־סאָסנאָוויעץ, ביאַליסטאָק א.א. דאָס דערמאָרדן פון שמואל בראַסלאַוו און יוסף קאַפּלאַן, דאָס אַוועקשיקן מרדכי טענענבוים אויף צו אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק, האָבן שיטערער געמאַכט די רייען פון דער הויפּט־קאָמענדע. גלייך אָבער נאָך דעם ווי די אַקציע האָט זיך געענדיקט, אין העלפט פון חודש סעפּטעמבער 1942, איז די קאָמענדע אויסגעברייטערט געוואָרן און עס האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן אַנדערע חברים, צווישן זיי מרדכי אַנילעוויטש, וואָס איז צוריק געקומען אין וואַרשעווער געטאָ נאָך זיין באַזוך אין בענדין.

מיר פלעגן זיך צונויפקומען עטלעכע מאָל אין דער וואָך אין צענטראַלן

געטאָ, צי אויפן געביט פון די טעבענס־שולץ־שאָפּן, פלעגן אַרום שמועסן די ענינים, וואָס זיינען פאַר אונדז געבראַכט געוואָרן דורך אונדזערע חברים פון דער אַרישער זייט, אָדער די באַריכטן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די פאַרבינדלער און פאַרבינדלערינס, וועלכע זיינען דורך אונדז געשיקט געוואָרן צו די קאַמף־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע יישובים.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר פלעגן אויך דיסקוטירן וועגן ענינים, וואָס די הויפּט־קאָמענדע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין וואַרשעווער געטאָ האָבן געמוזט באַשליסן, און אַרויס־זאָגן אונדזער מיינונג וועגן זאַכן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זייער טאָג־אָרדענונג.

איצט, נאָכן אַריין פאַלן פון אריה ווילנער אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט די פראַגע: ווער וועט רעקאָמענדירן פאַרן שטעלפאַרטרעטער פון אריה און פאַר אונדזער דעלעגאַט צו די פוילישע אונטערערד־באַוועגונגען. אריה איז געווען "פאַרברענט", חוץ דעם איז ער צוריק געקומען אין געטאָ שווער פאַרוואונדעט דורך זיינע פּייניקער אין דער פּאַוויאַק־טורמע און געמוזט ליגן אין בעט אין אַ באַהעלטעניש פון געטאָ. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס און שווערן שלאָגן זיך מיט דער דעה זיינען פאָרגעלייגט געוואָרן צוויי נעמען: מרדכי אַנילעוויטש און יצחק צוקערמאַן. צו לעצט איז געפאַלן די אַנטשיידונג: יצחק וועט אַריבער אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט אונדז געצווונגען צו מאַכן ענדערונגען אין די קאָמענדעס פון די געטאָ־אָפּשניטן. ביז איצט איז יצחק געשטאַנען אין שפּיץ פון די מיליטערישע אָפּטיילונגען אין געטאָ פון די טעבענס־שולץ־שאָפּן. האָבן מיר אויף זיין אָרט באַשטימט אליעזר געלער. כדי צו פאַרשטאַרקן דעם קאָנטאַקט צווישן די דריי געטאָס — דעם צענטראַלן געטאָ, דעם בערשטלער־געביט און דעם געביט פון די

טעבענס־שולץ־שאָפּן — האָט מען געמוזט באַפרייען מרדכי אַנילעוויטשן פון דער קאָמענדע אין צענטראַלן געטאָ און אויף זיין אָרט באַשטימט ישראל קאַנאַל. מאַרעק עדעלמאַן איז געבליבן אויף זיין פריערדיקן פלאַץ — אין בערשטלער־געביט.

פון יאַנואַר־אויפשטאַנד האָבן מיר געמאַכט עטלעכע אויספירן. ווי געזאָגט, האָט אונדזער שונא שטענדיק מצליח געווען אונדז צו איבעראַשן. כדי אויסצומיידן אָט די סכנה האָבן מיר אויפגעשטעלט באַזעס פאַר אונדזערע קעמפער־אָפּטיילונגען — "קאַזאַרמעס". די דאָזיקע איינאָרדענונג איז אויסגעקומען נאַטירלעך און פשוט פאַר די מיטגלידער פון די חלוצישע באַוועגונגען, וואָס האָבן געלעבט פון אָנהייב דער דייטשער אָקופּאַציע אין הכשרה־קיבוצים און פון זינט די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשאַפן — אין קאָמונעס. אויך די מיטגלידער פון די אַנדערע באַוועגונגען און פאַרטייען זיינען, אויסגעפּרוּווטע פון יאַנואַר־אויפשטאַנד, געצוווּנגען געווען אויפצושטעלן "קיבוצים" און זיין גרייט טאָג און נאַכט. יעדע אָפּטיילונג האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום איר באַזע און אירע פּאָסטנס, וואָס זיינען פון פאָרויס באַשטימט געוואָרן, און יעדע אָפּטיילונג האָט געקראָגן איר באַזונדערן טעטיקייט־פּלאַן. ס'איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז אין פאַל ווען דער קאָנטאַקט צווישן דעם אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר און אָפּשניט־קאָמאַנדיר וועט איבערגעריסן ווערן — און דאָס איז טאַקע געשען אין די טעג פון יאַנואַר־אויפשטאַנד — איז דער אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר באַרעכטיקט צו האַנדלען לויטן אייגענעם איינזען.

צווישן יאַנואַר און אַפּריל האָבן מיר באַוויזן צו ברענגען אונטער אונדזער אויפזיכט דריי פון די פיר געטאָס פון וואַרשע: דאָס צענטראַלע געטאָ און די געביטן פון די טעבענס־שולץ־שאָפּן און בערשטל־מאַכער. בסך הכל האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויפצושטעלן, מחמת מאַנגל אין צייט און אין געווער, בלויז צוויי־און־צוואַנציק קאַמף־אָפּטיילונגען. צו אונדזער אומגליק האָט זיך ניט געלאָזט שאַפן אַ יסוד אין פערטן געטאָ

— אין טעבענס־שאָפּ אויף דער פּראָסטע גאַס. אין דעם געטאָ האָבן מיר געהאַט שוואַכע כוחות. גאַסן, וואָס זיינען ביז צו דער גרויסער אַקציע געווען אַ טייל פון געטאָ, זיינען איינגעגלידערט געוואָרן צום אַרישן קוואַרטל און אָפּגעטיילט דאָס געטאָ פון די אַנדערע געטאָס. פון די צוויי־און־צוואַנציק קאַמף־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד פון חודש אַפּריל, האָבן פיר געהערט צום השומר־הצעיר, איין צו גורדוניה, איין צו עקיבא, איין צום הנוער־הציוני, פינף צום דרור, איין צו פועלי־ציון צ.ס., איין צו פועלי־ציון לינקע, פיר צום בונד און פיר צו די קאָמוניסטן.

איין אָפּטיילונג פון דרור, אונטער דער קאָמענדע פון חנוך גוטמאַן, האָט זיך פריער געהאַט פאַרפעסטיקט אויפן געביט פון טעבענס־שולץ־שאָפּ, אָבער נאָענט צום אויסברוך פון אויפשטאַנד איז די אָפּטיילונג אַריבער געפירט געוואָרן אין געביט פון דעם בערשטלער־שאָפּ און אָנשטאָט איר איז געקומען די אָפּטיילונג פון אליעזר געלער. איין אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפירונג פון בנימין וואַלד, איז איינגעשטאַנען אין שאָפּ פון טעבענס־שולץ און דריי אָפּטיילונגען אונטער דער קאָמענדע פון בערל ברוידא, יצחק בלוישטיין און זכריה אַרטשטיין — האָבן זיך געפונען אין צענטראַלן געטאָ.
אין דער נאַכט אויפן 19 אַפּריל האָבן זיך געפונען: ניין אָפּטיילונגען אין צענטראַלן געטאָ, אַכט אין טעבענס־שולץ־געביט און פינף אין די בערשטל־מאַכער שאָפּן.
חוץ די אָפּטיילונגען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אין צענטראַלן געטאָ פאַרפעסטיקט אַ גרויסע און שטאַרקע אָפּטיילונג פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פון די רעוויזיאָניסטן. זייער באַזע האָט זיך געפונען לעבן די מויערן, אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ. מיר האָבן אונדזערע טעג און נעכט געווידמעט דער צוגרייטונג צום אויפשטאַנד. געאַרבעט פיבערהאַפט, מיט אומגעדולד און אַ תפילה איז

געוועז אין אונדזער האַרץ: זאָל שוין קומען אין גיכן די אויסגעבענקטע שעה — זאָל שוין קומען דער טאָג פון נקמה.

א ו ן אָ ט א י ז ג ע ק ו מ ע ן ד ע ר ט אָ ג.

דער אויפשטאַנד פון חודש אַפּריל

יענע נאַכט, איידער דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, דעם 19 אַפּריל, זיינען מיר געזעסן ביז צוויי אַ זייגער ביי אונדזערס אַן אָרעמער מאָלצייט. ווי מיר זיצן אַזוי, באַראַטן זיך און גרייטן צו פּלענער, פּאַלט אַריין אין צימער אַ חבר, וואָס דאָס אויסזען פון זיין בלייך פּנים האָט גלייך עדות געזאָגט, אַז ס׳איז עפּעס וואָס געשען. ער איז צו צום טיש און אונדז שטיל איינגערוימט: אָקערשט איז אָנגעקומען אַ טעלעפאָנישע מעלדונג פון דער אַרישער זייט, אַז נאָך היינטיקע נאַכט וועט דאָס געטאָ ווערן אַרום געריינגלט און 6 אַ זייגער אין דער פרי וועלן די דייטשן אָנהייבן זייער אָנגריף. כאָטש מיר האָבן זיך צו דעם געגרייט און די גאַנצע צייט תפילה געטאָן, אַז די שעה זאָל קומען וואָס גיכער — זיינען אַלע אונדזערע פּנימער בלייך געוואָרן. אַ ציטער פון פרייד אויסגעמישט מיט פּחד איז דורך אונדזער לייב. מיר האָבן זיך אָבער באַהערשט און יעדער איינער האָט גענומען זיין געווער אין האַנט. אונדזערע שליחים זיינען זיך אויף גיך צעלאָפן איבערן געטאָ און אָנגעזאָגט די יידן, אַז אין דער פרי וועט זיך אָנהייבן דער סוף. זקנים, פרויען און קינדער מוזן זיך באַהאַלטן, די יונגע ווידער — צום געווער! די ביטערע בשורה האָט זיך פאַרשפּרייט אין געטאָ און אויגנבליקלעך האָט אַ פּאַניק אַרום געכאַפּט די באַפעלקערונג. גרופּעס יידן לויפן אַרום אין איילעניש פון הויף צו הויף און זוכן, ווי חסר־דעה, אַ פּלאַץ אין די בונקערס. אָט האַלט אַ מאַמע איר וויינענדיק קינד מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער שלעפּט זי אַ זאַק מיט שטובזאַכן. צעטומלט לויפט זי פון בונקער צו בונקער, אפשר וועט זיך איר איינגעבן צו ראַטעווען זיך און דאָס קינד און אפשר וועט זיך איר אויך איינגעבן אַריין צו שטופּן און באַהאַלטן די רעשטלעך פון איר פאַרמעגן, וואָס זי האָט אָפּגע־שפּאָרט אויף די בייזע טעג. אַנדערע גרייטן צו אין איילעניש

גערטיקנטע פאַרפל — עסן פאַר אַ סך טעג. אַלע פילן אַז איצט גייט מען אַראָפּ אין בונקער אָן שום האָפענונג, אַז מען וועט אין גיכן פון דאָרט אַרויס.

און אין די בונקערס אינעווייניק שטופּט מען זיך צונויף און מען אָרדנט זיך איין אויף פּריטשעס. אָט ברעכט אויס אַ קינד אין אַ ביטער געוויין: עס איז אַליין אַהער אַריין, אָן טאַטע־מאַמע. באַלד באַפאַלט מען דאָס קינד פון אַלע זייטן און מע פּרוּווט עס איינשטילן, ווייל מיטן געוויין איז עס עלול צוצוציען אַהער די דייטשן און ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן בונקער.

אַלע דירות ליידיקן זיך אויס פון זייערע איינוווינער. די לעצטע יידן קריכן אַראָפּ טיף אונטער דער ערד און איבערן געטאָ פאַלט ווידער צו דאָס שטילשווייגן. קיינער ווייזט זיך ניט מער, גלייך אַלץ וואָס לעבט וואָלט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. טייל מאָל בלויז זעט מען פון דער ווייטנס דעם שאָטן פון אַ פרוי, וואָס שטעלט זיך איין דאָס לעבן און פּרוּווט זיך אומקערן אין איר דירה, כדי אַרויסצוראַטעווען פון דאָרט אַ טייערן פאַר איר קעגנשטאַנד צי אַ ביסל שפּייז, וואָס זי האָט פאַרגעסן מיטצונעמען אין דער בהלה. מיט נייגיר און מיט ליבשאַפט וואַרפט זי פון דער ווייטנס אַ בליק אויף די קעמפער וואָס שטייען אַלע אויף זייערע פּאָסטנס.

אויך אין איצטיקן אויפשטאַנד האָבן מיר געהאַט גאָר ווייניק געווער. פון דעסטוועגן סאַראַ גרויסער חילוק פון זינט מיר האָבן צום ערשטן מאָל געשאָסן אויפן שונא אינעם יאַנואַר־אויפשטאַנד! אין יענע טעג — און עס זיינען דאָך אַריבער בלויז עטלעכע מאָנאַטן — זיינען מיר געשטאַנען איינזאַמע, אַ קליינע גרופּע פּנים־אל־פּנים מיט די חיילות פון שונא, און פון אינעווייניק אַרום גערינגלט מיט גלייכגילטיקייט מצד אַ טייל פון די געזעלשאַפטלעכע טוערס. אונדזער גאַנץ געווער איז דעמאָלט געווען האַנט־גראַנאַטן און עטלעכע רעוואָלווערס. און איצט, הונדערטער קעמפער, וואָס שטייען אויף זייערע פאַרפעסטיקטע

פּאָזיציעס, גרייטע צו פירן זייער פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן שונא, און אין אונדזער רשות אַ סך רעוואָלווערס, ביקסן, אויטאָמאַטן, האַנט־גראַנאַטן, אַליין פּראָדוצירטע באָמבעס און טויזנטער מאָלאָטאָוו־פלעשער, אָט דאָס "געהיימע געווער פון די יידן", ווי די געפּלעפּטע דייטשן פלעגן עס אָנרופן. די גאַנצע יידישע יוגנט איז גרייט צו שטיין איינייגעם מיט אונדז אין קאַמף און כאָטש מיר זיינען ניט מסוגל אַלעמען צו באַוואָפענען — ווען ניט דאָס וואָלטן ביים אַפּריל־אויפשטאַנד אָנטייל גענומען ניט פינף הונדערט נאָר טויזנטער — זיינען דאָ אַ סך, וואָס קומען אונדז צו הילף. דאָס ביסל איבערגעבליבענע יידן זעען איצט אין אונדז זייער איינציקן אָנשפּאַר אין זייער חרוב־געוואָרענעם לעבן. מיר האָבן צום לעצטן מאָל איבערגעקוקט די אַלע קאַמף־גרופּעס און מיטן שפּראָץ פון טאָג בין איך אָנגעקומען צו דער גרופּע פון זכריה אַרטשטיין, ביי וועלכער כ׳בין געבליבן די ערשטע טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד.

פּאַר פרי. מיר שטייען אַלע גרייט אויף אונדזערע פּאָזיציעס. פון ווייטנס זעט זיך אַ סך דייטש מיליטער צושטראָמען צום געטאָ, ממש ווי צו אַ פראָנט. אין די הויפּטגאַסן, וואָס די דייטשן מוזן פאַרביי גיין, האָבן מיר אונטערגעלייגט מינעס, באַהאַלטן אונטער דער ערד און פאַרבונדן צום עלעקטרישן שטראָם. די וויכטיקסטע קאַמף־אָפּטיילונגען זיינען צעשטעלט געוואָרן אין די ראָגן פון יענע גאַסן כדי "מקבל־פנים" זיין די אָנקומענדיקע. מיר האָבן די דייטשן געלאָזט פאַרביי מאַרשירן לעבן אונדזערע פּאָזיציעס און זיך דערנענטערן צו די אונטערמינירטע ערטער. ווען זיי זיינען צוגעקומען, האָבן מיר אַ קוועטש געטאָן אויפן עלעקטרישן קנעפּל און מיר האָבן גלייך געזען אָפּגעפליקטע הענט און פיס, וואָס פלאַטערן אין דער לופט. דאָס איז געווען אונדזער ערשטע וואָגיקע נקמה אין שונא, וואָס מיר האָבן דערלעבט. אין מיין גרופּע זיינען געווען אַ דרייסיק מאַן באַוואָפנטע מיט עטלעכע ביקסן, רעוואָלווערס, האַנט־גראַנאַטן און אַליין־פּראָדוצירטע באָמבעס. אויך

אַ סך מאָלאָטאָוו־פּלעשער. מיר זיינען געשטאַנען אויף די אויבערשטע שטאָקן פון די הייזער אויפן ראָג נאַלעווקי־גענשע און געווען די ערשטע, וואָס זיינען אַנטקעגן געגאַנגען די רוצחים. הונדערטער פריילעכע און אויסגעפּוצטע דייטשן האָבן מאַרשירט אין ענג־געשלאָסענע רייען און געזונגען אַ מאַרש־ליד. זיי גייען דאָס צום „לעצטן קאַמף" מיט די יידן. קוים באַוויזן פאַרביי מאַרשירן אונדזער פּאָסטן, זיינען זיי איבעראַשט געוואָרן דורך אַ האַגל פון באָמבעס און גראַנאַטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זייערע קעפּ. ס'איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ בהלה. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון אונדזערע באַהעלטענישן און אויף זיי געשאָסן מיטן ביסל רעוואָלווערס און ביקסן וואָס אין אונדזער רשות. די גאַסן פון געטאָ זיינען פאַרפולט געוואָרן מיט ריטשקעלעך דייטש בלוט. ווען מיר האָבן געזען די דייטשן, וואָס מיט עטלעכע מינוט פריער האָבן זיי נאָך געשפּרייזט זיכער און האָפערדיק צו פאַרניכטן די יידן און איצט זיינען זיי פאַרביטן געוואָרן אויף צעשאָסענע אברים, טרינקנדיק זיך אין בלוט און אין בלאָטע — האָבן מיר אַרויסגעפּלאַצט מיט פריידיקע געשרייען. אַ מיידל מיטן נאָמען תמר האָט זיך שטאַרק איבערגענומען און געשריען ניט מיט איר קול: ד אָ ס מ אָ ל ו ו ע ט ע ס ז י י ש ו י ן ט י י ע ר ק אָ ס ט ן! שעהען לאַנג זיינען מיר געשטאַנען אין קאַמף מיט די דייטשן. זכריה, דער קאָמאַנדיר, איז געלאָפן פון איין פּאָסטן צום צווייטן. אָט זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן די שיסערייען אין יענעם ראָג, וואָס באַדייט דאָס? אויגנבליקלעך איז ער דאָרט געווען. טרייבט אונטער די בחורים, שיקט פאַרשטאַרקונג אין קעמפער און געווער און ער אַליין צילעוועט מיט זיין ביקס און שיסט. זכריהס קויל טרעפט שטענדיק. דער דייטש פאַלט אַוועק. אָט איז אַ גרויסע סכנה: אויף איין פּאָזיציע זיינען די חברים אָפּגעשוואַכט געוואָרן און די דייטשן דערנענטערן זיך און רייסן זיך אַריין מיט געשרייען אין הויז. זכריה שפּרינגט צו אַהין ווי אַ קאַץ, אָרגאַניזירט זיינע קעמפער און זיי פאַרטיידיקן דאָס באַדראָטע אָרט

מיט האַנט־גראַנאַטן און מיט מאָלאָטאָוו־פלעשער. דער קאַמף דערגייט צו זיין הויכפּונקט. דייטשן פאַלן, באָדן זיך אין זייער בלוט.
און פּלוצעם איז שטיל געוואָרן — די דייטשן ציען זיך אויף צוריק. דער אויסשפּירער פון אונדזער אָפּשניט איז געקומען צו לויפן און האָט געמאָלדן, אַז דער שונא טרעט אָפּ און לאָזט איבער הינטער זיך די געפאַלענע. מיר זיינען איבעראַשט און ווי שיכור פון נצחון. מיר האָבן ניט געוווסט, וואָס צו טאָן פאַר פרייד. אַלע קעמפער נעמען זיך אַרום און צעקושן זיך.
וואָס האָבן מיר דעמאָלט געפילט? די פרייד פון נקמה, צי די פרייד פון לעבן, וואָס מיר אַלע זיינען לעבן געבליבן? מידע פון ניט־שלאָפן זיינען מיר זיך צעגאַנגען, ווער צו געפינען אַ שטיקל ברויט און ווער אַ ביסל וואַסער. מיר האָבן ניט באַוויזן זיך אָפּצורוען, ווי עס דערהערט זיך מיט אַ מאָל דער פייף פון קאָמאַנדיר: פון דער ווייטנס הערט זיך דאָס ברומען פון אַ מאַשין. די דייטשן קומען צוריק. גלייך זיינען מיר ווידער געווען אויף אונדזערע פּאָזיציעס. דאָס מאָל האָבן זיך באַוויזן טאַנקן. מיר זיינען זיי אַנטקעגן געגאַנגען מיט מאָלאָטאָוו־פלעשער און מיט האַנט־גראַנאַטן. נאָך דעם ווי מיר האָבן אונטערגעצונדן דעם ערשטן טאַנק, וואָס האָט זיך צו אונדז דערנענטערט, זיינען די דייטשן אָפּגעצויגן. אויך דאָס מאָל זיינען זיי אונדז ניט בייגעקומען. מיר האָבן אַליין ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט.
און אַזוי אויך ביי די אַנדערע גרופּעס.
ערב דעם טאָג, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, אויף דער נאַכט פון 19 אַפּריל און לויט דער יידישער דאַטע — ערב פּסח תש״ג, האָב איך זיך אויסגעקליבן און באַזוכט די פּאָזיציע פון דער דרור קאַמף־גרופּע אויף מילע גאַס. די דאָזיקע גרופּע האָט געקעמפט אונטער דער קאָמענדע פון בערל ברוידא. די מילע גאַס איז געווען די הויפּטגאַס פון געטאָ. אין דער גאַס האָבן זיך געפונען דריי קאַמף־גרופּעס. ברוידאס אָפּטיילונג איז געווען די פאָדערשטע. איר אויפגאַבע: צו לויערן אויף

די אָנקומענדיקע דייטשן, זיי לאָזן פאַרביי גיין, אָנגרייפן פון הינטן און ניט צולאָזן ברענגען הילף די אָנגעגריפענע. מיר האָבן אָפּגעשאַצט, אַז דאָ וועט זיין די הויפּט־אַרענע פון קאַמף. און טאַקע, ברוידאס אָפּטיי־לונג האָט אויפגעטאָן וווּנדער. זי האָט געקלאַפּט אינעם שונא, וואָס האָט מאַסנוויז געשטראָמט צו הילף פון דעם באַפאַלענעם מיליטער, און אויפגעהאַלטן זייער אַריין דרינגען אין געטאָ. אין די ערשטע דריי טעג פון קאַמף זיינען מיר געווען אין גאַנצן אָפּגעשניטן. ניט געוווּסט וואָס עס קומט פאָר ביי די חברים אין די אַנדערע קאַמף־גרופּעס. די דייטשע אַרטילעריע, וואָס זיי האָבן אַוועקגעשטעלט לעבן די טויערן פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט, האָט אָן אויפהער באַשאָסן דאָס געטאָ און ס'איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט אַריבער צו גיין פון גאַס צו גאַס.

אויף דער דריטער נאַכט פון אויפשטאַנד, נאָך אַ פריערן אויסשפּיר, בין איך מיט נאָך צוויי חברים געגאַנגען אויספאָרשן, וואָס עס טוט זיך אין בערל ברוידאַס אָפּטיילונג. מיר האָבן זיך געשלייכט אין דער פינצטער ביי די ווענט פון די הייזער. מיר האָבן "דורכגעשניטן" די גאַסן און מיט געדרייטע סטעזשקעס און געסלעך זיינען מיר אָנגעקומען צום בונקער. מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ האָב איך זיך דערנענטערט צום פּונקט — צי דען בלויז דריי טעג זיינען אַריבער פון יענעם נאַכטיקן באַזוך, ערב דעם אויפשטאַנד? אין דרויסן איז ניט געווען קיין סימן פון לעבן. איך בין געווען געשפּאַנט ביז גאָר, אַרום גערינגלט פון דער סודותפולער שטילקייט. מיט אַ ציטער אין האַרץ האָב איך אויסגערופן דעם פּאַראָל. מיט אַ מאָל האָט זיך געעפנט די פאַרמאַסקירטע עפענונג און אין דער טיר האָט זיך באַוויזן בערלס געשטאַלט. אויגנבליקלעך איז ער צו מיר צוגעשפּרונגען און מיך אַרום גענומען. זיין ערנסט אָנגעשטרענגט פּנים האָט געשטראַלט מיט פרייד פון נצחון און מיטן גליק פון טרעפן זיך. נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו פרעגן וואָס עס מאַכן די חברים און ווי ס'איז זיי צוגעגאַנגען, בין איך שוין געשטאַנען אַרום געריגנלט פון אַלע

חברים: דאָ איז נעשקע צוקער, מיין חברטע פון קעלצער קיבוץ, און אהרן רייזבאַנד, דער עלטסטער אין דער גרופּע, דער וואָס אַפילו אין מינוטן פון פרייד, צי פון אומגליק חלילה, האָט ער ניט פאַרגעסן אָן זיינע יינגערע חברים און זיך צו זיי באַצויגן מיט אַ פּאָטערלעכער דאגה; און אָט איז אויך משהל שאַרפשטיין דער יינגסטער פון אַלע, דער רירעוודיקער און פריילעכער; נפתלי זימאַק און זיין שוועסטער לילקע, און אַזוי אַלע אַנדערע. אַלע שטופּן זיך צו מיר און אין זייערע אויגן אַ גלאַנץ פון גליק. נאָר איין קעמפּער איז געפאַלן פון אַלע גרופּעס אויף דער מילע און פאַרקערט: פיל געהרגעטע פון צווישן די דייטשן. עמעצער האָט געעפנט אַ ראַדיאָ־קעסטל (דאָ האָבן מיר אַ מאָל געהאַט איינגעאָרדנט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט פון דער אָרגאַניזאַציע) — פריילעכע מוזיק־קלאַנגען דערהערן זיך אין דער טיפקייט פון בונקער. פלוצעם ווערט די מוזיק איבערגעהאַקט. אַן אומבאַקאַנטע סטאַציע מעלדעט פון ערגעץ־ווו, אַז אין וואַרשעווער געטאָ איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד און אַז די יידן קעמפן מיט אַ גבורה אַ "ניט געהערטע אין דער געשיכטע"...

אַרום דעם ראַדיאָ־קעסטל ליגן אויסגעלייגט די דאָזיקע גיבורים, וואָס האָבן "ניט זייער גלייכן אין דער געשיכטע", אָבער האַלטן זיך לחלוטין ניט ווי גיבורים, איז דאָך זייער האַנדלונג אַזוי נאַטירלעך און מענטשלעך און ניטאָ מיט וואָס זיך צו גרייסן. צי דען האָבן זיי אַנדערש געקאָנט טאָן?

די איינריכטונגען אין בונקער זיינען גוטע. דאָס איז געווען דער איינציקער בונקער וואָס די קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט ספּעציעל צוגע־גרייט ער זאָל דינען ווי אַ שפּיטאָל. דאָ האָט זיך געפונען אַ דאָקטאָר, קראַנקן־שוועסטער, אַפּאַראַטן, רפואות און אַלע אַנדערע נוצלעכע כלים פאַר ערשטע הילף און פאַר אַ שפּיטאָל, אַפילו אַ באַזונדערע איינאָרדענונג פאַר וואַרעם וואַסער האָט ניט געפעלט.

שוין עטלעכע טעג און נעכט ווי כ'האָב ניט געהאַט צוגעמאַכט אַן אויג

און מיינע כוחות האָבן געהאַלטן ביים אויסלאָזן זיך פאַר מידקייט. אויך איצט האָב איך ניט געקאָנט איינדרעמלען, ווייל כ׳מוז דאָך ווייטער גיין און באַזוכן די אַנדערע גרופּעס, אָבער די ״חברה״ האָט מיך ניט געלאָזט גיין און מיר צוגעגרייט אַ וואַרעמע וואַנע; איך האָב זיך אַרום געוואַשן און זיך אַ ביסל אויפגעפרישט. אין דער זעלבער צייט האָבן די חברים ניט גערוט און צוגעגרייט פאַר מיר אַ ״סעודה״ כיד המלך. מע האָט געשאָכטן אַ הון (אין בונקער האָט זיך געפונען אַ זאַפּאַס פון הינער), מע האָט אויך אויפגעזוכט אַ טראָפּן בראָנפן, און דער בונקער האָט געהוליעט. רייבנדיק אויף ביידע באַקן האָבן די חברים אָנגעהויבן צו דערציילן די פּאַסירונגען פון די לעצטע דריי טעג. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז איינער האָט ניט געלאָזט דעם צווייטן אויסריידן אַ וואָרט, אַלע האָבן געוואָלט דערציילן. ס׳איז געקומען איינער ״פון דרויסן״ און מע קאָן פאַר אים אויסגיסן אַלע געפילן און אָפּלאָדן פון זיך אַלע פּחדים, וואָס האָבן זיי אַרום גענומען די אַלע דריי טעג. איינער דערציילט ווי זיין מאָלאָטאָוו־פלאַש האָט געטראָפן אינעם קאָפּ פון אַ דייטש און יענער לויפט אַרום געגליכן צו אַ לעבעדיקן פאַקל; דער צווייטער שילדערט ווי זיין פלאַש האָט געטראָפן אַ טאַנק און די גאַנצע מאַשין איז געוואָרן איין פלאַם; אַנדערע רעכענען אויס וויפל געווער זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די דייטשן בשעת דעם קאַמף.

ווי געזאָגט, איז בערל ברוידאָס קאַמף־אָפּטיילונג געשטאַנען די גאַנצע צייט אין שווערע קאַמפן מיטן שונא און אַלע האָבן זיך געענדיקט אָן קרבנות. צו לעצט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז און ווען אונדזערע חברים האָט געדראָט די געפאַר פאַרברענט צו ווערן, האָבן זיי זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך דער דייטשער מיליטער־קייט און פאַרן פרייז פון עטלעכע קרבנות אַריבער אין אַנדערע הייזער־בלאָקן. שפּעטער ווען מיר האָבן אָנגעהויבן מיט פּאַרטיזאַנישע טאַקטיקן, דער עיקר אין די נעכט, האָבן די מיטגלידער פון דער גרופּע אַריין געצויגן די דייטשן אין אָן אַ שיעור צוזאַמענשטויסן.

גוטמאַנס קאַמף־גרופּע האָט געקעמפט אין שאָפּ פון די בערשטל־מאַכערס. אויף דעם געביט האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט אַ באַזונדער געטאָ. די מויערן און די שטעכלדראָטן פוןביידע געטאָס, דעם צענטראַלן און דעם פון די בערשטל־מאַכערס, זיינען געווען אַרום גערינגלט דורך אַ געדיכטער קייט פון דייטשן און זייערע אַרויס־העלפערס און זיי האָבן עס צעשיידט צווישן אונדז, די פון צענטראַלן געטאָ און אונדזערע חברים פון בערשטל־מאַכער־שאָפּ. מ׳האָט ניט געקאָנט שאַפן קיין שום קאָנטאַקט און אַזוי אַרום זיינען זיי געווען אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק. גוטמאַנס אָפּטיילונג האָט אָפּגעהיטן דעם שליסל־פונקט פון געטאָ ניט ווייט פון טויער. דורך אים האָבן די דייטשן געמוזט אַריין קומען אין געטאָ. דערפאַר האָבן די חברים אונטער־געלייגט אַ מינע אונטערן געטאָ־טויער און, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט — האָט די מינע אויפגעריסן. איברים פון דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו פליען אין דער לופט. די אַנדערע, וואָס זיינען פון דעם אויפרייס צעטומלט געוואָרן און געפּרוווט אַנטלויפן — האָבן אונדזערע חברים אָנגעגריפן מיט אַ האָגל פון קוילן און האַנט־גראַנאַטן. דייטשע הרוגים האָט מען דערנאָך געזען ליגן אויף דער קאַמף־אַרענע — און אַזוי האָט מען אָפּגעשטויסן דעם ערשטן אָנגריף.

צוויי שעה שפּעטער זיינען די דייטשן צוריק געקומען מיט פאַרשטאַרקטע כוחות. קודם האָבן זיי געעפנט מיט אַן אַרטילעריע־פייער פון דער אַרישער זייט. דאָס פייער איז געווען קאָנצענטרירט און געווענדט צום ערשטן הויז, ווו אונדזערע מענטשן האָבן זיך געהאַט פאַרפעסטיקט. נאַכהער האָט מען אַריין געוואָרפן אין קאַמף די פוסגייער־טרופּן.

גוטמאַנס אָפּטיילונג איז אין משך פון צוויי שעה געשטאַנען איינע אַליין קעגן דעם קאָנצענטרירטן שטורעמען און זיך ניט צוריק געצויגן. די אַנדערע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אויף זייערע פּאָזיציעס געוואַרט אויפן קומען פון שונא, וואָרן זיי האָבן זיך בכלל ניט פאָרגעשטעלט אַז

די טויער־אָפּטיילונג וועט אַזאַ לאַנגע צייט אויסהאַלטן, האָבן גאָר אינגיכן געענדערט זייערע פּלענער און זיינען געקומען צו הילף דער אַטאַקירטער אָפּטיילונג און מיט בשותפותדיקע כוחות ווידער באַוויזן צוריק צו טרייבן די דייטשן אויף יענער זייט געטאָ־מויערן.

שפּעטער אַ ביסל האָבן די דייטשן ווידער באַנייט זייער אָנגריף מיט נאָך מער פאַרשטאַרקטע כוחות. דאָס מאָל האָט זיך זיי איינגעגעבן אַריין צו דרינגען אין געטאָ און זיך דאָרט אַפילו צו פאַרפעסטיקן. זיי האָבן געפּרוּווט כאַפּן אונדזערע חברים מיט אַ טריק: ס'האָבן זיך באַוויזן דייטשן מיט אַ ווייסער פאָן ניט ווייט פון הויז און געשריגן אַז זיי בעטן אַ וואָפן־שטילשטאַנד, כדי זיך צונויפצוריידן. אונדזערע חברים האָבן זיי אָפּגעענטפערט מיט אַ סעריע קוילן. אַ חברטע פון דער אָפּטיילונג, צפורה לערער, האָט זיך אַרויסגעבויגן, אַ צעקאָכטע, דורכן פענצטער און האָט צווישן די דייטשן אַריין געוואָרפן עטלעכע מאָלאָטאָוו־פלעשער. די דייטשן זיינען געפלעפט געוואָרן, ווען זיי האָבן פאַר זיך געזען אַ קעמפּענדיקע יידישע פרוי, און מיט שטוינען אויסגערופן: ״איינע פראַו קעמפּפט!״ צו לעצט האָבן די דייטשן באַוויזן אַריין צו דרינגען אויך אין הויז גופא און זיינען צוגעקומען ביז צום בוידעם. די בוידעמער פון די הייזער־בלאָקן האָבן בשעת די קאַמפן געדינט ווי דורכגענג צווישן די גאַסן פון געטאָ. ניט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט פלעגן זיך אונדזערע קעמפער צונויפ־שטויסן אויף די בוידעמער פון די הייזער מיט דייטשן, וואָס האָבן באַוויזן אַרויפצוקומען. אין איינעם פון אַזעלכע צוזאַמענשטויסן איז געהרגעט געוואָרן דער חבר פון בונד מיכאל קלעפּפיש. אונדזערע חברים האָבן ניט אויפגעהערט צו קעמפן, נאָר די דייטשן האָבן געקראָגן יעדעס מאָל פאַרשטאַרקונגען און אַזוי אַרום באַוויזן צונויפצופרעסן אונדזערע חברים ביזן לעצטן בלאָק פון דעם בערשטלער־געטאָ — וואָס איז געוועזן גאַנץ קליין — זיי אַרום גערינגלט פון אַלע זייטן און פאַרשפּאַרט ווי אין אַ שטייג. געוועזן קלאָר, אַז ס'איז ניטאָ קיין אויס־

וועג, אָבער די קעמפּער האָבן זיך ניט מייאש געווען. דער ערשטער איז אויפגעשפּרונגען שלאַמעק שוסטער, דער ייִנגסטער פון דער גרופּע. ער האָט זיך געוואָרפן אויף פּאָרויס, אַריין געשליידערט האַנט־גראַנאַטן אין די דײַטשן און געשאָסן פון זיין רעוואָלווער. אונדזערע חברים האָבן אויסגענוצט די מינוט פון צעטומלטקייט צווישן די רייען פון שונא און זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג. און אַזוי זיינען זיי דורך די קייט פון די דײַטשן און זיך דערקליבן ביז צום צענטראַלן געטאָ, צום בונקער פון אברהם געפּנער.

ווי געזאָגט האָבן מיר ניט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע חברים אין די טעג פון די ערשטע קאַמפן און אַזוי האָט געטראָפן, אַז זיי זיינען שוין געווען אין אונדזער געטאָ און מיר האָבן וועגן זיי גאָרניט געוווּסט און אויך זיי האָבן וועגן אונדז גאָרניט געוווּסט.

איין מאָל, אין מיטן נאַכט, איז אונדזערע אַן אויסשפּיר־גרופּע אַרויס אין גאַס. פון דער ווייטנס האָבן זיי דערהערט טריט פון מענטשן. זייענדיק זיכער אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ דײַטשן פּאַטראָל, האָבן זיי פאַרכאַפּט פּאָזיציעס און געעפנט אַ פייער אויפן כלומערשטן שונא. די צווייטע גרופּע האָט צוריק געשאָסן. אין מיטן פון די שיסערייען און אין דער געשפּאַנטקייט פון קאַמף האָט איינער פון די קעמפּער דערהערט באַקאַנטע שטימען — "און ביים אויפבליץ פון אַ קויל האָט איינער דעם צווייטן דערקענט". אַזוי איז געשאַפן די פאַרבינדונג צווישן בערל ברוידאס גרופּע און דער גרופּע פון חנוך גוטמאַן.

ניט איין מאָל, בעת די קאַמפן, האָב איך זיך געטראָפן מיט יענעם יונגן העל־אויגיקן בחור, שלמה שוסטער. טראָץ זיין יונגקייט האָט ער זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט גיכער אָריענטאַציע און מיט מוטיקייט. איין מאָל, אויף אַ ביינאַכטיקן אויסשפּיר, האָבן מיר זיך געפּלייסט צו געפינען די דײַטשע פּאָסטנס און אָט — אויף אַ פּונקט ווו מיר האָבן כלל ניט דערוואַרט צו טרעפן דעם שונא — האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ געשריי: "האַלט!" שלמה האָט זיך ניט פאַרלאָרן, שטיל דערנענ־

טערט צו דער וואַך און פון גאָר נאָענט, די ווייט פון אַ רעוואָלווער־שאָס, אויסגעשאָסן און געטראָפן אַ דייטש. נאָכהער האָבן מיר איפּ־געפּנט אַ פייער און פאַרטריבן די אַנדערע.

אַ סך האָט מען זיך אָנדערציילט וועגן אברהם אייגער, דעם שווייגער. אויך ער — פון גוטמאַנס אָפּטיילונג. די גאַנצע צייט האָב איך ניט געהערט פון אים מער ווי עטלעכע צענדליק ווערטער. איין מאָל איז זיין גרופּע פּלוצעם אָנגעגריפן געוואָרן און זייער לאַגע איז געווען גאָר אַ שלעכטע. צפורה לערער האָט מיט האַנט־גראַנאַטן באַפרייט דעם וועג אויף צוריק ציען זיך און אברהם אייגער, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן שטילשווייגן, האָט געקעמפט מיט די לעצטע כוחות. נאָך דעם ווי ס׳האָט אים געטראָפן אַ קויל אין בויך, צוגערופן זיין חבר ער זאָל פון אים אַוועקנעמען דעם רעוואָלווער: אַ שאָד, אַז דאָס געווער זאָל אַריין פאַלן אין די הענט פון די דייטשן. ער האָט זיך אַ ביסל געשטאַרקט, געפּרוווט זיך אויפשטעלן, אָבער ניט געקאָנט. האָט ער זיך געשטעלט אויף די קני און אַזאַ רעדע געהאַלטן פאַר די דייטשן: "פאַרפלוכטע הינט — איר וועט באַצאָלן פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט!" די דייטשן זיינען צעמישט געוואָרן און אין משך פון עטלעכע מינוט ניט געוואַגט נאָך אַ מאָל אויף אים צו שיסן. נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט די רייד איז ער אַוועקגעפאַלן, באַגאָסן מיט בלוט. דערווייל אָבער האָבן די אַנדערע חברים באַוויזן זיך דורכצושלאָגן אַ וועג און זיך צוריק צו ציען.

אין בונקער אויף מילע 18

בעת מיין באַזוך אינעם בונקער פון בערל ברודא האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די אַנדערע גרופּעס פון דער מילע גאַס, צוזאַמען מיט מרדכי אַנילעוויטש, זיינען — ווען דער קאַמף איז אויסגעבראָכן — אַלע אַריין אינעם בונקער פון דער מילע גאַס. אויך איך בין אַהין אַוועק. דער דאָזיקער בונקער האָט געהערט צו די ״טשאָמפּעס״, מענטשן פון דער וואַרשעווער אונטערוועלט, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ סך ״באַוווּסטע״ גנבים. נאָך דער גרויסער אַקציע האָבן זיי אויסגעגראָבן אין דער טיפעניש פון דער ערד, אין דער לענג פון דריי ריזיקע הייזער־בלאָקן, וואָס זיינען חרוב געוואָרן בעת דער באָמבאַרדירונג אין די סעפּטעמבער־טעג פון 1939, און אויסגעבויט אַ רחבותדיקן בונקער. אַ שמאָלער און לאַנגער קאָרידאָר האָט דורכגעשניטן דעם בונקער און פון ביידע זייטן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ סך צימערן, מיט עלעקטריע און וואַסער. אויך אַ קיך איז דאָרט געווען און בעטן און אַפילו אַ פּאַרוויילונג־צימער. אַהין זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע ״אונטער־טאַנען״ פון עלטסטן פון די באַנדעס און אַלע האָבן זיי געוווינט אינאיינעם.

ווי אַ מלך איז אַרום געגאַנגען אין דער טיפעניש פון דער ערד דער אָנפירער פון די באַנדעס שמואל אשר, צי שמואל יששכר, אַ ברייט־פּלייציקער, הויכער און מגושמדיקער מענטש, (וואָס האָט מיר דערמאָנט די געשטאַלט פון ביאַליקס אריה בעל־גוף). ער איז געווען דער הערשער וואָס האָט דאָ געוועלטיקט איבער אַלץ — איבערן עסן און שלאָפן און איבערן שיקן ״אַרבעטן״ אין די גאַסן. אין אָנהייב האָבן זיי פאַרמאָגט פון אַלדאָס גוטס. זייערע חברים פון דער אַרישער זייט פלעגן זיי דורך די קאַנאַלן באַזאָרגן מיט פריש ברויט און מיט בראָנפן. אויך ״עמך״, וואָס האָט זיך געפונען לעבן זיי, זיינען געווען איבער־

געגעבן דעם מנהיג מיט לייב און לעבן, ווי געטרייע הינט, און גרייט געווען צו גיין פֿאַר אים אין פֿייער. נאַכט פֿאַר נאַכט פֿלעגט דער מנהיג אַרויסשיקן גרופּעס אויף צו ברענגען "געפֿינס" פֿון דרויסן. מיט די אייגענע הענט פֿלעגט ער איינטיילן דאָס עסן צווישן די מענטשן, וואָס זייער צאָל איז אָן אויפֿהער געוואָקסן, פֿלעגט איינטיילן מיט יושר און דער עיקר אַכטונג געבן, אַז די קליינע קינדער זאָלן ניט געקריוודעט ווערן.

פֿון זינט די קאַמף־אָפּטיילונגען זיינען אַריין אין בונקער און אויך איניקע מיטגלידער פֿון דער הויפּט־קאָמענדע פֿון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פֿלעגן פֿון מאָל צו מאָל אַהער קומען נאָך קאַמף־גרופּעס. דער בונקער, וואָס איז אין אָנהייב באַשטימט געווען פֿאַר עטלעכע צענדליק "טשאָמפּעס", האָט אין גיכן געציילט אַ דריי הונדערט מאַן, צוזאַמענגעפּרעסטע אין אַלע צימערן און אין יעדן ווינקל.

ביי אונדזער אָנקומען אין בונקער האָט אונדז דער מנהיג אויפֿגענומען זייער פֿריינטלעך. ער און זיינע חברים האָבן זיך באַצויגן צו די מענטשן פֿון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט יראת־כבוד און ער האָט געזאָגט: "אונדזערס איז אייערס, און מיר אַלע שטייען צו אייער רשות. מיר זיינען שטאַרק און אונדזערע הענט זיינען פֿעאיִק איינצוברעכן שלעסער, מיר וויסן ווי אַרום צו גיין אין מיטן דער נאַכט, ווי צו קלעטערן איבער פֿאַרקאַנעס און מויערן, ווייל אַלע וועגן פֿון געטאָ זיינען אונדז גוט באַקאַנט. איר וועט זיך איבערצייגן, אַז מיר וועלן אייך צו נוץ קומען."

און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט איז טאַקע געווען. זיי זיינען געוואָרן אונדזערע וועגווייזער. טאָג און נאַכט האָבן זיי נאָכשפּיאָנירט די דייטשן. שפּעטער, ווען דאָס געטאָ איז שוין געוואָרן כמעט אין גאַנצן פֿאַרברענט, און ס'איז שווער געווען צו אונטערשיידן צווישן די גאַסן, פֿלעגט איינער פֿון זיי, אַ באַוווסטער גנב, אונדז דורכפֿירן מיט זיכער־קייט. ווי אַ פֿלינקע קאַץ פֿלעגט ער קריכן, קלעטערן, זיך דורכשלייכן

דורך בוידעמער, לעכער און קעלערן און דורכגיין אַזוי גאַנצע גאַסן.
מיטן צופאַלן פון דער נאַכט פלעגט דער מנהיג פון די ״טשאַמפּעס״ בכבודו ובעצמו זיך אָנטאָן און אַרויסגיין פון זיין בונקער צו זוכן שפּייז; ער האָט אַרויפגעצויגן זיינע גלאַנציקע שטיוול, וואָס איינער פון זיינע געטרייע ״אונטערטאַנער״ האָט זיי גוט־גוט אָפּגעפּוצט, זיך אַרום געגורט מיט צוויי פּיסטאָלעטן און אַרויסגעקראָכן אין דרויסן. די עפענונג ביים אַרויסגאַנג פון בונקער איז געווען צוגעפּאַסט צו זיין לייביקן, ריזיקן גוף. מיט דער צייט איז דער מענטש אָפּגעמאָגערט געוואָרן און דער אַרויסגאַנג איז געוואָרן צו ברייט...
אין אָט דעם בונקער האָבן זיך קאָנצענטרירט הונדערט און צוואַנציק קעמפער און צווישן זיי אייניקע פון דער הויפּט־קאָמענדע. אויך דאָ האָט מען מיך אויפגענומען מיט אַ שטורמישער פרייד, אָבער מרדכי אַנילעוויטש איז ניט געווען אַזוי ווי די אַנדערע חברים באַטויבט פונעם נצחון. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט עצבות. אמת — זיין שטרעבונג, אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די יידן, איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן. ער האָט אויך געשטילט דעם דורשט זיינעם נקמה צו נעמען, אָבער וואָס ווייטער?
מיר האָבן צונויפגערופן אַ זיצונג מיט די חברים פון דער הויפּט־קאָמענדע, וועלכע זיינען געווען מיט אונדז אין בונקער. מרדכי האָט איבערגעגעבן, אַז ס׳איז אים געלונגען אָנצוקניפּן אַ טעלעפאָנישן קאָנטאַקט מיט דער אַרישער זייט; ער האָט אויך דורך די ״פּינקער־טאָווצעס״ — די קברנים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער חברה־קדישא, וואָס די בעלי־בתים אירע זיינען געווען די וואַרשעווער פּינקערט־משפחה — געקראָגן אַ בריוו פון יצחקן. די ״פּינקער־טאָווצעס״ האָבן, נאָך זינט די ערשטע טעג פון קאַמף, געהאַט אַ פרייען צוטריט צום גענשער בית־עלמין, היות ווי די דייטשן האָבן זיי געהאַט באַפוילן אויפצוקלייבן די געהרגעטע יידן און זיי מקבר זיין אויפן יידישן בית־הקברות, וואָס האָט זיך געפונען מחוץ דעם געטאָ.

אינעם בריוו, וואָס איך און מרדכי האָבן געקראָגן פון יצחקן, צוויי טעג איידער ס׳איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, האָט ער אונדז געשריבן, אַז ער געפינט זיך כמעט אַ וואָך צייט אויף דער אַרישער זייט און נאָך ניט געפונען אַ דירה. ער האָט אויך נאָך ניט באַוויזן זיך איינצושאַפן לייטישע אַרישע פּאַפּירן און דרייט זיך אַרום אין די גאַסן פון דער אַרישער וואַרשע אָן דאָקומענטן און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אונדזערע אָנפירנדיקע חברים אויף דער אַרישער זייט זיינען ניטאָ: אריה ווילנער איז געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער אין געטאָ, נאָך דעם ווי מ׳האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון די געסטאַפּאָ־נעגל; טאָסיע אַלטמאַן האָט זיך אומגעקערט אין געטאָ און מאַרעק פּאָלמאַן איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. די גרופּע פאַרבינדלער און פאַרבינדלערינס מיט אַ גויישן אויסזען, וואָס איז געווען טעטיק אויף דער אַרישער זייט, איז זיך כמעט ווי צעפאַלן, נאָך דעם ווי ס׳זיינען איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונגען מיט דער פוילישער אונטערערד. מ׳דאַרף אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי. ער, יצחק, האָט באַוויזן אָנצוקניפּן די ערשטע פאַרבינדונגען מיט די פאָרשטייער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ און דער אַרמיאַ לודאָוואַ. זיין איינדרוק איז, אַז די פּלענער, וואָס זיינען אויס־געאַרבעט געוואָרן דורך די פוילישע אונטערערד־באַוועגונגען און דעם פאָרשטייער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אריה ווילנער, וועגן געבן אַקטיווע הילף אין פאַל ווען דאָס געטאָ וועט אָנגעגריפן ווערן — זיינען מער ניט אַקטועל. די אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָט דאָך געזאָלט אָנגרייפן די דייטשן מצד דער מוראַנאָווער גאַס — פון די מויערן פון צענטראַלן געטאָ — און די אַרמיאַ לודאָוואַ האָט געדאַרפט, בסודי־סודות פאַר דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ, טאָן דאָס זעלבע מצד לעשנאָ — פון די מויערן פון די שאָפּן אויפן טעבענס־שולץ־געביט. איצט ציט די אַרמיאַ קראַיאָוואַ צוריק איר צוזאָג, זעט אויס צוליב איר גע־ענדערטער שטעלונג צום אויפשטאַנד אין געטאָ, און די פאָרשטייער פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ — פון זייער זייט — זיינען שטאַרק

פאַרזאָרגט צוליב דעם וואָס זיי זיינען אָרעם אין כוחות.

יצחק האָט אין זיין בריוו אויך צוגעגעבן, אַז אַ פאָרשטייער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די יידישע ענינים, וואַצלאַוו — נאָך אין דער צייט פון דער אונטערערד האָבן מיר זיך צופעליק דערוווּסט, אַז זיין אמתער נאָמען איז הענריק וואָלינסקי, אַ יידן־פריינט וואָס זוכט די טובה פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אים בסודי־סודות איבערגעגעבן, אַז איינער מיטן נאָמען טענענבלאַט צי טענענבוים, אַ נאמן פונעם יודנראַט־מיטגליד אַלפרעד שטאָלצמאַן, איז געקומען צו אַ פאַרבינדלער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ מיט אַן אויס־געטראַכטן בילבול אויף דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זאָגנדיק, אַז די אָרגאַניזאַציע איז, לויט אים, צונויפגעשטעלט פון קאָרומפּירטע, געלטגייציקע שאַנטאַזשיסטן, וואָס לאָזן ניט צורו די איינוווינער פון געטאָ און טראָגן דעם פאַלשן נאָמען "אויפשטענדלער". איז דעריבער אַ סכנה, אַז עמעצער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ וועט וועלן אויסנוצן צום שלעכטן אַלפרעד שטאָלצמאַנס בלוט־בילבול. יצחק שלאָגט פאָר תיכף צו אַרעסטירן שטאָלצמאַנען און אים שטעלן פאַר אַ געריכט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. צווישן אַנדערן גיט ער אונדז צו וויסן, אַז ער גרייט זיך צו קומען אין געטאָ און זיין מיט אונדז אין דער סדר־נאַכט.

מיר האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען יצחקס לאַגע. פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, איז ער אַרום געלאָפן אויף דער אַרישער זייט ווי משוגע און געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו ברענגען הילף דעם געטאָ. ווער איז מסוגל געווען צו פאַרשטיין זיין פאַרביטערטקייט אין אָט דער שווערער שעה? נאָר דאָס באַוווּסטזיין, אַז ער איז דער איינציקער וואָס טראָגט אויף זיך די אחריות פון אַזאַ גורלדיקן ענין ווי ס'איז די פאַרבינדונג מיט דער פוילישער אונטערערד און פאַר דער הילף־טעטיקייט פון דער אַרישער זייט, בלויז זי צווינגט אים צו בלייבן דאָרט. ווי וועט ער אָבער קאָנען אויסהאַלטן אויף יענער זייט מויער אין די שטורמישע טעג פון געראַנגל, וואָס ער האָט אויף זיי

אַזאַ לאַנגע צייט געוואַרט?

ווייטער האָט יצחק דערציילט אין זיין בריוו, אַז דער אויפשטאַנד האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם צווישן די פּאָליאַקן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אַרמיאַ קראַיאָוואַ פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל וואָס שנעלער אַרויסשיקן אַ באַפעל צו די קעמפער זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס געטאָ. גלייכצייטיק וויל די אַרמיאַ קראַיאָוואַ פאַר יעדן פּרייז אויס־מיידן אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן אין אַזאַ גרויסן פאַרנעם. אמת, זיי פאַרמאָגן טאַקע אַ גרויסע אַרמיי און אויך אַ סך געווער, אָבער זיי טוען אַלץ אָפּצוהיטן דאָס געווער און זייערע מענטשן פאַרן פאַרמעסט — ווען ס'וועט קומען די צייט — מיט דער "רויטער געפאַר", די אַרמייען פון ראַטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער אויפשטאַנד אין געטאָ זאָל ניט דערוועקן אויך די פּוילישע מאַסן אַרויסצוטרעטן קעגן די דייטשן. גאָר אַנדערש, שרייבט יצחק, איז דער צוגאַנג פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ, וואָס האָט אונדז צוגעזאָגט צו געבן 28 ביקסן פון זייערע מאַגאַזינען. דאָס געווער וועט ער שיקן דורך די קברנים, די "פינקערטאָווצעס". ווען מיר וועלן דערהאַלטן דאָס געווער, וועט מען אָנגרייפן די דייטשן און דעמאָלט וועלן אפשר אויך די מיטגלידער פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ זיך אָנשליסן און אָנהייבן, נאָכן צונויפשמועסן זיך מיט אונדז, צו פירן צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשע פּאַטראָלן אויף איינעם פון די אָפּשניטן לענג אויס פון דעם געטאָ־מויער. מיר האָבן בכן געוואַרט אויפן צוגעזאָגטן געווער, נאָר אָט איז געקומען אַ נייע שטערונג: אין איינעם אַ טאָג האָבן די דייטשן פּלוצעם פאַרווערט צונויפצונעמען די מתים און זיי ברענגען צו קבורה אויפן בית־עולם מחוץ דעם געטאָ. אַזוי איז אָפּגעשניטן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט דער אַרישער זייט, אַ קאָנטאַקט וואָס מיר האָבן אויפ־געהאַלטן אַ דאַנק די קברנים.

אין שייכות מיט דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָט זיך אין מיין זכרון איינגע־קריצט אַ געשיכטע, וואָס איך האָב געהערט פון יצחקן שוין נאָך מיין

אַרויסקומען פון ברענענדיקן געטאָ, און עס איז כדאי צו דערציילן: אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, האָט אים די פאַרבינדלערין פראַניאַ בעאַטוס צונויפגעפירט מיט אונדזער אַלטער פריינדין אירענאַ אַדאַמאָוויטש. אירענאַ האָט אים פאָרגעלייגט ער זאָל זיך טרעפן מיט איינעם פון די אַקטיוויסטן פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ, אַ מיטגליד פון דער אַמאָליקער אָנפירונג פון די פוילישע סקויטן. דער פּאָליאַק האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען "הײידוק". יצחקס איינדרוק איז געווען, אַז דער מענטש האָט אַ שייכות צו דעם אויסשפּיר־דינסט פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ.

נאָך דעם ווי ער האָט פון יצחקן געהערט פּרטים וועגן דעם, וואָס ס׳געשעט אין געטאָ אויפן יסוד פון די ידיעות, וואָס זיינען צו אים דערגאַנגען דורכן געהיימען טעלעפאָן פונעם שאָפּ פון דייטש בראַוער, אין צענטראַלן געטאָ, און פון די אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך די קברנים — די "פינקערטאָווצעס" — האָט "הײידוק" אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל זיך צונויפטרעפן מיטן ממונה איבער אים. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אויף מאָרגן אין איינער פון די קאָנספּיראַטיווע דירות פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ. דער פּאָליאַק האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען "גרענאַדיר קאַראָל". נאָך דעם ווי יצחק האָט קאַראָלן איבערגעגעבן די פּרטים, וואָס ער האָט שוין געהאַט דערציילט "הײידוקן", און צו זיי צוגעגעבן פרישע איינצלהייטן, וואָס זיינען צו אים דערגאַנגען דעם לעצטן מעת־לעת — האָט אים קאַראָל קורץ מודיע געווען: די אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָט גענויע אינפאָרמאַציעס, אַז די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון קאָמוניסטן וואָס קריגן זייערע דירעקטיוון פון מאָסקווע. מען דאַרף גלייך אָפּשטעלן דעם אויפשטאַנד און אַרויספירן די קעמפער אויף דער אַרישער זייט. זיי, די פּאָליאַקן, וועלן געבן די פולסטע הילף כדי אַרויסצונעמען די קעמפער פון געטאָ און וועלן זיי אַריבער פירן צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

יצחק האָט אויפגעקלערט דעם אמתן צוזאַמענשטעל פון דער אָרגאַניזאַציע, אויסבאַהאַלטנדיק פון אים, אַז עס עקזיסטירן פיר קאַמף־אָפּטיילונגען פון פּ.פּ.ר ער האָט זיי אָנגערופן: אָפּטיילונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. די בקשה מען זאָל אים געבן די פּלענער פון די קאַנאַלן — איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. קאַראָל האָט געדראָט: אויב די קעמפער וועלן ניט אָפּשטעלן זייער אויפשטאַנד, וועט די אַרמיאַ קראַיאָוואַ אַרויסטרעטן קעגן זיי.

אויך יצחקס ענטפער איז געווען אַ דעצידירטער: דער אויפשטאַנד וועט פאָרגעזעצט ווערן כל־זמן די קעמפער וועלן האָבן כוח אויסצוהאַלטן. עטלעכע וואָכן נאָך דעם ווי וואַרשע איז באַפרייט געוואָרן, אין יאַנואַר 1945, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט אירענאַ אַדאַמאָוויטש. זי האָט אונדז איבערגעגעבן, אין ״הײדוקס״ נאָמען, נאָך פּרטים: מיט דער צייט איז אים , ״הײדוקן״, אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז דער ״גרענאַדיר קאַראָל״ האָט פאַראַטן זיין פאָלק און אויך די אַרמיאַ קראַיאָוואַ און אַז ער איז געווען אַ דייטשער אַגענט. נאָך דעם ווי מ׳איז געקומען אויף זיינע שפּורן, האָט קאַראָל געפונען אַ באַהעלטעניש אין אַ הויז פון זיין געליבטער, אין איינעם פון די שטעטלעך אַרום וואַרשע. ״הײדוק״ איז געשטאַנען בראש פון אַ גרופּע, וואָס האָט קאַראָלן אויפגעזוכט און אים דערשאָסן מיט די אייגענע הענט און אירענען האָט ער געבעטן: אויב זי וועט דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייאונג, זאָל זי דערציילן יצחקן, צי זיינע חברים־קעמפער, אָט די פּרשה. וואָס שייך ״הײדוקן״ אַליין: ער איז געפאַלן בשעתן פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין אויגוסט צי סעפּטעמבער 1944.

לאָמיר זיך אומקערן צו די געשעענישן אין געטאָ. מיר האָבן גענוי באַטראַכט דעם מצב און זיינען געקומען צום אויספיר, אַז די דייטשן האָבן געביטן זייער טאַקטיק. זיי גייען שוין מער ניט אַריין אין געטאָ אין געשלאָסענע רייען, נאָר שלייכן זיך אַריין און קומען אין גאָר קליינע

גרופּעס אָדער אַפילו איינציקווייז, דערנאָך ערשט פּאַראייניקן זיי זיך און גרייפן אָן אין גרעסערע גרופּעס די הייזער, כדי אַרויסשלעפּן די יידן בגוואַלד, היות ווי קיין שום ייד גייט שוין מער ניט פון אייגענעם ווילן. האָבן מיר בכן באַשלאָסן צו טשאַטעווען אויף די דייטשן אין די הייזער, אויפצושטעלן באַזונדערע אויסשפּיר־גרופּעס און, לויט די רעזולטאַטן פון אויסשפּיר, באַשטימען יעדן אָוונט דעם קאַמף־פּלאַן אויף מאָרגן. דערווייל איז אונדזער מלחמה געווען אַ פּאַרטיידיקונג־מלחמה, אָבער ווען מיר וועלן באַקומען די צוגעזאָגטע ביקסן, וועט מען אָנגרייפן די דייטשן איידער זיי גייען אַריין אין געטאָ.
מיר האָבן געענדערט אונדזער טאַקטיק, אָבער אויך די דייטשן האָבן געביטן זייער טאַקטיק. אָנשטאָט אָנגרייפן מיט זעלנער האָבן זיי אונדז פאַרוואָרפן מיט פייער און דער דאָזיקער טייוולאָנישער פּאָרטל איז זיי געלונגען. ס׳זיינען ניט אַוועק קיין סך שעהען און דאָס גאַנצע געטאָ איז געשטאַנען אַרום געגומען אין פלאַמען.

די לעצטע אויפֿן מויער

דער שונא האָט אונטערגעצונדן דאָס געטאָ, קודם פֿון אויבן דורך ברענ־באָמבעס אַראָפּגעלאָזטע פֿון אַעראָפּלאַנען. שפּעטער אונטערגעצונדן אַלע פֿיר ווינקלען זייענדיק זיכער, אַז דאָס פֿאַרניכטנדיקע פֿייער וועט דערשטיקן אין פֿלאַמען דאָס, וואָס זיי האָבן ניט מצליח געווען צו טאָן אין די קאַמפֿן פּנים־אל־פּנים. פֿון דעסטוועגן איז אויך אים, דעם שונא, קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז ניט אַזוי גרינג צו ליקווידירן דאָס פֿאָלק.
מיט זייערע לעצטע כּוחות האָבן יידן געזוכט אַ באַהעלטעניש, אַרום געלאָפֿן צווישן די חורבות און די פֿלאַמען. דאָס פֿייער האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון די באַהעלטענישן און פֿון די אונטערערדישע בונקערס. אַ סך זיינען פֿאַרברענט און דערשטיקט געוואָרן, אָבער אַ סך מענער, פֿרויען און קינדער — זיינען אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער דער ערד, באַלאָדן מיט רעשטלעך שפּייז, טעפּ און בעטגעוואַנט. מאַמעס האָבן געטראָגן עופּעלעך אויף די הענט און די גרעסערע קינדער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זייערע עלטערן און אין זייערע אויגן — אַן אָפּגרונט פֿון טרויער און ייאוש, ווייטיק און אָפּהענטיקייט און אַ געשריי נאָך הילף. אַלע זיינען זיי געגאַנגען און האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש הינטער יעדן מויער, אין מיטן פֿון די חורבות וואָס האָבן שוין מער ניט געקאָנט ברענען, אין ווינקלען ווו דאָס פֿייער האָט ניט אַזוי געבושעוועט. ווער איז מסוגל צו דערציילן דעם גרויסן אומעט און די שרעקלעכע אימה פֿון יידישן פֿאָלק אין די פֿלאַמען?
דאָס געטאָ האָט געברענט. טעג און נעכט איז עס געווען אַרום גע־רינגלט פֿון פֿלאַמען און דאָס פֿייער האָט פֿאַרטיליקט און פֿאַרלענדט יעדע שטוב. הויז נאָך הויז, גאַס נאָך גאַס זיינען אַרויף אויפֿן שייטער. זיילן רויך האָבן זיך געטראָגן אין דער לופֿטן, פֿונקען האָבן געשפּריצט און דער הימל איז געוואָרן פֿאַרצויגן מיט אַ רויטער, שרעקלעכער שיין.

און פון דער נאָענט, פון יענער זייט מויער, האָט דאָס לעבן געשטראָמט ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. מענטשן, בירגער פון דער הויפּטשטאָט, האָבן אַרום שפּאַצירט, זיך געשפּילט, געהוליעט און געזען פון דער נאָענט דעם רויך פון די פלאַמען ביי טאָג און דאָס פייער ביי נאַכט. אַ קאַרוסעל האָט זיך אַרום געדרייט און קינדער האָבן זיך מיט געדרייט אין ראָד אין תמימותדיקן פאַרגעניגן, אויך דאָרפס־מיידלעך, וואָס זיינען געקומען אין דער הויפּטשטאָט, האָבן זיך געדרייט אויף דער קאַרוסעל און צווישן אַנדערע געזען די פלאַמען פון געטאָ און געוווסט אַז ״די יידן ברענען״. דער ווינט האָט צוגעטראָגן צו זייער נאָז די סאַזשע פון די רויכענדיקע הייזער. שפּריצנדיקע פונקען האָבן טייל מאָל זיך אַריבערגעכאַפּט די מויערן און אונטערגעצונדן דאָרט אַ הייזער־בלאָק, אָבער דאָרט איז דאָס פייער תיכף פאַרלאָשן געוואָרן, דאַקעגן דאָ — אין געטאָ — איז קיינער ניט געקומען העלפן. אַלץ האָט געברענט און ניט געווען ווער ס׳זאָל לעשן.

דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט געברענט, דאָס געטאָ פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין אייראָפּע און אין אים האָבן נאָך געצאַפּלט די רעשטלעך פון די יידן — און זייער צאָל איז נאָך דערגאַנגען צו צענדליקער טויזנטער — די לעצטע צוקונגען פון גסיסה. בלויז מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די דייטשן באַשלאָסן צו ליקווידירן די לעצט־געבליבענע, צו שיקן זיי אין טויט־וואַגאָנעס קיין טרעבלינקע, פּונקט ווי זיי האָבן פריער געשיקט, אָן שום שטערונג, הונדערטער טויזנטער.

כ׳וועל ניט פאַרגעסן יענע נאַכט ווען דאָס געטאָ איז אונטערגעצונדן געוואָרן פון אַלע זייטן. כ׳בין אַרויסגעקראָכן פון מיין באַהעלטעניש און אָט — ס׳איז ליכטיק ווי אין מיטן טאָג. דאָס ליכט פון אַלע זייטן האָט געבלענדט די אויגן. אַרום מיר בושעווען די פלאַמען, מען הערט דעם רעש פון פאַלנדיקע ווענט, שויבן פּלאַצן און רויך־זיילן דערגייען ביז צום הימל. און דאָס פייער שפּרייט זיך אויס און פאַרלענדט, שפּרייט זיך אויס און פאַרלענדט אַלץ.

טעג פון אָנהייב מאַי 1943. אין די גאַסן דאָרט, פון יענער זייט, אָטעמט אַוודאי אַלץ מיט אָנזאָג פון פרילינג, אָבער פאַר אונדז דאָ האָט מען צוגעגרייט אַ שייטערהויפן. מאַסן יידן, קליינע און גרעסערע גרופעס, דרייען זיך נאָך אַרום אין געהיים, שלייכן זיך פאָרזיכטיק אַריבער פון הויף צו הויף, מיידן אויס די פלאַמען. עס ברענט איין פליגל פון אַ הויז, אָבער דעם צווייטן האָט נאָך דאָס פייער ניט אַרום געכאַפּט און מ׳קאָן נאָך אַהין אַריבער קלעטערן, זיך דורכשטופּן דורך זיינע לעכער. אין אָנהייב פלעגן מיר אַרום שפּאַנען איבער בוידעמער, געקראָכן פון שפּאַרע צו שפּאַרע און דורכגעגאַנגען אויף אַזאַ אופן לאַנגע שטרעקעס ניט ווערנדיק אַנטפּלעקט דורך די דייטשן, וואָס שטייען פון יענער זייט מויער און צילעווען אין יעדן ייד וועלכער ווייזט זיך אין גאַס. איצט האָבן די בוידעמער געברענט. מיר זיינען ווייטער געקראָכן דורך די אַדורכגעהאַקטע עפענונגען פון קעלער צו קעלער, נאַכהער האָבן מיר פּשוט אַרום געבלאָנקעט צווישן די חורבות און אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך, דאָס פייער. די היץ האָט געזעצט אין פּנים, אין די אויגן; באַלד שטיקט צו דער רויך, אַרום דיר שפּריצן פונקען און דו שפּאַנסט און גייסט ווייטער און אויף יעדער גרופּע וואָס מ׳באַמערקט עפנט מען אַ שיסעריי.

אָבער דער סוף איז נאָך ניט געקומען.

דער הייזער־בלאָק אויף מילע 7 געפינט זיך אין געטאָ אויף אַ קרייצונג פון גאַסן און פּאַסאַזשן און, בשעת דעם בהלהדיקן אַנטלויפן אין דער בראַנד־נאַכט, האָט דער הויף אויף מילע געוואָרן פון מאַסן יידן וואָס זוכן אַן אויסוועג. דער הויף איז גרויס און פאַרנעמיק און דאָס פייער האָט אים נאָך ניט פאַרכאַפּט פון אַלע זייטן און איז אויך ניט אַריין געדרונגען אינעווייניק. יעדע קאָלאָנע יידן און יעדע קעמפער־גרופּע, וואָס בלאָנדזשעט אַרום אין געטאָ, קומט אָן צו אָט דעם הויף און בלייבט אין אים שטעקן. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אויפגעקליבן און

צוזאַמענגעטראָפן פון אַלע זייטן הונדערטער קעמפער, ס׳רוב אָפּטיילונגען, וואָס זיינען אַרויס פון זייערע פּאָזיציעס און פון זייערע דירות, מידע, געשפּאַנטע און דערדריקטע. מיר האָבן געהויערט אויף דער ערד און אין דער לופט איז געהאַנגען די פראַגע, וואָס קיין ענטפער אויף איר איז ניט געווען: און וואָס איצט? אַרום און אַרום האָט דאָס געטאָ זיך געטומלט מיט אַ טומל פון אויסוועגלאָזיקייט. פון מאָל צו מאָל קומט אַריין אין הויף אַ פרישע גרופּע יידן, באַלאָדן מיט זייערע אָרעמע בינטלעך, מיט פרוי און קינד. זיי האָבן געזוכט אַן אויסוועג פון פייער, האָבן אונדז דאָ אָנגעטראָפן און זיך צו אונדז צוגעקלעפּט ווי צו אַ רעטונג־אַנקער און געוואַרט אויף אונדזערס אַ וואָרט.

מיר זיינען אַוועקגעפאַלן אין ווינקל פון הויף און זיי — טייל פון זיי האָבן אויסגעשטרעקט צו אונדז בעטנדיקע הענט: טייערינקע — וווהין?

הונדערטער קעמפער זיינען מיר געווען און מיט אונדז — מיטגלידער פון דער הויפּט־קאָמענדע, אַרום גערינגלטע פון טויזנטער יידן. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט, זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. מיר זיינען געווען אומבאַהאָלפן, מבולבל. אַלע פּלענער וואָס מיר האָבן געמאַכט זיינען צעשטערט געוואָרן. מיר האָבן געחלומט וועגן אַ קאַמף פנים־אל־פנים, אַ לעצטן קאַמף אין וועלכן מיר האָבן געוווּסט, אַז דער שונא וועט אונדז באַזיגן, אָבער מיר וועלן באַזיגט ווערן אין אַ ממשותדיקן קאַמף און דער שונא וועט טייער באַצאָלן מיט בלוט, אַ סך בלוט, דעם פּרייז פון אונדזער אומקום. דער ערשטער נצחון איבערן שונא האָט אונדז איבעראַשט, פאַרשיכורט, און מיט זיין אַנטלויפן האָט אין אונדזער האַרץ געקלאַפּט אַ שטאָלץ געפיל: ניט אַזוי גרינג וועלן זיי אונדז בייקומען! אויף צו כאַפּן די יידן וועט דער פיינט מוזן איינעמען הויז נאָך הויז און דאָס וועלן מיר פאַר אים שווער מאַכן, מיר וועלן קעמפן פאַר יעדן בלאָק און ביי יעדן בלאָק וועט מען אָפּצאַפּן זיין בלוט. מיר

האָבן געטשאַטעוועט אין די באַהעלטענישן פון די חורבות, געוואַרט ער זאָל קומען, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַזאַ מלחמה, פון אַ קאַמף פנים־אל־פנים און אויף אונדז אָנגעשיקט דאָס פייער כדי אונדז צו פאַרניכטן פון דער ווייטנס. אויף דעם האָבן מיר זיך ניט געריכט. אַלע פּלענער זיינען צו נישט געוואָרן. וואָס־זשע זאָל מען טאָן? מיר זיינען געזעסן, צענדליקער קעמפער, אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, מיט געוועהר אין האַנט, אַרום גערינגלט דורך מאַסן יידן, איינגע־האָרכטע, געשפּאַנטע — צי איז יענער טאָג ניט געווען דער ערשטער מאַי? און דאָס געפיל פון אחריות האָט געדריקט ווי אַ שווערע לאַסט אויפן געוויסן און ניט צורו געלאָזט.

אַ שעפּטשען און שאָרכן פון אַ עדה יידן, צונויפגעפּרעסטע, אַריבער געבויגענע, ציטערנדיקע, וואַרטנדיקע אויף אַן אויסלייזנדיק וואָרט מצד די קעמפער, אָבער מיר אַליין זיינען הילפלאָז. וואָס זאָלן מיר זיי זאָגן? וואָס זאָלן מיר זיך אַליין זאָגן? ווייַ, ווי שרעקלעך איז דאָס געפיל פון אָפּהענטיקייט, ווי שרעקלעך איז דאָס געפיל פון אחריות מצד לעצטע, פאַרצווייפלטע יידישע קעמפער! וועלן מיר דאָך ניט קאָנען אויס־האַלטן לאַנגע טעג אין פאַרלענדנדיקן פייער, אָן שפּייז, אָן וואַסער, אָן געווער. מע דאַרף וואָס גיכער אויסזוכן אַ באַהעלטעניש — אָבער ווו? און ווי אַזוי?

אין מיטן שמועס קומט אָן אַ בחור און דערציילט אַז ער קען אַ דורכגאַנג דורך די קאַנאַלן, וואָס פירט צו דער אַרישער זייט, און אַז דער אַרויס־גאַנג איז ניט ווייט פון דעם הויפן חורבות ווו מ׳קאָן דערווייל געפינען אַ באַהעלטעניש. ער שטעקט אונדז אָן מיט זיין בטחון, אַז אויב מיר וועלן גיין אָרגאַניזירט אין באַוואָפנטע גרופּעס וועלן מיר זיך קאָנען דורכ־שלאָגן אַ וועג.

מע צווייפלט, מע שאַצט אָפּ, מע דיסקוטירט און ניט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג פאַלט די אַנטשיידונג: מירן גיין! ניטאָ מער קיין מעגלעכקייט צו קעמפן. דאָס פייער וועט אונדז פאַרמשפּטן דערשטיקט

צו ווערן, אָדער וועט אונדז אויסליפערן צום שונא. וואָס וועט אָבער זיין דאָרט, אויף דער אַרישער זייט? אויך דאָרט איז דאָך אַ זיכערער אומקום. פון שלעכטן צום ערגערן. איינצלנע וועלן זיך אפשר ראַטעווען, איינצלנע וועלן אפשר באַווייזן צו אַנטלויפן, אפשר וועלן ניט אַלע געכאַפּט ווערן. אָבער די אַלע טויזנטער אַרום אונדז, וואָס זיינען גרייט מיט אונדז צו גיין, אונדז נאָכצוגיין זאָל זיין וואָס עס וועט זיין אַבי זיך פון אונדז ניט צעשיידן, וואָס וועט מיט זיי געשען?

און דאָך האַלט נאָך דער צווייפל צוריק, לייגט נאָך אָפּ. מיר באַשליסן צו מאַכן דערווייל אַ פּרוּוו און לייגן אַרויף אויף צוויי חברטעס און צוויי חברים מיט אַן אַרישן אויסזען אַרויסצוגיין מיטן וועגווייזער דורך די קאַנאַלן און אויספּרוּוון דעם וועג. אויב עמעצער פון זיי וועט צוריק קומען וועלן מיר באַשליסן ממשיך צו זיין אָדער ניט. די פינף דערווייטערן זיך און דאָס וואַרטן אויף זייער צוריק קומען בויערט אין אונדזערע הערצער, אין די הערצער פון די געבליבענע. עס קומען אָן אין הויף נאָך גרופּעס יידן. צעטומלטע, פרעגנדיקע, שעפּטשענדיקע, האָרכן זיך איין און אויך זיי בלייבן דאָ איבער צו וואַרטן, שליסן אָן זייער גורל צום גורל פון דער גאַנצער עדה.

עס רוישט און ברומט דאָ דער גרויסער קנויל פון מענטשן. געוויין פון קינדער, קרעכצן פון שוואַכע, זיפצן. פון איין זייט פּייער־צונגען, פון דער צווייטער זייט — רויכנדיקע ווענט. עמעץ קומט צו גיין מיט אַ שטיקל ברויט אין האַנט און אַ סך וואַרפן זיך אויף אים אַרויף צו קריגן אַ ברעקל.

שעהען לויפן פאַרביי. די גרויסע מאַסע ווערט איינגעשטילט. דאָס האַרץ פון דער עדה איז פול מיט דערוואַרטונג, מיט הונגער, מיט בעטן רחמים. פון מאָל צו מאָל נאָר רייסט זיך אַרויס און עס דערהערט זיך אַ זיפצן. אַ גרופּע ליגנדיקע קעמפער הייבט שטיל אָן צו זינגען. דער אומעט פון פאַרצווייפלטע רוישט אין דער לופט.

נאָך חצות קערן זיך אום בלויז צוויי פון די שליחים, וואָס מ׳האָט

געשיקט אויף דער אַרישער זייט. דער וועגווייזער און מיט אים טוביה באַזשיקאָווסקי. פון זיי ווערט מען געוווּיער, אַז זיי זיינען בשלום דורכגעגאַנגען דעם וועג דורך די קאַנאַלן און צוגעקומען צום אַרויס־גאַנג. ס׳איז שווער אָנגעקומען צו עפענען דאָס דעקל. איין חברטע האָט אַרויפגעקלעטערט, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין גאַס אַריין. די גאַס איז געווען שטיל, קיינער האָט זיך ניט געזען. זיינען זיי אַרויסגעקראָכן פון קאַנאַל, צוערשט ביידע חברטעס, נאָכהער איינער פון די בחורים, און אַוועק. זייערע שטילע טריט זיינען איינגעשלונגען געוואָרן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. אין עטלעכע מינוט אַרום, טוביה שטייט נאָך ביים אַרויסגאַנג און הינטער אים, אויפן אייזערנעם לייטערל, דער וועג־ווייזער — האָבן זיך דערהערט שיסערייען איבער זייערע קעפּ און זיי זיינען צוריק אַריין געשפּרונגען און זיך אומגעקערט. וואָס ס׳איז געשען מיט יענע וועלכע זיינען פאַר זיי אַרויס — ווייסט מען ניט.

איך בין שפּעטער געוווּיער געוואָרן, אַז די ביידע חברטעס זיינען געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי און דער בחור, וואָס האָט געפּרוּווט אַנטלויפן, איז אויפן אָרט געהרגעט געוואָרן.

אַזאַ איז די לאַגע. אַלע האָבן געשוויגן. איז וואָס־זשע זאָלן מיר זאָגן, יעדער איינער זיך אַליין, די קעמפער, די דערשראָקענע יידן וואָס וואַרטן אַרום? דער פּלאַן פון מאַסנווייזן אַרויסגיין איז בטל געוואָרן. ניטאָ קיין ברירה נאָר צו בלייבן דערווייל אין ברענענדיקן געטאָ און אין אים געפינען אַ באַהעלטעניש.

מ׳האָט אָפּגעציילט די קעמפער און אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען די אָפּטיילונגען זיך צו פאַרפעסטיקן אין די בונקערס, וואָס זיינען פאַרזיכערט קעגן פייער און אין די חורבות פון די הייזער, וואָס דאָס פייער האָט שוין פאַרלענדט.

מיר האָבן גערעדט צו די יידן וואָס זיינען געקומען זוכן אַ צייטווייליקן מקום־מקלט. זיי זיינען אָבער פון אונדז ניט אָפּגעטרעטן און אַ סך האָבן

זיך אָנגעשלאָסן אָן די קאַמף־גרופּעס און מיטגעגאַנגען. די קעמפּער האָבן אַ ביסל צוריק געוווּנען דעם בטחון. דאָך אַ שטיקל אָנהאַלט איבערן תהום. דאָס פֿאָלק איז זיך געגאַנגען זוכן באַהעלטענישן אין די בונקערס און צווישן די חורבות און פֿיל פֿון די, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ באַהעלטעניש, זיינען אַריין אין די קאַנאַלן, צו זיין דאָרט איבערן טאָג און ביינאַכט ווידער אַרויסקומען שעפּן אַ ביסל לופֿט.

און דער סוף איז נאָך ניט געקומען. פֿלאַמען און רויך האָבן אַרום געלעקט די הייזער פֿון געטאָ, אָבער אין דער טיפֿעניש פֿון דער ערד, אין די בונקערס, איז נאָך ניט אין גאַנצן דערשטיקט געוואָרן דאָס לעבן און אויך דער קאַמף האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. ביינאַכט האָט ווייטער פּולסירט דאָס לעבן פֿון די יידן אין דרויסן — איבער די חורבות.

אַ פֿולקאָמע פֿינצטערניש האָט געהערשט אין דעם אונטערערדישן מלכות, אינעם הויפּט־בונקער פֿון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18. אין דרויסן שיינט זיכער אַ שיינער, פֿרילינגדיקער טאָג, אָבער אין בונקער איז אַלץ פֿאַרקערט. דער טאָג איז פֿאַרביטן געוואָרן אויף נאַכט און נאַכט איז פֿאַרביטן אויף טאָג.

דער, וואָס גייט אַרום בייטאָג איבער די חורבות, האָט בשום אופֿן ניט געקאָנט גלייבן, אַז אונטער דעם גרויסן באַרג מיט ברוך וואָס אַרום, אין די טיפֿענישן פֿון אָט די חורבות, עטלעכע מעטער אַרונטער, זיצן, ריכטיקער — ליגן הונדערטער מענטשן, לעבעדיקע, אָטעמען, ריידן, זיינען וואַך אָדער שלאָפֿן, חלומען און אפֿשר גלויבן זיי נאָך. די חורבות שווייגן. קיין איין שטראַל פֿון ליכט דרינגט ניט אַריין אינעווייניק. דאָ בייט זיך ניט ליכט מיט פֿינצטערניש. בלויז דער זייגער דערציילט, אַז דאָרט אין דרויסן גייט אונטער די זון און אַז עס קומט די נאַכט. און ווען עס פֿאַלט צו אין דרויסן די נאַכט, און אין דער גרויסער שטאָט פֿון יענער זייט געטאָ־מויערן ווערט שטיל, די איינוווינער באַהאַלטן זיך אין די הייזער, ווערן וואַך די רויכנדיקע גאַסן פֿון געטאָ. די ליגנדיקע

שטייען אויף, גלייכן אויס די ביינער, קריכן אַרויס פון גרוב און די שטימונג ווערט אַ געהויבענע: נאָך אַ טאָג אַריבער.
די בענקשאַפט נאָך ליכט פון טאָג ווערט ניט באַפרידיקט, אָבער מ׳קאָן זיך אַ ביסל באַוועגן. דו מעגסט איינאָטעמען די דרויסנדיקע לופט, כאָטש אַפילו ווען ס׳איז די לופט פון געטאָ, וואָס אירע חורבות רויכערן און טליען נאָך. מ׳קאָן אַ ביסל אַרויס פון דער פאַרגליווערונג און אָט באַלד וועט מען אויך דערלאַנגען איטלעכן אַ שיסעלע זופּ, די איינציקע פּאָרציע עסן.
אויך מיר, די קעמפּער, דערוועקן זיך צו טאָן עפּעס. פאַר נאַכט ווערט גרעסער די אַקטיוויטעט. נאָך דאָ וואָס צו טאָן! פון דאַנען גייען אַרויס די באַפעלן אין אַלע ווינקלען פון געטאָ, די פאַרבינדלערס לאָזן זיך צו די אַנדערע אָפּטיילונגען אין די בונקערס מיט פאַראָרדענונגען צו די אויסשפּיר־און־שפּיאָניר־גרופּעס און צו די קאַמף־אָפּטיילונגען. אפשר וועט מען נאָך קאָנען אויסגעפינען אַ פאַרגעסענעם טעלעפאָן, כדי זיך צו פאַרבינדן מיט אַ חבר אויף דער אַרישער זייט (פאַר דער שריפה פלעגן מיר זיך פאַרבינדן יעדע נאַכט, אָבער דאָס פייער האָט פאַרניכ־טעט אַלע טעלעפאָנען), כדי אים איבערצוגעבן וואָס עס הערט זיך ביי אונדז, כדי צו הערן עפּעס פון דאָרט און — למען השם — זאָלן זיי שיקן דאָס געווער. עמעצער גייט אַרויס נאָענט צום מויער, צום אַריינגאַנג אין די קאַנאַלן, אפשר וועט קומען אַ צייכן פון דאָרט, פון יענער זייט, ווי מ׳האָט צוגעזאָגט. אייניקע גייען אַרויס זוכן און נישטערן אין די פאַרלאָזטע בונקערס, צו געפינען עפּעס עסן און אפשר אַ רעשטל פון אַ ציגאַרעט. אין דרויסן קאָכט מען שוין די זופּ אין קעסל אָן פחד פאַרן רויך וואָס רויכערט זיך אַזוי ווי ביי טאָג. אַ שטיקל ברויט האָבן מיר שוין לאַנג ניט געגעסן. פון וואַנען זאָל מען עס נעמען?
ערשט מיט עטלעכע טעג פריער פלעגן מיר נאָך אַרויסשיקן קאַמף־אָפּטיילונגען כדי צו לויערן אויף די דייטשן, וואָס האָבן ניט געוואַגט פריי אַריין צו גיין אין געטאָ נאָר פלעגן זיך אַריין שלייכן איינציקוויַיז

אַז קיינער זאָל ניט זען. נאָך פאַרן צופאַלן פון דער נאַכט פלעגן אונדזערע חברים פאַרכאַפּן פּאָזיציעס פאַרמאַסקירטע צווישן די חורבות, אַרויפקריכן אויף אַ חרוב הויז, אַרויסקוקן דורך אַ שפּאַרע און וואַרטן. שעהען לאַנג דאָרט הויערן, אַרום דיר דאָס שטילשווייגן, דער הימל שטראַלט מיט אָנהייב פרילינג, די מאַי־זון לאַשטשעט שוין נאָך דער ווינטערדיקער קעלט, און טייל מאָל איז גוט געווען אַזוי צו ליגן, צו פילן אין דער האַנט דעם אָנגענעמען גלעט פון רעוואָלווער, צו פאַרמאַכן אַ רגע די אויגן און טראַכטן וועגן אַ ווייטער, ניט־באַפלעקטער וועלט, אַ וועלט וואָס איז נאָך ניט פאַראומרייניקט געוואָרן דורך מאָרד, שנאה און בלוט, און וועגן אַ ווייט, דיר טייער לאַנד, וואָס ווער ווייסט צי דו וועסט זוכה זיין צו זען. ווער ווייסט וואָס וועט מיט דיר פאַסירן נאָך היינטיקן טאָג און צי דו וועסט נאָך זוכה זיין אויך אויף צו מאָרגנס ווייטער צו אָטעמען אין אַזאַ טייערער שעה. פיל, פיל פון אונדז האָבן זיך געגרייט אַרויסצוגיין אויף די קאַמף־פּאָזיציעס, בלויז כדי פּטור צו ווערן פון ליגן אין דעם פינצטערן, שטיקנדיקן בונקער אַ גאַנצן טאָג.

צווישן די נאָענטע חורבות באַוועגן זיך שאָטנס, די גאַנצע נאַכט באַוועגן זיי זיך דאָרט, די שאָטנס פון די יידן, וואָס זיינען אויך אַרויס פון אונטער דער ערד דאָ און דאָרט, כדי צו אָטעמען אַ ביסל לופט, כדי זיך צו טרעפן מיט קרובים און פריינד, כדי צו זוכן עפּעס עסן און צו הערן וואָס וועט זיין. גרופּעווייז שטייען זיי אין די הויפן, זייערע קעפּ אָנגעבויגן איינער צום צווייטן, שעפּטשען, אָבער מיט יעדער נאַכט ווערן זיי ווייניקער, די יידן. אין דער טונקלקייט פילסטו ווי די גרופּעס, וואָס שוואַרצן זיך אינעווייניק אין די הויפן, ווערן אַלץ קלענער, ווערן אַלץ ווינציקער. די עדה יידן אין געטאָ גייט אויס, ענדיקט זיך.

דייטשן ווייזן זיך ניט די גאַנצע נאַכט. זיי דערוועגן ניט צו קומען. נאָר אָנהייב טאָג, מיטן באַגינען, הייבט זיך אָן אונדזער נאַכט. מיר קערן זיך אום און קריכן אַריין אינעווייניק אין די בונקערס. די אָפּטיילונגען און

די פאַרבינדלערס קומען צוריק פון זייערע באַזעס און דעמאָלט, ווען ס׳הייבט אָן צו טאָגן, באַווייזן זיך ערשט דייטשע פּאַטראָלן, זיי שפּירן נאָך ווי הינט וואָס זוכן זייער קרבן: ווו באַהאַלטן זיך אויס די פאַרפלוכטע יידן, די לעצטע יידן? כל זמן ס׳איז נאָך געבליבן איין ייד, וואָס אָטעמט איין דעם טוכלען ריח פון די בונקערס, האָבן זיי ניט קיין רו, אָט די רויב־חיות.

באַגינען הייבט זיך אָן די נאַכט אין בונקער. האַלב־נאַקעטע לייגט מען זיך אויס איינער נעבן צווייטן אויף די שמאַטעס כדי אַ ביסל איינצו־דרעמלען, אָבער דאָס רודערן הערט ניט אויף. די שטיקעניש איז גרויס און די לופט איז געדיכט, פאַרעיפּושט. מע דרייט זיך איבער פון זייט צו זייט אויפן געלעגער, שלאָפן איין און כאַפּן זיך אויף, שלאָפן איין און כאַפּן זיך אויף — און אַזוי נאָכאַנאַנד. צו מיטאָג הייבט אָן דער בונקער זיך איבערצוּוועקן. די עלעקטרע טריפט אַראָפּ איר טויט ליכט. מע בלייבט ווייטער ליגן, אָבער אין אַלע ווינקעלעך הערט מען איצט שמועסן, דער עיקר שמועסן עס די קעמפער. ס׳טרעפט אויך אַז אין מיטן טאָג דערלאַנגט מען עפּעס צו עסן, געטריקנטע פּאַרפל ניט־געקאָכטע צום גריזשען, איינצושטילן דעם מאָנענדיקן מאָגן. בייטאָג טאָר מען ניט קאָכן. די שעהען רוקן זיך פּאַמעלעך, קריכן שווער און די באַווינער פון בונקער וואַלגערן זיך ווייטער אויף דער ערד, און דאָס וואַרטן אויף די אָוונט־שעהען בויערט און נאָגט מיט אַ מאָדנעם בענקען.

צווישן די חורבות

דאָס געטאָ האָט אָפּגעברענט. ס׳איז אָפּגעשניטן געווען פון דער וועלט און פאַרמשפּט צו אַ הונגער־טויט נאָך אַ לאַנגער גסיסה. אין משך פון וואָכן האָבן די מענטשן ניט טועם געווען קיין שטיקל ברויט און נאָר די שיטערע פאָרציע זופּ, וואָס מ׳פלעגט אָפּקאָכן ביינאַכט, האָט ווי עס איז אויפגעהאַלטן דעם גוף וואָס איז אַלץ שוואַכער געוואָרן. אין די נעכט, ווען מ׳איז אַרויס פון בונקער, פלעגן זיך צונויפטרעפן יידן פון פאַרשידענע בונקערס און זיך דערציילן איינער דעם אַנדערן נייעס, דערציילן וועגן בונקערס, וואָס מ׳האָט אַנטפּלעקט און וואָס זיינען אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן.

עמעצער וואָס האָט זיך בנס געהאַט געראַטעוועט איז איצט געשטאַנען אין מיטן אַ געזעמל מענטשן און אין דער פינצטער דערציילט אַ מעשה נורא ווי אַזוי די חיות־רעות זיינען באַפאַלן דעם בונקער און געכאַפּט די באַוווינער.

די דייטשן האָבן געניצט פאַרשידענע מעטאָדן כדי אויפצוזוכן די אַריינגענג אין די בונקערס. טייל מאָל זיינען זיי געשטאַנען באַהאַלטן הינטער אַ חורבה מ׳זאָל זיי ניט פילן, געשטאַנען אומבאַוועגלעך אַ גאַנצע נאַכט, האָבן זיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס, געזען פון וואַנען מע גייט אַרויס און אַריין, און נאָך נעכט פון אויסשפּיר געקומען און אַריין געריסן זיך אינעווייניק. צו מאָל האָבן די דייטשן זיך באַנוצט מיט יידן גופא אויף צו געפינען די באַהעלטענישן. זיי פלעגן כאַפּן אַן אויסגעהונגערטן, איינגעדאַרטן ייד, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרלאָרן זיין מענטשלעכן אויסזען, אַ שאָטן, אַ געררודפטן ווי אַ הונט, וואָס זיינע כוחות האָבן זיך שוין אין גאַנצן געהאַט אויסגעלאָזט, און ער האָט ניט געהאַט מער קיין כוח ניט צו לעבן און ניט זיך אַנטקעגן צו שטעלן. פלעגן זיי אים צוריידן: דערצייל אונדז ווו עס געפינען זיך די בונקערס,

וועסטו בלייבן לעבן. אויב ניט — וועט מען דיך פייניקן און מאַטערן. האָבן זיך געפונען יידן וואָס זיינען געגאַנגען — מיט טויט־שרעק אין די אויגן — און די דייטשן נאָך זיי.

נאַכט פאַר נאַכט האָסטו געפילט ווי די יידן ווערן אַלץ ווייניקער, ווי דער טויט רייסט פון זיי שטיקער. פאַרביי גייענדיק אין געטאָ פלעגסטו ניט איין מאָל זיך אָנטרעפן מיט מתים, וואָס וואַלגערן זיך שוין טעג אין די הויפן, ביי די ראָגן, לעבן די חורבות. איך האָב זיי שוין געקענט און געוווּסט ווו זיי ליגן און ווען איך פלעג לעבן זיי פאַרביי גיין ביינאַכט, האָב איך געציטערט זיך ניט אָנצושטויסן אָן זיי. אָט דאָ דער פאַרברענטער קערפּער פון אַ פרוי און אָט דאָרט — אַ גאַנצע משפּחה: דער טאַטע, די מאַמע און זייערע צוויי קינדער. טשאַטעס קראָען פלעגן קומען און זיך אַראָפּלאָזן אויף די מתים און אונדזערע אויגן האָבן דאָס צוגעזען. דער פּחד פאַר די מתים איז אַריין געדרונגען אין בלוט און געווען גרעסער ווי דער פּחד פאַר די לעבעדיקע דייטשן.

ס׳טרעפט און דו גייסט איבער די חורבות, שטילקייט אַרום און אַרום און פלוצעם — אַ שווער זיפצן צעשניידט די שטילקייט. דו קענסט ניט באַשטימען פון וואַנען דאָס זיפצן קומט. דו בייגסט זיך אָן צו די שטיינער, טאַפּסט אַרום און זוכסט. פרעגן הויך טאָר מען ניט און ווען דו דערנענטערסט זיך צו דעם וואָס זיפצט, ווערט ער אַנטשוויגן אויס פּחד פאַר די טריט.

איין מאָל ביינאַכט האָבן מיר געפונען אַ מאַמע מיט איר עופלע. זי איז געווען פאַרוווּנדעט און ניט געהאַט קיין כוח צו מאַכן אַ טראָט. דאָס קינד האָט געגוסטט. עס זיינען געווען אַדורך טעג אָן עסן און טרינקען. מיר האָבן זי צוגעשלעפּט צו אַ נאָענטן בונקער און פאַרבונדן אירע ווונדן, אָבער דאָס געפיל האָט געפייניקט: מיר וואָלטן איר דאָך בלויז געטאָן אַ טובה ווען מיר מאַכן אַ סוף צו איר לעבן.

טייל מאָל פלעגסטו אין געטאָ טרעפן אַ מענטש וואָס הענגט אין דער הייך פון אַ גאָרן אין אַן אָפּגעבערענט הויז, האַלט זיך אָן אַ ברעט צי אָן אַ פּראַמוגע, די אויגן אויסגעגלאָצט פאַר שרעק, קאָן ניט אַראָפּ און אַזוי הענגט ער אויסגעשטעלט ווי אַ סטראַשידלע. פאַר גרויס פּחד האָט ער אַרויפגעקלעטערט אין דער הייך און מען האָט באַדאַרפט אַרבעטן שעהען לאַנג, כדי דעם אומגליקלעכן ייד אַראָפּצונעמען.

ניט איין מאָל האָבן זיך מענטשן ביי אונדז געבעטן: מאַכט אַ סוף צו אונדזער לעבן, הרגעט אונדז! און כאָטש מיר האָבן געהאַלטן אַז זיי זיינען גערעכט, איז ניט געווען קיין כוח צו נעמען דאָס לעבן ביי אַ ייד. געווען אַ סך וואָס זיינען אַראָפּ פון זינען פאַר שרעק און יסורים און אַרום געלאָפן אַרום אונדז. ס׳איז געווען שרעקלעך די אָפּהענטיקייט ביים אָנבליק פון אָט דעם גרויל.

אין איינעם פון יענע טעג האָב איך אויפגעזוכט דעם בונקער פון אברהם געפּנער. און אָט — ווייגעשריען! ס׳איז אַנטקעגן געקומען אַ טויטע שטילקייט. דער בונקער איז געווען ליידיק, קיינער איז דאָרט ניט געווען. אויף אים און זיינע באַוווינער — און צווישן זיי אויך געפּנערן אַליין, דעם מענטש מיטן וואַרעמען יידישן האַרץ, האָט זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן.

ער איז ראוי, אברהם געפּנער, מע זאָל וועגן אים דערציילן. בשעתו איינער פון די רייכסטע יידן אין דער וואַרשעווער קהילה. איינער פון אירע בכבודיקסטע. אין די געטאָ־טעג איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פון פאַרזאָרגונג־אַמט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן לעבן יודנראַט. שפּעטער איז דער פאַרזאָרגונג־אַמט מער ניט געווען אונטער דעם אויפזיכט פון יודנראַט און געוואָרן אַ כמעט זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע. דאָ אַהער איז אָנגעקומען דאָס ביסל שפּייז, וואָס די דייטשן האָבן צוגע־טיילט דעם געטאָ. דאָס דאָזיקע ביסל שפּייז איז געווען אַ דעקמאַנטל פאַר די פיל לעבנסמיטלען וואָס זיינען אַריין געשמוגלט געוואָרן פון דער אַרישער זייט. די פרייזן פון די לעבנסמיטלען זיינען געווען הויכע

און די אינסטיטוציע האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פאַרמעגן. אויך די אַרבעטער פון דער אינסטיטוציע האָבן שפּעקולירט מיט לעבנסמיטלען, אָנגעקליבן זאַפּאַסן און געמאַכט פאַרמעגנס. געפּנער איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָט געדאגהט צו געבן דער אינסטיטוציע אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, געטריי זיין אויפגאַבע — צו העלפן ראַטעווען פון הונגער די יידישע מאַסן אין געטאָ. ער האָט געזאָרגט פאַר די קינדער און יתומים־היימען, פאַר די פאָלקס־קיכן, פאַר די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אויך פאַר אונדזער באַוועגונג, דער החלוץ־באַוועגונג, וואָס האָט געוווּסט ווי אים צו שאַצן. ס'איז אויף אים ניט געלעגן קיין פּיצל חשד פון אויסנוצן זיין אַמט. זיין גרויס פאַרמעגן, אין געלט און בגדים, האָט ער אַוועקגעשענקט צווישן אָרעמע און ווען ער איז געבליבן נקי, אָן גאָרניט, פלעגט ער נאָך אַלץ אַרום גיין איבער די גאַסן פון געטאָ און פונאַנדערטיילן פון דעם ביסל שפּייז, וואָס איז נאָך ביי אים געווען צווישן די קינדער, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין דרויסן, געבעטן נדבות און זיינען אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. ער איז געווען פון די געציילטע אין זיינע יאָרן און פון זיין מעמד, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער יוגנט, גערופן צו ווידערשטאַנד און נאָך אין אָנהייב פון די דעבאַטן וועגן דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט ער געזאָגט: איך בין אַלט, אָבער איך וועל אייך העלפן מיט וואָס כ'וועל נאָר קאָנען. גייט און טוט. דער פאַרזאָרגונג־אַמט האָט געהאַט פאַר זיך צוגעגרייט אַ גרויסן בונקער, אָן אָנגעפּיקעוועטן מיט שפּייז. און ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן זיינען אַלע זיינע באַאַמטע, און געפּנער מיט זיי, אַראָפּ אין דער אונטערערד. ענדע אַפּריל בין איך נאָך אַריין אין דעם בונקער און דאָרטן געטראָפן געפּנערן צונויפגעפּרעסט צווישן די מאַסן יידן, וואָס האָבן פאַרפולט דעם גאַנצן חלל. ער האָט זיך ניט באַקלאָגט און משלים געווען מיטן גורל. דאָס האַרץ האָט געקלעמט אים צו זען אין אַזאַ מצב. איצט האָט ער זיך כאילו צוגעטוליעט צו אונדז און געבעטן

אונדזער שוץ. מיר זיינען נאָך דעמאָלט אַרום געגאַנגען מיט אַ געפיל פון נצחון און דאָס געווער וואָס אין אונדזער רשות האָט דערהויבן דעם ווערט אין אונדזערע אייגענע אויגן און אויך אין די אויגן פון די געטאָ־באַוווינער און האָט אונדז פאַרפולט מיט אַ ביסל ביטחון.

אָט דער בונקער האָט אין אָנהייב איינקוואַרטירט ביי זיך עטלעכע פון די קאַמף־אָפּטיילונגען און צווישן זיי די אָפּטיילונג פון חנוך גוטמאַן. איין מאָל איז דער בונקער פּלוצעם אָנגעגריפן געוואָרן דורך די דייטשן. זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָ באַהאַלטן זיך אויס יידישע קעמפער, האָבן זיי באַלאַגערט דעם בונקער און געשריען: ראַוס! די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. חנוך גוטמאַן האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער האָט געהייסן דבורה באַראַן, אַ חברטע פון אונדזער באַוועגונג וואָס האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט איר איבערגעגעבנקייט און שיינקייט, אַז זי זאָל די ערשטע צו זיי אַרויסגיין; ער האָט אָנגענומען אַז די דייטשן וועלן אויף איר ניט שיסן. און טאַקע, ווען זי איז אַרויס פון אונטער דער ערד, זיינען די דייטשן געפּלעפט געוואָרן פון איר שיינקייט און איר מוט, און אין דעם אויגנבליק האָט זי זיי נאָך מער צעטומלט דורך אַ האַנט־גראַנאַט, וואָס זי האָט געוואָרפן, און זיי זיינען זיך צעלאָפן. אָט די געציילטע מינוטן זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורך די קעמפער, וואָס האָבן זיך אַרויס־געלאָזט פון בונקער, פאַרנומען זיכערע פּאָזיציעס צווישן נאָענטע חורבות און אויפגעעפנט אויף די דייטשן אַ האָגל מיט קוילן. פיר חברים זיינען געפאַלן אין דעם קאַמף און אויך חנוך גוטמאַן איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער עטלעכע דייטשן האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן. און דער עיקר: ס׳רוב יידן פון בונקער זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. צווישן די וואָס זיינען יענעם טאָג געפאַלן איז אויך געווען אברהם אייגער, וואָס האָט — באַגאָסן מיט בלוט — געשריען צו זיינע חברים: אַ שאָד דער רעוואָלווער! נעמט דעם רעוואָלווער! און צו די דייטשן האָט ער זיך געוואָנדן מיט די לעצטע כוחות: איר וועט טייער באַצאָלן פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט!

אויף צו מאָרגנס האָבן מיר געזוכט אַן אַנדער באַהעלטעניש פאַר יענע חברים און ווען מיר האָבן ניט געפונען, זיינען זיי געצוווּנגען געווען צו בלייבן נאָך איין טאָג אין זייער בונקער און אָט די פאַרשפּעטיקונג האָט אונדז טייער געקאָסט. קומענדיק אויף צו מאָרגנס כדי זיי אַריבער צו פירן אין אַ צווייטן בונקער, האָט מען מיר דערציילט, אַז די דייטשן זיינען צוריק געקומען און האָבן אַטאַקירט דעם בונקער, אַריין געוואָרפן אין אים האַנט־גראַנאַטן און צען חברים, צווישן זיי דבורה באַראַן, האָבן אָנגעוואָרן זייער לעבן. דער פאַרווונדעטער חנוך גוטמאַן איז אויף אַ טראָגבעטל אַריבער געפירט געוואָרן אין בונקער פון זכריה אַרטשטיין, דאָרט איז ער געבליבן ביזן לעצטן טאָג און אומגעקומען איינינעם מיט אַלע. ער איז געווען איינער פון די בעסטע חברים אין אונדזער באַוועגונג און פון אָנהייב אויפשטאַנד — פון אירע בעסטע קעמפער. אַ מוסטער פון אַ קאָמאַנדיר און אַ חבר. צווישן אים און זיינע מענטשן האָבן זיך געשאַפן זעלטענע קעגנזייטיקע באַציאונגען. לויט זיין שמייכל בלויז האָבן זיי פאַרשטאַנען וואָס ער וויל און וואָס ער הייסט און זיי האָבן גלייך אויסגעפירט דעם באַפעל.
אַזוי איז געקומען דער סוף אויף די באַוווינער פון דעם בונקער און צווישן זיי געפּנער. אין עטלעכע טעג אַרום ווען מיר זיינען אין אים אַריין געגאַנגען, האָט מען קיינעם ניט געפונען. עס האָבן אָבער זיך נאָך דאָרט געוואַלגערט זעק מיט צוקער און פולע קאַסטנס שפּייז, צווישן זיי ווערטזאַכן, וואָס די באַאַמטע פון פאַרזאָרגונג־אַמט האָבן אָנגעקליבן, ווייזט אויס, בעתן פירן זייערע געשעפטן. אַלץ איז געבליבן הפקר און די באַוווינער פון די בונקערס אין שכנותדיקע גאַסן פלעגן אַהער קומען אין די נעכט זיך פאַרזאָרגן מיט שפּייז און דערקוויקן זיך און זייערע ברידער וואָס גייען אויס פאַר הונגער.
אויף דער ״קעניג״ פון די ״טשאָמפּעס״ האָט אָנגעהויבן צו דאגהנען און ער פלעגט אַרום גיין צאָרנדיק און צערודערט. די פּראָדוקטן האָבן זיך אויסגעלאָזט, זיינע חברים פון דער אַרישער זייט קאָנען מער ניט אַריין

קומען. אין געטאָ איז אַלץ פֿאַרברענט געוואָרן און מ׳קאָן מער גאָרנישט ניט קריגן. דער הונגער ווערט אַלץ גרעסער און ער פּייניקט. ייאוש פֿאַרפֿולט די הערצער. אַ קינד ברעכט אויס אין אַ געוויין: מאַמע, עסן! אומעטום וואַקסט דער צאָרן פֿון די אָפּגעשוואַכטע מענטשן, וואָס ליגן אויסגעשטרעקטע אויף זייערע געלעגערס און ציטערן, אַז דאָס געוויין זאָל ניט אַנטפּלעקן דעם דרויסנדיקן שונא זייער באַהעלטעניש.

ליגן די קעמפֿער פֿאַרשמאַכטע אויף די פּריטשעס באַדעקטע מיט שמאַטעס פֿאַרטיפֿטע אין טראַכטן. עס זיינען דורך דריי וואָכן זינט דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. פֿאַקטיש האָט זיך דער קאַמף שוין געענדיקט. ס׳איז מער ניטאָ כמעט מיט וואָס און מיט וועמען ווייטער צו פֿירן די מלחמה. די קוילן האָבן זיך כמעט אויסגעלאָזט אין גאַנצן. דער הונגער מאַטערט. אַ פֿאַמעלעך שטאַרבן וואַרט אויף אונדז אַלע. וואָס וועט ברענגען דער מאָרגנדיקע טאָג? קיינער ווייסט ניט. און גלייכ־צייטיק פֿילט זיך אַן אינעווייניקסטע רו. דאָס געפֿיל, אַז מיר האָבן געטאָן דאָס, וואָס מ׳האָט פֿון אונדז געפֿאָדערט, באַרואיִקט אַ ביסל. ס׳איז פֿאַקטיש ניט וויכטיק וואָס ס׳וועט איצט געשען. ס׳וועט קומען דער סוף, קיינער צווייפֿלט מער ניט אין דעם, אָבער ווי אַזוי און ווען?

נאָך עטלעכע שעה פֿון נאָכאַנאַנדיקן האַלב־שעפּטשען האַלב־דרעמלען, וועקט מען זיך אין גאַנצן איבער און מ׳הויבט אָן צו שמועסן. מען דער־מאָנט זיך וועגן נאָענטן עבר, זיכער צום צוואַנציקסטן מאָל. די וואַכ־זאַמקייט ווערט שטאַרקער. ווייזט אויס אַז ס׳איז ניט געבליבן מער גאָרניט ווי דאָס בינטל זכרונות וועגן געוואַגטקייט און גבורה און פֿון זיי ציט מען עס די לעצטע טרייסט־חיונה. יעדער איינער דערציילט פּאַסירונגען פֿון קאַמף. איינער דערציילט ווי אַזוי ער האָט געטראָפֿן מיט אַ מאָלאָטאָוו־פֿלאַש אין קאָפּ פֿון אַ דייטש און יענער איז אָנגע־צונדן געוואָרן ווי אַ פֿאַקל, אַרום געלאָפֿן און געברענט, געשריען און

געברענט. זיין חבר דערציילט, נאָך אַ מאָל, ווי אַזוי ער האָט אויפֿ־געריסן די מינע און וועגן דער אויפטרייסלענדיקער איבערלעבונג דורך איר שרעקלעכן פֿאַרגעניגן, ביים זען ווי דייטשע הענט און פיס וואָס צאַפּלען אין דער לופט, צעפליען זיך אין אַלע זייטן, און וועגן בהלהדיקן אַנטלויפֿן פון די אַנדערע. אַ דריטער שטרייכט אונטער ווי פּחדניש די דייטשן זיינען, אַז ביים אָנבליק פון אַ יידישן קעמפער פון דער ווייטנס פלעגן זיי עוקר זיין און אַנטלויפֿן. און ווי גרויס ס׳איז געווען די פרייד, ווען איינער פון די אַנטלויפנדיקע איז פּלוצעם אַוועקגעפאַלן און זיך אָנגעהויבן וואַלגערן אויף דער ערד — אַ קויל פון אַ חבר האָט אים דעריאָגט בשעתן אַנטלויפֿן. טייל מאָל פלעגט דער שמועס אַריבער וועגן ווייטן לאַנד, וואָס קיינער פון אונדז וועט מער ניט זוכה זיין צו קומען אַהין, וועגן דעם לעבן אין לאַנד, וועגן קיבוץ און וועגן די דאָרטיקע שליחים וואָס מיר האָבן געקענט.
אויך אין צימער ווו איך ליג איז טומלדיק. פון מאָל צו מאָל שטילן מיר איין איינער דעם צווייטן, אָבער יעדעס מאָל פון דאָס ניי וואַקסט אָן דער רעש. אָט איז צו אונדז געקומען אַ גאַסט: אלכסנדר, דאָס הייסט עדוואַרד פונדאַמינסקי, דער פאָרשטייער פון דער פּ.פּ.ר ביים יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין געטאָ, אַן אינזשעניער פון פאַך. **ער איז** געקומען אַהער צו לויפֿן פון אַן אַנדער קוואַרטל, פון לעצטן שאָפּ פון וועלכן מ׳האָט די יידן אַוועקגעשלעפּט צום אומקום. ער דערציילט ווי ער האָט אין דער לעצטער מינוט באַוויזן צו אַנטלויפֿן, זיך אויס־באַהאַלטן צווישן די חורבות און אָנגעקומען צו אונדז. מיר הערן וועגן די שרעקלעכע געשעענישן און מיר דערציילן אים וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די לעצטע וואָכן, פון זינט מיר זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן איינער פון צווייטן. דאָס לייענען פון אַ העברעיש־געשרי־בענעם בריוו — יצחקס בריוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער אַרישער זייט — רופט אַרויס אַ דיסקוסיע וועגן יידיש און עברית, ציוניזם און קאָמוניזם, און אין ברען פון דער דיסקוסיע פאַרגעסט מען

ווו מיר געפינען זיך און די קולות טראָגן זיך מיט התלהבות, ביז דער "קעניג" קומט אָן צו לויפן אַן איבערגעשראָקענער כדי אונדז איינצו־שטילן — מיר וועלן דאָך, חס וחלילה, ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן בונקער. ווען מיר באַרואיִקן זיך, שלאָגט ער אונדז פּאָר, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, צו ענדיקן בקרוב די דיסקוסיע דאָרט, אויפן עולם האמת...

מיר קערן זיך אום צו אונדזער ווירקלעכקייט און עס קומט צוריק און עס בויערט ווייטער די פראַגע: וואָס־זשע טאָן? מיר האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז נאָך וואָכן פון קאַמף קעגן די נאַציס וועלן מיר בלייבן לעבן און מוזן טראַכטן וועגן אונדזער סוף. מיר זיינען געווען זיכער אַז דער סוף וועט קומען, נאָר אָט איז מען געבליבן לעבן — אַז אָך און וויי ווי אַזוי — אָבער עס זיינען געבליבן לעבן יידישע קעמפער און גרויס איז די אחריות ניט נאָר כלפּי זיך אַליין, נאָר כלפּי די אַלע, וואָס זיצן דאָ אַרום, צוגעטוליעטע צו זייער געווער און וואַרטן אויף דעם וואָס דו וועסט זאָגן.

Kennort Hrubieszow
Miejsce wystawienia
Kreis Hrubieszow Distrikt Lublin
Starostwo powiat. Okręg
Kennummer 1249
Numer rozpoznawczy
Gültig bis 5 Mai 1947
Ważne do
Name Wicińska
Nazwisko
Geburtsname (b. Ehefrau)
Nazwisko panieńskie (u mężatek)
Vorname Janina
Imię
Geboren am 24 März 1914
Urodzony (a) w dn.
Geburtsort Hrubieszow
Miejsce urodzenia
Kreis Hrubieszow Distrikt Lublin
Starostwo pow. Okręg
Land
Kraj
Beruf erlernter wyuczony
Zawód ausgeübter wykonywany Angestellte
Religion röm.-kath.
Wyznanie
Besondere Kennzeichen
Szczególne znaki rozpoznawcze

Unterschrift des Kennkarteninhabers
Podpis posiadacza karty rozpoznawczej
Hrubieszow den 5. 5. 1942 194
dnia
DER KREISHAUPTMANN
Ausstellungsbehörde
Władza wystawiająca
Meyer
Unterschrift des ausfertigenden Beamten
Podpis sporządzającego urzędnika

צביהס פֿאַלשע דאָקומענטן פֿון יאָר 1943

פֿון רעכטס אויף לינקס: יצחק צוקערמאַן, יודקע העלמאַן, צביה לובעטקין, אָסקאַר הענדלער — לוואָוו, דעצעמבער, 1939

דער סוף וועט קומען אָבער
ווען און ווי אַזוי?

דער קאָנטאַקט מיט דער אַרישער זייט איז אין גאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן. מיט עטלעכע טעג פריער האָבן מיר ווידער אַרויסגעשיקט גרופּעס חברים דורך די קאַנאַלן און דורך דעם טונעל, וואָס מיר האָבן צופעליק אַנטפּלעקט, און מיר האָבן ניט קיין אַנונג וואָס ס׳איז מיט זיי געשען. מיר ווייסן ווי שרעקלעך עס איז די דאָזיקע רעטונגס־שליחות צו דער אַרישער זייט. אַ חבר, וועמען דאָס מזל האָט צוגעשפּילט און וואָס האָט באַוויזן אַריבער צו גיין בשלום, ווען ער קומט אָן אויף דער גוישער גאַס, דרייט ער זיך דאָרט אַרום פול מיט שרעק מע זאָל אים ניט דערקענען. ער האָט ניט וווהין אַריין צו גיין. דער אָוונט פאַלט צו, אָט באַלד וועט זיך אָנהייבן די שפּער־שטונדע און אין גאַס טאָר מען ניט אַרום גיין און אַ שטוב וואָס זאָל אַריין נעמען דעם אַנטלאָפענעם און געררודפטן ייד, איז אויך ניטאָ. אַלע טויערן זיינען פאַר אים פאַר־שפאַרט. אויך אונדזערע פּוילישע פריינד האָבן ניט באַוויזן ביז היינט צוצוגרייטן פאַר אונדז דירות ווו איינצושטיין.

דער שמועס גייט ווייטער, האַלט אָן, דער קרייז פון די חברים ווערט אַלץ ברייטער. שטעלט זיך אויף בערל ברודיאַ און שלאָגט פאָר אַרויס־צוגיין אין מיטן העלן טאָג מיט געוועהר, אָנפאַלן מיט אַ מאָל אויפן דייטשן פּאַטראָל ביי די טויערן פון געטאָ, אים אַוועקלייגן און אַנט־לויפן אין די וועלדער. טענהט ווידער אַ צווייטער: גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז מיר וועלן גובר זיין דעם דייטשן פּאַטראָל, אָבער ווי אַזוי וועלן מיר זיך דורכשלאָגן צום וואַלד דורך די וואַרשעווער גאַסן? און אריה ווילנער קומט צום אויספיר, אַז ס׳איז ניטאָ קיין ברירה סיידן נאָך אַ מאָל שיקן גרופּעס חברים אויף דער אַרישער זייט, אויב אַפילו מיט די זעלבע געפערלעכע וועגן מיט וועלכע מיר האָבן ביז איצט געשיקט,

כאָטש מיר האָבן ניט קיין שום ידיעה וועגן זייער גורל. ניטאָ קיין ברירה, ווער ס׳וועט דערגיין — וועט דערגיין און אויב אַפילו בלויז צוויי פון צען — איז אויך בעסער ווי צי בלייבן דאָ און אויסגיין פאַר הונגער און שטיקעניש.

ס׳איז שווער די אַנטשיידונג.

גרינג צו געפינען פאָרשלאָגן, אָבער שווער צו ברענגען אָנשטאָט זיי אַ מער איבערצייגנדיקן אויסוועג. אויך מרדכי אַנילעוויטש, וואָס פילט אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון אחריות, וועגט און מעסט אָפּ יעדע עצה, אָבער דעם אמת געזאָגט, אויך ער ווייסט ניט קיין אויסוועג. צו לעצט דערציילט טוביה באָזשיקאָווסקי נאָך אַ מאָל, אַז מיט עטלעכע טעג פריער, באַזוכנדיק דעם בונקער אויף דער פראַנטשישקאַנער 22, האָט מען אים געזאָגט, אַז פון דאָרט איז דאָ אַ דירעקטער און לייכטער צוגאַנג צו די קאַנאַלן. מיר ווייסן, אַז ס׳איז ניט געגנוג דאָס אַריין גיין אין זיי, מע דאַרף וויסן ווי אַזוי זיך דאָרט צו אָריענטירן און ווו אַרויס־צוגיין. לאַנג און פאַרפלאָנטערט איז די נעץ פון די קאַנאַלן אונטער דער ערד; אַ סך יידן האָבן שוין דאָרט געזוכט אַ באַהעלטעניש. טעג און נעכט אַרום געבלאָנדזשעט אין דער טיפעניש, ניט געפונען קיין אַרויס־גאַנג און זיינען דאָרט אומגעקומען פאַר הונגער, פאַר דורשט און פאַר פחד. טוביה גיט צו — אין יענעם בונקער איז דאָ אַ מענטש וואָס קען דעם וועג. פון דעסטוועגן הערן ניט אויף די ספקות און די עיקרדיקע פראַגע איז אַ פראַגע וואָס ס׳איז ניטאָ אויף איר קיין ענטפער: ווי אַזוי וועלן זיי זיך אַרום דרייען אויף דער אַרישער זייט און וווהין וועלן זיי אַריין גיין? און די דעבאַטע האַלט ווייטער אָן. צו לעצט, ניט האָבנדיק קיין ברירה, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ גרופּע פון אַ צען מאַן, וואָס זאָל זיך דורכשלאָגן דורך די קאַנאַלן און דערגרייכן די אַרישע זייט. די גרופּע דאַרף אַרויסגיין ביינאַכט, זיך אויסבאַהאַלטן אין די חורבות. חברים מיט אַן אַרישן אויסזען וועלן גיין און אויסזוכן

אונדזערע חברים פון יענער זייט און צוזאַמען וועט מען געפינען אַן אויסוועג. דער גאַנצער פּלאַן איז נאָך דערוויל אין ספק, ווייל מ׳קאָן ניט וויסן צי וועט יענער ייד וועלן זיין אונדזער וועגווייזער אין די קאַנאַלן. פון דעסטוועגן איז באַשלאָסן געוואָרן צו גיין און מיך האָט מען אויסגעקליבן צו לאָזן זיך מיט דער גרופּע אין יענעם בונקער אויף דער פראַנטשישקאַנער גאַס, צו פאַרהאַנדלען מיטן וועגווייזער כדי צו פּרוּוון אַריבער גיין אויף דער אַרישער זייט.

לעצטע צוגרייטונגען צום וועג. מע טוט זיך אָן, מ׳גורט אַרום דאָס געווער און מע געזעגנט זיך. אין האַרץ בויערט דער פּחד: צי וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל באַגעגענען? אויבנאויפיק — אַלץ שטיל. מע שמייכלט, מע וויצלט זיך. הענט דריקן זיך מיט כוח און מיט ליבשאַפט. די האַנטפלאַך צוגעדריקט צום רעוואָלווער. מע לאָזט זיך אין וועג.

מ׳הייבט אָן צו קריכן דורך דער שמאָלער עפענונג פון בונקער, וואָס איז פאַרשטעלט מיט שטיינער. מ׳דרייט זיך ווי אַ שלאַנג, אַנדערש קאָן מען ניט אַרויס. דו פאַרגעסט, אַז ס׳איז איצט נאַכט און ווייסט ניט פאַרוואָס עס דוכט זיך דיר, אַז אָט באַלד וועסטו דערזען די ליכטיקע שיין אין דרויסן, עס בענקט זיך שטאַרק, נאָך לאַנגע וואָכן פון בלויז נאַכט, אָבער אויך אין דרויסן נעמט דיך אַרום די פינצטערניש. נאָר די דרויסנדיקע לופט, וואָס איז פול מיט סאַזשע און רויך, קומט אַריין אין די לונגען און דו אָטעמסט זי מיט אַן אָפן מויל. עטלעכע געשעפּטשעטע פראַגן ביים היטער: צי לויערן ניט דאָ נאָענט די דייטשן? און דער היטער ענטפערט שטיל: אויף לינקס הערן זיך שיסערייען, אויף רעכטס איז שטיל און מ׳קאָן גיין.

מיר שפּאַנען פאַרזיכטיק. די פיס אַרום געוויקלטע מיט שמאַטעס, אויף צו דערשטיקן דעם שאָרך פון די טריט. ניט איין מאָל בלייבסטו פּלוצעם שטיין ביים הערן דעם קריץ פון צעבראָכענעם גלאָז אונטער דיינע פיס. מיר שפּאַנען איבער די חורבות און ווייסן אַז דאָ און דאָרט, אונטער זיי, צאַפּלט נאָך דער לעבענס-פונק פון די לעצטע יידן.

אַרום און אַרום — חורבות, סקעלעטן פון אָפּגעברענטע הייזער, הויפנס פון ברוכשטיינער. דאָ און דאָרט ווערט די חשכת צעשניטן דורכן פייער פון אַ הויז וואָס האַלט נאָך אין ברענען. אינטערעסאַנט — יעדעס מאָל, ווען דו גייסט אַרויס אין דרויסן, איז אַלץ שווערער צו דערקענען דאָס געטאָ. אַלץ האָט זיך געביטן.
שאַ און שטיל. פון מאָל צו מאָל ווערט נאָר די שטילקייט געשטערט דורך אַ פענצטער־פראַמוגע, וואָס קלאַפּט אין ווינט אויפן רעשטל פון אַ וואַנט. אייזערנע פרענטן פון אַן אויסגעברענט געוועלב סקריפּען, שטויסן זיך אָן.
געוויינטלעך גייט מען ניט איבער די גאַסן. דאָרט, פון יענער זייט מויער, לויערן די וואַכן, קוקן אַריין אינעווייניק. דערפאַר האָבן מיר זיך באַוועגט איבער קרייצנדיקע סטעזשקעס, צווישן די חורבות, לענג אויס די גאַסן. מיר גייען געשפּאַנט און פאָרזיכטיק, כדי ניט צו דערוועקן דעם מינדסטן רעש, מיטן פינגער אויפן צינגל פון רעוואָלווער. ערשט נעכטן איז אונדזערע אַן אויסשפּיר־גרופּע איבעראַשט געוואָרן דורך די לויערנדיקע דייטשן. די חברים האָבן גלייך אָפּגעענטפערט מיט אַ זאַלפּ פון שיסערייען, אַוועקגעהרגעט עטלעכע, אָבער אויך צוויי פון אונדזערע חברים זיינען טויטלעך פאַרוווּנדעט געוואָרן. אין די הויפן טרעפן מיר אָן דאָ און דאָרט שאָטנס פון רעשטלעך יידן, וואָס דער־מונטערן זיך ביים אָנבליק פון יידישע בחורים, וועלכע גייען מיט געווער אין האַנט. איין פראַגע איז דאָ ביי איטלעכן: וואָס טוט מען? דאָס עסן האָט זיך געענדיקט, אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן. נאַכהער דערציילן זיי בסוד ווי מ׳האָט היינט אַנטפּלעקט אַ שכנותדיקן בונקער און סתם יידן האָבן זיך אין אים פאַרטיידיקט מיט געווער ביז דער לעצטער מינוט. דו פילסט זייער מקנא־זיין אונדז און דאָס טוט וויי. זיי מיינען, מן־הסתם, אַז מיר זיינען גליקלעך. זיי זיינען טיף איבערצייגט, אַז מיר וועלן געפינען אַ רעטונגס־וועג. זיי ווייסן גאָרניט אויף ווי ווייט אָפּהענטיק מיר זיינען. אויפן האַרצן דריקט שווער דאָס געפיל פון שוואַכקייט,

וואָס מיר קאָנען זיי ניט ברענגען קיין הילף. מ׳מורמלט אַרויס עטלעכע טרייסטווערטער, ווערטער פון דערמוטיקונג און מ׳גייט ווייטער. מיר דערנענטערן זיך צום מויער, קריכן אויפן בויך — אַ דייטשע וואַך לויערט דאָ ניט ווייט. מיר שפּרינגען אַריבער אַ גאַס און קערן זיך אום, פֿאַרשווינדן צווישן די חורבות.

אויפן וועג צו אונדזער ציל באַזוכן מיר די בונקערס פון די קעמפער־אָפּטיילונגען, כדי זיי איבערצוגעבן פאַראָרדענונגען פון דער הויפּט־קאָמענדע. איך זאָג דעם פּאַראָל און גיי אַריין אינעווייניק צו זכריה אַרטשטיין. אַ חברישע באַגעגעניש. אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד בין איך געווען אין זיין אָפּטיילונג און כ׳האָב אויך גוט געקענט דעם אייגנטימער פון בונקער ווו די אָפּטיילונג איז איינגעשטאַנען. איך דערמאָן זיך ווי נאָך דעם ערשטן טאָג פון קאַמף האָבן מיר זיך אַרום געדרייט אין הויף פון נאַלעווקי 33. געווען מיד און צערודערט, הונגעריק און דאָרשטיק. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ בחור, וואָס איך האָב אים צופעליק מיט עטלעכע טעג פריער באַקענט, ווען ער איז געקומען אונדז פאַרקויפן געווער. אַ האַרציק בחורל, אַן אַמאָליקער קאָמוניסט. און אָט ווענדט ער זיך צו אונדז און פאַרבעט פרעמדע אַריין צו גיין אין זיין בונקער. אַ זעלטענער פאַל, אַז אַ מענטש זאָל פון אייגענעם ווילן פאַרבעטן נאָך מענטשן אַריין אין זיין בונקער, וואָס איז שוין פון פריער פול געפּאַקט. דאָ האָט געוווינט זיין פאַרצווייגטע משפחה און ער איז עס דער אויפטוער צווישן זיי, פירט זייערע אַלע ענינים און אַלע האָרכן אים. איך האָב אים געזען ווי ער צעטיילט די שפּייז מיט אַ פאָטערלעכער דאגה און נעמט ניט פאַר זיך אַפילו אַ ברעקל מער.

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם קבלת־פּנים אין דעם בונקער; די האַרציקע ברידערלעכקייט וואָס גייט אַריבער די ברעגעס, און מיר זיינען הונגעריק און מיד פון קאַמף, בלאַדזשענדיקע און ווייסן ניט ווו צו געפינען אַן אָרט זיך אָפּצורוען. ער האָט באַמערקט אונדזער לאַגע, אונדז געגעבן צו טרינקען אַ ביסל וואַדקע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר

שוואַכע און קראַנקע, כדי צו דערכאַפּן אונדזער נשמה, דערנאָך האָט ער אונדז געגעבן עפּעס וואָס צו עסן. ווי גוט איז געווען דאָס געפיל, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַזאַ הינטערלאַנד, אַז יידישע הערצער קלאַפּן אין איינעם מיט אונדזערע.

אין איינעם פון די ערשטע קאַמף־טעג האָבן מיר לעבן אָט דעם בונקער אָנגעטראָפן דריי געהרגעטע דייטשן און זיך געוווּנדערט. געוווּסט אַז דאָס איז ניט געווען אונדזער אַרבעט. שפּעטער האָט אונדז דער בחור דערציילט, אַז בשעת מיר האָבן געפירט דעם קאַמף און זיי זיינען געלעגן אין בונקער, איינגעהאָרכטע אין דעם וואָס ס׳טוט זיך אָפּ, זיינען עטלעכע בחורים פון זיין בונקער אַרויס, האָבן פון הינטן אַרום געשאָסן אויף די דייטשן און זיך אָפּגעטראָגן.

אַ ליבע באַגעגעניש מיט די חברים אינעווייניק. מע דערציילט נייעסן פון פראָנט, פון דעם וואָס דער ראַדיאָ האָט אויפגעכאַפּט. צו לעצט האָט זיך געשטעלט די אייביקע פראַגע: צי האָבן שוין די דייטשן געקראָגן זייער לעצטע מפּלה און אויב נאָך ניט איז ו ו ע ן . ו ו ע ן ?

אונטערוועגנס גייען מיר אויך אַריין אין בונקער פון די ״פינקער־טאָווצעס״. זיי זיינען געווען, ווי דערמאָנט, אָנגעשטעלטע פון דער חברה־קדישא וואָס די פינקערט־משפּחה איז געשטאַנען אין די שפּיץ. די דייטשן האָבן זיך באַצויגן ״מיט לייטזעליקייט״ צו די געטאָ־קברנים: זיי האָבן זיי באַדאַרפט אויף צו באַגראָבן די מתים און די הרוגים און דערפאַר זיי געלאָזט לעבן. דער יידישער בית־עלמין איז געווען אויסערן געטאָ און מיט דער הילף פון די קברנים פלעגן מיר זיך פאַרבינדן, אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד, מיט אונדזערע חברים אויף דער אַרישער זייט. און אָט זיינען דורך טעג, פון זינט די קברנים זיינען אַרויס פון געטאָ און נאָך ניט צוריק געקומען, און מע ווייסט ניט וואָס ס׳איז מיט זיי געשען. מיר האָבן געוואַרט אויפן טראַנספּאָרט פון די ביקסן און אויף אינפאָרמאַציע וועגן הילף — און ניטאָ קיין סימן און קיין זכר. יעדן אָוונט פלעגן מיר גיין צום בונקער פרעגן — און אומזיסט. אויך

היינטיקן אָוונט האָבן מיר זיי ניט געטראָפן. דאָס איז געווען אַ בונקער אויפגעבויט מיט רחבות, מיט אַ סך שפּייז־זאַפּאַסן וואָס מ׳האָט גע־בראַכט פון דער אַרישער זייט. אויב ס׳איז ווער פון אונדז געקומען אַהין האָט ער דאָרט געקאָנט קריגן אויף צו דערכאַפּן דאָס חיות אַ שטיקל ברויט, וואָס מיר האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן זיין טעם.

סוף־סוף זיינען מיר אָנגעקומען צום בונקער אויף דער פראַנטשישקאַ־נער 22. אַ שטורמישע חברישע באַגעגעניש. די ענגשאַפט דאָ איז דאָפּלט גרעסער. נאָכן אויסברוך פון אויפשטאַנד האָבן די דייטשן דעם בונקער אַנטפּלעקט און אַ סך פון די באַוווינער זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום אומקום. אָט ווי ס׳איז געשען: אַ ייד וואָס האָט דערווייל געאַרבעט ביי די דייטשן אין איינע פון זייערע אינדוסטריע־אונטער־נעמונגען איז יענעם טאָג געקומען אין דער באַגלייטונג פון דייטשן, צו וועלכע ער האָט געהאַט צוטרוי, כדי אַרויסצונעמען זיין משפחה וואָס האָט זיך געפונען אין בונקער. ער האָט טאַקע גענומען מיט זיך זיינע בני־בית אָבער אין עטלעכע שעה אַרום איז דער בונקער אַרום גערינגלט געוואָרן מיט דייטש מיליטער. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער אַריינגאַנג צו די קאַנאַלן איז געווען נאָענט, זיינען אַ סך פון די באַוווינער געבליבן לעבן. די העלפט פון די עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, זיינען אַריין אין די קאַנאַלן און די דייטשן האָבן זיי ניט געכאַפּט. זיי האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי פיל יידן האָבן באַוויזן זיך צו באַהאַלטן. ווען די דייטשן זיינען אַוועק, זיינען די יידן צוריק געקומען אין בונקער ניט געפינענדיק קיין אַנדער באַהעלטעניש, זיי האָבן בלויז פאַרשטאָפּט דעם פריערדיקן אַריינגאַנג, אים פאַרקלענערט און זיך פאַרלאָזט אויפן גורל: די דייטשן וועלן זיכער אַהער ניט אומקערן זיך, מיינענדיק אַז זיי האָבן שוין געכאַפּט אַלע באַוווינער.

מיר דערציילן אונדזערע חברים אַ סך נייעסן פון דער גרויסער וועלט, היות דאָ איז ניט געווען קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט. מע פירט אונטער־

האַנדלונגען מיט די ממונים איבערן בונקער און אויך מיט יענעם בחור, וואָס קען גוט די וועגן אין די קאַנאַלן, און מע באַשליסט אַז מ׳גייט אַרויס נאָך היינטיקע נאַכט. דער בחור איז מסכים זיך אָנצושליסן און צו ווייזן איינעם פון אונדזערע חברים דעם וועג און זיך אומקערן אין געטאָ בתנאי, אַז מיט דער צווייטער גרופּע גייט אויך ער אַריבער אויף דער אַרישער זייט.

לעצטע צוגרייטונגען. מ׳נעמט מיט זיך מיט אַ ביסל שפּייז. ביי יעדן אין טאָרבע איז דאָ אַ שטיקל צוקער און אַ זשמעניע געטריקנטע פאַרפל. ווער ווייסט וווהין וועלן די אַרויסגייענדיקע זיך אָנשלאָגן און צי וועלן זיי בכלל קאָנען קריגן עפּעס עסן. דער לעצטער שמועס מיט די אַרויס־גייענדיקע, מע גיט פאַראָרדענונגען ווי זיך אויפצופירן אין וועג און מע באַשטימט דעם פּלאַן פון אַרויסגיין. די עפענונג פון קאַנאַל איז אויף דער ביעלאַנסקע גאַס, נאָענט צום אַרויסגאַנג פון די הייזער־חורבות, וואָס זיינען באָמבאַרדירט געוואָרן אין יאָר 1939. אין די באַהעלטענישן פון יענע חורבות וועלן זיי געפינען דעם ערשטן אָפּרו־פּלאַץ. אויב מען וועט זיך אָנטרעפן אויף אַ דייטשער וואַך, זאָלן זיי גלייך עפענען אַ פייער און זיך דורכשלאָגן צו די חורבות. אהרון ברוסקין, אַ מיטגליד פון דער פּ.פּ.ר וואָס מיר רופן אים פּאַוועל, און העלאַ שיפּער פון די עקיבא־אַקטיוויסטן, וואָס האָבן אַן אַרישן אויסזען, וועלן פאַר פרי אַרויס אויפזוכן אונדזערע חברים פון יענער זייט געטאָ און מיר חזרן זיי גוט איין די אַדרעסן און דעם טעלעפאָן־נומער פון דער פאַרבינדלערין פּראַניאַ בעאַטוס. די אַנדערע וועלן וואַרטן אויף זייער צוריק קומען. צו לעצט באַשטימען מיר אויך אַז מאָרגן, איבערמאָרגן, וועט זיך לאָזן אין וועג אַ צווייטע גרופּע חברים. 9 אַ זייגער אין אָוונט וועלן זיי צוקומען צום דעקל פון קאַנאַל און דאָרט וואַרטן אויף אַ סימן — דריי קלעפּ נאָכאַנאַנד — אַז די ערשטע זיינען בשלום אָנגעקומען און אַז מ׳מעג אַרויסגיין. די עפענונג פון קאַנאַל איז ממש אין מיטן גאַס, פאַר אַלעמענס אויגן, און די סכנה איז גרויס.

און ווידער מינוטן פון געזעגענען זיך, ווער ווייסט צי ניט אויף אייביק. איינגעהאַלטענע געריררטקייט. דאָס האַרץ אָבער קלעמט אינעווייניק. אַ סך וויל דאָס האַרץ זאָגן צו די וואָס גייען אַוועק, אין פאַל ווען זיי וועלן בלייבן לעבן און אפשר אויך זוכה זיין אָנצוקומען אין אויסגעבענקטן לאַנד, אָבער מע האַקט אָפּ דעם שמועס. מע מורמלט אָפּשייד־ווערטער, מע דריקט זיך די הענט. איינער נאָכן צווייטן שטייען די חברים אויף פון בונקער־פּאָדלאָגע און שפּרינגען אַריין אין טיפן קאַנאַל, מען הערט דאָס אויפּפּליעסקען פון וואַסער מיט יעדן שפּרונג. מיר שטופּן זיך צונויף געשפּאַנטע אַרום דער עפענונג. יעדע וואָס גייען אַרויס האָבן מיט זיך מיטגענומען ליכט אויף צו באַלייכטן די פינצטערניש און זיי ווערן נעלם און דאָס האַרץ האָרכט זיך איין צו די טריט, וואָס ווערן איינגעשלונגען אין קאַנאַל.

נאָך צוויי און אַ האַלבע שעה זיינען צוויי בחורים צוריק געקומען און מיט זיי דער וועגווייזער. זיי דערציילן, אַז מען איז צוגעקומען ביז צום אַרויסגאַנג, געוואַרט און זיך איינגעהערט אין דער באַוועגונג וואָס פון אויבן, אין גאַס. די גאַס איז געווען שטיל. מע האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל און איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אַרויפגעקלעטערט אויפן לייטער און אַרויס אין דרויסן. אויך די, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צוריק צו קומען, זיינען אַרויף אויפן לייטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און איינגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט פון דער אַרישער גאַס, וואָס ליגט איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף. אין משך פון עטלעכע מינוט האָבן זיי נאָך מיט די אויגן באַגלייט די אַרויסגעגאַנגענע, וואָס האָבן זיך ניט אָנגעטראָפן אויף קיין שום וואַך. נאָר ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט און זיינען צוריק אַריין אינעווייניק און דאָס דעקל האָט זיך איבער זיי פאַרמאַכט, האָט מען פלוצעם דערהערט שיסערייען. מ׳קאָן ניט וויסן צי מען האָט דאָס געשאָסן אויף די אַרויסגעגאַנגענע, דאָס האַרץ אָבער איז ניט רויִק. זיי האָבן געהערט שיסערייען.

די נאַכט גייט אַריבער, באַלד וועט אָנהייבן צו שאַריִען. מיר גרייטן זיך

אומצוקערן אויף מילע 18 און איבערגעבן אונדזערע חברים די פּרטים וואָס מיר האָבן געהערט. דאָ אָבער האָט מען זיך צו אונדז צוגעטשעפּעט און באַשווירן מיר זאָלן ניט גיין. באַלד איז דאָך שוין טאָג און מע טאָר זיך ניט אַרום דרייען אין דרויסן! כ'האָב ניט געוואָלט בלייבן אַ גאַנצן טאָג, נאָר די מידקייט איז אַזוי גרויס, די אברים חלשען נאָך אַ ביסל רו און מאַרעק עדעלמאַן, דער קאָמאַנדיר פון דער קעמפּער־אָפּטיילונג אין דעם בונקער, רעדט אונדז צו צו בלייבן. אויך ער גרייט זיך אַרויסצוגיין ביינאַכט — וועט ער אונדז באַגלייטן. דער פּאַרטאָג ליגט דאָך שוין ממש פאַר דער טיר און מ'קאָן טאַקע בשום אופן ניט אַרויס אין גאַס.

האָבן מיר איבערגעוואַרט יענעם טאָג אין בונקער און אויסגעקוקט אויפן אָוונט. ניט איין מאָל האָבן זיך אין משך פון טאָג געהערט טריט וואָס נישטערן אַרום און מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז דאָס זיינען די דייטשן, וואָס האָבן אַנטפּלעקט סימנים פון לעבן אונטער דער ערד. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אויב מען וועט אונדז אָנגרייפן, וועלן די קעמפּער בלייבן מיט זייער געווער און פאַרפירן אַ קאַמף מיט די אַריין דרינגלער און אַלע ציווילע וועלן זיך אַראָפּלאָזן אין די קאַנאַלן. אָט גיבן אונדז די היטער איבער מיט שרעק: זיי דערנענטערן זיך! אַלע לויפן מיר צום אַריינגאַנג פון קאַנאַל. די פּאַניק איז גרויס. קלאָג־געשרייען, פּחדים, שרעק, מע מוז איינשטילן דעם עולם, אַפילו דראָען מיט שיסן. די נערוון זיינען געשפּאַנט, דער פּחד פאַר דעם וואָס דערוואַרט אונדז איז גרעסער ווי דער פּחד פאַרן טויט גופא. ס'איז אָבער גאָרניט געשען יענעם טאָג. די דייטשן זיינען ניט געקומען. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן פּאַטראָלירט אין דער סביבה, עפּעס געהערט און חושד געווען, אָבער נאָך ניט געפּרווּט אַריין צו גיין.

ווי אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן
די פּראַכט פון די קעמפּער

דער טאָג פאַרגייט. איך און מיין באַגלייטער, חיים פרימער פון דער עקיבא־באַוועגונג, לאָזן זיך אין וועג און מאַרעק עדעלמאַן גייט מיט. אַזוי ווי מאַרעק רעכנט זיך אויך צו די ״הפקר־יונגען״, וואָס לאַכן זיך אויס פון אַלע כללים פון פאָרזיכטיקייט, נעמען מיר מיט זיך מיט אַ ליכט אויף צו באַלייכטן דעם וועג. דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן, דאָס ליכט קאָן ברענגען אַן אומגליק, פון דעסטוועגן איז שווער אָן דעם און מיר שפּאַנען פאָרזיכטיק צווישן די חורבות.

אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און פאַרלאָשן דאָס ליכט. מיר זיינען געבליבן שטעקן אין אַ פינצטערע חורבה און ניט געוווּסט ווו מיר געפינען זיך און ווי אַזוי מע דאַרף גיין. מיר האָבן אָנגעהויבן צו קלעטערן. פּלוצעם, איך ווייס ניט ווי אַזוי, האָט געטראָפן: מיינע פיס האָבן זיך אויסגעגליטשט און איך בין אַריין געפאַלן אין אַ גרוב צווישן די חורבות. איך האָב געוווּסט אַז מע טאָר ניט שרייען. דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט אויפגעבליצט אין מיין באַוווּסטזיין, איז געווען: ווו איז דער רעוואָלווער? די חברים, מיינע באַגלייטער, האָבן זיך מער פון מיר דערשראָקן, ווייל זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס ס׳איז מיט מיר געשען. מיט גרויס מי האָט מען מיך אַרויסגעשלעפּט פון גרוב. הינקנדיק און צעקרעלט בין איך ווייטער געגאַנגען.

מיר דערנענטערן זיך צו מילע 18, דעם הויפּט־בונקער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אונדזער שטימונג פאַרבעסערט זיך. מע טראַכט אויס געשיכטעס ווי אַזוי אָנצוציען די ״חברה״ ביי אונדזער אַריינקומען. ווי איבעראַשט בין איך אָבער געוואָרן, ווען צוקומענדיק נאָענט צום בונקער דערזע איך אַז ס׳איז עפּעס ניט ווי נעכטן, אייערנעכטן. כ׳האָב דאָס אָרט ניט דערקענט און אויף אַ רגע געמיינט אַז מיר האָבן אַ

טעות. עפּעס האָט זיך דאָ געענדערט. די חורבות זיינען צעפּראַלט, די וואַך לעבן אַריינגאַנג איז ניטאָ, און דער אַריינגאַנג אַליין, ווו איז ער? אַ שרעק פאַרקלעמט דאָס האַרץ. איך באַמי זיך ניט צו לייגן אויף דעם קיין אַכט — אפשר האָבן די בונקער־באַוווינער געוואָלט זיך בעסער פאַרמאַסקירן און אַליין אַהערגעקייקלט שטיינער צום אַריינגאַנג מ׳זאָל אים ניט דערקענען? עס זיינען דאָך אָבער פאַראַן זעקס אַריינגענג צום בונקער. מיר גייען צו צום צווייטן, צום דריטן, צום פערטן: ניטאָ קיין זכר פון זיי און אויך קיין וואַך איז ניטאָ. דאָס האַרץ ווערט פול מיט שרעק פאַר אַ גרויזאַמער בשורה. איינער פון אונדז מורמלט אַרויס דעם פאַראָל, אפשר באַהאַלט זיך דאָ די וואַך און זי וועט ענטפערן אויף אונדזער רופן — אָבער קיינער ענטפערט ניט.

מיר פּלאָנטערן זיך דאָ אַרום גאַנץ נאָענט און אין האַרץ — די שרעק פאַר אַן אומגליק. אין שכנותדיקן הויף האָבן מיר פּלוצעם באַמערקט שאָטנס וואָס באַוועגן זיך אין דער פינצטער, ווער עס גייט און ווער עס זיצט. אין אָנהייב האָט זיך אונדז געדוכט, אַז אונדזערע מענטשן זיינען עס, וואָס גייען אַרויס ווי געוויינלעך יעדע נאַכט צו זייערע טואונגען. מיר דערנענטערן זיך פריילעכע צו די מטושטעשע געשטאַלטן און דערקענען אונדזערע חברים. מיר שפּרינגען גלייך צוריק צוליב זייער שרעקלעכן אויסזען — באַשעפענישן איינגעשמירטע מיט בלאָטע און ערד, אָפּגעשוואַכטע און ציטערנדיקע ווי ניט־דאָאיִקע. עמעצער חלשט, אַ צווייטער אָטעמט שווער. יהודה ווענגראָווער פון השומר־הצעיר כאָרכלט מיט אַ דערשטיקטן שווערן אָטעם און טאָסיאַ אַלטמאַן ליגט מיט אַ פאַרוווּנדעטן קאָפּ און פיס. מיר ווערן אַרום גערינגלט פון אָט די צעבראָכענע מענטשן. אויפגערעגטע דערציילן זיי אונדז וואָס ס׳האָט מיט זיי פּאַסירט, ווי אַזוי ס׳האָט זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן אויפן בונקער פון די יידישע קעמפער אויף מילע 18 און ווי אַזוי זיי, די ווינציקע, האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן.

מיר האָבן דאָ געטראָפן דריי חברים, וואָס אויך זיי זיינען אייערנעכטן

איניינעם מיט אונדז אַרויס פון בונקער אין דער שליחות פון געטאָ און ערשט איצט צוריק געקומען, דאָס זיינען: טוביה באָזשיקאָווסקי, מרדכי גראָוואַס, דער קאָמאַנדיר פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון השומר־הצעיר, וואָס מיר רופן אים מערדעק, און ישראל קאַנאַל. אויך זיי זיינען אַריין אין די קאַנאַלן וואָס פירן צו דער אַרישער זייט און ווי מיר — שטעקן געבליבן ערגעץ און ניט געקאָנט זיך אומקערן. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ דייטשער וואַך, אַריין מיט איר אין קאַמף, אַרויס בשלום און אין משך פון אַ גאַנצן טאָג זיך אויסבאַהאַלטן אין די חורבות. זיי זיינען אַהער געקומען פאַר אונדז און האָבן שוין געהערט וועגן דעם גרויל, וואָס האָט פאַסירט מיטן בונקער אויף מילע 18.

און אָט וואָס מיר זיינען געוויער געוואָרן פון די ניצול־געוואָרענע רעשטלעך:

אין מיטן טאָג, ווי זיי ליגן עס אַזוי האַלב־נאַקעטע אויף זייערע געלעגערס, האָט פלוצעם די וואַך צו וויסן געטאָן, אַז די דייטשן דרייען זיך אַרום לעבן בונקער און אַז מ׳הערט זייערע טריט. אין אַזעלכע פאַלן האָבן די יידישע קעמפער אָנגעווענדט איינע פון די צוויי טאַקטיקן. די ערשטע איז געווען: אַזוי ווי די דייטשן זיינען זיך נוהג פריער צו רופן די יידן זיי זאָלן אַרויסגיין, וועט די ערשטע אַרויס אונדזער אָפּטיילונג, האָבנדיק דאָס געווער מיט זיך, אין עטלעכע מינוט אַרום געזאָלט צעטומלען די דייטשן מיט אַ פלוצעמדיקער שיסעריי און בשעת דער בהלה צעלויפן זיך אין אַלע זייטן. אַ טייל וועט פאַלן און אַ טייל וועט זיך ראַטעווען. אַ צווייטע טאַקטיק איז געווען ניט צו ענטפערן די דייטשן אויף זייער רופן נאָר בלייבן אינעווייניק. וועלן זיי פּרוּוון אַריין קומען — דאַרף מען זיי אויפנעמען מיט אַ פייער. אין משך פון טאָג וועט מען קאָנען זיך האַלטן, ווייל די דייטשן וועלן ניט וואַגן אַריין אינעווייניק, און ביינאַכט וועט מען מוזן זוכן אַ וועג ווי צו אַנטלויפן. אמת, מיר האָבן געוווּסט, אַז די דייטשן באַנוצן זיך אויך מיט גאַזן, אָבער וועגן דעם ניט געטראַכט. עמעץ האָט אויך איבערגעגעבן, אַז ווען

דאָס פּנים געפינט זיך אין וואַסער האָבן די גאַזן ניט קיין שליטה. איז אין דעם פאַל באַשלאָסן געוואָרן ניט אָפּצוענטפערן די דייטשן.

ווען די דייטשן זיינען אָנגעקומען און גערופן די יידן זאָלן אַרויס, זיינען אַרויס די ציווילע און מיט זיי די אָנפירער פון די "טשאָמפּעס" און זיך אונטערגעגעבן. פון די קעמפער איז אָבער קיינער ניט אַרויס. די דייטשן האָבן ווייטער געשריען און געמאָלדן, אַז ווער ס'וועט זיך אונטערגעבן וועט גענומען ווערן צו אַרבעט און דער וואָס וועט ניט פאָלגן — וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. אונדזערע חברים האָבן זיך דערוייל פאַרפעסטיקט ביי די אַריינגענג און געוואַרט מיטן געווער אין האַנט אויפן קומען פון די דייטשן. די דייטשן האָבן איבערגעחזרט זייער פאָדערונג און געזאָגט, אַ די וואָס וועלן אַרויס וועט זיי גאָרנישט ניט געשען, אָבער קיינער האָט זיך ניט באַוויזן. די דייטשן האָבן ניט געוואַגט צו קומען אין בונקער, אָנשטאָט דעם אַריין געלאָזט גאַזן. און דאָס בייז האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די קעמפער.

דאָס איז געווען דער שרעקלעכער סוף פון הונדערט און צוואַנציק קעמפער. די דייטשן האָבן זיי פאַרמשפּט אויף אַ לאַנגזאַמען טויט: געלאָזט אין בונקער אַ קליינע כמות גאַז און אויפגעהערט — כדי צו דערשטיקן דעם גייסט פּאַמעלעך אָבער זיכער. אריה ווילנער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט גערופן די קעמפער: קומט, לאָמיר זיך נעמען דאָס לעבן און ניט איבערגעבן זיך לעבעדיק אין די הענט פון די דייטשן! האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון זעלבסטמאָרדן. אַ שיסעריי האָט זיך דערהערט פון אינעווייניק אין בונקער — יידישע קעמפער האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. ס'האָט געטראָפן, אַז אַ רעוואָלווער האָט זיך פאַרהאַקט און זיין באַזיצער, אומגליקלעך און פאַרלאָזן, האָט זיך געבעטן רחמים ביי זיין חבר ער זאָל אים טויטן, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט צו נעמען יענעמס לעבן. בערל ברוידא, וואָס זיין האַנט איז פאַרוואונדעט געוואָרן מיט עטלעכע טעג פריער און ניט געקאָנט האַלטן

דעם רעוואָלווער, האָט געבעטן זיינע חברים זיי זאָלן אים שיסן. מרדכי אַנילעוויטש האָט זיך פאַרלאָזט אויפן וואַסער, וואָס וועט צו נישט מאַכן די גאַז־סכנה, און פאַרגעשלאָגן דאָס מיטל. פּלוצעם איז עמעצער געקומען און געמאָלדן, אַז מ׳האָט אויסגעפונען אַן אַרויסגאַנג וואָס די דייטשן האָבן ניט באַמערקט, אָבער נאָר געציילטע באַווייזן אויסצונוצן די עפענונג און די איבעריקע, די וואָס האָבן נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן, זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די גאַזן און פאַמעלעך אויסגעגאַנגען.

צווישן די קעמפער פון בונקער אויף דער מילע גאַס איז אויך געווען לוטעק ראָטבלאַט, פון די אַקטיוויסטן פון דער עקיבא־באַוועגונג, איינציקער מיט זיין מאַמען מאַריע. מאַריע ראָטבלאַט האָט אין געטאָ אָנגעפירט מיט אַן אינטערנאַט פאַר יתומות. בשעת דער גרויסער אַקציע האָט זי באַוויזן צו ראַטעווען אַ סך פון די מיידלעך און ביים סוף צונויפּ־גענומען די געראַטעוועטע און געשאַפן אַ היים פאַר יתומות אין איינעם פון די פאַרלאָזטע הייזער. וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט די קינדער צווישן סוף אַקציע ביז צום אויסברוך פון אויפשטאַנד — ווייס איך ניט. איצט איז זי געווען לעבן איר זון. אין יענע טראַגישע מינוטן פון דייטשן אָנגריף אויפן בונקער האָט זי געבעטן ביי איר זון ער זאָל זי הרגענען. פיר קוילן האָט לוטעק אַריין געשאָסן אין זיין מאַמען און זי האָט נאָך געצאַפּלט פאַרוווּנדעט און באַגאָסן מיט בלוט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן. אויף אַזאַ אופן איז פאַרשניטן געוואָרן די העלדישע פּראַכט פון דער קעמפנדיקער, זיך ראַנגלענדיקער וואַרשע.

ייִדישע קעמפער האָבן דאָ געפונען זייער טויט און צווישן זיי — מרדכי אַנילעוויטש, דער ליבלינג פון די קעמפער, דער מוטיקער קאָמאַנדיר, דער בילד־שיינער בחור, וואָס אַפילו אין די שעהען פון אימה האָט אַ שמייכל געשוועבט איבער זיינע ליפּן.

— ווייניק האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם גיהינום. צווישן זיי פאַרוווּנדעטע נאָכן פּרווו צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אויך אַזעלכע וואָס

האָבן איינגעזאַפּט גיפט־גאַזן אין די לונגען און שווער געאָטעמט. באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פון מנחם ביגעלמאַן פון דרור און יהודה ווענגראָווער פון השומר־הצעיר.

ס'איז געווען אַ שרעקלעך, אויפטרייסלענדיק בילד. מיר אַלע האָבן דאָך געוואַרט אויפן סוף, געוווּסט, אַז ער קומט אַלץ נאָענטער און עס איז ניטאָ פון אים קיין אַנטלויפן, און דאָך האָט דאָס וואָס איז געשען פּאַרפּולט אונדזערע הערצער מיט אַ ציטער פון גרויל, אויסגעבויערט אַ לאָך אין האַרץ. דער טרויער צוליבן טויט פון חברים און דער צער אויף די חברים וואָס גייען אַרום האַלב־טויטע האָט אונדז אויפגעגעסן. מ'האָט געוואָלט נאָר איין זאַך — ענדיקן די דויערנדיקע גסיסה. מיר האָבן זיך קיין אָרט ניט געפונען. ווי אַראָפּגעגאַנגענע פון זינען זיינען מיר אַרום געלאָפן אַרום בונקער, געפּרוּווט מיט נעגל אַרויסרייסן די אָנגעוואָרפענע שטיינער וואָס פאַרשטעלן, אפשר וועט זיך אונדז איינגעבן צוצוקומען צו די הרוגים, אפשר וועלן מיר קאָנען נעמען זייער געווער, אָבער די דייטשן האָבן אַלץ צעשטערט מיט אויפרייס־מאַטעריאַל.

ווינציק אין צאָל, מיט אַ געפיל פון פאַריתומטקייט האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט כדי צו פאַרלאָזן דאָס שרעקלעכע אָרט, צו געפינען אַ מקום־מקלט פאַרן ביסל פאַרווונדעטע און אויסגעשעפּטע חברים און דאָרט טראַכטן וועגן מאָרגן. די ליפּן האָבן געמורמלט געזעגענונג־ווערטער צו אונדזערע מוטיקע חברים, די פּראַכט פון אונדזער העלדישקייט, וואָס איז דאָ פאַרשניטן געוואָרן. אונדזערע לעצטע חלומות און האָפענונגען זיינען דאָ באַגראָבן געוואָרן. מיר האָבן געפילט, אַז מיר גייען פון דאַנען אַוועק נאַקעטע און אויסגעהוילטע פון גייסט, פון חלום, פון גלויבן. אַלץ איז דאָ באַגראָבן געוואָרן אויף אייביק.

מיר זיינען געגאַנגען אַ שערענגע מתים, וואָס באַוועגן זיך ווי שאָטנס, אָן גייסט, ווי געשפּענסטער. אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט פּאַמעלעך,

שווייגנדיק, טרויעריק, מיט אַ ציטערנדיק האַרץ — הויל און נאַקעט. אויפן וועג זיינען מיר אָפּגעטראָטן אין דער אָפּטיילונג פון זכריה און אים איבערגעגעבן וואָס ס'האָט פּאַסירט. דרך אגב האָב איך אָנגעזאָגט, אַז פון היינט אָן איז דאָס אָרט פון דער הויפּט־קאָמענדע אויף פראַנ־טשישקאַנער 22. דער היציקער זכריה האָט זיך אָנגעצונדן אין גאַנצן: צו וואָס נאָך וואַרטן? לאָמיר אַלע אַרויס קעגן די דייטשן אין מיטן טאָג און אין דער אָפענער גאַס, לאָמיר שיסן אויף זיי און לאָמיר אַלע פאַלן אין קאַמף און זאָל קומען דער סוף!

דאָס איז געווען די לעצטע באַגעגעניש מיט זכריהן — אונטער דעם נאָמען האָבן אים אַלע געקענט. ס'איז ניט געווען קיין ייד אין געטאָ וואָס האָט ניט געהערט וועגן אים. בשעתן אַרויסגיין אין די נעכט אין שפּיץ פון זיין אָפּטיילונג, פלעגט מען הערן ווי ליפּן פון יידן שעפּטשען מיט ליבשאַפט און מיט אָפּשיי: זכריה, זכריה. ער איז עס געווען דער וואָס האָט אונדז, קעמפער, געבראַכט די ערשטע ביקס אין די טעג פון יאַנואַר־אויפשטאַנד.

עס זיינען פאַריבער עטלעכע מאָנאַטן נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן געמאָלדן וועגן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד און איך בין שוין געווען אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע. פּלוצעם איז צו אונדז דערגאַנגען אַן אויפטרייסלענדיקע ידיעה פון אַ מקור מצד דער פּוילישער אונטער־ערד: די דייטשן האָבן, ווי באַוווסט, אויף די חורבות פון געטאָ אויפגע־שטעלט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר די יידן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון גריכנלאַנד, פון טשעכיע און אַנדערע לענדער. זייער אַרבעט איז געווען צו צענעמען די חרובע הייזער און צונויפנעמען די ציגל, דאָס אייזן, דעם קופּער און אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן וואָס זיינען איבערגעבליבן נאָך דער גרויסער שרפה. חוץ זיי איז אין געטאָ באַשעפ־טיקט געוואָרן אַן אַרבעטס־אָפּטיילונג פון פּאָליאַקן, כביכול פרייע אַרבעטער וואָס אַרבעטן פאַר לוין. די פּאָליאַקן פלעגן אַרויסגיין צו דער

אַרבעט אין דער באַגלייטונג פון געציילטע דייטשן און נאָך דעם אַרבעטס־טאָג זיך אומקערן אַ היים. די דייטשן האָבן זיך ניט אַריין געמישט אין דער אַרבעט פון די פּאָליאַקן. זיי פלעגן זיך אויסזוכן אַ באַקוועם אָרט ווו זיך אָפּצורוען, רויכערן, שמועסן און דער גרעסטער ווונטש איז געווען, אַז די אַרבעט פון די פּוילישע אַרבעטער זאָל זיך פּאַרציען ביזן סוף פון דער מלחמה, כדי מע זאָל זיי ניט שיקן אויפן פראָנט.

צווישן די פּוילישע אַרבעטער האָבן זיך אויך געפונען מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונגען.

איז אָט, איין מאָל, אין אַ האַרבסטיקן טאָג, האָט זיך אַ גרופּע פּאָליאַקן אַוועקגעזעצט עסן אָנבייסן. פּלוצעם זיינען פון איינער פון די נאָענטע חורבות אַרויסגעקראָכן עטלעכע מענער, אָנגעטוענע אין שמאַטעס און באַוואָקסענע מיט בערד, און האָבן דערציילט: זיי זיינען פון די לעצטע אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ. צו זייער אומגליק האָבן זיי ניט באַוויזן אַרויסצוגיין מיט זייערע חברים אויף דער אַרישער זייט. די מענער האָבן ביי די פּאָליאַקן געבעטן עסן, געווער און דער עיקר — ראַטעווען זיי.

לויט די פּאָליאַקן איז דער מנהיג פון די דאָזיקע קעמפער געווען אַ געוויקסיקער מאַן מיט ברענענדיקע אויגן. די מיטגלידער פון דער פּוילישער אונטערערד, וואָס האָבן אונדז דאָס דערציילט, האָבן אָנגעגעבן נאָך עטלעכע קען־צייכנס וועגן דעם עלטסטן פון די קעמפער און ס׳האָט זיך ביי אונדז דערוועקט אַן השערה, אַז דאָס רעדט זיך וועגן אונדזער זכריה.

מיר האָבן גלייך אָרגאַניזירט און צוגעגרייט אַ גרויס פּעקל מיט שפּייז, צוגעלייגט אַ בריוול אין וועלכן מיר האָבן צו וויסן געטאָן די קעמפער, אַז זיי מעגן האָבן צוטרוי צו דעם פּאָליאַק, וואָס וועט זיי איבערגעבן דאָס פּעקל און אַז זיי זאָלן מיט אים באַשטימען אַן אָרט לעבן די מויערן

פון געטאָ, אַ דאַטע און אַ שעה פון די נאַכט־שעהען און דאַן וועלן אויף זיי וואַרטן אונדזערע מענטשן און מיר וועלן זיי פּרוּוון ראַטעווען. דאָס עסנוואַרג האָט מען טאַקע אַריין געבראַכט אין חרובען געטאָ, אָבער אונדזער בריוול איז געבליבן אין קעשענע פון אונדזער פּוילישן נאמן. די קעמפער האָבן זיך מער ניט געוויזן. עס זיינען אַריבער טעג און מ׳האָט אויפגעגעבן יעדע האָפענונג.

מיר זיינען געקומען צום בונקער אויף פראַנטשישקאַנער 22 און מיט אונדז די רעשטלעך יידן. אַ שטומער טרויער הענגט אין דער לופט. אַלע זיינען מיר געלעגן אויף דער ערד און זיך ניט באַוועגט און ניט אַרויס־געזאָגט קיין וואָרט. דער ווילן איז פּאַראַליזירט, די הענט פאַרשטיינערט. מיר האָבן ניט איבערגעבונדן די פאַרווונדעטע, אונדזערע ליפּן האָבן ניט אָנגערירט דאָס שיסעלע זופּ וואָס מ׳האָט דערלאַנגט. ס׳איז פינצטער אינעווייניק און אין דרויסן.
היינטיקן אָוונט ניין אַ זייגער האָבן אונדזערע חברים געזאָלט וואַרטן ביים אַרויסגאַנג פון די קאַנאַלן אויף אַ סימן פון די וואָס זיינען נעכטן אַרויס, אָבער מע האָט קיינעם ניט געשיקט אָפּצונעמען דעם סימן.
די אחריות פאַר די איבערגעבליבענע שטעלט דיך אויף די פיס — זאָל זיין וואָס עס וועט זיין! מע מוז נאָך אַ גרופּע אַרויסשיקן דורך דעם קאַנאַל. קיינער וויל ניט גיין: מיר וועלן דאָ אַלע בלייבן און איינעם וועלן מיר דאָ אויסגיין! דער ייאוש פלאַטערט אַרום אין דער לופט און אין די הערצער. לויט אַלע סימנים וועלן די דייטשן היינט קומען אויף אַהער.
אַ גרופּע חברים האָט געקראָגן דעם באַפעל אויפצושטיין און זיך לאָזן אין וועג אַריין. די בחורים זיינען צוגעוווינט צו פאָלגן די באַפעלן און די גרופּע איז גרייט און מיט איר צווייי, וואָס האָבן זיך נעכטן אומגעקערט כדי זיי צו ווייזן דעם וועג. נאָכן געזעגענען עפענען זיך די שליוזן פון פאַרשטיינערטן האַרץ און טרערן קאַפּען אַראָפּ, כאָטש מע שעמט זיך

צו וויינען. ס׳איז שווער דאָס צעשיידן זיך. יעדער איינער קלערט ביי זיך אין האַרצן: וואָס פאַראַ צוואה זאָל איך איבערלאָזן פאַר די טייערע, פאַר דער וועלט, פאַר די קומענדיקע דורות, פאַר די חברים דאָרט אין אויסגעבענקטן לאַנד? איינער נאָכן אַנדערן שעפּטשען זיי: דערציילט וועגן אונדזער גערוֹאַנגל, דערציילט וועגן אונדזער איינזאַמקייט, דערציילט וועגן אונדזער שטיין אין קאַמף. ד ע ר צ י י ל ט !

זיי זיינען אַוועק. ס׳איז אָנגעפאַלן אַ שטילשווייגן כאילו אַ נייער גייסט איז אין אונדז אַריין. דאָס האַרץ האָט זיך אַ ביסל דערוועקט. דער לעבנסווילן האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו פּולסירן. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיט די גרעאַטעוועטע, פאַרבינדן זייערע ווונדן.

מיר האָבן געוואָלט אויפקאָכן אַ ביסל וואַסער. צופעליק מ׳האָט מען געפונען אַ פלאַש מיט ספּירט וואָס מ׳האָט געקאָנט אָנצינדן אין אַ שיסעלע. אין האַנט האָבן מיר געהאַלטן דעם טשייניק איבערן פייער, אָבער דער ספּירט איז ניט גענוג געווען כדי אויפצוקאָכן דאָס וואַסער. דאָך האָט עס געשטילט אַ ביסל דעם דורשט.

איך האָב זיך איבערגעקערט אויף מיין געלעגער און ס׳איז געווען שווער נאָך די אויפטרייסלונגען פון טאָג איינצושלאָפן, טראָץ דער גרויסער מידקייט. מיין פלאַץ איז דאָך געווען אויף מילע 18 אינײנעם מיט מיינע חברים, אויך איך האָב געזאָלט טרינקען פון זעלבן כוס און נאָר דער בלינדער גורל האָט מיך אַוועקגעריסן פון זיי, בשעת ער האָט די בעסטע צווישן אונדז, די פּראַכט פון אונדזערע בחורים און מיידלעך, פאַרמשפּט צום אומקום. חלומות מאַטערן מיך אין מיין אומרואיקן שלאָף און פלוצעם דערפיל איך אַז עמעצער שטייט לעבן מיר. איך עפן די אויגן און זע צוויי חברים, די וועגווייזערס וואָס האָבן געזאָלט אַרויסגיין מיט דער גרופּע דורך די קאַנאַלן. אויף אַ רגע בין איך צעמישט געוואָרן ווען כ׳האָב זיי דערזען. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. וואָס טוען זיי דאָ? עס דוכט זיך מיר אַז דאָס איז אַ המשך פון מיין קאָשמאַרנעם חלום, כ׳האָב זיך אָבער תיכף אויסגעניכטערט: ס׳האָט

זיכער געטראָפן אַן אומגליק מיט די בחורים און בלויז זיי ביידע האָבן זיך געראַטעוועט. ווי דערשטוינט אָבער בין איך געוואָרן ווען זיי האָבן דערציילט, פרייכנדיק און סאָפּענדיק שווער פאַר אויפרעגונג, אַז זיי האָבן אין די קאַנאַלן געטראָפן שמחה ראַטהייזערן, דאָס הייסט — קאַזיקן, פון דער עקיבא־באַוועגונג און מיט אים נאָך צוויי, וואָס וואַרטן דאָרט אויף אונדז אַלעמען.

מיט אַ וואָך פריער, אויפן טאָג פון 30 אַפּריל, איז קאַזיק אַרויסגע־גאַנגען אין אונדזער שליחות פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט, אינאיינעם מיט זיגמונט פרידריך פון בונד, דורכן טונעל, כדי זיך דאָרט צו טרעפן מיט אונדזערע חברים. דער דאָזיקער טונעל איז אויסגעגראָבן געוואָרן דורך דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, וואָס די רעוויזיאָניסטן האָבן געשאַפן און האָט געפירט פון דער באַזע אויף מוראַנאָווסקע גאַס צו אַ הויז, אויך אויף דער זעלבער גאַס, אָבער שוין אויף דער אַרישער זייט, ניט ווייט פון געטאָ־מויער. יעדן טאָג פלעגן מיר צוקומען צו דער עפענונג פון טונעל כדי צו קריגן אַ סימן פון אונדזערע חברים, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט אויף יענער זייט. די דייטשן פון איבערן מויער פלעגן אונדז באַמערקן און אָנהויבן אויף אונדז צו שיסן. אויך האַנט־גראַנאַטן האָבן זיך ניט איין מאָל אויפ־געריסן נאָענט פון אונדזערע פיס. צופעליק זיינען מיר אַרויס בשלום און נאָר צוויי חברים זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן דורך אַ גראַנאַט־שפּליטער. יעדן אָוונט פלעגט קלאַפּן דאָס האַרץ וואַרטנדיק אויף אַ בשורה, נאָר אַז עס איז גאָרניט אָנגעקומען, האָבן מיר זיך שוין מייאש געווען פון זיי זייענדיק זיכער אַז זיי לעבן ניט מער. שפּעטער איז אונדז אויפגעקלערט געוואָרן אַז זיי האָבן בשום אופן ניט געקאָנט צוקומען צום אַרויסגאַנג פון טונעל אויף דער אַרישער זייט, ווי זיי האָבן פּלאַנירט. דער גאַנצער שטח איז געווען אַרום געשטעלט מיט שטאַרקע וואַכן פון דייטשן און זייערע מיטהעלפער. אַפילו די פּאָליאַקן האָט מען ניט דערלויבט צוצוקומען צו דעם פונקט.

ערשט אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט די סיבה פון די שווערע וואַכן, וואָס די דייטשן האָבן אַוועקגעשטעלט אויף דער צווייטער זייט גאַס, אויף דער אַרישער זייט.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון חודש אַפּריל האָבן די מיטגלידער פון דער רעוויזיאָניסטישער גרופּע מוטיק פאַרטיידיקט די גאַס. אין משך פון 20־טן אַפּריל האָבן זיי צוריק געשטויסן אַלע אָנגריפן פון די דייטשן און זיי גורם געווען גרויסע אבדות. פאַרנאַכט־צו, ערב דעם 21־טן אַפּריל, נאָך דעם ווי די קעמפער האָבן איינגעזען, אַז זיי וועלן ניט קאָנען אויסטראָגן אַ באַנייטע אַטאַקע פון די דייטשן וואָס וועט מאָרגן זיכער קומען, האָבן זיי זיך אַרויסגעגנבעט דורכן טונעל, וועלכן זיי האָבן בסודי־סודות אויסגעגראָבן אין משך פון לאַנגע מאָנאַטן און אַריבער צום הויז נומער 6 אויף דער זעלבער גאַס, אָבער וואָס געפינט זיך שוין אויף דער אַרישער זייט. דער הויז־וועכטער, אַ פּאָליאַק, איז געווען דער נאמן פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע און ער האָט זיי אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן פון זיין הויז. אַ הלשנה האָט גורם געווען, אַז אין איינעם פון די לעצטע אַפּריל־טעג האָבן די דייטשן אַרום גערינגלט דאָס הויז. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שווערער קאַמף. אין פאַרצווייפלטן פאַרטיידיקן זיך זיינען אַלע קעמפער געפאַלן און זיך ניט אונטערגעגעבן.

ס'איז געווען ממש אַ נס וואָס ס'האָט זיך קאַזיקן און זיגמונטן איינגעגעבן אַריבער צו גיין די גאַס. מיטן שפּראָץ פון טאָג זיינען זיי אַרויסגעקראָכן פון טונעל. אַרום און אַרום איז געווען שטיל. עטלעכע צענדליק מעטער אָפּגערוקט האָט געשפּאַנט אַ דייטשער פּאַטראָל, וואָס האָט זיי אָבער ניט באַמערקט. קאַזיק און זיגמונט האָבן באַוויזן זיך דורכצושלייכן און אָנקומען צום טויער פון אַ קעגנאיבערדיקן הויף און דעם פּוילישן סטרוזש צוגערעדט צו העלפן זיי אַנטלויפן. זיי האָבן אים דערציילט, אַז זיי זיינען פּאָליאַקן און זיינען בלויז אַריין מאַכן אַן עסק

אין געטאָ, דערווייל איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די זשידעס און זיי האָבן ניט געקאָנט זיך אומקערן אַ היים. דערפאַר האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די חורבות און ערשט איצט באַוויזן פון דאָרט אַרויסצוגיין. זיי בעטן ביי אים הילף זיך אַרויסצורייסן פון דער דאָזיקער גאַס, אַז דער דייטשער פּאַטראָל זאָל זיי ניט באַמערקן. דער סטרוזש האָט טאַקע מורא געהאַט, נאָר צו לעצט זיך דערבאַרעמט אויף זיינע לאַנדסלייט. זיי געלאָזט אָפּרוען אין זיין הויז און נאַכהער דורך געהיימע וועגן זיי אַרויסגעפירט מחוץ דעם געפערלעכן געביט.

שווער און קאָמפּליצירט איז געווען דער גורל פון יצחקן און זיינע חברים אויף דער אַרישער זייט. זיי זיינען אַרום געלאָפן און געזוכט ווי אונדז צו העלפן, ווי אַריבער צו פירן צו אונדז געווער. זיי זיינען געווען איינזאַם און האָבן אַלץ געטאָן מיט ווייניק מיטלען, כמעט אָן דער הילף מצד דער פּוילישער אונטערערד. נאָך דעם ווי די אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטעלן אין זייער רשות אַ וועגווייזער, צי די פּלענער פון די קאַנאַלן וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט יצחק מיט זיינע חברים אָנגעהויבן זוכן אַ קאַנאַליזאַטאָר וואָס קען געגנוי די לאַבירינטן פון די קאַנאַלן, כדי צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט די קעמפער אין געטאָ, אָבער שוין דאָס זוכן אַליין אַ מומחה פון די קאַנאַלן איז עלול געווען צו דערוועקן אַ חשד אַז זיי זיינען יידן, אָדער געדונגען געוואָרן אויף צו העלפן די יידן.

נאָך גרויס מי און מאַטערניש האָט זיך זיי איינגעגעבן צו קומען אין פאַרבינדונג מיט איינעם פון די קאַנאַליזאַטאָרן וואָס איז מסכים געווען, פאַר אַ גרויסער סומע געלט, אַדורכצוגיין מיט קאַזיקן אין די קאַנאַלן פון געטאָ און זיך אומקערן. ס׳איז די חברים געלונגען אים צו איבער־ציייגן, אַז אין איינעם פון די פּונקטן אין געטאָ ליגט באַהאַלטן אַ גאָלד־אוצר פון די יידן.

ניט איין מאָל האָט אָט דער גוי חרטה געקראָגן בשעת זיי זיינען געווען אונטער דער ערד, אָבער קאַזיק און זיין באַגלייטער ריסיעק, אַ יידישער

יוגנטלעכער פון די פּ.פּ.ר האָבן אים געצווונגען ווייטער צו גיין: איין מאָל מיט דער הילף פון בראָנפן און אַ צווייט מאָל דורך דראָען אים מיטן רעוואָלווער. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום געטאָ איז דער פּאָליאַק געבליבן ביים אַריינגאַנג פון די קאַנאַלן, ריסיעק איז געשטאַנען איבער אים און האָט אים געהיט, און קאַזיק איז ביינאַכט אַרויס פון קאַנאַל, אַרום געבלאָנדזשעט צווישן די חורבות און אונדז געזוכט. פאַרן אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט האָט ער גוט געקענט די אַריין־און־אַרויסגענג פון וואַרשעווער געטאָ. דערווייל אָבער איז דאָך אַלץ פאַרברענט און חרוב געוואָרן, עס האָבן זיך געביטן די באַהעלטענישן פון די קאַמף־אָפּטיילונגען און פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אונדז ניט געטראָפן אויף די ערטער ווו ער האָט אונדז איבערגעלאָזט.

ווי אַ חסר־דעה איז קאַזיק אַרום געלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, ער האָט געשריען אויף אַ קול אין די חורבות, נאָר אומזיסט. צו לעצט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אָן יידן וועלכע האָבן אים דערציילט, אַז ערשט ניט לאַנג איז אַ גרופּע קעמפער אַריין אין די קאַנאַלן. ער איז נאָכגעלאָפן אָבער זיי ניט געטראָפן. אַזוי האָט ער אַרום געשמייעט איינער אַליין און, ווען די נאַכט האָט זיך געענדיקט, אַ פאַרצווייפלטער זיך אומגעקערט אין די קאַנאַלן. אויפן וועג צוריק צו דער אַרישער זייט, אָנגעפירט דורך דעם קאַנאַליזאַטאָר, האָבן זיי באַגעגנט אַ גרופּע חברים וואָס מיר האָבן געהאַט אַרויסגעשיקט. די חברים האָבן דערציילט, אַז גייענדיק אין דער פינצטערניש פון קאַנאַל האָבן זיי פּלוצעם פון דער ווייטנס דערזען דאָס ליכט פון אַ לאַמטער. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די דייטשן לויערן דאָרט. האָבן זיי איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט. דערווייל האָבן אויך יענע דערפילט, אַז מענטשן דרייען זיך אַרום אין קאַנאַל. האָט קאַזיק אָנגעהויבן צו שרייען אויף פּויליש: ווער איז דאָרט? ענטפערט! — אַז ניט שיס איך! די חברים האָבן ניט געוווּסט ווער עס שרייט, געמיינט אַז ס׳איז אַ פּאָליאַק, און אויך מיט פּאָליאַקן איז ניט איבעריק אָנגענעם זיך דאָ צו טרעפן, פון דעסטוועגן האָבן זיי

געענטפערט: מיר זיינען יידן! און ווי איבעראַשט זיינען זיי געוואָרן ווען קאַזיק איז צו זיי צוגעלאָפן מיט אַ פריילעכן געשריי: איך בין אויך אַ ייד!

אָט דאָס איז אונדז מיט אַלע פּיטשעווקעס איבערגעגעבן געוואָרן שפּעטער, דערווייל שטייען דיביידע לעבן מיר, דערציילן אַלץ בקיצור און מעלדן, אַז אַלע וואַרטן זיי אין קאַנאַל. זיי זיינען געקומען אונדז נעמען — און אַלע מוזן מיר גלייך אויפשטיין און גיין.

אין די קאַנאַלן

אַ דערשטיקנדיקע ענדערונג פון דער לאַגע. דאָס האַרץ איז ניט מסוגל געווען אויסצושעפּן דעם פולן באַדייט פון אָט דער בשורה. מאָדנע, דאָס האַרץ האָט זיך ניט געפרייט. שווער אָנצורופן ביים נאָמען דאָס מאָדנע געפיל, וואָס באַדייט אַז אפשר וועט מען באַלד אויסגעלייזט ווערן. די היינטיקע שרעקלעכע איבערלעבונגען זיינען נאָך געלעגן פריש אין זכרון. דו בונטעוועסט זיך קעגן גורל וואָס חוזקט פון דיר אָפּ. ערשט נעכטן זיינען פאַרשניטן געוואָרן הונדערט און צוואַנציק קעמפער, וואָס וואָלטן געקאָנט אַרויסגיין איינעם מיט אונדז. דערדריקטע, דער־געשלאָגענע האָבן מיר זיך אויפגעזעצט און ניט געוווסט וואָס צו טאָן. די צוויי חברים אָבער האָבן אונדז אויפגעמונטערט אויפצושטיין און זיך לאָזן אין וועג. דער פּאָליאַק וועט ניט וואַרטן און אויב ער וועט אַוועק־גיין — זיינען מיר פאַרפאַלן.

ס׳איז שווער זיך צו שיידן פון געטאָ, פון די טויטע, פון די געפאַלענע חברים. מער פון אַלץ מאַטערט דאָס געפיל: ווי קאָן מען אַרויס פון דאַנען און איבערלאָזן די אַנדערע קעמפער. מיר האָבן דאָך אויף מאָרגן אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן. איצט, מיטן שפּראָץ פון טאָג, האָבן מיר קיין שום מעגלעכקייט ניט צו קומען צו זיי. ס׳איז אין גאַנצן קלאָר, אַז יענע, וואָס וועלן איצט אַרויס, וועלן ניט דערגיין, און אַז דער פּרווו אָנצובינדן מיט זיי אַ קאָנטאַקט אין מיטן טאָג איז עלול אויסצוגעבן דעם שונא סיי זיך אַליין און סיי זיי, די חברים. מ׳האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין כף־הקלע פון געוויסן: וואָס טאָן? דער שכל האָט שאַרף און אומצווײדייטיק באַפוילן: מע טאָר איצט גאָרנישט ניט טאָן, מע מוז גיין. דאָס געוויסן אָבער האָט ניט צורו געלאָזט: ווי אַזוי גיין אָן זיי? דאָס זיינען געווען שרעקלעכע מינוטן און מ׳איז שיעור ניט משוגע געוואָרן. טייל חברים זאָגן: מיר רירן זיך ניט פון דאַנען, אויב אַפילו

בלויז איינער וועט בלייבן אין געטאָ — בלייבן מיר אַלע מיט אים. איז מען געלעגן אויף דער ערד און מ׳האָט זיך ניט גערירט. אַ סך האָבן אויך אַוועקגעוואָרפן זייער טאָרבע אויף דער ערד — מ׳איז מוחל דאָס גאַנצע ראַטעווען.

צו לעצט גייט מען אַראָפּ מיט אַ שווער און פּיינפול האַרץ אין קאַנאַל. בראש שפּאַנען די וועגווייזער און נאָך זיי — די קעמפּער אין אַ ריי, איינער נאָכן צווייטן. איך און מאַרעק זיינען די לעצטע וואָס שליסן די שורות.

מיר וואַרפן זיך אַריין אין קאַנאַל. איצט האָב איך ממש טועם געווען דעם טעם פון דעם שפּרונג. אַ רגע האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מיר פאַלן אַריין אין אַ טונקעלן תהום. כ׳האָב געפילט ווי עס שפּריצט דאָס וואַסער, ווי עס פּליעסקעט און שטראָמט ווייטער. אַ שרעקלעכער עקל נעמט דיך אַרום ווען דיינע פיס טונקען זיך אַריין אין קאַלטן, שמוציקן אָפּפלוס־וואַסער. אָבער מע גייט!

אויפן שוועל פון בונקער ברעכט אויס אַ קאָנפליקט. די באַוווינער פון בונקער זיינען מיט אונדז ניט מיטגעגאַנגען. געווען דאָ אַ סך ציווילע, זקנים און קינדער, און ס׳איז פאַר אונדז און פאַר זיי קלאָר געווען, אַז דאָס דאָזיקע אַרויסגיין באַדייט פאַר זיי אַ זיכערן טויט. זיי האָבן אונדז אויך ניט געבעטן מיטצוגיין. אין שמועס מיטן ממונה אויפן בונקער האָט מען באַשלאָסן מיטצונעמען אין וועג עטלעכע פון זיינע ידידים. פּלוצעם אָבער איז אַ ייד אַריין געשפּרונגען אין קאַנאַל. עמעצער פון די קעמפּער איז געוואָרן אין כעס און אים באַפוילן אומקערן זיך און לאָזן קודם דורכגיין די מענטשן פון דער אָפּטיילונג. דער ייד האָט ניט געוואָלט דערפון הערן און געענטפערט: איך ריר זיך ניט. דעם ייד, פאַרשטייט זיך, האָט מען ניט אומגעקערט, ער איז מיט אונדז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן יסורים־וועג ביז צום באַפרייען און דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט און ער איז געבליבן לעבן.

שפּאַנט אַ קאָלאָנע פון צענדליקער מענטשן אין דער טיפעניש פון שמאָלן קאַנאַל. מע גייט אין ברודיקן וואַסער. די פּלייצע איינגעבויגן, אין האַנט אַ ברענענדיק ליכט. אַזוי גייען מיר, איינער נאָכן צווייטן, איינער זעט ניט דאָס פּנים פון צווייטן, מע טאַפּט און מע גייט אין דער פינצטערניש אָן עסן, טרינקען, שוואַכע און אויסגעשעפּטע. ניט קיין פינצטערער קאַנאַל איז דאָס געווען, נאָר אַ ברודיקער און שמאָלער לאַבירינט. די מינוטן האָבן זיך געצויגן, יעדע שעה האָט זיך געדוכט — אַן אייביקייט. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד.
דער הונגער און דער דורשט האָט אונדז אַלע אויסגעמאַטערט. געווען מיט אונדז די געראַטעוועטע פון מילע 18, וואָס זיינען נאָך ניט צוריק געקומען צו זיך, נאָך דעם ווי זייערע לונגען האָבן געהאַט איינגעזאַפּט די גאַזן. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געקאָנט גיין אויף זייערע פיס, און מיר האָבן זיי מיט זיך געשלעפּט אין וואַסער ביי די הענט און ביי די פיס, גייענדיק די גאַנצע צייט איינגעבויגן אָדער קריכנדיק אויף די קני. מיט וועלכן כוח זיינען מיר דורכגעגאַנגען אָט דעם מהלך?
שפּאַנט־קריכט אַ מענטש אין קאַנאַל און די כוחות לאָזן זיך אים אויס. דער מוח אָבער רוט ניט. דער חשבון־הנפש עגבערט דיך דורך אין גאַנצן, דער חשבון מיט זיך אַליין און דער חשבון פון דער באַוועגונג, וואָס האָט געגעבן אַ זין דיין לעבן אויסצוהאַלטן, און אַ דאַנק איר זיינען אפשר ווינציקע דערגאַנגען צו אָט דעם שרעקלעכן וועג צו דער פרייהייט. דו ביסט כאילו אַריין געטאָן בלויז אין זיך. ווי פון זיך אַליין שלעפּן זיך די פיס אין אָט דעם טונקעלן טונעל און שאָטנס פון אַ ווייטן חלום קומען צו דיר, אַ חלום וואָס דו און דיינע חברים האָבן געחלומט וועגן ארץ־ישראל, וועגן אַ לעבן פון אַרבעט און חברשאַפט, וועגן אַ לעבן פון זעלבשטענדיקייט. געשטאַלטן פון חברים וועלכע זיינען שוין עולה געווען, שווימען אויף פאַר דיינע אויגן און געשטאַלטן פון חברים, וואָס זיינען פון דאָרט געקומען אין שליחות און האָבן עפּעס איבער־

געלאָזן אין האַרץ. די גאַנצע צייט פּייניקט ווי אַ געשפּענסט דער געדאַנק פון טרעפן זיך מיט זיי דאָרט אין לאַנד, אין קיבוץ. ווי אַזוי וועל איך קאָנען אויפהייבן צו זיי די אויגן? ווי אַזוי וועל איך דערקלערן פאַרוואָס איך בין געקומען און ניט געבליבן דאָ, אין עמק־הבכא? ווי אַזוי בין איך לעבן געבליבן? איך האָב דאָך ניט געמאָנט מע זאָל מיך ראַטעווען. ווי אַ שפּיל פון עם בלינדן גורל איז עס געקומען. איך גיי און שלעפּ זיך און חברים — וואָס זיינען נאָך געבליבן אין געטאָ, אין די בונקערס, גייען אונדז כאילו נאָך. און איך פיל ווי די פראַגע "וואָס וועט מיט זיי געשען?" לאָזט מיך ניט אָפּ, פאַרסמט מיך אין גאַנצן.

די לעצטע כוחות לאָזן זיך אויס און דער ווילן ווייטער צו שלעפּן זיך אין קאַנאַל איז אין גאַנצן אָפּגעשטאָרבן. עמעצער שושקעט צו זיין חבר: גיי פאָרויס און לאָז מיך דאָ איבער, דאָ וועל איך בלייבן ליגן, ניטאָ מער קיין כוח, אָבער קיינער, פאַרשטייט זיך, בלייבט ניט צוריק. פאַרטאָג זיינען מיר אַלע אָנגעקומען אונטער דער פּראָסטע גאַס, וואָס ליגט אויף דער אַרישער זייט, און דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט.

קאַזיק און זיינע באַגלייטער זיינען אַרויס פון קאַנאַל און נעלם געוואָרן. איך האָב ניט באַוויזן איבערצוגעבן אַפילו אַ וואָרט צו די פון דרויסן, כדי צו פאַרשטענדיקן זיך מיט זיי. מיר האָבן זיך אַלע איינגעבויגן, אָנגעקוועטשט אין מוטנעם וואַסער און געוואַרט. מיר האָבן ניט געוווּסט אויף וואָס, ניט געוווּסט ביז וואַנען. אַ גאַנצן טאָג איז צו אונדז ניט דערגאַנגען קיין שום ידיעה. מיר האָבן ניט געהאַט ניט קיין עסן, ניט קיין טראָפּן וואַסער. איך געדענק ניט צי דער הונגער האָט געמאַטערט. אין יענע שעהען האָב איך ניט געטראַכט וועגן מאָרגנדיקן טאָג, ניט געקלערט וועגן ראַטעווען זיך. די געדאַנקען וועגן יענע, וואָס זיינען געבליבן דאָרט און זיינען פון אונדז אָפּגעשניטן געוואָרן, האָבן אכזריותדיק געעגבערט אין האַרץ, האָבן ניט אָפּגעלאָזט.

מיר זיינען געוואָרן אומגעדולדיק פון דעם זיצן און איך מיט מאַרעקן,

וואָס האָבן געשלאָסן די ריי, האָבן באַשלאָסן צו גיין פּאָרויס און באַטראַכטן וואָס צו טאָן. געשטופּט און געפּרעסט פון אַלע זייטן האָבן מיר זיך גערוקט צווישן די זיצנדיקע מענטשן און אָנגעקומען ביז צו די פּאָדערשטע, לעבן אַרויסגאַנג. אויך זיי האָבן גאָרניט געוווּסט. דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז אויפגעשווומען און געקלעמט אין האַרץ און מע האָט עס אויך אַרויסגעזאָגט הויך אויפן קול, איז געווען: לאָמיר זיך אומקערן אין געטאָ צו ברענגען די איבעריקע.

ווי נאָר די ווערטער זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן זײַנען אַ סך אויפגעשפּרונגען און זיך געמאָלדן פרײַוויליק, אָבער די שליחות איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף צוויי. איינער, שלאַמעק, שלמה שוסטער, אַ יינגל פון אַ יאָר 17, אַ העלאויגיק, מוטיק יינגל, איבערגעגעבן און גרייט צו אַלץ. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ס'איז ניטאָ אַ מער פּאַסיקער פּאַר אָט דער דאָזיקער געוואַגטער שליחות. ניט איין מאָל האָט ער מיט זײַן ברען און מיט זײַן געוואַגטקייט אַרויסגעצויגן זײַנע חברים פון קלעם. אַלע האָבן געדענקט, ווי אַזוי ער האָט אָפּגעראַטעוועט די חברים פון זײַן אָפּטיילונג פון אַ ברענענדיק הויז אין בערשטלער־געטאָ, וואָס איז געווען אַרום גערינגלט פון אַלע זייטן דורכן מיליטער. מע האָט דעמאָלט געמוזט דורכרייסן די קייט פון די דייטשן און ער איז דער ערשטער אָנגעפאַלן מיט האַנט־גראַנאַטן און מיט אַ הוראַ־געשריי, זיי צעטומלט און, ביז זיי זײַנען צו זיך געקומען, שוין געהאַט דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר זיך און פאַר זײַנע חברים צו אונדז, צום צענטראַלן געטאָ. צו דער שליחות האָט מען אים מיטגעגעבן יורעק בלאָנעס, דעם קאָמאַנדיר פון איינער פון די בונד־אָפּטיילונגען, אַ מער עלטערער, אַ מוטיקער און קלוגער, וואָס קאָן אָפּשאַצן קאַלטבלוטיק און ניט פאַרלירן זיך אין אַ שווערער שעה. פאַרנאַכט זײַנען די צוויי אַרויס אין וועג און מיר האָבן געוואַרט אויף זייער צוריק קומען און אויך אויף אַ צייכן פון דער אַרישער זייט.

ערשט אין מיטן דער נאַכט זײַנען צום ערשטן מאָל צו אונדז געקומען

חברים פון דער אַרישער זייט. ס'האָט זיך געעפנט דאָס דעקל און מע האָט אונדז דערלאַנגט אַ ביסל זופּ אויף צו דערכאַפּן אונדזער חיות און אויך עטלעכע זעק מיט לעבלעך ברויט. מיר האָבן קוים געקאָנט עפּעס נעמען אין מויל. בלויז דער דורשט האָט געמאַטערט. אונדזער חבר יהודה ווענגראָווער, וואָס איז געווען אָפּגעשוואַכט פון דער גאַז־פאַרגיפטונג, האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דורשט, זיך אָנגע־בויגן צום קאַנאַל־וואַסער און פון אים געטרונקען. ווער ווייסט צי איז ער ניט דערפון געשטאָרבן. ווען מיר זיינען אויף צו מאָרגנס אָנגעקומען אין וואַלד, איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און אין עטלעכע מינוט האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

צווישן די דרויסנדיקע חברים איז אויך געווען אַ פּאָליאַק, וואָס איז באַקאַנט געווען אונטערן צונאָמען קשאַטשעק (אַ קליינער קוסט). די אַרמיאַ לודאָוואַ האָט אים באַשטימט צו דער הילף־אַרבעט לטובת דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אָט דער קשאַטשעק — זיין אמתער נאָמען איז געווען וולאַדיסלאַוו גאַיעק — האָט פאַר אונדז געפונען דעם פּוילישן קאַנאַליזאַטאָר. ער האָט אונדז אויך געהאָלפן ביי עטלעכע געוואַגטע סאַבאָטאַזש־אַקטן. ער האָט געהאַט פאַרצווייגטע פאַר־בינדונגען מיט אַ טייל פון דער פּוילישער אונטערוועלט און מיט פאַרשידענע פאַרדעכטיקע טיפּן. אַן אויפטוער געווען, אַ פלינקער און אַ מוטיקער. מיר האָבן צו אים געהאַט צוטרוי, נאָר אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום האָט אַ שרעקלעכער פאַרדאַכט אָנגעהויבן צו גריזשען אין האַרץ: ער איז צווייפּנימדיק. גלייכצייטיק מיט דער גרויסער הילף וואָס ער גיט אונדז, קאָלאַבאָרירט אָט דער מענטש מיט פּוילישע פּאָליציי־לייט, וועלכע די פּאָליאַקן האָבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אָנגערופן "די גראַנאַטאָווע פּאָליציי", און זיי זיינען עס דאָך די משרתים פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען.

דאָס פאַלן פון אונדזערע צוויי חברים פון דער "אַרישער גרופּע" אין טאָג ווען מיר זיינען אַרויס פון די קאַנאַלן, דאָס דערמאָרדן אַנדערע פון

אונדזערע מיטגלידער דורך דער פּוילישער פּאָליציי און דורך דײַטשן אין פֿאַרשידענע מקומות און אין פֿאַרשידענע דאַטעס — האָבן זיך דערווײַל נאָך ניט געהאַט געבונדן מיטן נאָמען קשאַטשעק — אָבער ניט־אחריותדיקע האַנדלונגען אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער לעבן בוג, וווּהין עס זײַנען געבראַכט געוואָרן ס׳רוב פֿון די געראַטעוועטע קעמפֿער, און דער עיקר — דאָס קאָנפֿיסקירן גרויסע סומעס געלט אין נאָמען פֿון דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ פֿון דער קברנים־גרופּע, די ״פֿינקער־טאָווצעס״, די ווייניקע וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפֿן פֿון חרובן געטאָ און זײַנען אָנגעקומען צו די פּאַרטיזאַנישע וועלדער — אָט די אַלע מעשים זײַנען פֿאַר אונדז געווען אַ וואָרנונג. מיר האָבן אָנגעהויבן מצרף זײַן די אומגליקן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן קאָפּ פֿון אונדזערע חברים, און ס׳איז געוואָרן קלאָר אַז אין אַלע פֿאַלן איז דאָ אַ בשותפֿותער גורם: קשאַטשעק.

אויף איינעם פֿון די סטאַבילע טרעפֿונגען, וואָס יצחק פֿלעגט מקיים זײַן מיט וויטאָלדן — דאָס איז פֿראַנציִשעק יוזוויאַק, דער שטאַב־קאָמענדאַנט פֿון דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ אין אָקופּירטן פּוילן, האָט יצחק געבראַכט פֿאַר אים אַלע פֿאַרדאַכטן אײנײנעם מיט די פֿאַקטן אויף וועלכע ער באַזירט זיך. וויטאָלד איז געווען אויפֿגערודערט, געבעטן צײַט כּדי די זאַך נאָכצופֿאָרשן און טאַקע, אויף דער צווייטער באַגעגעניש האָט ער קורץ און שאַרף באַמערקט: די פֿאַרדאַכטן זײַנען באַרעכטיקטע. קשאַטשעק איז אַ דײַטשער אַגענט. די גוואַרדיאַ לודאָוואַ האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט.

קשאַטשעק איז פֿאַרשוווּנדן פֿון האָריזאָנט אָנהייב 1944.

דאָס אַלץ איז געשען שפּעטער. אין יענעם טאָג אָבער, וועגן וועלכן איך דערצייל, דעם 9־טן מאַי, זײַנען געשטאַנען בײַם אַרויסגאַנג פֿון קאַנאַל אונדזער חבר קאַזיק און דער פּאָליאַק קשאַטשעק — דער אויסלייזער. קשאַטשעק און קאַזיק האָבן אונדז צו וויסן געטאָן, אַז מאָרגן אין דער



מאַקעט פונעם ייק״אָ־שטאַב אויף מילע 18
(רעסטאַוורירט לויטן זכרון דורך טוביה באָזשיקאָווסקי)

פרי וועט מען קומען און אונדז אַרויסנעמען פון קאַנאַל. מיר האָבן זיי דערציילט, אַז צוויי פון אונדזערע זיינען אַוועק ברענגען די איבעריקע חברים פון געטאָ און מע ווייסט ניט ווען זיי וועלן צוריק קומען און ביז זייער אומקער — רירן מיר זיך ניט פון אָרט. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז נאָך אונדזער פאַרלאָזן די קאַנאַלן וועט מען מער ניט קאָנען אַרויס־נעמען פון דאַנען קיין מענטש, היות די דייטשן זיינען עלול צו אַנט־פלעקן דעם אַרויסגאַנג און וועלן אים שוין גוט אָפּהיטן.

זיינען מיר ווייטער געזעסן לעבן דער עפענונג. פון אויבן האָט געשטראָמט דאָס לעבן פון גאַס אין דער רוישיקער שטאָט, ווי געוויינלעך. דורך די שמאָלע שפּאַרעס פון דעקל זיינען צו אונדז אַריין געדרונגען עטלעכע זונענשטראַלן, וואָס מיר האָבן שוין פון לאַנג ניט געזען, און מיר האָבן זיך צוגעהערט צום טומל פון דער גאַס, צום רודערן פון די דראָשקעס, צום רעש פון די טראַמווייען, צו דעם פּאַרקער פון די פּוסגייער. דאָס אַרישע וואַרשע האָט ניט געוווּסט אַז דאָ, אונטער דער ערד, הויערן צענדליקער יידן. טייל מאָל האָט זיך אונדז געדוכט, אַז מענטשן גייען פאַרביי און שטעלן זיך אָפּ לעבן אַריינגאַנג פון קאַנאַל, און מיר האָבן געציטערט: צי האָבן זיי פאַרנומען דאָס שאָרכן פון אונטער דער ערד און זיי הערן זיך איצט איין? אָט דערגייט צו מיר דער געטומל פון פּוילישע קינדער, וואָס שפּילן זיך אין גאַס און שרייען פאַר פרייד. איך ווייס ניט צי ס׳איז געווען אַ צופאַל, אַז איינער פון די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט, איז אָנגערופן געוואָרן "מאָניעק", גלייך ס׳וואָלט זיין אַ שפּאָט־נאָמען פון משה. מיר האָבן געפילט די וועלט פון דער נאָענט, מיר זיינען כלומערשט געשטאַנען אויף דער שוועל פון באַפרייאונג. דאָס האַרץ אָבער האָט ניט געיובלט. דאָס דאָזיקע זיצן אין וואַסער האָט גלייכצייטיק דערשלאָגן דעם גוף און די נשמה.

אין דער פרי זיינען די שליחים, שלאַמעק שוסטער און יורעק, צוריק געקומען פון געטאָ און אויף זייער פּנים איז איינגעקריצט אַ גרויסע

גייסטיקע פּיין. זיי האָבן דערציילט: נאָענט פון געטאָ האָט מען פאַר־שטאָפּט די קאַנאַלן און ניטאָ מער קיין דורכגאַנג. ווייזט אויס, אַז די דייטשן האָבן געפילט אַ באַוועגונג בעתן אַרויסגיין און פאַרחתמעט די קאַנאַלן וואָס פירן פון געטאָ, ניט אַריין און ניט אַרויס. האָבן זיי אַרום געבלאָנדזשעט אין די קאַנאַלן, געזוכט אַנדערע וועגן, נאָר אומעטום איז דער דורכגאַנג געווען פאַרלייגט. זיי זיינען אַרום געלאָפן ווי חסר־דעה און זיך ניט געקאָנט קיין אָרט געפינען פאַר צער.

מיר שטופּן זיך צונויף לעבן אַן עפענונג, אויף אַ שטיקל פלאַץ פון קאַנאַל וואָס איז ניט אַזוי נאַס. אַ טייל זוכט זיך אויס אַן אָרט אין דער נאָענט פון אַ צווייטן אַרויסגאַנג אויף וועלכן ס'איז טרוקענער צו זיצן. די שעהען לויפן. אַ פּיינפול וואַרטן. אָט דערטראָגן זיך דייטשע קולות פון דער גאַס. אין משך פון אַ האַלבער שעה שטייען זיי אין דער נאָענט און שמועסן צווישן זיך; ווער ווייסט צי האָבן זיי ניט אַנטפּלעקט אונדזער באַהעלטעניש? דער נידערגעשלאָגענער גייסט טוט תפילה, אַז ס'זאָל שוין קומען דער סוף און אַן עק זאָל עס נעמען. די פיזישע און גייסטיקע כוחות לאָזן זיך לחלוטין אויס.

און פּלוצעם — 10 אַ זייגער אין דער פרי איז עס געווען — איז אויס־געבראָכן אַ רעש אין גאַס, ממש איבער אונדזער קאָפּ, און גלייך נאָך דעם איז דער קאַנאַל פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ ליכט, וואָס מיר האָבן אַזאַ שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען. פון דרויסן האָט מען אויפגעהויבן דאָס דעקל און דער טאָג האָט ממש אַריין געפלייצט אינעווייניק. אַ רגע זיינען מיר געווען זיכער, אַז די דייטשן האָבן אַנטפּלעקט אונדזער באַהעלטעניש, און אינסטינקטיוו האָט זיך יעדער צוריק געצויגן אין דער טיפעניש פון קאַנאַל. נאָר אין גיכן אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען אונדזערע חברים, וואָס זיינען געקומען אונדז אַרויסנעמען פון דאַנען. געררירטע האָבן זיי גערופן "גיכער, גיכער!" און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן די קלעטערנדיקע חברים. לעבן דער עפענונג איז געשטאַנען אַ לאַסט־אויטאָ. אין געציילטע מינוטן איז די מאַשין

געוואָרן פול. אַ פערציק מאַן זיינען אין איר אַריין. דער אויטאָ האָט זיך גלייך געלאָזט אין וועג אַריין. אַ צווייטע מאַשין, אַזוי האָט מען אונדז געזאָגט, האָט געזאָלט קומען נעמען די רעשט.

איצט, ווען מיר האָבן איינער דעם צווייטן דערזען ביים טאָג־ליכט — פאַרברודיקטע, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, די פּנימער אויסגעמאָגערטע, פון וועלכע עס קוקט אַראָפּ די פּיין, די קני ציטערנדיקע פאַר שוואַכקייט — האָט אונדז אַרום גענומען אַ קאָשמאַרנע שרעק. מיר האָבן אָנגעוואָרן כמעט יעדן מענטשלעכן אויסזען. נאָר די ברענענדיקע, פלאַמענדיקע אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז מיר זיינען לעבעדיקע מענטשן. מיר האָבן זיך אויסגעשטרעקט אויפן דעק פון דער מאַשין, מע זאָל אונדז ניט באַמערקן, יעדער איינער מיט זיין געווער, און אַזוי איז דער לאַסט־אויטאָ אַרויסגעפאָרן באַלאָדן מיט די באַוואָפנטע יידישע קעמפער און אַריין אין אַרישן וואַרשע.

דאָס איז געשען דעם 10־טן מאַי 1943.

דער פּאָליאַק קשאַטשעק, אונדזער פאַרבינדעטער, איז געזעסן לעבן שאָפער און האָט אים געוויזן דעם וועג. אינעם לאַסט־אויטאָ איז געשטאַנען קאַזיק מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, יעדער זאָל אים זען, און מיר וואָס ליגן אונטן, האָבן אַרויפגעקוקט צו אים און זיין אויסדרוק האָט באַרואיקט. מיר האָבן ניט געוווּסט ווּהין מען פאָרט און וועלכע גאַסן מיר זיינען פאַרביי. ניט גערעדט איינער מיטן צווייטן. פון אַלע זייטן אַרום האָט זיך געטראָגן דער גערויש פון דער גרויסער שטאָט, דער רעש פון טראַמווייען וואָס פאָרן פאַרביי און פון מאַסן מענטשן. אַ דערדריקטע בין איך געלעגן אינעם לאַסט־אויטאָ און די דאגה צוליבן גורל פון די איבערגעבליבענע אין געטאָ האָט ניט אָפּגעלאָזט. ווי אַ קאָשמאַר האָט געדריקט אויפן האַרצן די פראַגע: **ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען?**

נאָר אַ שעה זיינען מיר געפאָרן, אָבער ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די מינוטן דויערן יאָרן. פּלוצעם איז שטיל געגעבן געוואָרן אַ באַפעל:

״זײַט גרייט מיטן געווער, עס ווייזן זיך דײַטשן״, אָבער צו קיין צוזאַמענשטויס איז ניט געקומען. גאָר שווער זײַנען געווען די מינוטן פון דורכפאָרן איינע פון די בריקן איבער דער ווײַסל, ביים פאַרלאָזן פון צענטער שטאָט ביז צום פאָרשטאָט פּראַגע. לעבן יעדער בריק איז געשטאַנען אַ דײַטשער פּאָסטן און יעדן אויטאָ האָט מען גענוי אונטער־זוכט. אונדזער אויטאָ האָט געוואַנדערט פון גאַס צו גאַס און ווען דער שאָפער האָט באַמערקט, אַז לעבן דער בריק מאַכט מען אַ רעוויזיע, האָט ער זיך אומגעקערט און געזוכט אַ צווייטן אויסוועג. אַזוי עטלעכע מאָל געפּרוּווט ביז עס איז אים געלונגען דורכצופאָרן בשלום, אין סאַמע מיטן פון פאַרקער־טומל, און איז אָנגעקומען אין אַ וועלדל לעבן דאָרף לאָמיאַנקי, אַ 7 קילאָמעטער ווייט פון וואַרשע.

איידער איך וועל פאָרזעצן איז כדאי צו דערציילן, ווי אַזוי ס׳איז דורך די חברים פון דער אַרישער זײַט אָרגאַניזירט געוואָרן אונדזער אַרויס־נעמען. דעם רעטונגס־אַקט האָבן אויסגעפירט עטלעכע קעמפער, צווישן זיי אויך אַ פּאָליאַק. צוויי פון זיי זײַנען געשטאַנען בײַ בײדע עקן פון גאַס און מיט געווער אין האַנט ניט צוגעלאָזט מע זאָל אין איר אַרײַן פאָרן. אַנדערע צוויי, צווישן זיי דער פּאָליאַק, האָבן אויפגעלאָדן די מענטשן אויפן לאַסט־אויטאָ. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, וואָס איז צופעליק דאָרטן אַרײַן, איז געוואָרנט געוואָרן דורך איינעם פון די קעמפער: ״שווײַג, אויב ניט הרגעט מען דיך!״ און יענער האָט געפאָלגט דעם באַפעל. אין די פריע שעהען פון יענעם טאָג האָט קשאַטשעק טעלעפאָניש זיך געוואָנדן צו אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, זיי זאָלן אַרויסשיקן צוויי לאַסט־אויטאָס אויף דער פּראָסטע גאַס, כדי פון דאָרט אַריבער צו פירן אַ גרויסן טראַנספּאָרט מיט האָלץ־שיך. ווען די מאַשינען זײַנען אָנגעקומען אויפן אָרט און אַלץ איז געווען גרייט, זײַנען אונדזערע חברים צוגעגאַנגען צו די שאָפערס און זיי געמאָלדן: ניט קיין האָלץ־שיך זײַנען עס, נאָר קעמפער וואָס מע מוז אַרויסנעמען פון די קאַנאַלן און זיי אַרויספירן פון וואַרשע. די רעוואָלווערס האָבן

געטאָן דאָס זייעריקע. ניט האָבנדיק קיין ברירה האָבן זיי געפאָלגט און דער ערשטער לאַסט־אויטאָ האָט אונדז אַרויס געפירט אויסער דער שטאָט.

די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען געפאָרן האָט ניט אויפגעהערט די דאגה פאַרן גורל פון די געבליבענע אין קאַנאַל. יענע זיינען געווען ווייט פון אַרויסגאַנג און ביז מע האָט זיי גערופן האָבן שוין די חברים מער ניט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם פאַרקער אין גאַס. ס'איז ניט געווען קיין ספק, אַז עמעצער וועט אַלאַרמירן די דייטשן. מע האָט נאָך באַוויזן זיי איבערצוגעבן: "וואַרט צו געדולדיק. מירן קומען אייך אַרויסנעמען." אָבער ווייזט אויס אַז זיי האָבן מער ניט געקאָנט וואַרטן און זיינען אויף אייגענעם באַראָט אַרויס ניט וויסנדיק, אַז די גאַנצע סביבה איז דערוויייל אַרום געשטעלט געוואָרן מיט אָן אַ שיעור דייטשן, וואָס האָבן שוין געוווּסט וועגן פריערדיקן אַנטלויפן. אַ פּוילישע פרוי האָט זיי אויסגעגעבן. ס'איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף פנים־אל־פנים צווישן דעם ביסל הונגעריקע און אָפּגעשוואַכטע קעמפער און די דייטשע זעלנער. די פּוילישע באַפעלקערונג איז דערשטוינט געוואָרן און געווען פול מיט אָפּשיי פאַרן דאָזיקן בינטל מיידלעך און בחורים, וואָס האָבן געוואַגט אַריין צו רייסן זיך אין דער אַרישער זייט און זיך שלאָגן מיט געווער אין האַנט. אַ סך לעגענדעס האָט מען אויסגעשפּינט אַרום דער דאָזיקער גרויזאַמער שלאַכט אין וועלכע אַלע האָבן געפונען זייער טויט.

עטלעכע שעה נאָך דעם האָבן אונדזערע מענטשן פון דער אַרישער זייט זיך דערוווּסט, אַז ניט אַלע זיינען אומגעקומען אויף די וואַרשעווער גאַסן. איין גרופּע איז געבליבן אין די קאַנאַלן און מן־הסתם זיך צוריק געקערט אין חרובן געטאָ.

מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ערשט ביים דערנענטערן זיך צום וועלדל זיינען אונדז אַנטקעגן געקומען מענטשן און האָבן אונדז אַרום געכאַפּט קושן. דאָס איז געווען אַ טייל קעמפער וואָס איז אַרויס פונעם טעבענס־שולץ־געטאָ. אויך זיי זיינען אויפן זעלבן אופן געראַטעוועט

געוואָרן און מע האָט זיי מיט צען טעג פריער געהאַט אַהער געבראַכט. זיי האָבן אונדז שוין מספּיד געווען, געווען זיכער אַז מיר זיינען אומגעקומען און אַז זיי זיינען די לעצטע. מיר זיינען געווען פון זיי אָפּגעשניטן, איין געטאָ פון צווייטן. צווישן אונדז האָבן פונאַנדערגעטיילט ליידיקע גאַסן און מויערן שטרענג אָפּגעהיטע דורך דייטשע פּאָסטנס. מיר האָבן געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט זיי אין אָנהייב פון אויפשטאַנד נאָר ניט באַוויזן.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין מענטשלעכן אויסזען אין אונדזערע שמאַטעס און איינגעריכטע פּנימער, וואָס מיר האָבן נאָך ניט געהאַט אַרום געוואַשן, און זיי האָבן אונדז ניט דערקענט. מען האָט תיכף דערלאַנגט אַ גלאָז וואַרעמע מילך און מיר האָבן געטרונקען די מילך נאָך לאַנגע טעג פון הונגער און דורשט. אַלץ האָט אויסגעזען אויסטערליש. ס'האָט געשווינדלט אין קאָפּ פון דעם געשעענעם, דאָס האַרץ איז צערודערט. אַרום אונדז — אַ גרין וועלדל, אַ שיינער פרילינג־טאָג. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר ניט געוווּסט פון דעם וואַלד־ריח, פון פרילינג און זון. אין די טיפענישן פון האַרצן האָט זיך עפּעס גערירט. אַלץ וואָס ס'איז געווען פאַרשפּאַרט אין פאַרשטיינערטן האַרץ האָט אויפגעטייעט און איך האָב אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין. ניט איין מאָל האָט זיך דאָרט געוואָלט וויינען, אַ ביסל אָפּלאָדן פון זיך דעם עול וואָס דריקט, ס'זאָל גרינגער ווערן אויף דער נשמה, אָבער דאָס האַרץ איז געווען פאַרשטיינערט. מע האָט ניט געטאָרט וויינען. מע האָט זיך געשעמט צו וויינען. איצט אָבער האָט מען אַלץ פון זיך אָפּגעלאָדן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַ נייער טרויער פאַרקלעמט אונדזער האַרץ. ווי מיר זיצן אַזוי צערודערטע און שמועסן און דערציילן און ריידן זיך אַראָפּ פון האַרץ, האָט זיך יהודה וועגראָוער אויסגעשטרעקט אויף דער ערד. ער איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון די גאַזן, אַז מיר האָבן אים געמוזט אַראָפּטראָגן פון אויטאָ אויף די הענט.

ער האָט גענומען אויסגיין. שפּעטער מיט עטלעכע מינוט האָבן זיך זיינע אויגן פאַרמאַכט אויף אייביק.

שעהען זיינען מיר געזעסן און געשוויגן. דאָס אומגליק האָט געמאַכט אַ לאָך אין האַרץ. צו לעצט איז אַ מוטיקער חבר אויפגעשטאַנען, איבער־געריסן די שטילקייט און האָט אָנגעהויבן גראָבן אַ קבר.

ביינאַכט זיינען מיר אַלע געזעסן אַרום אַ פייער־שייטער, וואָס האָט געברענט אין אַן אויסגעגראָבענעם גרוב, און אין האַרץ איז געווען אַ געפיל כאילו מיר וואָלטן זיין די לעצטע פון פאָלק. מיר האָבן ניט געוווסט וואָס עס טוט זיך אין אַלע עקן פון פוילן, אָבער געפילט אַז דער צאָרן האָט זיך אויסגעלאָזט אויפן גאַנצן פאָלק און אַז מיר זיינען צווישן די לעצטע וואָס זיינען איבערגעבליבן, האָלעוועשקעס וואָס האַלטן ביים אויסגיין. די צוקונפט איז געווען פאַרנעפּלט. און מיר, די אָפּגעראַטעוועטע — איבעריקע, איינזאַמע, פאַרלאָזטע פון גאָט און פון פאָלק — וואָס נאָך האָבן מיר געזאָלט טאָן און מיר האָבן ניט געטאָן?

זיינען מיר געלעגן אויף דער ערד און ס'איז שווער געווען איינצו־שלאָפן. מע האָט געטראַכט וועגן די סודות פון וועלט און באַשאַף, וועגן פאָלקסמאָרד, געשטאַלטן פון טייערע חברים וואָס זיינען געפאַלן, וועגן לעצטן בונד צווישן די קעמפער — אַ בינטל זכרונות וואָס וואַלגערן זיך אין טליענדיקן אַש פון אָפּגעברענטן גייסט. דאָס האַרץ האָט זיך געפרעגט, געוואָלט וויסן — און ניט באַקומען קיין ענטפער.

אין וועלדל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט חברים וועלכע זיינען פאַר אונדז אַרויס פון געטאָ, צווישן זיי שלום גראַיעק, פון די אַקטיוויסטן פון פועלי־ציון צ.ס. און אליעזר געלער פון גורדוניה, וואָס זיינען געקומען פון טעבענס־שולץ־געטאָ.

מיר זיינען געבליבן איניינעם, אַ גרופּע פון אַכציק קעמפער. צווישן אונדז אויך טאָסיאַ אַלטמאַן. אין דער צייט, ווען איר האָט מיך מיט טאָסיען מספּיד געווען, האָט נאָך טאָסיאַ געלעבט.

עטלעכע צענדליק בחורים און מיידלעך, אַרויסגעשיקטע דורך די קאַנאַלן, האָבן אַ צייטווייליק באַהעלטעניש געפונען אויף די פעלדער פון טשערניאַקאָוו, ביז אונדזערע מענטשן האָבן זיי צו לעצט צונויפּגענומען און זיי איינקוואַרטירט אין אַ צעלולאָיד־פאַבריק אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע. ס׳איז געווען אַ גוט באַהעלטעניש. נאָך דעם ווי די פּוילישע בעלי־בתים האָבן פון אונדז געקראָגן אַ גוטע אַנטשעדיקונג, האָבן זיי אָפּגעזאָגט זייער ביסל אַרבעטער און די אַרבעט אָפּגעשטעלט. די ליידיקע פאַבריק איז איצט געשטאַנען אין אונדזער רשות און אַ באַגלייבטער פּוילישער סטרוזש האָט זי געהיט און דעם אָפּגעזונדערטן הויף. דער סטרוזש האָט אויך געזאָרגט פאַר זייער שפּייז און זיכערקייט.

אין איינעם אַ טאָג זיינען געקומען אַהין טאָסיאַ אַלטמאַן און אליעזר געלער, כדי צו באַזוכן די חברים וואָס באַהאַלטן זיך דאָרטן אויס. דער שלימזל האָט געוואָלט אַז בשעת אַלע זיינען געזעסן אין מאַגאַזין פון צעלולאָיד, וואָס האָט זיך געפונען אויפן בוידעם, האָט איינער פון די קעמפער אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס און אַוועקגעוואָרפן דאָס ברענענדיקע שוועבעלע. אין אַ מינוט אַרום איז די פאַבריק געשטאַנען אין פלאַמען. איינגעהילטע פון רויך און פייער האָבן די חברים געפּרוווט אַנטלויפן דורכן דאַך.

פייערלעשער, די פּוילישע פּאָליציי און פאַרביי גייער האָבן אַרום גערינגלט דעם פּונקט. צוויי חברים איז געלונגען צו אַנטלויפן: מאיר שוואַרץ, אַ בונדיסט, אַ קעמפער פון די טעבענס־שולץ־שאָפּן און אליעזר געלער. מאירן האָט אַ פּוילישע פרוי אויסבאַהאַלטן אין אַ קליידער־שאַפע. די פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן ניט בדעה געהאַט דאָרט צו זוכן, אָבער נאָך זייער אַוועקגיין, ווען די פרוי האָט געעפנט די שאַפע, איז מאיר פון איר אַרויסגעפאַלן. ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. געלער — אָפּגעבריט אויפן פּנים און הענט, איז מיט די אייגענע כוחות דערגאַנגען צו זיין געדונגענער **דירה**. טאָסיען און מיט

איר נאָך אַ חברטע, איר נאָמען איז געווען שפרה, האָט די פּאָליציי געכאַפּט און איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן, וואָס האָבן זיי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. נאָך טעג פון פּייניקונג זיינען די צוויי חברטעס געשטאָרבן פון זייערע וווּנדן.

די שרפה איז געווען דעם 24־טן מאַי, צוויי וואָכן נאָך דעם ווי מיר זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון ברענענדיקן געטאָ.

ביטער איז געווען אונדזער גורל אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע נאָכן ראַטעווען זיך פון געטאָ, פון אויפשטאַנד וואָס איז דערשטיקט געוואָרן.

מיר זיינען געווען צענדליקער חברים אין וועלדל לעבן וואַרשע. אויסער אונדזערע חברים, וואָס זיינען געווען טעטיק אויף דער אַרישער זייט, האָט פאַר אונדז געטריי געדאגהט אַ פּוילישער פּויער, וועמען מיר האָבן גערופן "כלאָפּ" און זיין נאָמען איז געווען בראָניסלאַוו קאַישטשאַק. ער איז געווען אַ פּשוטער זעלנער אין דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ אָבער ער האָט פון אייגענעם ווילן אונדז געהאָלפן. דורך זיין ברודער, דעם דאָרף־עלטסטן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז פּויערים ריידן צווישן זיך וועגן יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אַרום דאָרף, און וועגן אַ פאַרשטייענדיקער דייטשער אָבלאַווע. מע האָט דעריבער געמוזט וואָס גיכער פונאַנדערנעמען אונדזער צייטווייליקע באַזע אין וועלדל.

ווען דער קאָמאַנדיר פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָט זיך דערוווּסט וועגן רעטונגס־אַקט און וועגן אונדזער אויסבאַהאַלטן זיך ערגעץ ווו ביי וואַרשע, האָט ער פון אונדז געפאָדערט אַריבער צו גיין אין ווייטן וואָלין, אַ מרחק פון הונדערטער קילאָמעטער פון וואַרשע. ער האָט ניט פאַר אונדז קיין געוועט — האָט ער געזאָגט. ס'איז ניט געווען קיין ספק, אַז די דאָזיקע פאָדערונג באַדייט אַ טויט־אורטייל פאַר די יידישע קעמפער. אין וואָלין איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ בלוטיקער קאַמף צווישן פאַרטיזאַנער און פּוילישע פּויערים מיט די פאַשיסטישע אוקראַיִנער אונטערשטיצטע דורך די דייטשן. ווען מיר גייען לויט זיין

באַפעל, וואָלטן מיר געפונען אונדזער טויט אויפן וועג קיין וואָלין און אין בעסטן פאַל — אין די וואָלינער וועלדער דורך די פּאָליאַקן, אוקראַיִנער צי דייטשן.

פּרוּוון וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויסצובאַהאַלטן קעמפער אין דער שטאָט וואַרשע צי אין נאָענטע דערפער האָבן זיך געענדיקט מיט אומגליקן. געוועזן פאַלן ווען קעמפער זיינען באַרויבט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן וואָס "באַהאַלטן" זיי אויס און נאָכהער זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן. כדי פונאַנדערצונעמען אונדזער באַזע אין לאָמיאַנקער וועלדל האָט מען געדאַרפט צייט. מע האָט געמוזט אויס־פּרוּוון די באַגלייבטקייט פון די פּאָליאַקן, באַקענען זיך מיט די באַהעלטענישן, מיט די באַדינגונגען. די ערד פון לאָמיאַנקי האָט געברענט אונטער אונדזערע פיס. יעדן טאָג קאָן פּאַסירן אַן אומגליק. די אַרמיאַ לודאָוואַ האָט טאַקע אויפגעפאָדערט צו אַ טאָטאַלער מלחמה מיט די דייטשן, אָבער איר פּאַרטיזאַנקע איז געווען שוואַך און באַגרענעצט, און ניט זוכה געווען צו אַ גרויסער אונטערשטיצונג מצד דעם פּוילישן פאָלק. בלית־ברירה אָבער האָבן מיר אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון די פאָרשטייער פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ אַריבער צו פירן ס׳רוב קעמפער אין דער סביבה פון טייך בוג. זיי האָבן אונדז אויך געגעבן די ביקסן, וואָס אונדזערע חברים האָבן ניט באַוויזן אַריין צו שמוגלען אין געטאָ בשעתן אויפשטאַנד. אין די דערפער האָבן זיי געהאַט באַגלייבטע מענטשן, פּוילישע קאָמוניסטן. אין דער סביבה פון בוג האָבן זיך אויך אַרום געדרייט סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דייטשן פלען. און די אַרמיאַ לודאָוואַ האָט בדעה געהאַט אויפצושטעלן אויףביידע זייטן טייך אַ שטאַרקע קאַמף־באַזע.

אויך אין דער נייער פּאַרטיזאַנישער באַזע האָט ניט אָפּגעגליקט אונדזערע חברים. די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָבן זיך געטשעפּעט און אויך געהרגעט ס׳רוב פון אונדזערע חברים.

טייל זיינען געפאַלן אין צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן און מיט דער פּוילישער פּאָליציי. איינע פון די גרופּן האָט זיך אומגעקערט קיין לאָמיאַנקי, צום געטרייען פּוילישן פריינד בראָניסלאַוו קאַישטשאַק, אָבער אַ פּוילישע פּויערטע צי אפשר אַ פאָלקס־דייטשקע האָט זיי אויסגעגעבן צו די דייטשן, וואָס האָבן זיי אומגעבראַכט.

נאָר איינצעלנע פון אונדזערע חברים־קעמפער זיינען זוכה געווען זיך איינצוגלידערן אין אַ סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג און צו קעמפן ביז דער באַפרייאונג.

אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָכן און מאָנאַטן, האָבן מיר געזוכט פאַר זיי באַהעלטענישן אין וואַרשע און אין אירע פאָרשטעט. און טאַקע, מיר האָבן באַוויזן עטלעכע צענדליק קעמפער אַריבער צו פירן פון פיינטלעכן, אָפּגעפרעמדטן וואַלד און זיי איינצוקווארטירן אויף זיכערע ערטער.

אין דאָפּלטער קאָנספּיראַציע

נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד זיינען אין גאַנצן אָקופּירטן פּוילן איבערגעבליבן בלויז עטלעכע געטאָס ווי: בענדין, טשענסטאָכאָווו, ביאַליסטאָק. אויך זיינען געווען נאָך אַ סך אַרבעטס־און־קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן אין פּוילן, אין וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט הונדערטער טויזנטער יידן.

אַ ביסל פון אונדזער טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט און וועגן קאָנטאַקט מיט די געטאָס און לאַגערן איז אייך זיכער באַקאַנט פון די באַריכטן, וואָס מיר האָבן איבערגעשיקט דורך לאָנדאָן, ווי אויך פון דעם, וואָס עס האָבן אייך דערציילט די חברים, וועלכע זיינען פאַר מיר אָנגעקומען אין לאַנד.

די טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט איז געטאָן געוואָרן אין אַ דאָפּלטער קאָנספּיראַציע. אויך די פּוילישע אונטערערד האָט געאַרבעט אין שווערע באַדינגונגען, אָבער זי האָט הינטער זיך געהאַט די סימפּאַטיע פון דער מערהייט פון פּוילישן פאָלק, געהאַט די מעגלעכ־קייט צו געניסן פון פרייער באַוועגונג און פון פרייעם טראַנספּאָרט־פאַרקער, פון דרוקערייען, פון וואַפן־אַרסענאַלן און פון פאַרבינדונגען מיט דער דרויסנדיקער וועלט. די יידן דאַקעגן, וואָס האָבן אויסגעפירט זייערע אויפגאַבן אויף דער אַרישער זייט, זיינען געווען אויסגעשטעלט אָן אויפהער און אומעטום דער טויט־געפאַר, איזאָלירטע פון דער דרויסנדיקער וועלט געמוזט נאָך אויסבאַהאַלטן זייער יידישע אידענטיטעט פון זייערע פּוילישע שכנים.

אמת, די דייטשן האָבן געשונדן פאַסן אויך פון פּוילישן פאָלק. מאַסן פּאָליאַקן, צענדליקער טויזנטער, אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט און דערפער, זיינען אַרויס אין גאַס און מער ניט צוריק געקומען. זיי זיינען דערהרגעט געוואָרן אין טורמעס, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן

און מאַסנווייז פאַרשיקט געוואָרן אויף צוואַנג־אַרבעט אין דייטשלאַנד; זיינען געכאַפּט געוואָרן און מער זיך ניט אומגעקערט. דאָס איז געווען אַ נקמה־אַקט, אַ רעוואַנזש קעגן די פּאָליאַקן. אין יענער צייט האָבן אויך די פּאָליאַקן אָנגעהויבן זייער באַוואָפנטע טעטיקייט קעגן די דייטשן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

אין איינעם פון יענע טעג — איך האָב דעמאָלט געוווינט אויף לעשנאָ 27, אַ גאַס וואָס איז לכתחילה געווען אַ טייל פון געטאָ און נאָך דער אַקציע אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דער אַרישער זייט — האָב איך געזען געהאָנגענע פּאָליאַקן אויף די מויערן פון געוועזענעם געטאָ. פּופּציק מענטשן האָבן די דייטשן אויפגעהאַנגען. לאַנגע מאָנאַטן האָט מען זיי געהאַלטן ווי ערובניקעס אין דער פּאַוויאַק־טורמע און איצט — געלאָזט הענגען דריי טעג אויף די מויערן, אויף אָפּצושרעקן. לעבן זיי פלעגן זיך אויפקלייבן זייערע משפחה־מיטגלידער און טויזנטער פוילישע פאַרביי גייער.

אויף די יידן פון דער אַרישער זייט האָט געדראָט אַ דאָפּלטע סכנה: סיי ווי יידן און סיי ווי פּאָליאַקן. זיי האָבן געמוזט לעבן אין אַ דאָפּלטער קאָנספּיראַציע — זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן און זיך פאַרמאַס־קירן פאַר די פּאָליאַקן. אין אָט אַזעלכע באַדינגונגען געמוזט אַרום גיין און אַרבעטן, זוכן וווין־ערטער, שטיין אין קאָנטאַקט מיט די לאַגערן און מיט די געציילטע געטאָס, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבן.

די יידישע אונטערערד, די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, דער בונד, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיטן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין די ראַמען פון יידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט, און די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די פאַרטיי־אַקטיוויסטן זיינען געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט יידישע אינסטיטוציעס אויף דער וועלט. די פוילישע אונטערערד, יענע וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, האָט

אויף געהיימע וועגן אַריבער געפירט געלט און בריוו פון לאָנדאָן און קיין לאָנדאָן. דאָס געלט האָט מען גענוצט אויף צו קויפן געווער און אויך אויף צו געבן אַ פאַרצווייגטע הילף, כאָטש אַ באַשיידענע, די יידן וועלכע באַהאַלטן זיך אויס. מיר האָבן אָפּגעשאַצט, אַז אין וואַרשע און אומגעגנט געפינען זיך אַ צוואַנציק טויזנט יידן, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר אַריער אָדער באַהאַלטן זיך אויס אין פוילישע שטיבער. אַ צוועלף טויזנט פון זיי, וואָס נייטיקן זיך אין געלט־הילף, אין מעדיצינישער אויפזיכט, אין דירות און אין פאַלשע דאָקומענטן — האָבן צו אונדז געפונען דעם וועג און פון אונדז געמאָנט הילף. איניינעם מיט יידישע פאָרשטייער איז געשאַפן געוואָרן דער "ראַט פאַר יידישער הילף". אין ראַט האָבן אָנטייל גענומען פאָרשטייער פון סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע פוילישע פאַרטייען און פאָרשטייער פון דער פוילישער פויערים און פאָלקס־פאַרטיי. דער דאָזיקער ראַט איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער קאָנספּיראַטיווער פוילישער מאַכט.

געווען פּאָליאַקן, אמת — רעלאַטיוו ניט קיין סך, וואָס האָבן געוואָלט העלפן און האָבן אויך געהאָלפן פון גאַנצן האַרצן. איך ווייס וועגן פאַלן ווען פּאָליאַקן האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן אויף צו ראַטעווען יידן. און געווען צווישן אָט די חסידי אומות־העולם אויך אַזעלכע, וואָס האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייער לעבן. יענע זיינען געקומען פון די אַרבעטער־קרייזן, סימפּאַטיקער פון דער קאָמוניסטישער צי סאָציאַליסטישער אונטערערד און מענטשן — דעמאָקראַטן פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ און אויך קאַטאָליקן.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן פאַר געלט און געווען אַזעלכע, וואָס זייער מענטשלעך געוויסן האָט זיי ממש געשטעלט אין סכנה, זיי און זייערע משפחות. מיר האָבן באַדאַרפט, למשל, אַרויס־קריגן געבורט־צייגענישן פון געשטאָרבענע, וואָס זיינען ניט אויס־געמעקט געוואָרן פון "ספר החיים", און דאָס איז טייל מאָל געווען פאַרבונדן מיט געלט־סומעס. געווען אָבער אויך פאַלן ווען פּאָליאַקן

האָבן פאַרקויפט זייערע אייגענע מעטריקעס, געקראָגן פאַר זיך דובליקאַטן אויפן. אָרט פון די ״פאַרלאָרענע״. נאַכהער האָבן זיי אויפגעזוכט די נאַאיִווע קונים, אויסגעפּרעסט פון זיי נייע געלט־סומעס און דערצו נאָך זיי אויסגעגעבן אין די הענט פון דער מאַכט.

מיט דער צייט האָבן מיר געשאַפן לעבן שטאַב פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, אַ ביוראָ פאַר פעלשן דאָקומענטן. מיט דער הילף פון געטרייע פּאָליאַקן האָבן מיר זיך איינגעשאַפט ליידיקע פאָרמוליאַרן און זיי צוגעפּאַסט צו די פּרטים וואָס אין די מעטריקעס. ספּעציאַליסטן האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט פאַלשע שטעמפּלען פון שטאָט צי פון אַנדערע ווױן־ערטער, שטעמפּלען פון די פאַרשידענע דייטשע מאַכט־אָרגאַנען א.א. די דאָקומענטן זיינען ״אַרויסגעגעבן״ געוואָרן, ס׳רוב אין ישובים, וואָס געפינען זיך אין די מזרח־געביטן פון פּוילן און זיינען אָקופּירט דורך די דייטשן, מעבר די גרענעצן פון גענעראַל־גוווערנאַמענט. די געפעלשטע אַרבעטס־דאָקומענטן האָבן באַשטעטיקט אַז זייערע באַזיצער זיינען באַשעפטיקט אין לעבנסוויכטיקע אינסטיטוציעס פון וואַרשע. די דאָקומענטן האָבן געקאָנט העלפן אין אַ פלוצעמדיקער אָבלאַווע צי אין פאַל פון פאַרדאַכט — ביז דער מענטש איז געוואָרן אַרעסטירט און איינגע־געזעצט. יידן מיט אַ צווייפלהאַפטן אַרישן אויסזען זיינען פאָטאָ־גראַפירט געוואָרן דורך פּוילישע פאָטאָגראַפן, וואָס זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער אונטערערד.

אַן ענלעכע געהיימע ביוראָ — אָבער אין אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב — אויף צו פעלשן פאַרשידענע דאָקומענטן און צייגענישן איז געשאַפן געוואָרן ביים ״ראַט פאַר יידישער הילף״.

טאָג פאַר טאָג זיינען יידן געווען אַ קרבן פון שאַנטאַזשיסטן — ״שמאַלצאָווניקעס״, וואָס האָבן זיי אויסגעגעבן אין די הענט פון די פּוילישע געהיים־אַגענטן, דער גראַנאַטאָווער פּאָליציי און אַפילו אין די הענט פון די דייטשן. געווען פאַלן ווען די אויסבאַהאַלטער פלעגן אויס־

געבן זייערע יידישע אויסבאַהאַלטענע נאָך דעם ווי ס׳האָט זיך ביי די יידן אויסגעלאָזט דאָס געלט. די יידן, וועלכע די היצלס האָבן געכאַפּט, זיינען פאַרפּייניקט און געהרגעט געוואָרן אין הויף פון דער פּאַוויאַק־טורמע צי אין די חורבות פון געטאָ. נאָר זעלטן פלעגט זיך אונדז איינגעבן אויסצולייזן מיט גרויס געלט די פאַרהאַלטענע איידער די פּוילישע קאָלאַבאָראַנטן האָבן זיי אויסגעליפערט אין די הענט פון די דייטשן.

טראָץ די גיהינומדיקע באַדינגונגען, אין וועלכע מ׳פלעגט זיך מוזן אויס־באַהאַלטן, און די פיל קרבנות וואָס זיינען געפאַלן, האָבן אַ סך פון די צוואַנציק טויזנט געבליבענע יידן אויסגעהאַלטן, אַרויסגעוויזן גרויס וויטאַליטעט און זייער ווילן צום לעבן האָט זיי געהאָלפן גובר זיין דעם פיזישן און גייסטיקן קלעם, די שווערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען און האָבן זוכה געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם אויסברוך פון פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, דעם 1־טן אויגוסט 1944.

אַ סך יידן זיינען געפאַלן אין די טעג פון אויפשטאַנד אויף די באַריקאַדן פון דער שטאָט דורך באָמבעס פון שונא און דורך פּוילישע אַנטיסעמיטן, פּשוטע בירגער און אויפשטענדלער אָן אונטערשיד, דער עיקר אין די צענטראַלע גאַסן פון שטאָט, וואָס זיינען אין משך פון צוויי מאָנאַטן געשטאַנען כמעט אין גאַנצן אונטער דער שליטה פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ.

איך האָב שוין דערציילט וועגן די דורכפאַלן, וואָס מיר האָבן געהאַט ביים איינאָרדענען יידישע קעמפער אין וואַרשע און אומגעגנט, אָבער נאָך שווערער איז געווען אונדזער לאַגע אין וואַלד. די פיל קרבנות, דאָס פאַרניכטן איינע פון אונדזערע אָפּטיילונגען דורך די זעלנער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ, די רעלאַטיווע שוואַכקייט פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ און די פיינטלעכע באַציאונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג — דאָס אַלץ האָט אונדז באַוויגן אַרויסצונעמען די קעמפער פון וואַלד און זיי איבערפירן קיין וואַרשע וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך. די פאַרבינדלערינס

האָבן זיך אָנגעשטרענגט און שווער געאַרבעט ביז זיי האָבן געקראָגן די אויפהאַלט־פּלעצער אין שטאָט גופא און אין די פאָרשטעט.
די גאַנצע צייט ביזן אויסברוך פון פּוילישן אויפשטאַנד האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די קעמפער און געזאָרגט פאַר אַלע זייערע באַדערפעניש. ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן איז אָט דער קאָנטאַקט איבערגעריסן געוואָרן און נאָר יענע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער וואַרשעווער אַלטשטאָט און אין איר סביבה, זיינען צונויפגענומען געוואָרן אין אַ קעמפערישע גרופּע, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די אויפשטענדלער ווי די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.
סוף יולי האָבן מיר געהערט פון דער ווייטנס דעם טעמפּן דונער פון די סאָוויעטישע האַרמאַטן. די רויטע אַרמיי איז צוגעקומען ביז צו די מויערן פון וואַרשע און די דייטשן זיינען אין בהלה אָפּגעטראָטן ביז צו דער ווייסל־ליניע. לאַנגע קאַראַוואַנען פון דייטשע פּליטים — ציווילע, רעגירונג־באַאַמטע און איבערגעשראָקענע זעלנער זיינען אַנטלאָפן אין פויערישע וועגענער געשלעפּטע פון מידע פערד. דייטשע זעלנער, ווייזט אויס, פאָלקס־דייטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען פויליש, האָבן דעזערטירט פון זייערע איינהייטן. פּוילישע יונגעלייט זיינען באַפאַלן איינצעלנע זעלנער און ביי זיי אָפּגענומען דאָס געווער.
די פּוילישע אונטערערד איז אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. יוגנטלעכע האָבן פאַרשפּרייט בפרהסיה די אומלעגאַלע צייטונגען. דאָס פאָלק האָט געוואַרט אויף דער שעה פון באַפרייאונג וואָס דערנענטערט זיך. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, דעם 1־טן אויגוסט 1944.

אין פוילישן אויפשטאַנד

דער הויפט־קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד איז געווען דער גענעראַל בור־קאָמאָראָווסקי, דער אָנפירער פון דער אַרמיאַ קראַיאָווא, און דער באַפעל צום אויפשטאַנד איז געגעבן געוואָרן דורך דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן.

שוין אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד איז אונדז קלאָר געוואָרן אַז זיין ציל איז אַ דאָפּלטער: אַ באַוואָפנטער מיליטערישער אויפשטאַנד קעגן די דייטשן און אַ פּאָליטישער אויפשטאַנד קעגן די סאָוויעטן. ס׳קאָן אויך זיין אַז יענע, וואָס האָבן פּלאַנירט דעם אויפשטאַנד, זיינען גיכער געווען אויסן דעם ראַטן־פאַרבאַנד וואָס פון זיין זייט, דער עיקר, האָט איצט געדראָט אַ סכנה פאַר פוילנס זעלבשטענדיקייט.

די פוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָט געמיינט, אַז עס וועט זיין לטובת פוילן צו מאַכן אַן אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקן אין וואַרשע בשעת די דייטשן טרעטן אָפּ און די סאָוויעטן דערנענטערן זיך צו דער שטאָט. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער שונא פון מזרח זאָל, ביים אַריין קומען אין שטאָט, געשטעלט ווערן פאַר אַ פאַקט: דער קיום פון אַ פוילישער אַרמיי און פוילישער רעגירונג, וואָס האָבן אַליין איינגענומען די שטאָט. מיר ווייסן ניט וואָס עס האָט גורם געווען און צי איז עס געווען אַ צופאַל צי ניט, אָבער אַ פאַקט איז, אַז די רויטע אַרמיי האָט זיך אומגעריכט צוריק געצויגן פון די וואַרשעווער מויערן און די דייטשן זיינען צו זיך געקומען און אָנגעהויבן דעם קעגן־אָנגריף.

מיר האָבן געוווּסט סאַראַ כאַראַקטער דער אויפשטאַנד טראָגט. דאָס האָבן אויך געוווּסט די אָנפירער פון דער פּ.פּ.ר און פון דער אַרמיאַ לודאָווא. פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן אויפשטאַנד. אין דער פרעסע האָבן זיי געשריבן אַז טראָצדעם, וואָס דער אויפשטאַנד טראָגט אַן אויסגעשפּראָכן פּאָליטישן כאַראַקטער, טאָרן זיי ניט שטיין

אָן אַ זייט, האָבן דאָך די קאָמוניסטן די גאַנצע צייט געמאָנט פון פאָלק צו בונטעווען זיך קעגן די דייטשן. אויך אונדזערע גרופעס האָבן געוווּסט וואָס ס׳איז דער פּאָליטישער אינהאַלט פון אויפשטאַנד. דאָס איז אָבער געווען אַ מלחמה מיט די דייטשן און אויך מיר, די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אויפשטאַנד ווי אָן אָרגאַניזירטע גרופּע און אויך פיל פון די אויסבאַהאַלטענע יידן האָבן געזוכט און געפונען אַ וועג ווי זיך אָנשליסן אָן די אויפשטענדלער, אַלס יחידים.

מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אָן אויפרוף צו די פאַרטיידיקער פון וואַרשעווער געטאָ און צו אַלע יידן וואָס זיינען לעבן געבליבן און אויפגעפאָדערט פאָרצוזעצן זייער באַוואָפנטן קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט. מיר האָבן דערמאָנט, אַז ס׳איז דורך אַ יאָר פון זינט מיר האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד אין די געטאָס און לאַגערן און זיינען אַרויס אין קאַמף פאַר אונדזער לעבן און פאַר אונדזער כבוד. מיר האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז הונדערטער יונגע יידן און קעמפער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע שטייען אין איין ריי מיט זייערע פוילישע חברים אויף די באַריקאַדן. מיר האָבן דערמוטיקט די יידישע יוגנט, וואָס איז געבליבן לעבן און איז קאַמף־פעאיק, פאָרצוזעצן דעם קאַמף.

מיר האָבן אונדזערע רייד אַזוי פאָרמולירט, אַז דער אויפרוף זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אויפרוף זיך אָנצושליסן צו אַ געוויסער באַצייכנטן קאַמף־כוח, סיי צוליב פּאָליטישע סיבות, סיי רעכענענדיק זיך מיט דער נייגונג פון די יידישע יוגנטלעכע. מיר האָבן געזאָגט: ״שליסט זיך אָן אין די רייען פון די אויפשטענדלער. דורך קאַמף — צום נצחון, צו אַ פרייען, זעלבשטענדיקן, שטאַרקן און גערעכטן פּוילן.״ דער אויפרוף איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע פון די אויפשטענדלער און אין אייניקע פון זיי אויף אַ בולטן אָרט. און טאַקע, פיל

יידן זיינען צוגעשטאַנען צום פּוילישן אויפשטאַנד מיט געווער אין האַנט, אויף ווי ווייט מען האָט זיי געלאָזט.
אַ גרויסע גרופּע פון אונדזערע חברים, מיטגלידער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך צונויפגעפּרעסט אין די ווױן־צימערן פון דער הויפּט־קאָמענדע אויף לעשנאָ גאַס 18 און אין שכנות. אַ טאָג נאָכן אויסברוך פון אויפשטאַנד, דעם 2־טן אויגוסט, האָבן מיר געשאַפן אַ קאָנטאַקט מיטן ראַיאָן־שטאַב פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ. מיר האָבן גלייך אַהין געשיקט שליחים און צו וויסן געטאָן וועגן אונדזער גרייט־קייט זיך צו באַטייליקן אין קאַמף קעגן די דייטשן. מען האָט אונדז אויפגענומען גלייכגילטיק און קאַלט. זיי וועלן נאָך טראַכטן, זיי וועלן נאָך קאָנטראָלירן, זיי וועלן זיך מיט אונדז פאַרבינדן.
דערווייל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ניט ווייט פון אונדז, אין דער אַלטשטאָט, קאָנצענטרירן זיך אָנזעעוודיקע כוחות פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ און אין שטאַב ביי זיי געפינען זיך מענטשן מיט וועלכע מיר זיינען געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג אין דער צייט פון אונטער־ערד, איידער דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן. אינעם שטאַב האָט מען אונדז אויפגענומען האַרציק און מיט אויסדריקלעכער סימפּאַטיע.
דעם זעלבן טאָג האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזער ווינונג און אַריבער געגאַנגען אין דער אַלטשטאָט. ניט פיל זיינען מיר געווען, אָבער אונדזער עצם אָנשליסן זיך האָט זיי צוגעגעבן אַ ביז גאָר וויכטיקן מאָראַלישן כוח, אונדז ווידער האָט עס דערמעגלעכט אויפצוטרעטן, ווי אַ קאָנסאָלידירטע גרופּע, וואָס טראָגט בולט דעם נאָמען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זייט ביי זייט מיט דער אַרמיאַ לודאָוואַ.
ווי אַ מיליטערישער כוח זיינען מיר ניט געווען קיין ערנסטער פאַקטאָר. אין גאַנצן צוויי און צוואַנציק מאַן. אמת, מיר האָבן מיט זיך געבראַכט אַ ביסל געווער: רעוואָלווערס און עטלעכע האַנט־גראַנאַטן. מענטשן אָבער און געווער האָבן די פּוילישע אויפשטענדלער ניט אויסגעפעלט. ס'איז וויכטיק געווען דער עצם פאַקט וואָס די יידישע קאַמף־

אָרגאַניזאַציע באַטייליקט זיך אויך אין אויפשטאַנד. די פּאָליאַקן פון דער אַלטשטאָט האָבן אונדז אויפגענומען פונקט ווי איר וואָלט אודאי אויפגענומען יידישע קעמפער, וואָס זיינען לעבן געבליבן נאָך אַ שחיטה. דער עיקר בין איך אויסן די אָנפירער, די מענטשן פון דער קאָמענדע, און געווען דאָרט אַ שיינע, ממש פּיאָנערישע גרופּע. זיי האָבן, למשל, געזאָגט אַז לויט זייער מיינונג, היות עס זיינען געבליבן בלויז עטלעכע צענדליק פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — איז ניט קיין יושר אַז זיי זאָלן פאַלן אין פּוילישן אויפשטאַנד. זייער פליכט איז צו טאָן אַלץ כדי מיר זאָלן בלייבן לעבן; וועלן אונדז צוטיילן אַזעלכע אויפגאַבן, ביי וועלכע עס דראָט ניט קיין דירעקטע לעבנס־געפאַר. מיר האָבן ניט אָנגענומען זייער פאָרשלאָג. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אויפשטאַנד כדי צו קעמפן און ניט כדי צו מאַכן אַן איינדרוק פון קעמפער. דער קבלת־פּנים אָבער פון זייער זייט האָט אונדז שטאַרק דערמוטיקט.

איך מוז דאָ זאָגן אַז אויך די ציווילע באַפעלקערונג האָט זיך צו אונדז באַצויגן מיט סימפּאַטיע. מיר האָבן ניט געפילט קיין אַנטיסעמיטיזם, אָבער צום באַדויערן איז אַזוי ניט געווען אין די אַנדערע טיילן פון דער צעפּאַלמעסטער שטאָט.

איך האָב שוין געזאָגט אַז די אַרמיאַ לודאָוואַ האָט מסכים געווען, אַז מיר זאָלן קעמפן ווי אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ווי אַ יידישע גרופּע האָבן מיר זיך אַריין געפּאַסט אין אַ גרעסערער איינהייט. ס'איז אויף אונדז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפ־גאַבע צו פאַרטיידיקן איינע פון די הויפּט־באַריקאַדן אויפן ראָג פון די ריבאַקי־מאָסטאָווע גאַסן, וואָס פאַרקירעוועט זיך צו דער ווייסל, קעגנ־איבער אַ פאַרפעסטיקטן דייטשן פּאָסטן.

עס זיינען געווען שווערע טעג. די אָנפירער פון אויפשטאַנד האָבן געמיינט, אַז ס'איז גענוג אויסצוהאַלטן עטלעכע טעג, דערווייל וועט די רויטע אַרמיי אַריין מאַרשירן אין וואַרשע. די סאָוויעטן אָבער זיינען

ניט אַריין, דער הילף פון זייערע האַרמאַטן איז פאַרשטומט געוואָרן און דער אויפשטאַנד האָט זיך פאַרצויגן אויף צוויי מאָנאַטן. דאָס געווער האָט ניט געסטייעט, ס׳איז ניט געווען גענוג שפּייז און ס׳איז ניט געקומען קיין הילף. דער אויפשטאַנד איז ניט געווען גענוג צוגעגרייט. די אויפשטענדלער האָבן ניט געקאָנט זיך האַלטן קעגן די אַעראָפּלאַנען, טאַנקן און האַרמאַטן פון דייטשן שונא.

די אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָט ניט געהאַט אָנגעזאָגט פון פאָרויס דער אַרמיאַ לודאָוואַ וועגן די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד, וואָס דאַרף יעדע מינוט אויסברעכן. ניט אומעטום אין גרויס וואַרשע האָט מען געוווּסט וואָס צו טאָן, ווייל די באַפעלן זיינען צו זיי ניט דערגאַנגען. און ווען די אָנפירער פון אויפשטאַנד האָבן זיך געוואָנדן נאָך הילף, האָבן זיי די ווענדונג געשיקט צו רוזוועלטן און צו טשערטשילן אָבער ניט צו סטאַלינען. און ס׳איז דאָך באַוווּסט וואָס זייער הילף האָט שוין געקאָנט זיין...

מע מוז אָבער זאָגן, אַז די פּוילישע יוגנט האָט שיין געקעמפט, מיט מוט און מיט מסירות־נפש, און זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן קעגן מעכטיקן דייטשן כוח. אַ ווונדערלעכער פּרק אין דעם דאָזיקן אויפשטאַנד איז די שלאַכט אַרום ״סטאַרע מיאַסטאָ״ — דער אַלטשטאָט. דער באַריקאַדן־קאַמף, וואָס איז דאָ געפירט געוואָרן, האָט פאַרשאַפט שוועריקייטן דעם דייטשן אָקופּאַנט און איז געווען גינציק פאַר די פאַרטיידיקער צוליב די שמאָלע געסלעך וואָס געפינען זיך דאָרט. די דייטשן האָבן געמוזט איינעמען יעדן הייזער־בלאָק באַזונדער. און כאָטש זיי האָבן געהאַט אַעראָפּלאַנען און טאַנקן, האָבן זיי געמוזט אַריין גיין אין דעם קוואַרטל מיט פוסגייער און באַהערשן די באַריקאַדן אין אַ שווערן קאַמף. אַ חודש צייט האָט געדויערט די שלאַכט ביז מע האָט שוין ניט געקאָנט ווייטער קעמפן און געגעבן דעם באַפעל פון צוריק ציען. די פּוילישע אַרמיי האָט זיך פון אונדז געלערנט אָפּצוטרעטן און דאָס געטאָן דורך די קאַנאַלן. די אַרמיאַ קראַיאָוואַ אָבער האָט געהאַט אין

איר רשות די פּלענער פון די קאַנאַלן און אויך קאַנאַליזאַטאָרן — אַלס וועגוווייזער. אויך מיר זייענדיק דאָ האָבן אויפן זעלבן אופן צום צווייטן מאָל זיך צוריק געצויגן, דאָס מאָל — צום קוואַרטל זשאָליבאָזש.
דער אויפשטאַנד האָט אָנגעהאַלטן נאָך אַ חודש, ביז די דייטשן האָבן אים צו לעצט דערשטיקט. אין צווייטן מאָנאַט האָבן די סאָוויעטן, וואָס זיינען דערווייל צוגעקומען צו דער ווייסל־ליניע און איינגענומען פּראַגע, אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן געווער און שפּייז דורך פּאַראַשוטן, אָבער דאָס האָט ניט געקאָנט ענדערן דעם מצב אויפן קאַמף־פעלד, קעגן אַעראָפּלאַנען, טאַנקן און פּוסגייער וואָס האָבן אָן אויפהער אָנגעגריפן.
אין זייער מלחמה אויף צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד האָבן די דייטשן סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק חרוב געמאַכט גרויסע טיילן פון וואַרשע, הויז נאָך הויז, דורך באָמבאַרדירן זיי טאָג און נאַכט. די שטאָט איז אַ גרויסע און מע מוז האָבן צייט זי צו פאַרניכטן. די דייטשן האָבן אויך אויסגענוצט דעם אויפשטאַנד פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צילן. זיי האָבן געזאָגט צו די פּאָליאַקן: אָט זעט נאָר וואָס איר טוט זיך אַליין אָן. ווער קומט אייך צו הילף? ניט די ענגלענדער, ניט די אַמעריקאַנער און ניט די סאָוויעטן. די לעצטע זיינען נאָענט און דאָך העלפן זיי אייך ניט. דער נאַטירלעכער אויסוועג איז זיך אָנצושליסן אָן אונדז און קעמפן אויף אונדזער זייט.
אונדזער גרופּע — אייניקע פון די חברים זיינען דערהרגעט, אַנדערע פאַרוווּנדעט געוואָרן. די פּוילישע אַרמיי האָט זיך אונטערגעגעבן און די מיטגלידער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָבן זיך געלאָזט נעמען אין געפאַנגענשאַפט, נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעבן דאָס געווער. די מיט־גלידער פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ זיינען ניט געגאַנגען אין פּלען, וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט זיי אַלס קאָמוניסטן. זיי האָבן זיך אויסגע־מישט צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג און נעלם געוואָרן. מיר אָבער, די יידישע קעמפער, האָבן ניט געקאָנט האַנדלען ווי זיי. געווען

צווישן אונדז מענטשן מיט אַן עכטן יידישן אויסזען. מיר האָבן דערפאַר ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אויף צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי די פוילישע אַרמיי אין וואַרשע האָט זיך אונטערגעגעבן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַרויסצופירן פון דער הויפּטשטאָט די גאַנצע פוילישע באַפעלקערונג. די שטאָט איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן. ניט געווען ניט קיין וואַסער און ניט קיין שפּייז. נאָך דעם ווי מיר האָבן אין משך פון שעהען אַרום געשפּאַנט אויף דער ווייסל־ליניע, האָט מאַרעק עדעלמאַן זיך דערוווּסט וועגן אַ גוט פאַרמאַסקירטן קעלער און דאָרט האָבן מיר געפונען אַ באַהעלטעניש גאַנצע זעקס וואָכן. אין איינעם אַ טאָג האָבן אונדזערע חברים, וואָס זיינען געווען צייטווייליק באַהאַלטן אַרום וואַרשע, זיך דערוווּסט אַז מיר לעבן און אַז אונדזער גורל ליגט יעדן טאָג אין די הענט פון שונא. האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ דעלעגאַציע אין נאָמען פון פוילישן רויטן קרייץ, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע מיטן אויסרייד אַז מ׳מוז אַרויספירן פון דער חרובער שטאָט אַ גרופּע טיפוס־קראַנקע און פאַרוווּנדעטע. די ״פאָרשטייער״ פון רויטן קרייץ זיינען צו אונדז אָנגעקומען מיט טראָגבעטלעך. די, פון אונדזערע חברים, וואָס זייער אויסזען איז געווען דורכאויס סעמיטיש, האָט מען אַוועקגעלייגט פאַרבאַנדאַזשירטע אויף די טראָגבעטלעך. אַלע אַנדערע האָבן אָנגעטאָן אויפן אָרעם בענדער פון רויטן קרייץ און געהאָלפן, ווי אַ טייל פון פּערסאָנאַל, צו טראָגן די ״קראַנקע״. צווישן אונדז האָבן זיך געפונען יונגע פרויען און די דייטשע וואַכפּאָסטנס האָבן געטענהט: איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר זייט געקומען אַרויסנעמען קראַנקע זקנים. האָט מען זיי געענטפערט, אַז די פרויען זיינען אַרויסהעלפערינס ביים אַריבערפירן די קראַנקע. סוף־סוף האָט זיך אונדז איינגעגעבן אַרויסצוגיין בשלום. דער גורל האָט, ווייזט אויס, געוואָלט אַז מיר זאָלן בלייבן לעבן.

אונדזער רעטונג איז געקומען ממש אין דער לעצטער מינוט. זעקס וואָכן האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן לעבן דער ווייסל. אויף דער

מזרחדיקער זייט פון טייך, אין פראַגע, איז געשטאַנען די רויטע אַרמיי און באַשאָסן מיט אַרטילעריע, און לעבן אונדז, אין די שכנותדיקע שטיבער און אין הויז ווו מיר האָבן געפונען אַ באַהעלטעניש, האָט זיך פאַרפעסטיקט אַ דייטשער כוח, וואָס האָט אָנגעהויבן גראָבן שוצגראָבן און פאַרבינדונגס־טראַנשייען. דעם 15־טן נאָוועמבער האָבן די האַמערס פון די דייטשן אָנגעקלאַפּט אָן די ווענט פון אונדזער קעלער. און אָט איז געשען אַ נס. ווען די דייטשן האָבן איבערגעריסן זייער אַרבעט אויף מיטאָג, איז פונקט דאַן געקומען די רעטונג־גרופּע.

אין שפּיץ פון דער גרופּע איז געשטאַנען אַלאַ מאַרגאָליס. ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען זי האָט זיך דערוווּסט אַז מיר לעבן, האָט זי זיך פאַרבונדן מיט ד״ר אינקע שווייגער —ביידע פאַרבינדלערינס פון בונד (כאָטש ניט קיין פאַרטיי־מיטגלידער) וואָס האָבן זיך, ביים אָרגאַניזירן פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, געשטעלט אין דינסט פון דער אָרגאַניזאַציע. אינקע האָט געפונען אַ צוגאַנג צום ד״ר שוויטאַל, אַ פּאָליאַק, פון דער פּוילישער אונטערערד און אַ מענטש מיט פּראָגרעסיווע אידעען און מיט אַ וואַרעם האַרץ. ד״ר שוויטאַל איז צו יענער צייט געווען דער פאַרוואַלטער פון אַ שפּיטאָל אין איינער פון די שכנותדיקע שטעטלעך פון וואַרשע און ער האָט עס צונויפגעשטעלט דעם רעטונגס־פּערסאָנאַל.

בשעת מיר זיינען געגאַנגען איבער די צעשטערטע גאַסן פון וואַרשע, האָבן צוגעצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט צוויי פון דער דעלעגאַציע: אַ מאַן און אַ פרוי. די פרוי — אַ יונגע בלאָנדינקע, האָט גערעדט אַ פּליסיקן דייטש און געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשע וואַכפּאָסטנס, וואָס האָבן אַרום פּאַטראָלירט צווישן די חורבות, און אַ דאַנק אירע באַמיאונגען געקראָגן ביי זיי אַ פערד מיט אַ וואָגן כדי אָפּצופירן די ״טיפוס־קראַנקע״, וואָס מע האָט די גאַנצע צייט געטראָגן אויף טראָגבעטלעך. דער בעל־העגלה איז געווען אַ זעלנער פון דער דייטשער אַרמיי מיט אַן אויסגערונען אויג. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער

האָט זיין אויג אָנגעוואָרן אין אַ קאַמף מיט "יידישע באַנדיטן" בשעתן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. דער מאַן האָט אויך אויף אונדז געקוקט בייז, געפּרווט זיך צו האַלטן פון דערווייטנס און אַ מורא האָט זיך אַריין געגנבעט אין אונדזערע הערצער: אַן אַנטיסעמיט, ער האָט זיכער דערניוכעט, אַז די "קראַנקע" אויף די טראָגבעטלעך זיינען יידן.

אין יאָר 1945, אַ קורצע צייט נאָכן באַפרייען פון וואַרשע האָבן אונדז די פרוי און דער מאַן אָפּגעזוכט און דערציילט זייער געשיכטע: ער איז אַ ייד, אַ מעדיצינער, ד"ר זעליקאָוויטש. נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט ער געפונען אַ מקום־מקלט אין שפּיטאָל פון ד"ר שוויטאַל און דאָרטן געאַרבעט ווי אַן אויפרוימער, זי ווידער — זיין פרוי, איז באַשעפטיקט געווען אין זעלבן שפּיטאָל אַלס קראַנקן־שוועסטער. אין יענע טעג האָבן זיי געמוזט לעבן באַזונדער, כדי ניט צו וואַרפן זיך אין די אויגן. דערפאַר זיך טאַקע געהאַלטן ווייט פון אונדזערע חברים מיטן אַרישן אויסזען, וועלכע זיי האָבן געראַטעוועט, ווייל חושד געווען, אַז דאָס זיינען מיטגלידער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ, דאָס הייסט: אַנטיסעמיטן

אַזוי האָבן מיר זיך איינער פון צווייטן דערווייטערט. יידישער גורל. נאָך עטלעכע מאָנאַטן אַדורך זינט דעמאָלט און מיר זיינען איינגעשטאַנען אין שטעטל גראָדזיסק, לעבן וואַרשע, ביזן אָנקום פון די סאָוויעטן. דאָס איז געשען דעם 17־טן יאַנואַר 1945. אין די מיטאָג שעהען האָבן זיך באַוויזן סאָוויעטישע טאַנקען. אַ גרויסער עולם האָט זיי אַרום גערינגלט אויפן שטאָטפּלאַץ. מע האָט זיך געקושט און געיובלט. מיר אָבער זיינען געשטאַנען טרויעריקע און נידערגעשלאָגענע. פּאַריתומטע פון פאָלק.

דער כוח פון דער באַוועגונג

איך האָב געפּרוּווט איבערגעבן וואָס ס׳איז געשען. אויסגעקליבן די פאָרם פון דערציילן, אָן פאַראַלגעמיינערונגען און אָן אָפּשאַצונגען. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז כ׳האָב ניט באַוויזן צו דערציילן אַזוי, אַז איר זאָלט קאָנען איבערלעבן די געשעענישן ווי מיר האָבן זיי איבערגעלעבט. עס דוכט זיך מיר, אַז אַ מענטש איז גאָר ניט מסוגל אויסצודריקן מיט ווערטער אַזאַ אומגליק און דאָס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. אפשר איז דער בעסטער אופן דאָס צו טאָן — צו זיצן און צו וויינען אָדער אַרויסשרייען אַלע איינינעם דעם געוואַלד־געשריי פון דעם דאָזיקן סיפּור־המעשה. איך האָב אָבער זיך באַמיט איבערצוגעבן אויף אַזאַ אופן אַז מיר זאָלן קאָנען, אַלע איינינעם און איטלעכער באַזונדער — אויסהערנדיק די פּאַסירונגען — צוקומען צו אַן אָפּשאַצונג און צו אַן אויספיר. איך ווייס ניט צי איז דאָס די פּאַסיקע פאָרם אויסצודריקן דאָס, וואָס מיר אַלע פילן און דאָס וואָס איך פיל, ווי איינע פון יענע וואָס האָט דורכגעמאַכט אָט דעם וועג, און דער גורל האָט געוואָלט אַז איך זאָל בלייבן לעבן. איך האָב אָבער ניט קיין אַנדערן אויסדרוק־מיטל. איך וויל ניט אונטערציען אַן אונטערשטע שורה. איך וויל בלויז צוגעבן עטלעכע ווערטער. עס זיינען דאָ פראַגן וואָס לאָזן ניט צורו די חברים אין לאַנד און אויך אונדז. די ערשטע פראַגע איז — ווי איז געשען אַז אַ גאַנץ פאָלק איז געגאַנגען אַזוי, מיט אויסגעשטרעקטן האַלדז, צו דער שחיטה. איך האָב זיך באַמיט אין מיין שילדערונג אויף ווי ווייט מעגלעך דאָס קלאָר צו מאַכן. איך ווייס ניט וואָס ס׳איז דער אויספיר וועלכער דרינגט אַרויס פון מיינע ווערטער. איך וויל אָבער זאָגן, כאָטש עס העלפט אונדז ניט און מאַכט אונדז ניט לייכטער אויפן האַרץ, אַז ס׳איז מיר אַ גרויסער ספק צי וואָלט אַן אַנדער פאָלק זיך אַנדערש אויפּ־געפירט, אין אַזעלכע באַדינגונגען פון שרעקלעכער איזאָלאַציע און

קעגן אַזאַ פּערפעקציאָנירטער און אָרגאַניזירטער דייטשער מאַשין. מיר ווייסן ווי עס זיינען געגאַנגען צו דער שחיטה די פּאָליאַקן און די רוסישע פּלעניקעס, און ווי אַזוי גאַנצע פעלקער האָבן זיך אונטער־געגעבן די נאַציס.

די צווייטע פראַגע איז — פון וואַנען איז געקומען דער כוח צו דער חלוצישער באַוועגונג, דער יוגנט־באַוועגונג, צו נעמען אין איר האַנט — אפשר אַ ביסל צו שפּעט — אין די שווערסטע צייטן, דעם רודער פון יידישן לעבן. עס דוכט זיך מיר, אַז מע דאַרף גאָרניט לאַנג זוכן דעם ענטפער אויף דער פראַגע. ניט אמת — און עס טוט אַפילו וויי — ווען מען מיינט, אַז דאָס אַנטקעגן שטעלן זיך פון דער יוגנט אין דעם אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן, איז געוועזן דער ענין פון יחידים, פון יצחק אָדער צביה, מרדכי צי פרומקע. אַלע האָבן מיר געלעבט און לעבן מיטן באַוווסטזיין, אַז מיר ווייסן ניט וואָס עס וואָלט פון אונדז געוואָרן, ווען מיר וואָלטן ניט געוועזן קיין חברים פון אַ ב אַ ו ע ג ו נ ג, ווען מיר וואָלטן ניט געוועזן איינגעזאַפּט אין זיך פון די קינדעריאָרן אָן די ווערטן וואָס איר האָט אונדז געגעבן.

אין דעם ליגט פּאַקטיש דער כוח פון דער באַוועגונג: זי האָט פאַרשטאַנען שטענדיק צו פאָדערן פון אירע חברים. זי האָט געוואָלט דערציען און זי דערציט מענטשן־בונטאַרן, זיי זאָלן אויסהאַלטן און קאָנען שטיין — אין פאַרשידענע תקופות און אין שווערע באַדינגונגען — שטאָל און אייזן אויף דער וואַך פון פּאָלקישער ווירדע, ווירדע פון יידישן מענטש און ווירדע פון מענטש בכלל. נאָר אַ דאַנק דער דערציאונג, וואָס מיר האָבן געקראָגן, האָבן מיר אַזוי געקאָנט דורכ־מאַכן די דאָזיקע תקופה.

איך ווייס ניט צי האָב איך אויספירלעך קלאָר געמאַכט ווי אַזוי מיר האָבן זיך אויפגעפירט. איך האָב דערציילט ווי מיר פלעגן טייל מאָל דערגיין ביז צו גוזמות ביים אָפּהיטן דעם מאָראַל פון די חברים, פון יעדן איינעם פון אונדז און פון אַלע אינאיינעם אין דער באַוועגונג.

אין דער ערשטער תקופה פון גרויסן הונגער האָט מען אונדז געמאַכט פאַרשידענע פאָרשלאָגן, וואָס וואָלטן געווען פאַרבעסערט אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס זיינען בכלל ניט געווען קיין פאָרשלאָגן וואָס זייער מיין — צו לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע. כ׳וועל ברענגען אַ ביישפּיל: אין די ערשטע טעג האָבן די בעקערייען אין געטאָ אַריינגעטראָגן גרויסע רווחים. און אָט האָט מען געוואָלט איבערגעבן אונדז אַ בעקעריי, וויסנדיק אַז די חלוצים וועלן ניט אָפּנאַרן די מענטשן מיט דער קוואַליטעט פון מעל, באַגנבענען מיט דער וואָג א.א. אָבער אַזוי ווי צווישן אונדז זיינען ניט געווען קיין בעקערס און מיר האָבן געדאַרפט באַשעפטיקן געדונגענע בעקערס און אַזוי אַרום — פאַרדינען פון זייער אַרבעט (אמת, ניט פאַר זיך אַליין נאָר פאַר דער באַוועגונג), האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט איבערצונעמען די בעקעריי. אונטער אַזאַ שטרענג אָפּהיטן פון אונדזער מאָראַלישקייט האָבן מיר זיך באַמיט צו לעבן אַלע טעג פון דער מלחמה.

פון וואַנען קומט אָט דער דאָזיקער מאָראַלישער כוח? מיר האָבן געקאָנט אויסהאַלטן אין געטאָ אַזוי ווי מיר האָבן אויסגעהאַלטן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס מיר זיינען געווען אַ קאָלעקטיוו, אַ באַוועגונג, ווייל יעדער איינער האָט געוווסט אַז ער איז ניט איינזאַם. יעדער ייד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַליין פּנים־אל־פּנים מיט זיין גורל, עלנט, פון אַלעמען פאַרלאָזט, קעגן אַ שונא מיט אַ ריזיקן כוח. מיר אָבער האָבן זיך פון דער ערשטער מינוט געהאַלטן ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַ באַוועגונג. דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין — אַז ס׳איז דאָ אַ באַוועגונג, אַז ס׳איז דאָ אַ קאָלעקטיוו פון חברים וואָס זאָרגן איינער פאַרן צווייטן, אַז ס׳איז דאָ אַ בשותפותער וועג — דאָס אַלץ האָט דערמעגלעכט יעדן איינעם האַנדלען אַזוי ווי מיר האָבן געהאַנדלט. דאָס סאַמע טראַגישע איז געווען, אַז יידן האָבן ניט געוווסט וואָס צו טאָן. זינט די ערשטע טעג אָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע דעמאָראַליזאַציע אין געטאָ, ביז צו די טעג פון פאַרניכטונג און טויט — האָט מען ניט געוווסט וואָס

צו טאָן. מיר, דאַקעגן, האָבן געוווּסט וואָס מיר ווילן. אין ליכט פון די ווערטן, אויף וועלכע מיר זיינען דערצויגן געוואָרן, האָבן מיר געזוכט און געפונען דעם וועג. דאָס איז געווען דער כוח וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו לעבן. פּאַקטיש איז דאָס דער כוח, וואָס פאַרזיכערט דעם קיום פון די לעבן־געבליבענע ביזן היינטיקן טאָג.

איך האָב דער עיקר דערציילט וועגן דער חלוצישער אונטערערד און וועגן וואַרשעווער אויפשטאַנד, כאָטש איך האָב פון באַגעגענישן מיט מענטשן און פון געהערטן זיך באַקענט אויך מיט אַנדערע ערטער. ס'איז אָבער שווער עמעצן צו דערציילן וועגן אַן אָרט ווו מען איז ניט געווען. איך האָב ניט איבערגעגעבן קיין סך וועגן מענטשן, וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו פאַלן אינעם פאַרמעסט, נאָר געפונען זייער טויט אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע. איך האָב ניט דערציילט וועגן אַ סך ערטער, וואָס, מחמת פאַרשידענע אָביעקטיווע באַדינגונגען, האָבן זיי ניט באַוויזן צו דערגיין צו אַן אויפשטאַנד. איך האָב ניט גערעדט וועגן ביאַליסטאָק וואָס האָט יאָ מורד געווען און לויט זיין וויכטיקייט איז דער אויפשטאַנד דאָרט אפשר ניט קלענער געווען פונעם וואַרשעווער אויפ־שטאַנד. די חברים פון ביאַליסטאָק זיינען געווען אין גאַנצן איזאָלירט און דאָך האָבן זיי געטאָן וואָס זיי האָבן געטאָן.

מע טאָר בשום אופן ניט באַקריוודען אונדזערע חברים פון פאַרשידענע פונקטן, ווי למשל טשענסטאָכאָוו און בענדין. דאָרט האָט מען געמאַכט אַן אויפשטאַנד אָבער מען איז דורכגעפאַלן. מיר זיינען ניט באַרעכטיקט אָפּצושאַצן געשעענישן נאָר לויט זייער הצלחה. אָט, למשל, טשענס־טאָכאָוו. נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד איז צו אונדז געקומען רבקה גלאַנץ און איך האָב איר געזאָגט: ״איך מיין, אַז אַזוי ווי דער אויפ־שטאַנד האָט זיך געענדיקט ווי ער האָט זיך געענדיקט, איז וויכטיקער אַז איר זאָלט אַרויס אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, וועט איר קאָנען הרגענען פיל מער דייטשן און אויך ראַטעווען מער יידן״. זי האָט מיר געענטפערט: ״אויך מיר ווילן בלייבן ביז דער לעצטער מינוט מיט

אונדזערע ברידער." און טאַקע, זיי זיינען געבליבן. זיינען געבליבן און זיינען געפאַלן. זיי האָבן ניט באַוויזן צו דערגיין צו אַ ממשותדיקן אויפֿשטאַנד. זייער גבורה אָבער איז ניט קיין קלענערע פון אונדזערע. וואָרום זיי האָבן דאָך געזען דעם סוף פון וואַרשעווער געטאָ, געזען וואָס ס'איז מיט אונדז געשען. פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך צוגעגרייט צום אויפשטאַנד, געוואָלט דעם אויפשטאַנד, אָבער ניט באַוויזן אים אויסצופירן. און אַזוי איז געוועזן אין בענדין און אין אַ סך אַנדערע ערטער. אויך יענע מעשים ווי אויך דער אָנדענק פון די חברים וואָס זיינען אַזוי געפאַלן מוזן דערמאָנט ווערן. מע טאָר ניט פֿאַרגעסן אַזעלכע נעמען ווי רבקה גלאַנץ, מאַרעק פאָלמאַן, לאה פּערלשטיין, הערשל שפּרינגער, חנטשע און פרומקע פלאָטניצקאָ, שרה גראַנאַטשטיין, משה רובינטשיק, יהודה גליקשטיין, שמואל בראַסלאַוו, יוסף קאַפּלאַן, מרים היינסדאָרף, צבי בראַנדעס, יעקב פּראַשקער, אליעזר געלער און נאָך און נאָך. אַלע דערמאָנטע נעמען זיינען אונדז טייער. זיי זיינען די העלדן.

מ'האָט מיר באַמערקט, אַז איך דערמאָן נעמען פון חברים און איך דערמאָן ניט צו וועלכער באַוועגונג זיי האָבן אָנגעהערט. (אין דער איצטיקער אויסגאַבע ווערט אָנגעגעבן פון וועלכער באַוועגונג עס קומען די דערמאָנטע אין בוך. רעד.). איך בין זיך מודה: איך לייג ניט קיין צו גרויס אַכט אויף דער שייכות. עס זיינען דאָ נעמען, וואָס איך אַליין האָב פֿאַרגעסן פון וועלכער באַוועגונג זיי זיינען געוועזן. געוועזן צייטן ווען מיר אַלע, קודם נאָר מיר און דער השומר־הצעיר, שפּעטער אויך אַלע אַנדערע חלוצישע באַוועגונגען, זיינען געוואָרן ווי איין באַוועגונג, מיט איין צענטער און מיט אַן אַלגעמיינער און בשותפותער דאגה פאַר די מענטשן. אָט איז אַ בולטער מוסטער פון חלוצישער ברודערשאַפט: איך האָב דערציילט וועגן דער ערשטער אַקציע אין וואַרשע און וועגן די שווערקייטן וואָס זיינען שפּעטער אויסגעוואָקסן, ווען מען האָט די מענטשן אַרויסגעפירט אין דער פאַרטיזאַנקע און מיר האָבן געפּרוּווט עפּעס אויפטאָן מיטן געווער וואָס אין אונדזער רשות,

נאָר ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבן. דערפֿאַר האָבן מיר כמעט אַלע חברים פֿון קיבוץ אויף דער דזיעלנע גאַס אַריבער געשיקט קיין טשערניאַקאָוו און אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער אַרום מעזריטש און הרוביעשאָוו. איינצעלנע זיינען מיר געבליבן פֿון קיבוץ. פֿון השומר־הצעיר־אַקטיוויסטן — קיינער ניט. יוסף קאַפּלאַנען האָט מען אַרעסטירט, שמואל בראַסלאַוו איז געהרגעט געוואָרן און מרדכי אַנילעוויטש איז ניט געווען אין וואַרשע. טאָסיאַ אַלטמאַן און אריה ווילנער זיינען געווען אויף דער אַרישער זייט. דאַקעגן פֿון אונדז זיינען נאָך אין געטאָ געבליבן אייניקע פֿון דער צענטראַלער גרופּע. מיר האָבן געוווּסט אַז אין אַזאַ לאַגע קאָנען מיר ניט קיין סך אויפֿטאָן. פֿון דעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן ניט צו פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ נאָר דערפֿאַר, ווייל עס זיינען אין אים געבליבן חברים פֿון השומר־הצעיר און די אַקטיווע חברים זיינען ניטאָ מיט זיי. מיר האָבן זיך אַריבער געקליבן אין זייער דירה און ניט געמאַכט אַ סך חשבונות צי זיי זיינען חברים פֿון השומר־הצעיר צי פֿון דרור. אַזוי איז אויך שפּעטער געשען מיט גורדוניה און מיטן הנוער־הציוני און מיט די אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס זיינען געווען טעטיק אין געטאָ.

דערפֿאַר האָב איך ניט מקפּיד געווען צו דערמאָנען צו וועלכער באַוועגונג די מענטשן האָבן געהאַט אַ שייכות.

אַ סך חברים זיינען געפֿאַלן איידער זיי האָבן זוכה געווען צוצוקומען צו דער ערשטער שלאַכט — איך מיין מענטשן, וואָס זיינען געווען טעטיק אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע, ווי עדעק גאָלאָוונער, שיינדעלע שוואַרץ, רחל פּאָגעלמאַן, לאה פּיש, דוד אייזנבערג, דב בערגער און אַנדערע.

מיר האָבן פֿאַרמאָגט אַ יונגע, אַקטיווע גרופּע, וואָס איז אויסגעוואָקסן אין געטאָ, חברים וועלכע מיר וועלן זיי קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן. ווי אַזוי זאָל איך דערציילן וועגן שאול דאָבוכנאָ פֿון וואַרשע, אַ פּיזיש שוואַכער, וואָס איז דערגאַנגען צו אַזאַ מאָראַלישער הייך, אַז עס איז

ניטאָ קיין ווערטער ווי זי צו שילדערן? און וואָס זאָל איך זאָגן וועגן יענע וועלכע זיינען ניט דערגאַנגען צום אויפשטאַנד, אָבער זייער גבורה איז ניט קיין קלענערע ווי די פון די חברים, וואָס האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט און געקעמפט?

ס'איז זייער שווער צו דערמאָנען נעמען. מע וואָלט דאָך געמוזט אויס־רעכענען טויזנטער חברים. איז דערפאַר בעסער צו דערמאָנען די באַוועגונג אין וועלכער אָט די מענטשן האָבן זיך דערצויגן.

איך וועל צוגעבן עטלעכע ווערטער צום אַלגמיינעם בילד. איך האָב עטלעכע מאָל דערמאָנט די פּאָליאַקן און זייער באַציאונג צו אונדז. ס'איז קלאָר, אַז ווען אונדזערע שכנים — די פּאָליאַקן, ליטווינער און אוקראַינער — וואָלטן זיך געווען אַנדערש באַצויגן צו אונדז, וואָלטן אַ סך מער יידן געבליבן לעבן. דאָך מוז איך באַצייכענען, אַז מיר האָבן געקראָגן מאָראַלישע הילף, כאָטש ניט גענוג צוגעפּאַסט צו אונדזערע באַדערפעונישן, פון די קאָמוניסטישע רייען (פּ.פּ.ר) און פון די פּוילישע דעמאָקראַטישע קרייזן.

מיר האָבן אויך געקראָגן הילף פון יחידים, חסידי אומות־העולם. און איך האָב שוין דערמאָנט די פאַרבינדונג און די הילף מצד דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, כאָטש זי איז געקומען צו שפּעט און גאָר בצמצום.

און וועגן קאָנטאַקט מיטן לאַנד. אויך דער דאָזיקער קאָנטאַקט איז זיין עיקר חשיבות געווען ניט אין זיין ממשותדיקער הילף, נאָר די עצם פאַרבינדונג כאָטש זי איז געקומען צו שפּעט — האָט אונדז שטאַרק דערמוטיקט. איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס ס'איז געווען פאַר אונדז דאָס קריגן פון אייך אַ בריוו, אַ וואָרט. און עס זיינען דאָך געווען מינוטן ווען ס'האָט זיך אונדז געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט, אַריינגערעכנט די יידן, האָבן אָן אונדז פאַרגעסן. גאָר אַ סך יידן זיינען אויסגעגאַנגען מיט אַ קללה אויף די ליפּן אויף קעגן די יידן פון די נייטראַלע לענדער, פון די לענדער אויף יענער זייט ים. פאַרוואָס שווייגן

זיי? מיר האָבן געוואָלט טראַכטן, אַז דער יישוב טוט אַלץ וואָס נאָר מעגלעך כדי אונדז צו העלפֿן. צ י א י ז ט אַ ק ע אַ ז ו י ג ע ו ו ע ן? איך האָב געהערט, אַז ווען עס זיינען אָנגעקומען אין לאַנד יוסף קאָרניאַנסקי און די אַנדערע חברים, אין יאָר 1944 — זיינען נאָך געווען גאָר אַ סך וועלכע האָבן ניט געוואָלט גלייבן אין דעם, וואָס זיי האָבן דערציילט. מיר אָבער, וואָס האָבן געוווּסט דעם אמת, האָבן געזוכט וועגן ווי זיך מיט אייך צו פֿאַרבינדן, מיר האָבן געוואָלט וועגן דעם דערציילן דער וועלט, געוואָלט אַז די וועלט זאָל ניט שווייגן, און קודם־כל די יידן — איר. מיר האָבן געמאַכט פֿאַרשידענע פּרוּוון זיך מיט אייך צו פֿאַרבינדן און ס'האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן.

אָנהייב יאָר 1943 האָבן מיר געזאָגט: עס וואַרט אויף אונדז טאַקע טויט און פֿאַרניכטונג, אָבער מיר ווילן ס'זאָל בלייבן און צו אייך דערגיין אַן עדות פֿון אונדזער לעבן, פֿון אונדזער קאַמף און פֿון אונדזער טויט. מיר האָבן באַשלאָסן אַלץ צו טאָן, כדי צוויי פֿון אונדזערע מענטשן זאָלן בלייבן לעבן: חנטשע פּלאָטניצקאַ פֿון דרור און מיראַ פּוכרער פֿון השומר־הצעיר. און כאָטש זיי האָבן ניט געוואָלט אונדז איבערלאָזן און זיינען ניט מסכים געווען צו פּרוּוון אַריבער צו שמוגלען די גרענעץ — האָבן מיר זיי מחייב געווען דאָס צו טאָן. ווי ס'איז אייך באַוווּסט האָט זיך דאָס ניט איינגעגעבן. מיר האָבן אָבער געוואָלט, אַז דער פֿאַרלויף פֿון די געשעענישן זאָל צו אייך דערגיין — ניט נאָר פֿאַר דער געשיכטע, נאָר אויך פֿאַר דער צוקונפֿט. זאָל דאָס פֿאָלק וויסן, זאָלן וויסן די רעשטלעך, איר זאָלט וויסן — סיי פֿאַר דער פֿאַרגאַנגנהייט, סיי כדי קליגער צו זיין אין דער צוקונפֿט.

אין מיינע רייד האָב איך ניט איבערגעגעבן וועגן פּרוּוון פֿון די יידן אין די פֿאַרשידענע שטעטלעך זיך אַנטקעגן צו שטעלן מיט ווירדע. די דאָזיקע פּרוּוון, אַ טייל פֿון זיי זיינען דורכגעפֿאַלן, אַ טייל האָבן זיך איינגעגעבן. געווען צווישן די יידן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַנטקעגן

געשטעלט מיט געווער אין האַנט און אַ סך זיינען אויך **שפּעטער** אַריבער אין די וועלדער.

איך האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף דער יידישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. ניט דערציילט וועגן ווילנער געטאָ און אויך ניט וועגן די פאַרשידענע שטעטלעך, ווייל ס׳איז מיר שווער צו דערציילן וועגן ערטער ווו איך בין ניט געוועזן, אָבער מען האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט.

ד אָ ס פ אָ ל ק ה אָ ט ז י ך ג ע װ ע ר ט.

אינדעקס

קיצורים

א״ל — אַרמיִאַ לודאָוואַ
א״ק — אַרמיִאַ קראַיאָוואַ
ג״ג — גענעראַל־גוווערנאַמענט
ג״ל — גוואַרדיִאַ לודאָוואַ
ז״וו — זע ווערט
ז״ז — זע זייט
ייוו״א — יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
יינ״ק — יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט
ייס״א — יידישע סאָציאַלע אַליינהילף
ייק״אָ — יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע
ייקאָ״ר — יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע
ייק״ק — יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט
ע״ש — עונג־שבת (געטאָ־אַרכיוו)

אַ ד אַ מ אָ ו ו י ט ש א י ר ע נ אַ — אַ פּוילישע. פאַר דער מלחמה אין דער הויפּט־אָנפירונג פון דער פּוילישער סקויטן־באַוועגונג; אַ פרומע קאַטוילן; אָנגעהאַלטן בשעת דער מלחמה, ענגע פאַרבינדונגען מיטן השומר־הצעיר און דרור; אין זייער שליחות געקומען קיין ווילנע, קאָוונע און שאַוולי; אָרגאַניזירט די שליחות פון העניעק גראַבאָווסקי (ז״ו) אין דער ווילנער געגנט, נאָך דעם ווי זי איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן; אַריין געפירט אין וואַרשעווער געטאָ אויף אַ באַגעגעניש מיט די חברים פון החלוץ, אַ דייטשן אָפיציר, אַ דאָקטאָר וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען רודאָלף. ער איז געקומען אויף אורלויב פונעם לענינגראַדער פראָנט און איבערגעגעבן פּרטים וועגן דער שחיטה אויף יידן אין די באַלטישע לענדער און אין די צפונדיקע געביטן פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן; אַ דאַנק איר הילף איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער קאָנטאַקט מיט דער א״ק אין וואַרשע; אין די טעג פון די אַקציעס אין געטאָ האָט זי איינגעאָרדנט פאַר אייניקע פון די דרור־יוגנטלעכע באַהעלטענישן אויף דער אַרישער זייט. זייערע שפּורן זיינען פאַרשוווּנדן און ס׳איז אַ חשד אַז מען האָט זיי געשמדט; אָנערקענט ווי איינע פון די חסידי אומות־העולם; געשטאָרבן אין פּוילן, אין יאָר 1977.

ז״ז: 134, 202, 203.

אָ ז ש ע ך מ אַ ו ר י צ י — פון די בונד־אָנפירער אין וואַרשעווער געטאָ; רעדאַגירט פּובליקאַציעס פון זיין פּאַרטיי אין קאָנספּיראַציע; אין קעגנזאַץ צו זיין פּאַרטיי־חבר אַבראַשאַ בלום זיך באַצויגן מיט רעזערוו צו די פּרווון פון אויפשטעלן אַן אַלגעמיינע, זעלבשטענדיקע, יידישע פּאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציע; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע פאַרלאָזט דאָס געטאָ; אין 1943 געפּרוּווט אַריבער גיין די גרענעץ צו דער סלאָוואַקיי אַלס בירגער פון אַ דרום־אַמעריקאַניש לאַנד; אַרעסטירט דורך די דייטשן, פאַרשפּאַרט אין פּאַוויאַק און דערשאָסן; ביי 50 יאָר.

ז״ז: 95.

א י י ג ע ר א ב ר ה ם — זיין אָפּשטאַם פון ר׳ עקיבא אייגערס משפחה; צווישן די אַרויסגעטריבענע פון פּויזנער קאַנט, וואָס האָבן געפונען אַ מקלט אין אָסטראָוויעץ; זיך אָנגעשלאָסן אין דאָרטיקן דרור און ייק״אָ; ענדע 1942 געקומען מיט זיינע חברים פון ייק״אָ קיין וואַרשע; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין דער גרופּע פון חנוך גוטמאַן (ז״ו); פאַרוווּנדעט געוואָרן דעם 1־טן מאַי; אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון די דייטשן זיך אונטערצוגעבן און אויף זייער הבטחה צו שענקען אים

דאָס לעבן; ער האָט זיי געזידלט און געשאָלטן ביז די דייטשן זיינען אים בייגעקומען און דערשאָסן; בלויז 20 יאָר אַלט ביי זיין אומקום.
ז"ז: 195, 220.

אייזנבערג דוד — געבאָרן אין וואַרשע; ביים מלחמה־אויסברוך געווען מזכּיר פון שחריה־קיבוץ אין ווילנע; פון די דרור־אַקטיוויסטן; נאָכן אַנשליסן ווילנע צום ראַטן־פאַרבאַנד — אַקטיוו אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט פון דער באַוועגונג אין קאָוועל; ביים באַפרייען די שטאָט דורך דער רויטער אַרמיי האָט מען געפונען אַן אויפשריפט אין העברעאיש אויף דער שול־וואַנט: " שלום לחברים מקבוצת חלוצים ההולכים למות. נאמנים נשארנו לרעיוננו עד הסוף. נקמו נקמת דמנו השפוך". (שלום צו די חברים פון אַ גרופּע חלוצים וואָס גייען צום טויט. מיר זיינען געטריי געבליבן אונדזער אידעאַל ביזן סוף. נעמט נקמה פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט). געחתמעט: שיינדל שוואַרץ (ז"ו), לאה פיש (ז"ו), רחל פאָגעלמאַן (ז"ו), דוד אייזנבערג.
ז"ז: 82, 288.

אַלטמאַן טאָסיאַ — געבאָרן אין וולאָצלאַוועק; צווישן די גרינדער פון השומר־הצעיר און פון אירע אָנפירער אין דער קאָנספּיראַציע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע; אַרום געפאָרן אין דער לענג און דער ברייט פון פונאַנדערגעטיילטן פוילן; ביים אויפשטעלן פון ייק"אָ — אין דער דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; אין אַפּריל־אויפשטאַנד פון יאָר 1943 געבליבן שטעקן אין געטאָ; טעלעפאָניש איבערגעגעבן ידיעות צו דער אַרישער זייט פון וואַרשע וועגן קעמפנדיקן געטאָ; צווישן די, וואָס זיינען אַרויס דורך די קאַנאַלן; דעם 24־טן מאַי שוואַער אָפּגע־בריט געוואָרן בשעת דער שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין אַ באַהעלטעניש פון די קעמפער, אין דער צעלולאָיד־פאַבריק אויף דער 11־טער ליסטאָפּאַד גאַס אין דער פּאָרשטאָט פּראַגע; געכאַפּט דורך די דייטשן און פאַרפייניקט געוואָרן אין די קאָרידאָרן פון אַ שפּיטאָל; אַלט געווען 25 יאָר.
ז"ז: 76, 115, 133, 199, 236, 263, 264, 288.

אַלכּסנדר — זע: פונדאַמינסקי עדוואַרד.

אַנילעוויטש מרדכי — געבאָרן אין וואַרשע; חבר פון השומר־הצעיר; ביים מלחמה־אויסברוך — מיט די, וואָס פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט; נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין סאָוויעטישן טייל פון פאַרנומענעם פוילן ביי דער רומענישער גרענעץ, געקומען קיין ווילנע; יאַנואַר 1940 זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון דער באַוועגונג אויפן אָקופּירטן שטח פון די דייטשן; צווישן די רעדאַקטאָרן פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע; דערציער; חבר פון דער הויפּט־אָנפירונג; נאָענט צו די

באַטייליקטע אין געהיימען אַרכיוו פון געטאָ; אָנהייב 1942 געפאַרן קיין אויבער־שלעזיע, וואָס איז אָנגעשלאָסן געווען צום דייטשן רייך; זיך אומגעקערט קיין וואַרשע ביים סוף פון דער גרויסער אַקציע; ביי זיין צוריק קומען צוקאָאָפּטירט צו דער הויפּט־קאָמענדע פון ייק״אָ; צווישן די איניציאַטאָרן פון פאַרברייטערן איר געזעל־שאַפטלעכע באַזע; סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1942 נאָמינירט ווי דער קאָמענדאַנט פון דער ייק״אָ; געשטאַנען אין שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג אין יאַנואַר־אויפשטאַנד און בנס ניצול געוואָרן פון דייטשע הענט; אויסער קאָמענדאַנט פון דער אָרגאַניזאַציע ביז אַפּריל 1943 אויך געווען דער קאָמענדאַנט פון צענטראַלן געטאָ; געפאַלן אינאיינעם מיט זיינע חברים־קעמפער אויף מילע 18, דעם 8־טן מאַי 1943; 24 יאָר אַלט.
אויף זיין נאָמען — דער קיבוץ יד־מרדכי; דער פאַראייביקונגס־אינסטיטוט ״מורשת״; גאַסן אין ישראל און אין וואַרשע.
זיין עדות: אַ טאָגבוך געפירט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע איז, וואַרשיינלעך, פאַרלאָרן געגאַנגען בעתן אַפּריל־אויפשטאַנד.
ז״ז: 130, 133, 139, 151, 152, 179—181, 196, 198, 199, 226, 239, 284, 288.
אַ ר ט ש ט י י ן ז כ ר י ה (ז כ ר י א ש) — געבאָרן אין פּרושקאָוו; צווישן די אַרויסגעטריבענע אין וואַרשעווער געטאָ; פון די דרור־אַקטיוויסטן; אין צייט פון דער גרויסער אַקציע 1942 צוגעגרייט, צוזאַמען מיט מרדכי טענענבוים (ז״ו) די פאַר־טיידיקונג פון דעם קיבוץ אין טשערניאַקאָוו; נאָך די קאַמפן אין יאַנואַר 1943 — קאָמענדאַנט פון אַ דרור קאַמף־גרופּע אין צענטראַלן געטאָ; אין אַפּריל־אויפשטאַנד האָט ער אָנגעגריפן די דייטשן אין שפּיץ פון זיין אָפּטיילונג אויפן ראָג גענשע־נאַלעווקעס און זיי פאַרטריבן פון געטאָ; אָפּגעשניטן פון די גרופּעס וואָס זיינען אַרויס פון געטאָ דעם 8־טן מאַי; געפּרוווט, אָן הצלחה, זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו דער אַרישער זייט; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט; ביי 20 יאָר אַלט.
ז״ז: 156, 157, 163, 182, 186, 187, 221, 229, 241, 242.
א ש ר ש מ ו א ל (ש מ ו א ל י ש ש כ ר) — דער הערשט פון דער וואַרשעווער אונטערוועלט.
ז״ז: 196.

ב

ב אָ ז ש י ק אָ וו ס ק י ט ו ב י ה — געבאָרן אין לאָדזש; געוווינט אין ראַדאָמסק; מיטן איינגעמען די שטאָט דורך די דייטשן, אויפגעשטעלט קאָנספּיראַטיווע קעמער־לעך פון דרור און פועלי־ציון צ.ס.; אין מיטן 1940 אַרויסגערופן געוואָרן דורך מרכז

דרור קיין וואַרשע; לעקטאָר אויף די סעמינאַרן פון דער באַוועגונג; יוגנט־דערציער; צווישן די רעדאַקטאָרן פון דער קאָנספּיראַטיווער פרעסע; בשעת דער גרויסער אַקציע — אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם אין טשערניאַקאָוו; מיטגליד פון דער אָרטיקער ייק״אָ־אָפּטיילונג אויף צו פאַרטיידיקן דעם פונקט; ענדע 1942 אַריין געטריבן, איינעם מיט אַלע חברים, פון דער פאַרם, אין וואַרשעווער געטאָ; זיך באַטייליקט אין יאַנואַר־אויפשטאַנד 1943; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד — געשיקט געוואָרן דורך די קאַנאַלן אָנצובינדן קאָנטאַקט מיט די חברים אויף דער אַרישער זייט; צווישן די, וואָס זיינען אַרויס דורך די קאַנאַלן דעם 8־טן מאַי; געקעמפט אין די רייען פון ייק״אָ בשעתן פּוילישן אויפשטאַנד; נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן געווען צווישן די גרינדער פון דער באַנייטער דרור און החלוץ־באַוועגונג; צווישן די רעדאַקטאָרן פון דער דרור־פרעסע; עולה געווען אין יאָר 1949; איינער פון די גרינדער פון בית לוחמי־הגיטאות; געשטאָרבן אין יאָר 1959; 48 יאָר אַלט געווען. זיין עדות: דאָס בוך ״צווישן פאַלנדיקע ווענט״ דערשינען אויף יידיש אין פּוילן, אין פאַרלאַג פון מרכּז החלוץ און קאָנפיסקירט דורך די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען; אַ פאָטאָגראַפירטע אויסגאַבע דערשינען אין ישראל; איבערגעזעצט אויף עברית, ענגליש און רוסיש.

ז״ז: 28, 68, 133, 211, 226, 237.

באָראַן דבורה — געבאָרן אין קאָוועל; צווישן די מיטגלידער פון דרור און פון קיבוץ אויף דזיעלנע 34; חברטע פון ייק״אָ אין וואַרשע; געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון חנוך גוטמאַן (ז״ו) אויפן בערשטלער־געביט און אין צענטראַלן געטאָ; געפאַלן אין קאַמף דעם 3־טן מאַי 1943; ביי 23 יאָר אַלט.

ז״ז: 200, 221.

באָראַקס עדעק (אליהו) — געבאָרן אין קאַליש; ביים מלחמה־אויסברוך — אין דער פּוילישער אַרמיי; צווישן די גרינדער פון קאָנספּיראַטיוון השומר־הצעיר אין דער סאָוויעטישער ווילנע; נאָכן איינעמען ווילנע דורך די דייטשן געקומען, ענדע 1941, אין שליחות פון זיין אָרגאַניזאַציע קיין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון ייק״אָ אין ביאַליסטאָק; ביים ערשטן צוזאַמענשטויס, דעם 5־טן פעברואַר 1943, געכאַפּט דורך די דייטשן און אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע; פרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט; 25 יאָר אַלט.

ז״ז: 85.

בור — ר׳ קאָמאָראָווסקי טאַדעוש.

ביאַליק ח. נ. — ז״ז: 36, 196.

ביגעלמאַן מנחם — געבאָרן אין וואַרשע; חבר פון דרור; צווישן די קיבוץ־חברים אויף דזיעלנע 34; מיטגליד פון דער ייק״אָ אין וואַרשע; אין די טעג פון אַפּריל 1943 געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון בערל ברייזאַ (ז״וו) אין צענטראַלן געטאָ; צווישן די ווייניקע וואָס זיינען ניצול געוואָרן פון בונקער אויף מילע 18; געפאַלן דעם 10־טן מאַי אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן, בשעת ער האָט געפּרוּווט דורכברעכן אַ וועג דורך די קאַנאַלן צו דער אַרישער זייט; ביי 24 יאָר אַלט.

ז״ז: 240.

בידערמאַן שרה — געבאָרן אין וואַרשע; מיטגליד פון אַ לינקער יוגנט־גרופּע וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; טעטיק אין דערציִען יוגנטלעכע און אין פאַרשפּרייטן קאָנספּיראַטיווע פּרעסע; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד זיך אַרויסבאַקומען אויף דער אַרישער זייט, אויסבאַהאַלטן אויף די פעלדער פון טשערניאַקאָוו און מיט דער הילף פון די פאַרבינדלערס פון ייק״אָ געפונען אַ מקום־מקלט אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; צוליב אַ מסירה געכאַפּט דורך די דייטשן, דערשאָסן און געלאָזט ליגן אין גאַס, זייענדיק זיכער אַז זי איז טויט; שווער פאַרוואונדעט, מיט די לעצטע כוחות, דערגאַנגען צו איר פּוילישער חברטע העלאַ באַליצקאַ, אַ יונגע קאָמוניסטקע; מיט דער הילף פון איר פאָטער אַריין גענומען געוואָרן אין שפּיטאָל און אויסגעהיילט; בשעתן פאַרנעמען זיך מיט שאַפן פאַר איר אַרישע דאָקומענטן איז דער פאָטער פון דער חברטע אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ; עולה געוועזן און זיך אָנגעשלאָסן אין קיבוץ לוחמי־הגיטאות. געשטאָרבן אין יאָר 1972; 49 יאָר אַלט.

ז״ז: 29.

בלאָך אליעזר ליפּע — געבאָרן אין אומאַן, אוקראַינע; לייטער פון קק״ל אין פּוילן; אין צייט פון אָקופּאַציע — צווישן די אָנפירער פון ייס״א; פריינד פון דער חלוצישער קאָנספּיראַציע; צווישן די געזעלשאַפטלעכע טוער וואָס האָבן באַגלייט די ייק״אָ פון אירע ערשטע טריט אָן; אָנהייב 1943 געכאַפּט דורך די דייטשן און אַוועקגעשיקט אין קאַצעטן פון פּוילן און דייטשלאַנד; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט; ביי 55 יאָר אַלט.

ז״ז: 60.

בלאָך אסתר — געבאָרן אין וואַרשע; טאָכטער פון אליעזר ליפּע (ז״וו); מיטגליד פון דער יוגנט־גרופּע וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; טעטיק ביי דערציִערישער אַרבעט און אין פאַרשפּרייטן די קאָנספּיראַטיווע פּרעסע; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע, אַוועק מיט יענע וואָס זיינען

אַרויס אין דער הרוביעשאָווער געגנט, צו דער פּאַרטיזאַנער־באַזע אין ווערבקאָוויץ; אַראָפּגעשלעפּט, אײנײנעם מיט אירע חברים, פון דער באַן און אויפן אָרט דערהרגעט; ביי 21 יאָר אַלט.

ז"ז: 29.

בלאָנעס יורעק — געבאָרן אין וואַרשע; אין געטאָ — צווישן די אַקטיוויסטן פון צוקונפט, די יוגנט־באַוועגונג פון בונד; קאָמענדאַנט פון אַ ייק"אָ־אָפּטיילונג; אין אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אויפן בערשטלער־געביט און שפּעטער אין צענטראַלן געטאָ; דעם 8־טן מאַי געווען מיט יענע וואָס זײַנען אַרײַן אין די קאַנאַלן; אומגעקערט — כדי זיך צו פאַרבינדן מיט גרופּעס געבליבענע אין געטאָ; געפאַלן, צוויי טעג שפּעטער, בעת אַ פּרווו זיך דורכצורײַסן צו דער אַרישער זײַט; ביי 19 יאָר אַלט.

ז"ז: 254, 257.

בלוישטיין יצחק — געבאָרן אין זשיראַרדאָוו; פון די דרור־אַקטיוויסטן אין וואַרשעווער געטאָ; קאָמענדאַנט פון אַן ייק"אָ־אָפּטיילונג; אין אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ. ווען די קעמפער זײַנען דורך די קאַנאַלן אַרויס אויף דער אַרישער זײַט, איז ער געבליבן מיט דער אָפּטיילונג פון זכריה אַרטשטיין (ז"ו) און יוסף פאַרבער אין חרובן געטאָ; פּרטים פון זײַן טויט — ניט באַקאַנט; ביי 20 יאָר אַלט.

ז"ז: 182.

בעאַטוס פראַניע — געבאָרן אין קאָנין; מיט די אַרויסגעטריבענע פון איר היימשטאָט קיין אָסטראָוויעץ; מיטגליד פון דרור; סוף 1942 געקומען מיט די ייק"אָ־מיטגלידער פון אָסטראָוויעץ קיין וואַרשע; פאַרבינדלערין פון ייק"אָ אויף דער אַרישער זײַט; בשעתן אויפשטאַנד פון חודש אַפּריל־אָנגעהאַלטן טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיטן קעמפנדיקן געטאָ; זיך באַטייליקט אין אַרויסנעמען די קעמפער פון די קאַנאַלן; צוויי טעג שפּעטער, דעם 12־טן מאַי, זיך גענומען דאָס לעבן; ביי 17 יאָר אַלט.

ז"ז: 76, 80, 82, 202, 232.

בענדערסקאַ — לערערין אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; פּרטים וועגן איר טויט — ניט באַקאַנט.

ז"ז: 71.

בערגער דב — דער חבר פון רחל פאָגעלמאַן (ז"ו); צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור אויף די פאַרנומענע געביטן פון די סאָוויעטן; טעטיק געווען אין וואָלין און אין מזרח־גאַליציע; מאָביליזירט צו דער רויטער אַרמיי;

געפאַלן, ווייזט אויס, אין קאַמף בשעת דעם דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד.
ז״ז: 11, 288.

ב ע ר ל י נ ס ק י ה ע ר ש — געבאָרן אין לאָדזש; צווישן די אַקטיוויסטן פון פועלי־ציון לינקע אין וואַרשעווער געטאָ; איינער פון די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער באָראָכאָוו־יוגנט; אויף די באַראַטונגען פון די געזעלשאַפטלעכע טוער אין געטאָ אונטערשטיצט די אָנהענגער פון צוגרייטן די פאַרטיידיקונג; נאָכן אויסברייטערן די טעטיקייט פון ייק״אָ באַשטימט ווי דער פאָרשטייער פון זיין פאַרטיי אין דער הויפּט־קאָמענדאַנטור; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אויפן בערשטלער־געביט, שפּעטער אין צענטראַלן געטאָ; נאָכן אַרויסגיין דורך די קאַנאַלן, זיך אָנגע־שלאָסן אָן דער ייק״אָ־אָפּטיילונג אין די וועלדער פון ווישקאָוו און זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; געפאַלן בשעתן פוילישן אויפשטאַנד; ביי 35 יאָר אַלט.
זיין עדות: פאַרשריבן אויף דער אַרישער זייט, אין בוך ״דריי״.
ז״ז: 140.

ב ע ר נ ש ט י י ן י צ ח ק — געבאָרן אין פּלאָצק; לערער, עסייאיסט, זשורנאַליסט, פאָרשער אויפן דערציאונגס־געביט; פאַרעפנטלעכט אין דרור אַן עסיי וועגן י.ל.פּרץ; פון די ע״ש־אַקטיוויסטן — דעם געהיימען אַרכיוו אין וואַרשעווער געטאָ; פון די ייס״א־אַקטיוויסטן; אומגעקומען בשעת דער גרויסער אַקציע; 43 יאָר אַלט.
אַ טייל פון זיינע שאַפונגען פון דער מלחמה־צייט — זיינען אָפּגעהיט געוואָרן אין ע״ש־אַרכיוו.
ז״ז: 67.

ב ר אַ ג י נ ס ק י — לערער אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע, פּרטים וועגן זיין טויט ניט באַקאַנט.
ז״ז: 71.

ב ר אַ ו ע ר ה ע ר מ אַ ן — דייטש; אייגנטימער פון שאָפּן אין וואַרשעווער געטאָ, אויף דער נאַלעווקי גאַס 28—38; אַ טעלעפאָן־אַפּאַראַט אויפן געביט פון זיינע וואַרשטאַטן אויסגענוצט געוואָרן דורך ייק״אָ־מיטגלידער אין געטאָ, אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד, כדי צו פאַרבינדן זיך מיט פראַניע בעאַטוס (ז״ו) אויף דער אַרישער זייט.
ז״ז: 202.

ב ר אַ נ ד ע ס צ ב י — געבאָרן אין זשאַרקי; פון די בולטע אַקטיוויסטן פון השומר־הצעיר אויפן שטח פון דער דייטשער אָקופּאַציע; פרילינג 1941 אויפגעשטעלט, אינײַנעם מיט יוסף קאַפּלאַן (ז״ו) די לאַנדווירטשאַפט־פאַרם פון השומר־הצעיר אין

זשאַרקי; פון יאַנואַר 1943 געווען טעטיק אין בענדין; צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון ווידערשטאַנד אין זאַגלעמביע; מיטגליד פון דער ייק״אָ־אָנפירונג אין בענדין; זיך באַטייליקט אין פאַרטיידיקונג פון די בונקערס; דערהרגעט אָנהייב אויגוסט 1943; 26 יאָר אַלט.

ז״ז: 130, 287.

ב ר אַ ס ל אַ ו ו ש מ ו א ל — געבאָרן אין מאָסקווע; געוווינט אין וואַרשע; ביים מלחמה־אויסברוך מיט די אַנטלאָפענע קיין ווילנע; יאַנואַר 1940 זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון דעם קאָנספּיראַטיוון השומר־הצעיר אינעם דייטשן אָקופּאַציע־געביט; אַ שטיקל צייט אָנגעפירט מיט דער יוגנט־טעטיקייט אין ראַדאָמער קרייז; צווישן די רעדאַקטאָרן פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע; בולטער דערציער אין זיין באַוועגונג; מיטגרינדער פון ייק״אָ; פון די אָרגאַניזאַטאָרן ביים אונטערציִנדן די עוואַקואירטע יידישע הייזער בשעת דער גרויסער אַקציע; דערהרגעט געוואָרן דעם 3־טן סעפּטעמבער 1942, בשעתן גיין געוויער ווערן וועגן דעם גורל פון יוסף קאַפּלאַן (ז״ו); דורך זיינע חברים באַגראָבן אויפן ספּאָרט־פּלאַץ ״סקרא״, לעבן יידישן בית עולם אויף גענשע; 22 יאָר אַלט.

ז״ז: 123, 128, 179, 287, 288.

ב ר ו י ד א ב ע ר ל — געבאָרן אין סלאָנים; ביים מלחמה־אויסברוך אינעם באָראָכאָוו־קיבוץ אין לאָדזש; ענדע 1939 געקומען קיין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון קאָנספּיראַטיוון דרור; אַקטיוו אין יוגנט־דערציאונג; סעקרעטאַר פונעם הכשרה־קיבוץ אויף דער סטערדין־פּאַרם, לעבן סאָקאָלאָוו; ענדע 1941 אויפגעשטעלט דעם קיבוץ פון דרור אין אָסטראָוויעץ; אין יאָר 1942 — אין שפּיץ פון אָרטיקן ייק״אָ; צוליב דער פּאַראַליזירטער טעטיקייט פון ייק״אָ אין אָסטראָוויעץ, אַריבער מיט זיינע חברים קיין וואַרשע; אין די טעג פון יאַנואַר־אויפשטאַנד 1943 געכאַפּט און אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע; געשפּרונגען פון דער באַן און זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; קאָמענדאַנט פון דרור־אָפּטיילונג אין צענטראַלן געטאָ; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד העלדיש פאַרטיידיקט דעם גאַסן־אָפּשניט מילע־זאַמענהאָף; דעם 8־טן מאַי געווען אין צענטראַלן בונקער אויפן מילע 18. דאָרט זיך גענומען דאָס לעבן; ביי 25 יאָר אַלט.

ז״ז: 57, 132, 150, 182, 188, 189, 191, 194, 196, 225, 238.

ב ר ו ס ק י ן א ה ר ן (פּ אַ ו ו ע ל) — געבאָרן אין וואַרשע; מיטגליד פון פּ.פּ.ר; קאָמענדאַנט פון אַ ייק״אָ־אָפּטיילונג אין וואַרשעווער געטאָ; אין אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ; דעם 7־טן מאַי אַרויס מיט אַ גרופּע קעמפער דורך די

קאַנאַלן כדי זיך צו פאַרבינדן מיטן קאָמענדאַנט פון ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט; אָנגעשטויסן זיך אויף אַ דייטשן פּאַטראָל; געכאַפּט און געטויט.
ז״ז: 232.

ג

ג אַ י ע ק ו ו ל אַ ד י ס ל אַ ו (ק ש אַ ט ש ע ק) — פּאָליאַק; שליח פון דער ג״ל צו הילף די קעמפער אין ברענענדיקן געטאָ; געהאָלפן אַרויסנעמען די קעמפער דורך די קאַנאַלן און זיי אַריבער פירן אין לאָמיאַנקער וועלדל, לעבן וואַרשע, און פון דאָרט אין דער געגנט פון ווישקאָוו. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט מיט־געאַרבעט מיט דער פּוילישער פּאָליציי, אַ פאַקט וואָס האָט גורם געווען צום אומקום פון פיל קעמפער אין וואַרשע און אין דער טשענסטאָכאָווער געגנט. ווען די זאַך איז אויפגעדעקט געוואָרן האָט אים די הויפּט־קאָמענדע פון דער ג״ל פאַרמשפּט צום טויט; אונטער אומקלאָרע אומשטענדן נעלם געוואָרן אין יאַנואַר 1944.
ז״ז: 255, 256, 259, 260.
ג אָ ל אָ װ נ ע ר ע ד ע ק (י צ ח ק) — געבאָרן אין ווין; תושב פון פּוילישן לוואָוו; אַ באַגאַבטער דערציער; לעקטאָר אויף סעמינאַרן; צווישן די גרינדער פון דער החלוץ און דרור־קאָנספּיראַציע אויפן פאַרנומענעם געביט פון די סאָוויעטן; קאָנצענטרירט די בריחה אויף דער רומענישער גרענעץ; צווישן די רעדאַקטאָרן פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע; פון די בולטע געשטאַלטן אין דער חלוצישער באַוועגונג פאַר דער מלחמה און אין דער קאָנספּיראַציע. צוליב אַ מסירה אַרעסטירט דורך דער סאָוויעטישער מאַכט און פאַרשפּאַרט אין דער לוצקער טורמע; מיטן פאַרכאַפּן די שטאָט דורך די דייטשן געצוווּנגען צו זיין אַן איבערזעצער צווישן זיי און די פּלעניקעס פון דער רויטער אַרמיי; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט; ביי 27 יאָר אַלט.
ז״ז: 11, 12, 83, 288.
ג אָ ל ד פ אַ ר ב צ ב י — געבאָרן אין ביאַלע־פּאָדלאַסק; פון די דרור־אַקטיוויסטן אין אָקופּירטן וואַרשע; פרילינג 1941 געשיקט קיין סלאָוואַקיי, צו זוכן אַ וועג פאַר דער עליה קיין א״י; פון די בולטסטע געשטאַלטן אין דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער און דרור־באַוועגונג אין אונגאַרן; געשטאַנען אין צענטער פון דער רעטונגס־אַרבעט און פון די צוגרייטונגען צו אַ ווידערשטאַנד אין אונגאַרן; אַרעסטירט און שווער געפּייניקט געוואָרן; אַ גרופּע חברים, איבערגעטוענע אין מונדירן, האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט פון דער בודאַפּעסטער טורמע מיט דער הילף

פון געפעלשטע דאָקומענטן. נאָכן באַפרייען פון אונגאַרן — אין צענטער פון אָרגאַני־
זירן, דערציען און אַריבער פירן יידן דורך דער גרענעץ; צווישן די גרינדער פון קיבוץ
פרוד. געשטאָרבן אין יאָר 1977; 56 יאָר אַלט.
זיין עדות: כתב־יד אין אַרכיוו פון בית לוחמי־הגיטאות.
ז״ז: 50.

ג אַ פ ט ע ק ב ר ו ך — געבאָרן אין פולטוסק; לערער; צווישן די גרינדער פון דער
קאָנספּיראַטיווער חלוצישער און דרור־באַוועגונג אין בענדין; דערציער, זיך
פאַרנומען מיט די קינדער וואָס זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די דייטשן בשעת
דער אַקציע; מיטן אויפשטעלן פון ייק״אָ אין בענדין באַשטימט געוואָרן צו שטיין אין
איר שפּיץ; געפאַלן בשעתן פאַרטיידיקן דעם בונקער פון ייק״אָ אין בענדין, דעם 3־טן
אויגוסט 1943; 30 יאָר אַלט.
ז״ז: 23, 57, 130.

ג ו ז י ק ד נ י א ל ד ו ד — געבאָרן אין וואַרשע; פון די דזשאָינט־דירעקטאָרן אין
פוילן אין צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע; באַליבט און געשעצט דורך אַלע געזעל־
שאַפטלעכע גרופּן אין געטאָ; פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה מיט די פאַראייניקטע־
שטאַטן, דערלויבט אים אַרויסצופאָרן אין נייטראַלן פּאָרטוגאַל כדי צו שאַפן
מאַטעריעלע הילף פאַר די יידן אין ג״ג; ביים צוריק קומען — אַרעסטירט דורך די
דייטשן און נאָכהער באַפרייט; אונטערשטיצט דאָס גרינדן פון דער לאַנדווירט־
שאַפט־פאַרם אין גראָכאָוו; נאָכן אויפשטעלן פון ייק״אָ געווען אַ מיטגליד אין דער
געזעלשאַפטלעכער קאָמיסיע פאַר שאַפן געלט־מיטלען; אויף דער אַרישער זייט —
מיטגליד פון דער לייטונג פון יינ״ק; נאָך דער באַפרייאונג אונטערשטיצט מיט געלט,
אַלס לייטער פון דזשאָינט, די בריחה־טעטיקייט; אומגעקומען אין אַ פּלי־קאַטאַס־
טראָפע לעבן פּראַג אין יאָר 1946, בשעה ער איז געפלויגן פון פּאַריז קיין וואַרשע; 56
יאָר אַלט.
ז״ז: 110.

ג ו ט מ אַ ן ח נ ו ך (ה ע נ ע ך) — געבאָרן אין לאָדזש; צווישן די אַקטיוויסטן פון
דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ; אויגוסט 1942
געמאַכט אַ ניט־געלונגענעם אַטענטאַט אויף מיעטשיסלאַוו שמערלינג (ז״וו); זיך
אויסגעצייכנט ביי דער פאַרטיידיקונג פון געטאָ אין יאַנואַר 1943; ביז מערץ 1943 —
קאָמענדאַנט פון אַן אָפּטיילונג אויפן טעבענס־שולץ־געביט, שפּעטער אויפן געביט
פון די בערשטלער־מאַכער, אויפן אָרט פון דער אָפּטיילונג פון אליעזר געלער (ז״וו),
וואָס איז אַריבער אויפן טעבענס־שולץ געביט; אין אַפּריל־אויפשטאַנד זיך אַריין

געריסן, אין שפּיץ פון זיין גרופּע, אין צענטראַלן געטאָ; שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין קאַמף פון 2־טן מאַי; געבליבן אין געטאָ איינינעם מיט זיין חברטע פּייטשע ראַבאָוו; פּרטים פון זייער טויט — ניט באַקאַנט; ביי 22 יאָר אַלט.

ז״ז: 156, 157, 182, 192, 194, 195, 220, 221.

גוטקאָווסקי אליהו — געבאָרן אין קאַלוואַריע, ליטע; געלעבט אין לאָדזש; זון פון רב יעקב גוטקאָווסקי; נאָכן אָקופּירן פון פּוילן געקומען קיין וואַרשע; צווישן די אַקטיוויסטן פון פּועלי־ציון צ.ס.; לערער פון געשיכטע אין דער קאָנספּי־ראַטיווער דרור־גימנאַזיע; רעדאַגירט, איינינעם מיט יצחק צוקערמאַן (ז״וו) דאָס ליטעראַריש־היסטאָרישע זאַמלבוך ״פּיין און גבורה אין דער יידישער געשיכטע, אין ליכט פון דער קעגנוואַרט״, דאָס ערשטע (העקטאָגראַפירטע) בוך וואָס איז דערשינען אין צייט פון דער אָקופּאַציע; לעקטאָר אויף די דרור־סעמינאַרן; איינינעם מיט עמנואל רינגעלבלום (ז״וו) אויפגעשטעלט און אַנטוויקלט דעם געהיימען אַרכיוו פון וואַרשעווער געטאָ — ע״ש; רעדאַגירט די ביולעטינען פון אַרכיוו; ענגע, פּערזענ־לעכע און אידעאַישע פאַרבינדונגען מיט דער דרור־באַוועגונג און אירע מיטגלידער; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געפונען זיין טויט אין די קאַנאַלן בשעת ער האָט געזוכט אַ וועג צו דער אַרישער זייט און מיט אים זיין פרוי לובאַ און זייער קליין יינגעלע, גבריאל־זאב; 43 יאָר אַלט.

אַ סך פון זיינע שאַפונגען, אין כתב־יד, האָבן זיך אָפּגעהיט אין געהיימען אַרכיוו ע״ש.

ז״ז: 60, 71.

גזשענדאַ — קליגער שושנה — געבאָרן אין וואַרשע; איינע פון דער גרופּע יוגנטלעכע וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; צווישן די שילערינס פון קאָנספּיראַטיוון סעמינאַר; טעטיק אין יוגנט־דערציאונג און אין פאַרשפּרייטן די געהיימע פּרעסע; אין טאָג ווען ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן די אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, דעם 22־טן יולי 1942, האָט מען זי געכאַפּט און געפונען ביי איר דעם לעצטן נומער פון ״ידיעות״, דעם אָרגאַן פון דרור, וואָס האָט גערופן צו ווידערשטאַנד; פאַרשפּאַרט אין דער פּאַוויאַק־טורמע; על־פּי טעות אָנגענומען זי פאַר אַ פּוילישע און אַוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער מיידאַנעק און פון דאָרט אין פאַרשידענע קאַצעטן אין דייטשלאַנד; אַ חברטע פון קיבוץ רמת־הכובש.

ז״ז: 29.

גיטערמאַן יצחק — געבאָרן אין האָרנאָסטאָפּאָל, אוקראַינע; פון די דזשאָינט־דירעקטאָרן אין פּוילן; ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַנטלאָפן פון

וואַרשע קיין ווילנע; זייענדיק אויפֿן וועג פֿון דאָרט קיין שוועדן — אַרעסטירט אין מיטן ים דורך די דײַטשן; זיך אומגעקערט קיין וואַרשע נאָך אַ לאַנגן אָפּזיץ אין אַ געפֿאַנגען־לאַגער; אונטערשטיצט דאָס אָרגאַניזירן דעם ע"ש, די קאָנספּיראַטיווע קולטורעלע טעטיקייט און דאָס אויפֿשטעלן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרם אין גראָכאָוו; אַ סימפּאַטיקער פֿונעם געדאַנק פֿון ווידערשטאַנד; מיטן אויפֿשטעלן פֿון ייק"אָ — אַ מיטגליד פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאָמיטעט אויף צו שאַפֿן מיטלען פֿאַר קויפֿן געווער; אומגעבראַכט דעם 18־טן יאַנואַר 1943, אין טאָג ווען ס'איז אויס־געבראָכן דער ערשטער אויפֿשטאַנד; 54 יאָר אַלט.

ז"ז: 60, 110.

ג ל אַ ט ש ט י י ן י ש ר א ל — קאָמפּאָזיטאָר; פֿון יצחק קאַצענעלסאָנס (ז"ו) פֿרײַנד; דער ערשטער וואָס האָט געשריבן אָפּערן־מוזיק צו יידישע ליברעטאָס (טעקסטן); זײַנס אַן אָפּערע, לויט דער דראַמע "פֿאַטימאַ" פֿון יצחק קאַצענעלסאָן, אויסגעפֿירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרצס טרופּע אין ניו־יאָרק; קאָמפּאָנירט מעלאָדיעס פֿאַר אַ סך פֿון קאַצענעלסאָנס לידער; נאָכן אַרויסטרײַבן אים פֿון דײַטשלאַנד קיין פּוילן אין יאָר 1939 — זיך אויפֿגעהאַלטן אין וואַרשעווער געטאָ; דאָרט פֿאַרפֿאַסט מעלאָדיעס צו ווײַטערדיקע שאַפֿונגען פֿון זײַן פֿרײַנד קאַצע־נעלסאָן; אומגעקומען אין דער גרויסער אַקציע.

ז"ז: 65.

ג ל אַ נ ץ ר ב ק ה — געבוירן אין קאָנין; ביים מלחמה־אויסברוך זיך געפֿונען אין דער הכשרה־גרופּע אין דער פּוילישער האַפּנשטאָט גדיניע; פֿון דאָרט געקומען קיין לאָדזש — ליצמאַנשטאַט; אַ קורצע צייט סעקרעטאַרין פֿונעם יודנראַט־עלטסטן מרדכי חיים רומקאָווסקי (ז"ו); ווען זי דערקענט זײַן כאַראַקטער און זײַן אמת — איז זי אַנטלאָפֿן קיין וואַרשע; פֿון די גרינדער פֿונעם קאָנספּיראַטיוון דרור; ענדע 1940 אָנגעפֿירט מיט דער טעטיקייט אין לובלינער געגנט; סוף 1941 אויפֿגעשטעלט דעם קיבוץ אין טשענסטאָכאָוו; צווישן די אָרטיקע אָנפֿירער פֿון דער ייק"אָ; אין די טעג פֿון דער ערשטער אַקציע אין געטאָ (יום־כּיפּור תש"ג) — צווישן די פֿאַרטיידיקער; נאָכן אונטערדריקן דעם אויפֿשטאַנד — אַרויס אין שליחות פֿון ייק"אָ צו אירע חברים אויף דער אַרישער זייט פֿון וואַרשע; אָפּגעוואָרפֿן דעם געדאַנק פֿון מוותר זײַן אויפֿן אויפֿשטאַנד אין געטאָ און אָנשטאָט דעם — שאַפֿן אַ פּאַרטיזאַנער־באַזע פֿאַר די טשענסטאָכאָווער קעמפֿער; געפֿאַלן בראש פֿון אַ גרופּע קעמפֿער ביים שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין געטאָ בשעתן פּרוּוון אַרויסרײַסן זיך אין דער אַרישער זייט, דעם 26־טן יוני 1943; 28 יאָר אַלט.

ז"ז: 23, 57, 132, 286, 287.

גליקשטיין יהודה — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די אַקטיוויסטן פון קיבוץ פון השומר־הצעיר אין געטאָ; ענדע 1941 געשיקט קיין טשענסטאָכאָוו, כדי אויפצושטעלן דאָרט אַ קיבוץ; סעפּטעמבער 1942 — צווישן די גרינדער פון דער אָרטיקער ייק״אָ; מיטגליד פון דער הויפּט־קאָמענדע אין שטאָט; אין 1943 אַרויס מיט אַ גרופּע קעמפער כדי אויפצושטעלן אַ פּאַרטיזאַנער־באַזע לעבן קאָניעצפּאָל פאַר די אָפּגעראַטעוועטע פון געטאָ און מיטגלידער פון ייק״אָ אין אַרבעטס־לאַגער האַסאַג. געהרגעט געוואָרן דורך אַ גרופּע פון נס״ז — נאַראָדאָווע סילי זבראָינע — אַ פאַשיסטישע פוילישע מיליטער־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געקעמפט קעגן יידן, דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן; ביי 22 יאָר אַלט.

ז״ז: 132, 287.

געלבארד — פישמאַן חנה — געבאָרן אין פּרושקאָוו; ביים מלחמה־אויסברוך אין בענדינער קיבוץ; אַ לאַנגע צייט אַרום געוואַנדערט ביז זי איז דערגאַנגען קיין וואַרשע; אַקטיוו אין אויפשטעלן די קאָנספּיראַטיווע דרור־באַוועגונג; טעטיק ווי אַ מדריכה; פאַרבינדלערין צווישן מרכז אין וואַרשע און די פּראָווינץ־שטעט; מאַי 1941 געשיקט קיין סלאָוואַקיע צו זוכן וועגן פאַר עליה קיין א״י; חברטע פון קיבוץ דפנה.

איר גביית־עדות אין דרוק (אינאיינעם מיט ירחמיאל העלפגאָט): ״מבין חומות ורשה״.

ז״ז: 50, 57.

געלער אליעזר — געבאָרן אין אָפּאָטשנע, סעפּטעמבער 1939 געקעמפט אין די רייען פון דער פוילישער אַרמיי; נאָכן צוריק קומען פון פלען — צווישן די גרינדער פון גורדוניה אין ג״ג; געשאַפן דעם קיבוץ פון זיין באַוועגונג; אינאיינעם מיט נתן עק — רעדאַגירט די באַוועגונגס־פּרעסע; אין די טעג פון ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ — אַרויס קיין זאַגלעמביע און צוריק געקומען ענדע 1942; אין די קאַמפן פון חודש יאַנואַר געקעמפט מיט זיינע חברים אין אַ דרור־אָפּטיילונג; קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג אויפן בערשטלער־געביט; צווישן די אַקטיוויסטן פונעם ייק״ק; זינט ענדע מערץ 1943 — קאָמאַנדיר פון טעבענס־שולץ־געביט; אין אַפּריל־אויפשטאַנד — אין שפּיץ פון דער פאַרטיידיקונג אויף יענעם שטח; דעם 29־טן אַפּריל צווישן די, וואָס זיינען אַרויס דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט; דער איינציקער וואָס האָט זיך געראַטעוועט, מיט וווּנדן אויפן פּנים און אויף די הענט, פון דער ייק״אָ־באַהעלטעניש בעת דער שריפה אין דער צעלולאָיד־פאַבריק, אויף דער אַרישער זייט, אויף דער 11־טער ליסטאָפּאַד גאַס; זומער 1943 אָנגעקומען מיט

געפּעלשטע פּאַפּירן פון אַ דרום־אַמעריקאַנער בירגער אין לאַגער פאַר אויסלענדער אין בערגן־בעלזען; דעם 21־טן אָקטאָבער אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ און דאָרט אומגעקומען; ביי 25 יאָר אַלט.

ז״ז: 128, 154, 180, 182, 263, 264, 287.

געפּנער אברהם — געבאָרן אין וואַרשע; פון די גרעסטע מעטאַל־אינדוס־טריעלער אין פּוילן; פאַרוואַלטער פון פאַרזאָרגונגס־אַמט ביים יודנראַט; סימפּאַטיקער פון דער יידישער קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג און באַזונדערס פון דער חלוצישער; אָנהייב 1942 זיך געוואָנדן — דורך פּנחס וואַסערמאַן, אַ מיטגליד פון דער תורה־ועבודה באַוועגונג, און אין צייט פון דער אָקופּאַציע לייטער פונעם עווידענץ־אַמט ביים יודנראַט און אויך סימפּאַטיקער פון דער חלוצישער קאָנספּי־ראַטיווער באַוועגונג — צום פאָרשטייער פון החלוץ און פאָרגעשלאָגן אויפ־צושטעלן, מיט זיין פינאַנסיעלער הילף, אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע, כדי איבער־צוגעבן דער וועלט וועגן די דייטשע רציחות; מיט אַ ברייטער האַנט אונטערשטיצט דעם ייק״אָ; געווען אין ענגן קאָנטאַקט מיט צביה לובעטקין; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד — געשטעלט אין רשות פון די קעמפער זיין באַהעלטעניש ווי אויך די שפּייז־מאַגאַזינען; געטויט בשעת די קאַמפן פון 3־טן מאַי 1943 אין בונקער אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס; אַ יאָר 70 אַלט.

ז״ז: 194, 218, 219, 221.

גראַבאָווסקי העניעק — פּאַליאַק; מיטגליד פון דער פּוילישער סקויטן־באַוועגונג; חבר פון א״ק; נאָך דעם דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד געשיקט געוואָרן מיט דער הילף פון אירענאַ אַדאַמאָוויטש (ז״וו) צו ברענגען ידיעות וועגן דער לאַגע פון די ווילנער יידן און צו שאַפן קאָנטאַקט מיט די חברים פון השומר־הצעיר און דרור. צוריק קומענדיק, האַרבסט 1941, איבערגעגעבן וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידן אין די שטעטלעך טראָקי, לאַנדוואַראָוו און אין ווילנע; נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיין פּאַרקויף־שטעלע אויפן קערצעלאַק־מאַרק געדינט ווי אַ טרעפפּונקט פאַר אייניקע חברים פון דער ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; אין פּוילן.

ז״ז: 81, 177.

גראָוואַס מרדכי (מערדעק) — געבאָרן אין וואַרשע, צווישן די אַקטיוויסטן פון השומר־הצעיר אין וואַרשעווער געטאָ; אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר אין ייק״אָ; אויסגעפירט, אינאיינעם מיט אליהו ראָזשאַנסקי, דעם טויט־אורטייל אויף יעקב לייקין (ז״וו); צווישן די פאַרטיידיקער אין חודש יאַנואַר 1943; אין אַפּריל־אויפ־

שטאַנד בראש פון זיין אָפּטיילונג אין צענטראַלן געטאָ; צווישן די, וואָס זיינען אַרויס דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט; קאָמאַנדיר פון ייק״אָ־אָפּטיילונג אין די ווישקאָווער וועלדער; פאַרנאַרט דורך א״ק־מענטשן צו בשותפותער טעטיקייט און דורך זיי אומגעבראַכט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַלע מיטגלידער פון זיין אָפּטיילונג, אין זומער 1943; ביי 22 יאָר אַלט.

ז״ז: 237.

גראַיעק שלום (סטעפאַן) — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער פּועלי־ציון צ.ס. אין וואַרשע; מיטגליד פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע; איינער פון די נאמנים פון ייק״אָ און ייק״ק; נאָך דער גרויסער אַקציע — אויפן טעבענס־שולץ־געביט; דורכן טונעל, וואָס איז אויף זיין איניציאַטיוו צוגעגרייט געוואָרן, איז אַ גרופּע קעמפער אַרויס פון לעשנאָ אויף אָגראָדאָווע גאַס, פון יענער זייט מויער; איינגעאָרדנט געהיימע וווין־ערטער אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; זיך באַטייליקט אין פּוילישן אויפשטאַנד, אויגוסט 1944; געכאַפּט דורך די דייטשן און בנס ניצול געוואָרן; נאָך דער באַפרייאונג — אַקטיוו אין דער בריחה און אין רעאָרגאַניזירן די פּאַרטיי אין פּוילן; אין ישראל.

זיין עדות — אין בוך ״שלושה ימי קרב״.

ז״ז: 73, 263.

גראַנאַטשטיין שרה — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן דער גרופּע וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; שילערין פון דער געהיימער דרור־גימנאַזיע; דערציערין; טעטיק אין פאַרשפּרייטן די אונטערערדישע פּרעסע; אַ מיטגליד פון ייק״אָ; איניינעם מיט דוד שולמאַן און בערל ברוידא (ז״ו) אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל אויף ישראל פירשט (ז״ו), דעם 18־טן יאַנואַר 1943,ביים אויסברוך פון ערשטן אויפשטאַנד, געכאַפּט און אַרויסגעשיקט קיין טרעבלינקע; פּרטים וועגן איר טויט — ניט באַקאַנט; 20 יאָר אַלט.

ז״ז: 29, 287.

גראָס נחמיה — געבאָרן אין לייפּציג, דייטשלאַנד; טעטיק געווען אין דער חלוצישער באַוועגונג אין פּוילן; ביים מלחמה־אויסברוך — צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער און דרור־באַוועגונג אויפן סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט; אָנגעפירט מיט דער בריחה קיין ווילנע; יאַנואַר 1940 אַריבער די גרענעץ קיין ליטע; אַרעסטירט דורך די סאָוויעטן און פאַרמשפּט אויף 5 יאָר קאַטאָרגע אין וויטן צפון; נאָך דער מלחמה און נאָך זיין פריי ווערן געקומען קיין פּוילן און ווייטער זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די בריחה; ביים פּרווו אַריבער צו גיין די גרענעץ קיין

דייטשלאַנד, פון ס'ניי געכאַפּט געוואָרן דורך די רוסן און פאַרשפּאַרט אין לייפּציגער טורמע; נאָך זיין לעצטער באַפרייאונג ממשיך געווען די טעטיקייט אין דער בריחה; געשטאָרבן אין ישראל אין יאָר 1970; 53 יאָר אַלט.
זיין עדות אין אַרכיוו פון בית לוחמי־הגיטאות.

ז"ז: 11.

ג ר אָ ס מ אַ ן   ח י י ק ע — געבאָרן אין ביאַליסטאָק; טעטיק אין דער השומר־הצעיר קאָנספּיראַציע אין ווילנע; געקומען אין שליחות פון איר באַוועגונג קיין וואַרשע און איבערגעגעבן וועגן דער שחיטה אין פּאָנאַר; אַקטיוו אין דער ייק"אָ אין ביאַליסטאָק און אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט פון שטאָט; אין ישראל; חברטע פון קיבוץ עברון.
איר עדות אין בוך: "אנשי מחתרת".

ז"ז: 85.

ג ר ש ו נ י   ג ד ל י ה ו — געבאָרן אין ביאַליסטאָק; שטאַמט פון דער משפחה פון יידיש־רוסישן רעוואָלוציאָנער גרעגאָרי גרשוני; סעקרעטאַר פונעם קיבוץ אויף דזיעלנע 34; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע, ענדע אויגוסט 1942 בראש פון דער גרופּע, וואָס איז אַרויס פון וואַרשע כדי אויפצושטעלן די פּאַרטיזאַנער־באַזע אין דער הרוביעשאָווער געגנט; אַראָפּגעשלעפּט, צוזאַמען מיט זיינע חברים, פון דער באַן און דערשאָסן; 28 יאָר אַלט.

ז"ז: 122.

ד

ד אָ ב ו כ נ אָ   ש א ו ל — געבאָרן אין וואַרשע; פון די בולטע געשטאַלטן צווישן דור יונגע מדריכים אין קאָנספּיראַטיון דרור; געווען טעטיק אין וואַרשע, שפּעטער אָנגע־פירט מיט דער אונטערערדישער אַרבעט אין הרוביעשאָווער ראַיאָן; באַטייליקט זיך ביים אויפשטעלן די פּאַרטיזאַנער־באַזע אין ווערבקאָוויץ; געגרינדעט אַ קיבוץ פון דרור; דערהרגעט געוואָרן אָנהייב סעפּטעמבער 1942; ביי 19 יאָר אַלט.
ז"ז: 57, 122, 288.

ד אָ מ ב ר אָ ו ו ס ק י   ד ו ד — לערער; דער שוואָגער פון בערל — ברודער פון יצחק קאַצענעלסאָן (ז"ו); פאַרן מלחמה־אויסברוך דירעקטאָר פון דער לאָדזשער העברעישער שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך יצחק קאַצענעלסאָן; אין צייט פון דער אָקופּאַציע פאַרוואַלטער פון אַ יתומים־הויז אין וואַרשעווער געטאָ; געגאַנגען אין שפּיץ פון זיינע תלמידים, אויגוסט 1942, אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע, צום אומשלאַגפּלאַץ אויפן וועג קיין טרעבלינקע.
ז"ז: 65.

ד אַ נ י ל ע ו י ט ש   ה ע ר ש ע ל ע — יידישער פאָלקס־דיכטער, באַוווּסט אונטערן נאָמען "הערשעלע"; געשטאָרבן פון הונגער אין וואַרשעווער געטאָ, אין יאָר 1941; זיין אַרכיוו און פיל פון זיינע לידער, וואָס געשריבן אין געטאָ, זיינען דורך דער אלמנה געבראַכט געוואָרן אויף דזיעלנע 34 און דער פאָלקלאָריסט נתן גוכערמאַן האָט זיך פאַרנומען מיט ברענגען זיי אין אָרדענונג; זיין ליטעראַרישע ירושה איז פאַרלאָרן געגאַנגען, אויסער צוויי לידער וואָס מען האָט פאַרעפנטלעכט אין דער קאָנספּי־ראַטיווער צייטונג "דרור", אין נומער 7—8 (13); 53 יאָר אַלט.
ז"ז: 64, 67.

ד ר ע נ ג ע ר   ש מ ע ו ן (מ אַ ר ע ק) — צווישן די אָנפירער פון דער קאָנספּי־ראַטיווער עקיבא־באַוועגונג, וואָס איר צענטער איז געווען קראָקע; מיט די באַנייער פון דער באַוועגונג אין ג"ג; איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און קאָמענדאַנטן פון דער ייק"אָ אין קראָקעווער געטאָ; לייטער פון טעכנישן אַמט אויף צוצוגרייטן פאַלשע דייטשע דאָקומענטן; אין יאַנואַר 1943 — אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ; אין דער טורמע אויף מאָנטעלופּי זיך געטראָפן מיט אַנדערע ייק"אָ־מיטגלידער, וואָס זיינען אַריין געפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, נאָכן אַטענטאַט פון חודש דעצעמבער 1942; דעם 29־טן אַפּריל 1943 אַרויסגעפירט, מיט לאַבאַן — אברהם לייבאָוויטש (ז"ו) — און נאָך אַנדערע קעמפער, צום טויט און באַוויזן צו אַנטלויפן; אָנגעקומען אין דער סביבה פון באָכניע און דאָרט זיך געטראָפן מיט זיין חברטע גוסטאַ; רעדאַגירט דעם "החלוץ הלוחם", דער אָרגאַן פון ייק"אָ אין קראָקע, ווו ער האָט אויפגעפאָדערט די איבערגעבליבענע יידן זיך ניט אונטערצוגעבן, גרייטן זיך צו אַן אויפשטאַנד; האַרבסט 1943 — אַריין געפאַלן, אינאיינעם מיט גוסטאַ, ביי ניט קלאָרע אומשטענדן, אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ; 27 יאָר אַלט.
ז"ז: 132, 142.

ה

הײדוק — קאָנספּיראַטיװער נאָמען פֿון אַ פּאָליאַק, אַ מענטש פֿון דער א״ק, צװישן די אָנפֿירער פֿון דער פּױלישער סקױטן־באַװעגונג; פֿרײַנד פֿון אירענאַ אַדאַמאָװיטש (ז״ו); געװען, װי־ס׳װײַזט אױס, אינעם אױסשפּיר־דינסט פֿון א״ק; געפֿאַלן אין פּױלישן אױפֿשטאַנד, אין יאָר 1944.

ז״ז: 202, 203.

הײנסדאָרף מרים — געבאָרן אין װאַרשע; פֿון די אָנפֿירנדיקע פֿון השומר־הצעיר אין צײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע; פֿאַרשטײערין פֿון דער באַװעגונג אין ײנ״ק און אין ײק״ק; אין די טעג פֿון אַפּריל־אױפֿשטאַנד — אין דער אָפּטײלונג פֿון שלמה װינאָגראָן — אַ חבר פֿון השומר־הצעיר װאָס האָט געקעמפֿט אױפֿן טעבענס־שולץ־געביט, אין דעם שאָפּ פֿון דײַטשן אינדוסטריעלער שילינג; דאָרט געבליבן אינאײנעם מיט די אַנדערע חברים פֿון איר אָפּטײלונג, נאָכן פֿאַרלאָזן פֿון די קעמפֿער דאָס געטאָ, דעם 29־טן אַפּריל 1943; פּרטים װעגן איר טױט — ניט באַקאַנט; בײַ 30 יאָר אַלט.

ז״ז: 133, 287.

העלמאַן יודקע — געבאָרן אין פּינסק; חבר פֿון קיבוץ גבת; אין יאָר 1939 שליח פֿון קיבוץ המאוחד און פֿון דער הסתדרות צום החלוץ אין פּױלן; פֿון די גרינדער פֿון דער אונטערערדישער דרור־באַװעגונג אױפֿן סאָװיעטישן אָקופּאַציע־געביט, װוּ ער איז געװען טעטיק ביז זײַן צוריק קומען אין לאַנד, פֿעברואַר 1940.

זײַן עדות — אין דער זאַמלונג ״בימי שואה״.

ז״ז: 11.

העלער זעליג — צװישן די פּליטים געקומענע פֿון לאָדזש קײן װאַרשע; אינדוסטריעלער; געסטאַפּאָ־אַגענט; געהרגעט דורך זײַנע ברױט־געבער בײַם אױס־ברוך פֿון דער אַקציע אין װאַרשעװער געטאָ, יולי 1942.

ז״ז: 30.

העלפּגאָט ירחמיאל — געבאָרן אין װיעלון; בײַם מלחמה־אױסברוך מאָביליזירט אין דער פּױלישער אַרמײ, אַרײַן געפֿאַלן אין דײַטשן פּלען און באַװיזן צו אַנטלױפֿן; פֿרילינג 1940 געקומען קײן װאַרשע; צװישן די אַקטיװיסטן פֿון דער דרור־קאָנספּיראַציע און פֿון קיבוץ אױף דזשעלנע 34; פֿרילינג 1941 — מיט די, װאָס זײַנען אַריבער אין דער סלאָװאַקײ און אונגאַרן; חבר פֿון קיבוץ דפנה.

זײַן עדות (אינאײנעם מיט חנה געלבאַרד) אין בוך: ״מבין חומות ורשה״.

ז״ז: 50.

העענדלער אָסקאַר (ישעיהו) — געבאָרן אין לודוויגסהאַפּן, דייטשלאַנד; אַקטיוו אין הבונים און נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט — אין דער החלוץ־צענטראַלע אין בערלין; ווי אַ זון פון עלטערן, פּוילישע בירגער, אַרויס־געטריבן קיין פּוילן און אייגגעגלידערט אין מרכז החלוץ אין וואַרשע, אַלס לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר אָרגאַניזירן די יידישע יוגנטלעכע, פּליטים פון זבאָנשין; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער און דרור־באַוועגונג אויפן סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט; יוני 1940 אַרעסטירט און פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע אין אוראַל; אַפּריל 1945 זיך אומגעקערט קיין פּוילן און אַוועק אין שליחות פון דרור קיין רומעניע; פון די בולטסטע געשטאַלטן אין אָרגאַניזירן די שארית־הפליטה אין די ד.פּ.־לאַגערן אין דייטשלאַנד; עולה געווען אין יאָר 1948; צווישן די גרינדער פון קיבוץ לוחמי־הגיטאות; געשטאָרבן אין יאָר 1978; 69 יאָר אַלט.

ז״ז: 11.

הערמאַן פּעסיאַ — חברטע פון דרור און פון קיבוץ אויף דזיעלנע; אין אויגוסט 1942 אַרויס אײַנינעם מיט אַ גרופּע פון דרור און השומר־הצעיר אין די מעזריטשער וועלדער; געכאַפּט און אַרויסגעשיקט ווי אַ פּוילישע אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין דייטשלאַנד; אין ישראל.

ז״ז: 123.

הערשעלע — (זע: דאַנילעוויטש הערשעלע)

ו

וואַלד בנימין — געבאָרן אין וואַרשע; פון די דרור־אַקטיוויסטן בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע; קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג אויפן טעבענס־שולץ־געביט; יאַנואַר 1943 — צווישן די פאַרטיידיקער אויף זאַמענהאָף 56—58 און מילע 34; אין אַפּריל־אויפשטאַנד אָנגעגריפן מיט האַנט־גראַנאַטן אַן ס.ס.־אָפּטיילונג אויף דער לעשנאָ גאַס, פון יענער זייט געטאָ־מויערן; געפאַלן אָנהייב מאַי 1943 בשעתן פּרווון זיך דורכשלאָגן, בראש פון זיין אָפּטיילונג, צו דער אַרישער זייט, לעבן די קאַנאַלן אויף אָגראָדאָווע גאַס; 28 יאָר אַלט.

ז״ז: 182.

וואָלינסקי הענריק (וואַצלאַוו) — פּאָליאַק; ממונה איבער יידישע ענינים אין א״ק; סימפּאַטיקער פון יידישן אונטערגרונט און שטיצער פון די ייק״אָ־אויפטוען; באַקעמפט אויף ווי ווייט מעגלעך, די אַנטיסעמיטישע נייגונגען פון זיינע א״ק־חברים; אַרויס קעגן די באַשולדיקונגען, אַז די יידן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די

געטאָס און פון די לאַגערן, באַרויבן און טעראָריזירן פוילישע פויערן; אָנערקענט ווי איינער פון די חסידי אומות־העולם; לעבט אין פוילן.
ז״ז: 200.

וואַצלאַוו — (זע: וואָלינסקי הענריק)

וויטאָלד — (זע: יוזוויאַק פראַנצישעק)

ווייסבערג משה — געבאָרן אין וואַרשע; לערער פון יידישער ליטעראַטור אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; ביזן מלחמה־אויסברוך — לערער פון געשיכטע אין מלוכישע שולן פאַר יידישע קינדער; צווישן די מיטאַרבעטער פון יידישן יודאַאיסטישן אינסטיטוט אין וואַרשע; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט.
ז״ז: 71.

ווייצער — לערער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; נאָכן אויפשטעלן פון ייק״אָ זיך אָנגעשלאָסן אָן אירע רייען; געפונען זיין טויט אויפן וועג צו דער פּאַרטיזאַנער באַזע אין ווערבקאָוויץ.
ז״ז: 71.

ווילטשינסקאַ סטעפאַ — געבאָרן אין וואַרשע; געשטאַמט פון אַן אַסימילירטער משפּחה; דערציערין; נאָענטע מיטאַרבעטערין פון יאַנוש קאָרטשאַק (ז״וו); פאַר דער מלחמה געוועזן אויף אַ באַזוך אין א״י; באַשטימט עולה צו זיין און צוריק געפאָרן קיין פוילן כדי מיטצונעמען מיט זיך יאַנוש קאָרטשאַקן. צוליבן אויס־ברוך פון קריג — געבליבן אין פוילן; אַ פריינדין פון אונטערערדישן דרור; בשעת דער גרויסער אַקציע געגאַנגען, אינאיינעם מיט די קינדער פון יתומים־הויז, צום אומ־שלאַגפּלאַץ אין טרעבלינקע; 56 יאָר אַלט.
ז״ז: 60, 67, 68.

ווילנער אריה — זיין אמתער נאָמען ישראל חיים; קאָנספּיראַטיווער נאָמען: יורעק; געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער באַוועגונג אין ווילנע; אָנהייב 1942 געקומען אין שליחות פון השומר־הצעיר קיין וואַרשע און אויסגעפירט וויכטיקע אויפגאַבן; בראש פון דער קאָמונע אויף נאַלעווקי 23; ענדע 1942 — אין שליחות קיין טשענסטאָכאָוו און קראָקע צוצוגרייטן די יוגנט צום ווידערשטאַנד; פאָרשטייער פון ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; צוליב אַ מסירה אַריין געפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, געפייניקט אין געסטאַפּאָ־שטאַב אין דער שוך־אַלעיע און אין פאַוויאַק; אַנטלאָפן פון אַן אַרבעטס־לאַגער אין

רעמבערטאָוו; זיך געגומען דאָס לעבן אין בונקער אויף מילע 18, דעם 8־טן מאַי 1943; 26 יאָר אַלט.
ז״ז: 115, 120, 131, 133, 135, 142, 176—178, 180, 199, 225, 238, 288.

ווינ יצקאַ — קלעבאַנסקאַ בראָנקאַ — געבאָרן אין גראָדנע; חברטע פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; פאַרבינדלערין פון ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט פון ביאַליסטאָק; אַקטיוו אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פון דער שטאָט; פאַרבאַהאַלטן דעם מערסיק־טענענבוים אַרכיוו, וועלכער האָט זיך טיילווייז אָפּגעפונען נאָך דער מלחמה; אין ישראל.
ז״ז: 80.

ווינ יצקי מאָניעק — געבאָרן אין לובלין; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אין זיין שטאָט; אַקטיוו אינעם ראַט פון לובלינער געגנט; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט.
ז״ז: 57.

וועגנגראָווער יהודה — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די אַקטיוויסטן פון השומר־הצעיר אין געטאָ; אָרגאַניזירט דעם קאָנספּיראַטיוון אַרכיוו פון זיין באַוועגונג; אָנטייל גענומען אין דער טעטיקייט פון געהיימען אַרכיוו ע״ש; אינאיינעם מיט טוביה באָזשיקאָווסקי (ז״וו) אין דער אַפּראָוויזאַציע־קאָמיסיע פון צענטראַלן געטאָ ביים ייג״ק; צווישן די געציילטע וואָס זיינען ניצול געוואָרן פון בונקער אויף מילע 18, דעם 8־טן מאַי 1943; פאַרסמט דורך גאַז — געטרונקען פון קאַנאַל־וואַסער און געשטאָרבן גלייך ביי זיין אָנקומען אין לאָמיאַנקער וועלדל, לעבן וואַרשע; דאָרט באַגראָבן געוואָרן; 23 יאָר אַלט.
ז״ז: 236, 240, 255, 262.

ווערטהיים — קאָרניאַנסקי איטקע — געבאָרן אין לובלין; פרוי פון יוסף קאָרניאַנסקי (ז״וו); ביים מלחמה־אויסברוך געווען אין קיבוץ אין דאָמבראָווע־גורניטשע; צוריק קומענדיק אין איר געבורטשטאָט — פאַרבינדלערין פון דרור צווישן די דרור־סניפים אין דער פּראָווינץ און דער מועצה אין לובלינער געגנט; אָנהייב 1941 געשיקט געוואָרן קיין סלאָוואַקיי און דורך אונגאַרן געקומען קיין א״י; אין קיבוץ דפנה; געשטאָרבן אין יאָר 1975; 59 יאָר אַלט.
איר עדות: פאַרעפנטלעכט אין בוך פון יוסף קאָרניאַנסקי ״בשליחות חלוצים״.
ז״ז: 50.

זאַטוואַרניצקי — פּאָליאַק; אייגנטימער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם טשערניאַקאָוו; באַשעפטיקט אַ גרויסע גרופּע חלוצים, דרור־מיטגלידער, פון העלפט 1940 ביז ענדע 1942, ווען מ׳האָט זיי אַריין געטריבן אין וואַרשעווער געטאָ; זיך באַצויגן מיט כבוד צו די חלוצים און זיי געלאָזט אַ ברייטע, אינערלעכע אויטאָנאָמיע; אויף זיינע פעלדער האָבן געפונען אַ באַהעלטעניש עטלעכע קעמפער וואָס זיינען אַנטלאָפן פון ברענענדיקן געטאָ.

ז״ז: 56.

זאַלמאַנאָווסקאַ — פרוי פון חיים זאַלמאַנאָווסקי (ז״ו); לערערין אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; אומגעקומען בשעת דער גרויסער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ.

ז״ז: 71.

זאַלמאַנאָווסקי חיים — געבאָרן אין נאָוואָגרודעק; ביאָלאָג; אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע אין וואַרשעווער געטאָ; לעקטאָר אויף סעמינאַרן פון דער באַוועגונג; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד 1943 פאַרטריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לובלינער געגנט, שפּעטער אין פאַר־שידענע לאַגערן פון דריטן רייך; אין ישראל.

ז״ז: 71.

זאַלצבערג דוד — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די אַקטיוויסטן פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אין וואַרשע, שפּעטער אין לובלינער קאַנט; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט; ביי 25 יאָר אַלט.

ז״ז: 57.

זאַק יוסף — (זע: סאַק יוסף)

זימאַק לילקאַ — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די דרור־אַקטיוויסטן אין געטאָ; אין אַפּר׳ל־אויפשטאַנד — אין דער אָפּטיילונג פון בערל ברוידא (ז״ו); פאַרבינדלערין פון ישראל קאַנאַל (ז״ו) ווען ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן קאָמענדאַנט פון צענטראַלן געטאָ; דעם 7־טן מאַי געשיקט, אינאיינעם מיט אהרן ברוסקין (פּאָועל) (ז״ו) און אַ גרופּע קעמפער דורכצושלאָגן זיך אַ וועג צו דער אַרישער זייט; בעתן אַרויסגיין פון די קאַנאַלן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ דייטשן פּאַטראָל און פּוילישע פּאָליציאַנטן. אין צוזאַמענשטויס פּנים־אל־פּנים — געפאַלן; ביי 23 יאָר אַלט.

ז״ז: 190.

ז י מ אַ ק נ פ ת ל י — געבאָרן אין וואַרשע; ברודער פון לילקאַ (ז״ו); שילער פון קאָנספּיראַטיוון דרור־סעמינאַר; אַ שטיקל צייט פאַרבראַכט אין דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער פאַרם אין טשערניאַקאָוו; געהאָלפןביים אויפשטעלן דעם קיבוץ אין טשענסטאָכאָוו; געשיקט, מיט נאָך אַ גרופּע חברים, צו פאַרשטאַרקן די רייען פון דער ייק״אָ אין קראָקע; דעם 23־טן דעצעמבער 1942 געפּרוּווט צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף אַ יידישן פאַרעטער אין קראָקעווער געטאָ; אָנהייב 1943 זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; באַטייליקט זיך אין יאַנואַר־אויפשטאַנד און שפּעטער אין אַפּריל־אויפ־שטאַנד, געפאַלן אין די קאַמפן; 21 יאָר אַלט.

ז״ז: 190.

ז ע ל י ק אָ ו ו י ט ש ד ״ ר — צווישן די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד באַשעפּטיקט ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטער אין שפּיטאָל אין בערנעראָוואָ, לעבן וואַרשע; ער און זיין פרוי האָבן זיך באַטייליקט אין ראַטעווען די קעמפער פון דער ייק״אָ־אָפּטיילונג, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די חורבות פון דער שטאָט נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד; עולה געווען אין ישראל און אויסגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע.

ז״ז: 282.

ח

ח ז ן — י ע ר י ב ע ל אַ — געבאָרן אין ראַזישטש, וואָלין; אַקטיוו אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אויף די פאַרנומענע געביטן פון די סאָוויעטן און שפּעטער אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע; פאַרבינדלערין אין גראָדנע און ביאַליסטאָק; אַריין געפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ בשעתן אַריבער גיין, פרילינג 1942, די גרענעץ צום ג״ג; פאַרטריבן קיין אוישוויץ; אין ישראל.

ז״ז: 80.

ט

ט אָ ל ו י נ ס ק י ס ט אַ נ י ס ל אַ ו ו — פּאָליאַק, אַרכיטעקט; שטאָטבוי־אינזשיניער; נאָענט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און אין צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע — צו פּ.פּ.ר; אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע באַציאונג צום יידישן אונטער־גרונט; נאָך דער באַפרייאונג — וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט.

ז״ז: 97.

טעבענס וואַלטער צעזאַר — דייטש; אינדוסטריעלער; אייגנטימער פון די גרעסטע שאָפּן אין וואַרשעווער געטאָ, אויף לעשנאָ און פּראָסטע גאַס; בשותפות מיט די ס.ס. אויסגענוצט די ביליקע אַרבעט פון זיינע יידישע אַרבעטער; נאָך דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד, דעם 12־טן מערץ 1943, נאָמינירט פאַרן ציווילן באַפולמעכטיקטן אויף דורכצופירן דעם גירוש פון די וואַרשעווער יידן "אויף אַ פרידלעכן אופן", אין די לאַגערן פון טראַווניק און פּאָניאַטאָוו, ווו זיי זיינען אָנהייב נאָוועמבער 1943 אומגעבראַכט געוואָרן; פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער ליקווידאַציע פון די וואַרשעווער יידן; נאָך דער מלחמה געווינט אין מערב־דייטש־לאַנד; אין דער רשימה פון די קריגס־פאַרברעכער; ביים אויסליפערן אים אין די הענט פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען — באַוויזן צו אַנטלויפן; לויט קלאַנגען — אומגע־קומען אין דייטשלאַנד אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

ז"ז: 174, 182.

טענענבוים (אָדער: **טענענבלאַט**) — באַהעלפער פון אַלפרעד אברהם שטאָלצמאַן (ז"ו).

ז"ז: 220.

טענענבוים מרדכי (**טאַמאַראָף**) — געבאָרן אין וואַרשע; ביים מלחמה־אויסברוך געקומען קיין ווילנע; אַקטיוו אין דער קאָאָפּעראַטיווער דרור־באַוועגונג אין די טעג פון די סאָוויעטן און דייטשן; פרילינג 1942 געקומען קיין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און פון די רעדאַקטאָרן פון איר אָרגאַן "דער רוף"; אין דער רעדאַקציע "ידיעות" פון דרור; אין די טעג פון דער אַקציע אין וואַרשע — צווישן דער ייק"אָ־דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט; ענדע 1942 אַרויס אין שליחות פון ייק"אָ קיין ביאַליסטאָק; פאַראייניקט די קאָאָפּע־ראַטיווע כוחות צו פאַרטיידיקן דאָס געטאָ; קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער ייק"אָ; אויפגעשטעלט, אײַנינעם מיט צבי מערסיק (ז"ו), דעם געהיימען אַרכיוו פון ביאַליסטאָקער געטאָ; געשטאַנען בראש פון אויפשטאַנד, דעם 17־טן אויגוסט 1943. נאָך אַלעמען — זיך גענומען דאָס לעבן; 27 יאָר אַלט.

פון זיין עזבון — אַ טאָגבוך, פאַרצייכענונגען, בריוו — געפונען אין יאָר 1945 אין אַ באַהעלטעניש אין ביאַליסטאָק און פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען "דפים מן הדליקה"; עטלעכע פון זיינע בריוו צו בראָנקאַ ווינִיצקאַ (ז"ו) פאַרעפנטלעכט אין "ידיעות בית לוחמי־הגיטאות", נומ' 11—17, 1956.

ז"ז: 42, 85, 115, 128, 130, 131, 179.

ט ש ו ד נ ע ר מ ר ד כ י — לערער, דיכטער, רעדאַקטאָר פון העברעאישע צייט־שריפטן; אין וואַרשעווער געטאָ געלעבט אין דחקות, אונטערשטיצט דורך דער דרור־באַוועגונג; ער און זיינע בני־בית אומגעקומען אין דער גרויסער אַקציע; 54 יאָר אַלט.
ז״ז: 67.

ט ש ע ר נ י אַ ק אָ ו ו א ד ם — געבאָרן אין וואַרשע; אינזשיניער; יודנעלטסטער אין וואַרשעווער געטאָ; אַרום געריגעלט מיט רענעגאַטן, געסטאַפּאָ־אַגענטן און צעשטערערישע עלעמענטן; טראָץ זיינע גוטע כוונות און זיין פּערזענלעכן יושר — האָט אים די יידישע קאָנספּיראַציע געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מיטאַרבעט מיט די דייטשן; אָנהייב דער גרויסער אַקציע, ווען ס'איז אים קלאָר געוואָרן — אין אַ שמועס מיט די באַפולמעכטיקטע פון די דייטשן — אַז די וואַרשעווער יידן שטייען פאַר אַ טאָטאַלער אויסזידלונג און ער ווערט אויפגעפאָדערט צו העלפן דאָס אַדורכ־צופירן — האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן; לויט אַ שמועה האָבן זיינע מקורבים פאַרניכטעט די צוואה וואָס ער האָט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן געשריבן; באַגראָבן אין גענשער בית־הקברות; ביי 62 יאָר אַלט.
זיין טאָגבוך, געשריבן אויף פּויליש, און אין אים פאַרצייכענונגען פון 6־טן סעפּטעמבער 1939 ביזן טאָג פון זיין טויט — דעם 23־טן יולי 1942, איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אויף עברית אונטערן נאָמען: ״יומן גטו וארשה״.
ז״ז: 41, 103.

י

י ו ז ו ו י אַ ק פ ר אַ נ צ י ש ע ק (ו ו י ט אָ ל ד) — פּאָליאַק; צווישן די ערשטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן; אין צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע — איינער פון די גרינדער פון פּ.פּ.ר; שעף פונעם גענעראַל־שטאַב פון דער ג״ל און שפּעטער פון דער א״ל; נאָך דער באַפרייאונג — קאָמענדאַנט פון דער לאַנד־מיליציע; נאָכן קעלצער פּאָגראָם באַפוילן צו פאַרזאָרגן די יידישע יוגנט מיט געווער, כדי צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די פּוילישע פּאָגראָמטשיקעס; אַ מיטגליד פון מלוכה־ראַט; וויצע־פּרעמיער. געשטאָרבן אין יאָר 1966.
ז״ז: 256.

י צ ח ק — (זע: צ ו ק ע ר מ אַ ן י צ ח ק)

י ש ר א ל ע ו ו י ט ש (י ז ר אַ ע ל ע ו ו י ט ש) ה ע ש ע ק — געבאָרן אין קראָקע; פון די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער־באַוועגונג דרור אין זיין שטאָט; צווישן די אַקטיוויסטן פון דער בריחה קיין סלאָוואַקיע; מיטגליד פון דער ייק״אָ; נאָך

חדשים־לאַנגן אַרעסט אין דער מאָנטעלופּער טורמע דערמאָרדעט אין חודש מערץ 1943; ביי 28 יאָר אַלט.
ז"ז: 57

כ

כ " ץ י ע ק ב — געבאָרן אין מאָגעלניצע; צווישן די אַקטיוויסטן פון קיבוץ אויף דזיעלנע און פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; מיטגליד פון ייק"אָ; ענדע אויגוסט 1942 געשיקט צו דער פּאַרטיזאַנער־באַזע אין דער הרוביעשאָווער געגנט; געהרגט דורך דער געסטאַפּאָ; ביי 26 יאָר אַלט.
ז"ז: 122.

כ " ץ ל י י ב — געבאָרן אין לאָמזשע; אַדוואָקאַט; חבר פון דער צענטראַלע פון פּועלי־ציון צ.ס. אין וואַרשעווער געטאָ; צווישן די רעדאַקטאָרן פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע צוזאַמען מיט ביילע קלאָטניצקאַ, דירעקטאָר פון דער שול "שול־קולט"; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געוועז מיט זיינע בני־בית אין בונקער אויף לעשנאָ 36 אויפן טעבענס־שולץ־געביט. כדי ניט אַריין צו פאַלן אין די הענט פון דייטשן — זיך גענומען דאָס לעבן איניינעם מיט זיין גאַנצער משפחה.
ז"ז: 60, 73.

ל

לאַ נ ד וי א ל כ ס נ ד ר — געבאָרן אין גאַליציע; אינזשיניער; אַ לאַנגע צייט אין ווין, שפּעטער — וואַרשעווער תושב; אין וואַרשעווער געטאָ — מיטאַרבעטער פון ע"ש; צווישן די פריינד פון דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער באַוועגונג; מיטן אויפשטעלן פון ייק"אָ — מיטגליד פון בירגערלעכן קאָמיטעט לעבן ייק"ק; אייגנטימער פון אַ פאַבריק פון האָלץ־אַרטיקלען. די דייטשן האָבן די פאַבריק פון אים און פון זיין עלטערן ברודער יוסף (ז"ו) צוגענומען; אין דער פאַבריק האָבן ביז דער מלחמה געאַרבעט פיל מיטגלידער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם אין גראָכאָוו. אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע האָבן דאָרט געפונען אַ באַהעלטעניש, מיט זיין וויסן, פיל אַקטיוויסטן פון פּאַרטייען, פון די יוגנט־באַוועגונגען, געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער און נאָך; אין אַפּריל 1943 איז ער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און פון דאָרטן, אויף פּאַפּירן פון אַ דרום־אַמעריקאַנער בירגער, אַרויס אין אָקופּירטן פראַנקרייך, קיין וויטעל, אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר אויסלענדער; געהרגעט אין אוישוויץ; זיין טאָכטער מרגלית, אַ חברטע פון השומר־הצעיר, האָט איניינעם מיט

אליהו רוזשאַנסקי אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל אויף יעקב לייקין (ז״וו); זי איז געפאַלן דעם 18־טן יאַנואַר 1943 אין אַ גאַסן־קאַמף, ווען מ׳האָט זי, איינייעם מיט חברים פון מרדכי אַנילעוויטשעס (ז״וו) אָפּטיילונג, געפירט צום אומשלאַגפּלאַץ; ביי 17 יאָר אַלט.

ז״ז: 129.

ל אַ נ ד ו י י ו ס ף — געבאָרן אין גאַליציע; דער עלטערער ברודער פון אלכסנדר (ז״וו); אויף וויפל ס׳איז באַקאַנט, איז זיין גורל געווען ווי דער גורל פון זיין ייִנגערן ברודער.

ז״ז: 129.

ל אַ נ ד ו י מ י כ א ל י ר מ י ה ו — געבאָרן אין לאָדזש; אַדוואָקאַט; צווישן די פּליטים פון זיין שטאָט וואָס זיינען געקומען קיין וואַרשע; חבר פון דער קאָנספּיראַטיווער פּועלי־ציון צ.ס.; צווישן די געטרייע אָנהענגער פון דרור און לעקטאָר אויף די סעמינאַרן פון דער באַוועגונג; נאָך דער גרויסער אַקציע געפונען אַ באַהעלטעניש אויף דער אַרישער זייט; אין מיטן 1943 איז ער מיט זיין פרוי רבקה, אויף אַ פיקטיווער פּאַלעסטינער ליסטע אַריבער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר אויסלענדישע בירגער אין בערגען־בעלזען; געשטאָרבן אין ישראל אין יאָר 1971; 59 יאָר אַלט.

ז״ז: 60.

ל אַ ק ס אַ ר מ י ן — געבאָרן אין רומעניע; וואַרשעווער תושב; תלמיד פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; אינסטרוקטאָר פון שילער־קרייזן; מיטגליד פון קיבוץ אויף דזיעלנע; צווישן די יונגע פון ייק״אָ; ענדע אויגוסט געשיקט אין די מעזריטשער וועלדער און דאָרט געפאַלן; ביי 19 יאָר אַלט.

ז״ז: 29, 123.

ל ו י פּ ע ר ע ל ע — פּ אָ ל אַ — געבאָרן אין לאָדזש; שוועגערין פון לייזער לעווין (ז״וו); לערערין פון כימיע אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; נאָכן חורבן פון געטאָ געפונען אַ באַהעלטעניש אויף דער אַרישער זייט; געשטאָרבן אין ישראל אין יאָר 1966; 60 יאָר אַלט.

ז״ז: 71.

ל י ב ע ס ק י נ ד ד אָ ל ע ק (א ה ר ן) — געבאָרן אין קראָקעווער קאַנט; איינייעם מיט שמעון דרענגער (ז״וו) — צווישן די אָנפירער פון דער עקיבא־באַוועגונג אין אָקופּירטן פּוילן; אַ שטיקל צייט מיטגליד פון פּרעזידיום פון ייס״א אין קראָקע; לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער צוגרייטונג; בולטע

געשטאַלט פון דער יידישער קאָנספּיראַציע; צווישן די גרינדער און קאָמאַנדירן פון ייק"אָ אין קראָקע און סביבה; איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אָנפאַל אויף די דייטשן אין קאַפע־הייזער און אין די גאַסן, דעצעמבער 1942; אַרעסטירט אין דער דירה פון לאַבאַן־לייבאָוויטש (ז"ו), בשעת ער האָט געוואַרט אויפן צוריק קומען פון זיינע חברים וואָס זיינען אַוועק אויף אַ באַגעגניש מיט די קעמפער; געפאַלן אין אַ צוזאַמענשטויס מיט געסטאַפּאָ, נאָך דעם ווי ער האָט געהרגעט צוויי פון זיי און צוויי אַנדערע פאַרוווּנדעט; 30 יאָר אַלט.

ז"ז: 132, 142, 144, 148.

ליטעווסקאַ רעגינאַ — געבאָרן אין לאָדזש; צווישן די אַנטלאָפענע קיין וואַרשע; טעטיק אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אין וואַרשע און אין דער קעלצער סביבה; אומגעקומען אין דער גרויסער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, אויגוסט 1942; ביי 25 יאָר אַלט.

ז"ז: 57.

לייבאָוויטש אברהם לייב (לאַבאַן) — געבאָרן אין קראָקע; נאָך דער אָקופּאַציע פון פוילן צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אויפן סאָוויעטישן געביט; צוריק קומענדיק קיין קראָקע — צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַציע אין מערב־גאַליציע; אָנהייב 1941 אָרגאַניזירט דאָס אַריבער שמוגלען חלוצים פון ג"ג און פון אויבערשלעזיע קיין סלאָוואַקיי; דעם 20־טן יולי 1942, אָנקומענדיק קיין וואַרשע אויף באַראַטונג, אַריין געפאַלן אין די הענט פון דער פוילישער פּאָליציי און פאַרשפּאַרט אין דער פאַר־די־יידן־באַשטימטער טורמע "גענשוווקע". מיט גרויס מי אים באַפרייט אין טאָג ווען ס'איז אויסגעבראָכן די גרויסע אַקציע; זיך אומגעקערט קיין קראָקע כדי אויפצושטעלן דאָרט די ייק"אָ און אין סעפּטעמבער 1942 נאָמינירט געוואָרן פאַר איר קאָמענדאַנט; אָרגאַניזירט דעם אָנפאַל אויף די דייטשע קאַפע־הייזער און אַנדערע טעראָר־אַקטן אויף דער אַרישער זייט פון קראָקע — אין יענער צייט דער געוואַגטסטער אויפטו פון דער אַלגעמיינער קעמפנדיקער קאָנספּיראַציע אין אָקופּירטן פוילן; אין דער נאַכט פון 23־טן דעצעמבער, זיינען אַריין געפאַלן, צוליב אַ מסירה, ס'רוב מענטשן פון דער ייק"אָ וואָס אויף דער אַרישער זייט, און צו מאָרגנס אויך לאַבאַן; דעם 29־טן אַפּריל 1943, ווען מ'האָט אים געפירט צום טויט אינאיינעם מיט שמעון דרענגער (ז"ו) און אַנדערע חברים, האָט ער מיט אַ ראַזיר־מעסערל אויפגעשניטן דעם ברעזענט פונעם אויטאָ און געפרווּוט אַנטלויפן. געכאַפּט און דערשאָסן אין פּלאַשאָווער לאַגער; ביי 26 יאָר אַלט. יצחק קאַצענעלסאָן (ז"ו) האָט לזכרון אים געווידמעט אַ ליד אויף עברית. דאָס ליד

איז פאַרלאָרן געגאַנגען.
ז״ז: 50, 57, 66, 101, 102, 132, 142, 143, 145, 148.

ליי קין יעקב — יוריסט; דער געהילף פון אַנדזשעי שערינסקי (ז״ו), דער אָנפירער פון יידישן אָרדנונגס־דינסט (די יידישע פּאָליציי), שפּעטער זיין שטעלפאַר־טרעטער; אַ פאָלקס־פאַרעטער, אַ משרת פון די דייטשן און זייער געטרייער העלפער אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע; לויט אַן אורטייל פון ייק״אָ פאַרמשפּט צום טויט און דעם פּסק־דין אויסגעפירט דעם 29־טן אָקטאָבער 1942 דורך אליהו רוזשאַנסקי, מרדכי גראָוואַס (ז״ו) און מרגלית לאַנדוי (זע: לאַנדוי אלכסנדר).
ז״ז: 135.

ליכטשטיין משה — געבאָרן אין לובלין; טעטיק אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין שליחות פון פּועלי־ציון צ.ס.; מיטגליד פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע אין וואַרשעווער געטאָ; אומגעקומען אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע, סעפּטעמבער 1942; ביי 47 יאָר אַלט.
ז״ז: 73.

לינדער מנחם — געבאָרן אין סניאַטין, מזרח־גאַליציע; יוריסט; עקאָנאָמיקער; פון די ייוו״א־אַקטיוויסטן; רעדאַגירט און פאַרעפנטלעכט פאָרשונגען אין דער ״יידישער עקאָנאָמיק״; אין אָקופּירטן וואַרשע טעטיק אין ייס״א; צווישן די גרינדער פון געהיימען אַרכיוו אין געטאָ — ע״ש; געהאַלטן לעקציעס אויף די דרור־סעמינאַרן און פאַרעפנטלעכט פון זיינע פאָרשונגען אין דער קאָנספּיראַטיווער צייט־שריפט ״דרור״; אויף זיין איניציאַטיוו אויפגעשטעלט דעם ייקאָ״ר; אומגעבראַכט דורך געסטאַפּאָ פאַר דער טיר פון זיין שטוב אין דער בלוטיקער נאַכט אויפן 18־טן אַפּריל 1942; 31 יאָר אַלט.
עטלעכע פון זיינע חיבורים — זיך אָפּגעהיט אין ע״ש.
ז״ז: 60, 67.

לעוואַרטאָווסקי יוסף — (זע: פינקעלשטיין — לעוואַרטאָווסקי יוסף)

לעווין דינה — געבאָרן אין לאָדזש; טאָכטער פון לייזער (ז״ו); שילערין פון דער דרור־גימנאַזיע אין וואַרשעווער געטאָ; אַקטיוו אין שילער־קרייזן; חברטע פון ייק״אָ; ענדע אויגוסט — מיט די, וואָס זיינען אַרויס אין דער דרור־פּאַרטיזאַנקע אין הרוביעשאָווער געגנט. אונטערוועגנס אומגעבראַכט; ביי 20 יאָר אַלט.
ז״ז: 29, 122.

ל ע ו ו י ן   ל י י ז ע ר (א ל י ע ז ר) — צווישן די אַנטלאָפּענע פון לאָדזש קיין וואַרשע; מיטאָרגאַניזאַטאָר פון קאָנספּיראַטיוון פּועלי־ציון צ.ס.; אַקטיוויסט פון ייס״ז און אויפזעער איבער פאָלקס־קיכן; געטריי דעם געדאַנק פון ווידערשטאַנד אין געטאָ; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד אַריבער, דורך אַ טונעל, פון טעבענס־שולץ־געביט אין דער אָגראָדאָווע גאַס אויף דער אַרישער זייט און פון דאָרט אין לאָמיאַנקער וועלדל; מיטגעאַרבעט מיטן ייִנ״ק אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; חבר פון קיבוץ יגור; געשטאָרבן אין יאָר 1967; 76 יאָר אַלט.

זיין עדות אַרויסגעשיקט מיט דער קאָנספּיראַטיווער פּאָסט אין 1944 קיין לאָנדאָן — איבערגעדרוקט אין עטלעכע זאַמלביכער.

ז״ז: 60, 71, 73, 122.

ל ע ר ע ר   י ח י א ל — געבאָרן אין מראָזי, וואַרשעווער קרייז; יידישער דיכטער; אין קאָנספּיראַציע — צווישן די אַקטיוויסטן פון פּועלי־ציון צ.ס. און פון דער אָרגאַ־ניזאַציע פאַר דער יידישער קולטור ייקאָ״ר; פאַרעפנטלעכט אין ״דרור״, אונטער דער חתימה מ.ח. (משורר חלוצים) דאָס ליד ״אויסגעבענקטער פרילינג״, וואָס איז אַ פראַגמענט פון צווייטן טייל פון זיין פּאָעמע ״מיין היים״; איבערגעזעצט אויף יידיש ״ברוך ממגנצה״ פון שאול טשערניכאָווסקי און פאַרעפנטלעכט אין דער אַנטאָלאָגיע ״פּיין און גבורה אין דער יידישער געשיכטע אין ליכט פון דער קעגנוואַרט״ וואָס איז דערשינען קאָנספּיראַטיוו אין דרור־פאַרלאַג; אומגעקומען אין יאַנואַר 1943; ביי 43 יאָר אַלט.

ז״ז: 67.

ל ע ר ע ר   צ פ ו ר ה — געבאָרן אין פּאָטשאַיעוו, וואָלין; נאָך דער אָקופּאַציע פון לאָדזש געבליבן אַ שטיקל צייט אין קיבוץ אויף באָראָכאָווס נאָמען; שפּעטער געקומען קיין וואַרשע; געווען אַ אינסטרוקטאָרין אין יתומים־הויז אונטער דער לייטונג פון יאַנוש קאָרטשאַק (ז״ו) און סטעפאַ ווילטשינסקאַ (ז״ו); מיטן אויפ־שטעלן פון ייק״אָ טעטיק אין אירע רייען; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד — אין דער אָפּטיילונג פון חנוך גוטמאַן (ז״ו); געפאַלן אין די קאַמפן פון 3־טן מאַי 1943; 23 יאָר אַלט.

ז״ז: 193, 195.

מ

מ אַ ד ז י אַ — פאַמיליענאָמען — ניט באַקאַנט; געלעבט אין וואַרשע; אין די טעג פון דער אָקופּאַציע זיך אָנגעשלאָסן מיט אַ יוגנט־גרופּע פון לינקער איינשטעלונג צום

אונטערערדישן דרור; אַ שילערין פון דער דרור־גימנאַזיע; פאַרנומען זיך מיט קינדער־דערציִאונג אין די הייף; אַ מיטגליד פון דראַמאַטישן קרייז אונטער דער אָנפירונג פון יצחק קאַצענעלסאָן (ז״ו); אירע שפורן פאַרשווונדן אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע.

ז״ז: 29.

מאָזעס אליהו — (זע: שמידט אַנדזשעי און קאַרטין פיניע) — לויט דער השערה פונעם היסטאָריקער בער מאַרק, איז אַנדזשעי שמידט (ז״ו) דער קאָנספּיראַטיווער נאָמען פון מאָזעסן; געבאָרן אין מינסק־מאַזאָוויעצק; געקומען קיין וואַרשע פרילינג 1942 פון די שטחים וואָס די דייטשן האָבן דעראָבערט פון די סאָוויעטן; איניינעם מיט פינקעלשטיין—לעוואַרטאָווסקי (ז״ו) צווישן די גרינדער פון פּ.פּ.ר און די איניציאַטאָרן פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ. בראש פון מיליטערישן פליגל פון אָט דעם בלאָק; אַריין געפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ דעם 30־טן מאַי 1942 צוליבן פאַראַט פון אַ קאָנספּיראַטיוון טוער פון פּ.פּ.ר, אַ פּאָליאַק, בשעת ער האָט געפּרווט אַריבער פירן איבערן געטאָ־מויער אַ דרוקמאַשין פאַר זיינע פאַרטיי־חברים אויף דער אַרישער זייט; 30 יאָר אַלט.

מאיר (זע: פינקעלשטיין מאיר)

מאַרגוליס—עדעלמאַן אַלאַ — געבאָרן אין לאָדזש; פאַרבינדלערין אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע אין נאָמען פון בונד און ייק״אָ; דעם 15־טן אָקטאָבער 1944, אַנדערטהאַלבן מאָנאַטן נאָכן דערשטיקן דעם פּוילישן אויפשטאַנד, אַריין, אין שפּיץ פון אַ רעטונגס־גרופּע אין נאָמען פון פּוילישן רויטן קרייץ, אין חרובן וואַרשע און אַרויסגעראַטעוועט די קעמפער פון ייק״אָ וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פּוילישן אויפשטאַנד און זיך אויסבאַהאַלטן לעבן דער ווייסל; נאָך דער מלחמה — אין פּוילן; היינט אין פראַנקרייך.

ז״ז: 281.

מאָרגענשטערן יוחנן — געבאָרן אין זאַמאָשץ; נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן געווען אַ שטיקל צייט אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין לובלינער געגנט; נאָך זיין באַפרייען — צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער פּועלי־ציון צ.ס. אין וואַרשע; חבר פון צענטראַלן קאָמיטעט און פון אירע פאָרשטייער אין די הילף־אַנשטאַלטן אין געטאָ; מיטגליד פון יינ״ק און פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געלט־רעסאָרט אין דער הויפּט־קאָמענדאַטור פון ייק״אָ; צווישן די, וואָס זיינען אַרויס דורך אַ טונעל פון טעבענס־שולץ־געביט אויף אָגראָדאָווע גאַס אויף דער אַרישער

זייט. דעם 6־טן מאַי געכאַפּט דורך דער געסטאַפּאָ און אומגעבראַכט; 38 יאָר ביי זיין טויט.

ז"ז: 60, 73, 139.

מאָרגענשטערן מאיר — צווישן די אַנטלאָפּענע פון לאָדזש קיין וואַרשע; אַקטיוויסט פון דער קאָנספּיראַטיווער פּועלי־ציון צ.ס.; געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער דרור־באַוועגונג; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט.

ז"ז: 60.

מוסעלמאַן (ריסיעק) — געבאָרן אין וואַרשע; מיטגליד פון פּ.פּ.ר; פאַרבינדלער צווישן זיין פּאַרטיי אויף דער אַרישער זייט מיט דער פּ.פּ.ר־אָפּטיילונג אין וואַרשעווער געטאָ; זיך באַטייליקט אין ראַטעווען די קעמפער פון ברענענדיקן געטאָ; דעם 10־טן מאַי, נאָך מיטאָג, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ קאַפע־הויז אויפן באַנק־פּלאַץ אינאיינעם מיטן פאַרבינדלער יורעק זאָלאָטאָוו — אויך ער אַ מיטגליד פון פּ.פּ.ר — זיינען זיי ביידע פאַרהאַלטן געוואָרן דורך פּוילישע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט און געוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט. דייטשן, וואָס זיינען געקומען צו הילף די פּאָליציאַנטן, האָבן זיי אומגעבראַכט. אַ חשד, אַז זיי זיינען געווען אַ קרבן פון אַ פאַררעטער. דער פאַררעטער איז, ווי מ׳נעמט אָן, געווען וולאַדיסלאַוו גאַיעק (ז"ו); 18 יאָר אַלט.

ז"ז: 247.

מענדעלע מוכר־ספרים

ז"ז: 63, 64.

מערין מאָניעק (משה) — אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע — יודנעלטסטער אין סאָסנאָוויעץ, שפּעטער — געשטאַנען בראש פון "צענטער פון די יודנראַטן אין מזרחדיקן אויבערשלעזיע" וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום רייך און זיין זיצפּלאַץ איז סאָסנאָוויעץ; אין משך פון דער צייט אָנגעהויבן בלינד אויסצופירן די דייטשע באַפעלן, געקעמפט קעגן דער קאָנספּיראַטיווער, חלוצישער באַוועגונג און געפּרוווט אויפשטעלן אַ קאָנקורירנדיקע יוגנט־גרופּע אונטער זיין אויפזיכט; זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אויספירן אַקציעס; ער און זיינע נאָענטע געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ, יוני 1943 און דאָרט אומגעבראַכט.

ז"ז: 49.

מערסיק צבי — געבאָרן אין מעלניצע, לעבן קאָוועל; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע; טעטיק

געוועזן אין דער ליטווישער, סאָוויעטישער און נאָכהער אין דער דייטש־אָקופּירטער ווילנע; אין 1942 אַריבער מיט אַ גרופּע חברים קיין ביאַליסטאָק; חבר פון אָרטיקן קיבוץ תל־חי; צווישן די גרינדער פון געהיימען דרור־אַרכיוו, אָנגערופן דער "מערסיק־טענענבוים־אַרכיוו"; געשטאָרבן פון טיפוס, יאַנואַר 1943; ביי 27 יאָר אַלט.

ז"ז: 11.

מרדכי — (זע: אַנילעוויטש מרדכי)

מרדכי — (זע: טענענבוים—טאַמאַראָף מרדכי)

נ

נאָזשיצע יצחק — געבאָרן אין וואַרשע; פון די קאָנספּיראַטיווע דרור־אַקטיוויסטן; חבר פון קיבוץ אויף דזיעלנע; צווישן די, וועלכע זיינען אַרויס אין די וועלדער אין דער געגנט פון הרוביעשאָוו. אויפן וועג געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און אומגעבראַכט; ביי 20 יאָר אַלט.

ז"ז: 122.

ס

סאַמעט רודאָלף — צווישן די פּאַרטריבענע פון גדאַנסק; אַקטיוו אינעם אומלעגאַלן דרור אין וואַרשע; פון די מקורבים פון ייק"אָ, איבערגעגעבן איר אַ סך וויכטיקע איינצלהייטן וואָס עס געשעט אינעם שאָפּ פון טעבענס (ז"וו), אויסנוצנדיק דעם פּאָטערס אַמט אַלס איינער פון די שאָפּ־לייטערס; דעמאַסקירט פּאַרעטער און איבערגעגעבן ידיעות וועגן יידן וואָס זיינען רייך געוואָרן, ׳פירנדיק מסחר מיט די דייטשן, כדי זיי צווינגען באַשטייערן זיך לטובת ייק"אָ; פּרטים פון זיין אומקום — אומבאַקאַנט.

ז"ז: 29

סאַק יוסף — געבאָרן אין פּשעמישל; לערער פון אַלגעמיינער און פּוילישער ליטעראַטור אין טשענסטאָכאָוו; געזעלשאַפטלעכער טוער אין וואַרשעווער געטאָ; מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון צ.ס.; צווישן די גרינדער און דירעקטאָרן פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; מיטגליד אין דער לייטונג פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און צווישן די רעדאַקטאָרן פון איר טריבונע "דער רוף"; געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיטן ייִנ"ק אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע;

געשטאָרבן אין ישראל, אין יאָר 1965; 67 יאָר אַלט.

ז"ז: 60, 71, 73.

ס ו ד אָ ו ו י ט ש   י ש ר א ל — אַגראָנאָם; געשטאַנען אין שפּיץ פון טאָפּאָראָל (טאָוואַזשיסטוואָ פּאָפּיעראַניאַ ראָלניצטוואַ), אַ געזעלשאַפט פאַר אונטערשטיצן יידישע ערד־אַרבעטער; אין וואַרשעווער געטאָ געהאָלפן די חלוצישע באַוועגונגען אין איינאָרדענען די הכשרות און אויסגענוצט יעדע ערד־פּאַרצעלע פאַר גרינס־גערטנער; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע פאַרטריבן קיין טרעבלינקע און צוגע־טיילט געוואָרן צו אַן אַרבעט־קאָלאָנע. אויסגענוצט זיין מעמד כדי צו אָרגאַניזירן אַ יידישן קאַמף־כוח פון די אַרבעטער אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע. צווישן די אָנפירער פון אויפשטאַנד, דעם 2־טן אויגוסט 1943, אין וועלכן ער איז געפאַלן.

ז"ז: 54.

ס ט אַ ש ע ו ו ס ק י — לערער אין דער וואַרשעווער דרור־גימנאַזיע; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט.

ז"ז: 71.

ס פּ י כ אַ ל ס ק י   מ אַ ר י אַ ן — פּאָליאַק; אַרכיטעקט; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער פּ.פּ.ר אין פּוילן, יאַנואַר 1942; ערשטער שעף פונעם ג"ל־שטאַב; נאָך דער מלחמה — שטאָט־פּרעזידענט פון וואַרשע; וויצע־מיניסטער פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג; אין דעם אַמט באַפוילן אין יאָר 1946, נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם, צו עפענען די טויערן פאַרן אויסוואַנדערן פון די פּוילישע יידן. דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט איינעם פון די באַלטישע פּאָרט־שטעט פאַר די בריחה־שיפן, אָבער די דערלויבעניש איז ניט אויסגענוצט געוואָרן; אין יאָר 1949, אינאיינעם מיט וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, אין טורמע; נאָך זיין באַפרייאונג — פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, פּאָרזיצער פון מלוכה־ראַט, מאַרשאַל, ביז דערווייטערן אים פון דער מאַכט.

ז"ז: 97.

ס ק ו ט ש ק אָ ו ו ס ק י   ש ל מ ה   ד ו ד — פירנדיקער חבר פון החלוץ המזרחי אין וואַרשעווער געטאָ. פאָרשטייער פון זיין באַוועגונג אינעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס. זיינע שפּורן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע אין וואַרשע.

ז"ז: 137.

ע ד ע ל מ אַ ן   מ אַ ר ע ק — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די אַקטיוויסטן פון דער קאָנספּיראַטיוועה צוקונפט, יוגנט־באַוועגונג פון בונד; אין דער אָנפירונג פון ייק״אָ; קאָמענדאַנט פון בערשטלער־געביט; אין דער צייט פון אַפּריל־אויפשטאַנד, בראש פון זיינע קעמפער, זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צום צענטראַלן געטאָ; פון די וואָס זיינען אַרויס דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט; געקעמפט אין די רייען פון ייק״אָ בשעתן פוילישן אויפשטאַנד, אויגוסט 1944, אין דער אַלטשטאָט און אין דער פאָר־שטאָט זשאָליבאָזש; אין פוילן.

זיין עדות ״דער קעמפנדיקער געטאָ״ (אויף פויליש) איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכן.

ז״ז: 139, 181, 234, 235, 251, 253, 280.

ע ר ל י כ מ אַ ן — ב אַ נ ק   ס ו י ק אַ   (ש ר ה) — געבאָרן אין לובלין; פאַרבינדלערין פון גורדוניה; אַרעסטירט אַלס פוילישע און אַוועק געשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד; איר שוועסטער חנה — פון די אַקטיוויסטן אין דער באַוועגונג. אומגעקומען אין טרעבלינקע בשעת דער גרויסער אַקציע. איר שוואָגער, ישראל זעלצער, פון די אָנפירער פון גורדוניה, איז אומגעקומען אינאיינעם מיט יוסף קאַפּלאַן (ז״ו) אין פּאַוויאַק, דעם 11־טן סעפּטעמבער 1942; וווינט אין ישראל. איר גביית־עדות אין בוך: ״בידי טמאים״.

ז״ז: 76.

ע נ ט י ן   ש ל מ ה — געבאָרן אין דראָהיטשין, ביי פּינסק; נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה — אין ווילנע, בראש פון דער יוגנט־באַוועגונג הנוער הציוני; פאָרשטייער אין דעם חלוצישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט אין שטאָט; צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד־באַוועגונג; סוף 1941 — אין דער חלוצישער דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע, אויפרודערן די יידישע געזעלשאַפט־לעכקייט אין אָנבליק פון דעם מאַסן־מאָרד פון יידן אין פּאָנאַר; בעת זיין צווייטער נסיעה פון ווילנע קיין וואַרשע, אַפּריל 1942, אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן ביים אַריבער גיין די גרענעץ אין ג״ג, אויף דער סטאַציע מאַלקין; געבראַכט געוואָרן אין טורמע פּאַוויאַק, וואַרשע; די פּרוּוון אים אַרויסראַטעווען פון דער טורמע האָבן זיך ניט איינגעגעבן; אומגעקומען, וואַרשיינלעך, אין דער גרויסער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ; 26 יאָר אַלט.

ז״ז: 85.

פאָגעלמאַן רחל — געבאָרן אין לאַכאָוויטש; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אויפן סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט; בראש פון דער באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער קרייז; שפּעטער אין וואָלין און מזרח־גאַליציע; נאָכן דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד — טעטיק אין קאָוועל; צווישן די גרינדער פון דער ידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג; נאָכן דורכפאַל פון דער באַמיאונג אויפצושטעלן אַ פּאַרטיזאַנער־באַזע אין וואָלינער קאַנט, אַרעסטירט איניינעם מיט אירע חברים דורך די דייטשן; נאָכן באַפרייען פון קאָוועל דורך דער רויטער אַרמיי אין יאָר 1944, האָט מען געפונען אַ העברעישע אויפשריפט אויף דער שולוואַנט. דעם נוסח — זע: דוד אייזנבערג (ז״ו); 26 יאָר ביי איר טויט.

ז״ז: 11, 82, 288.

פאַוועל (זע: ברוסקין אהרן)

פאָלמאַן וואָלף (וואַצעק) — געבאָרן אין מיעכאָוו; וואַרשעווער תושב; אַרכיטעקט; מיטגליד פון פּועלי־ציון צ.ס.; צווישן די אַקטיוויסטן פון ג״ל אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; אין יאָר 1942 פאַרלאָזט מיט פרוי און קליין יינגעלע דאָס געטאָ און זיך איינגעאָרדנט אַ ווױנונג אין זשאָליבאָזש, וואָס האָט געדינט ווי אַ טרעפפּונקט פאַר דרור־פאַרבינדלערס, פאַר קעמפער פון ייק״אָ און פאַר אַקטיוויסטן פון ג״ל; געווען פאַרבינדלער צווישן דרור און די אָרגאַנען פון ג״ל און געהאָלפן שאַפן געווער פאַרן אויפשטאַנדלערישן געטאָ; פעברואַר 1943 אַרויס מיט די ערשטע פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין דער ראַדאָמער געגנט; געפאַלן אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן; 29 יאָר אַלט.

ז״ז: 96, 97.

פאָלמאַן—רבן חווקע — געבאָרן אין וואַרשע; שילערין פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; געווען אַקטיוו אין דערציאונג, שפּעטער פאַרבינדלערין פון דרור און ייק״אָ; אין קראָקע אַריין געפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, אין חודש דעצעמבער 1942, נאָכן אָנפאַל אויף די דייטשן אין די קאַפע־הייזער און אין גאַס. אַוועקגעשיקט ווי אַ פּוילישע פון דער טורמע העלצלווו קיין אוישוויץ; אין ישראל; צווישן די גרינדער פון קיבוץ לוחמי־הגיטאות.

ז״ז: 29, 76, 96, 115, 142, 148.

פאָלמאַן מאַרעק — געבאָרן אין מיעכאָוו; וואַרשעווער תושב; אַבסאָלווענט פון פּאָליטעכניקום; צווישן די דרור־אַקטיוויסטן און פון די גרינדער פון

דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; רעדאַגירט פּובליקאַציעס פון דער באַוועגונג אויף פּויליש; אין יאָר 1942 שליח קיין זאַגלעמביע, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אָן רייך; אינאיינעם מיט ברוך גאָפּטעק (ז״ו) דערציער אין יתומים־היים פון דער באַוועגונג; דעצעמבער 1942 זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; אין די טעג פון יאַנואַר אויפשטאַנד 1943 געכאַפּט דורך די דייטשן און פאַרטריבן קיין טרעבלינקע, אַראָפּגעשפּרונגען פון דער באַן ניט ווייט פון פאַרניכטונגס־לאַגער און זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; אַ שטיקל צייט אין דער ייק״אָ־דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט, שפּעטער פאַרטיזאַן אין קעלצער סביבה;ביים אויסברוך פון אַפּריל־אויפשטאַנד צוריק געקומען קיין וואַרשע; געהאָלפן ראַטעווען קעמפער פון ברענענדיקן געטאָ, זיי באַגלייט אין ווישקאָווער געגנט און אַריין געפירט אין וואַלד־לעבן און אין פאַרטיזאַנער־קאַמף; יוני געשיקט דורכן שטאַב פון ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט קיין טשענסטאָכאָוו. זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון אָרטיקן געטאָ. אַריבער קיין בענדין און געפרוווט אויפשטעלן אַ פאַרטיזאַנער־באַזע אין זאַגלעמביע. צוליבן פאַרראַט פון אַ פּוילישן פאַרבינדלער איז דער פּרווו נכשל געוואָרן. בעתן אומקערן זיך קיין וואַרשע, אויף דער טשענסטאָכאָווער באַן־סטאַציע דערקענט אַלס ייד און דערשאָסן; 27 יאָר אַלט.

נאָך זיין טויט און דעם טויט פון זיין ברודער וואָלף (ז״ו) און דעם אַרעסט פון זיין שוועסטער חווקע (ז״ו) האָט זיך זייער מאַמע שושנה (איר קאָנספּיראַטיווער נאָמען: יאַדוויגאַ) געוואָנדן מיט אַ ביטע צו ייק״אָ: זי וויל פאַרטרעטן זייער פּלאַץ; געווען טעטיק ווי אַ פאַרבינדלערין אין דער גרופּע וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען יידן אויף דער אַרישער זייט.

ז״ז: 28, 68, 70, 96, 133, 199, 287.

פּ ו כ ר ע ר מ י ר אַ — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די אַקטיוויסטן פון השומר־הצעיר; חברטע פון דער ייק״אָ; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד — אין בונקער אויף מילע 18. דאָרט אומגעקומען דעם 8־טן מאַי צוזאַמען מיט איר חבר מרדכי אַנילעוויטש (ז״ו); ביי 23 יאָר אַלט.

ז״ז: 290.

פּ ו נ ד אַ מ י נ ס ק י ע ד וו אַ ר ד (א ל כ ס נ ד ר) — אינזשיניער; צווישן די אַקטיוויסטן פון פּ.פּ.ר אין וואַרשעווער געטאָ; נאָכן אַרויסשיקן קיין טרעבלינקע יוסף פינקעלשטיין—לעוואַרטאָווסקי (ז״ו) פאַרנומען זיין אָרט אַלס סעקרעטאַר פון דער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין געטאָ; מיטגליד פון ייק״ק; געפאַלן אין בונקער אויף מילע 18; 33 יאָר אַלט.

ז״ז: 223.

פּורמאַנאָוויטש פּעסיע — געבאָרן אין זאַמבראָוו, ביאַליסטאָקער ראַיאָן; אין צייט פון דער אָקופּאַציע — אין וואַרשעווער געטאָ, אין קיבוץ אויף דזיעלנע; מיטגליד פון ייק״אָ; אומגעקומען, אינאיינעם מיט אירע חברים, אויפן וועג צו די וועלדער אין דער הרוביעשאָווער געגנט; אַ יאָר 23.

ז״ז: 122.

פּייגנבוים לעאָן — אינזשיניער; צוזאַמען מיט יוסף קרוק צווישן די אָנפירער פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די 30 יאָרן אָן פּועלי־ציון צ.ס.; אין דער מלחמה־צייט — צווישן די אַקטיוויסטן פון ייס״א; נאָענט צו דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; אומגעקומען אין די טעג פון דער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ.

ז״ז: 60.

פּייווישעס ישראל — קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט; ביים מלחמה־אויסברוך אַנטלאָפן פון לאָדזש קיין וואַרשע; דיריגירט אין געטאָ מיט די כאָרן פון קינדער און יוגנטלעכע פון דרור; מיטגליד אין דער קאָמיסיע פאַר פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג פון קינסטלער; צווישן די אַריין גייער אויף דזיעלנע 34; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד פאַרטריבן קיין פּאָניאַטאָוו, אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער לעבן לובלין; דאָרט אומגעקומען צווישן די 15 טויזנט וואַרשעווער יידן אויפן טאָג פון 5־טן נאָוועמבער 1943 ; 55 יאָר אַלט.

ז״ז: 73.

פּינקעלשטיין מאיר — געבאָרן אין וואַרשע; פון די דרור־אַקטיוויסטן; מיטגליד פון ייק״אָ אין וואַרשעווער געטאָ; דעם 18־טן יאַנואַר 1943 געקעמפט אין דער דרור־אָפּטיילונג אויף דער זאַמענהאָף גאַס 56—58 ; בשעתן דורכברעכן זיך אַ וועג פון דער באַזע אין אַ טרעפּנהויז — שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין מויל; צוויי טעג שפּעטער אומגעבראַכט דורך די דייטשן אין זיין באַהעלטעניש, אויף מילע 34; ביי 22 יאָר אַלט.

ז״ז: 157, 158.

פּינקעלשטיין—לעוואַרטאָווסקי יוסף — געבאָרן אין ביעלסק־פּאָדלאַסק; פון די פּועלי־ציון חברים וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די קאָמוניסטן נאָך דער פּאַרטיי־שפּאַלטונג (1921); מיטגליד פון פּויליש־קאָמוניסטישן

פּאַרטיי־צענטער ביז צו זיין אויפלייזונג (1938); ביים מלחמה־אויסברוך אַנטלאָפן פון וואַרשע אין סאָוויעטישן ביאַליסטאָק; פרילינג 1942 זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; אויפגעשטעלט דעם פּ.פּ.ר אין געטאָ; צווישן די איניציאַטאָרן פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און די רעדאַקטאָרן פון זיין טריבונע "דער רוף"; געוועקט צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד; אויף דער אָבלאַווע וואָס די דייטשן האָבן אין חודש אויגוסט 1942 דורכגעפירט אין וואַרשאַט פון די ברידער לאַנדוי (ז"ו), געכאַפּט און אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע. לויט דער עדות פון אליהו גוטקאָווסקי (ז"ו) וואָס איז געווען צווישן די פאַרכאַפּטע און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער באַן (פינקעלשטיין, אַ לאָמער אויף אַ פוס, האָט נישט געקאָנט שפּרינגען) און זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, האָט פינקעלשטיין דערמוטיקט די יידן אין וואַגאָן און זיי גערופן אויפצופירן זיך מיט ווערדע ווי עס פּאַסט פאַר זין פון יידישן פאָלק; 43 יאָר אַלט.

ז"ז: 97.

פ י נ ק ע ר ט — אייגנטימער פון אַ לוויות־אונטערנעמונג אין וואַרשע; די קברנים, וואָס ער האָט באַשעפטיקט, האָבן אויסגענוצט דעם יידישן בית־הקברות אויף גענשע, וואָס האָט זיך געפונען פון יענער זייט געטאָ־מויערן, כדי אַריבער צו שמוגלען שפּייז־אַרטיקלען; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד האָבן זיי אַקטיוו מיטגעהאָלפן די קעמפּער און, כל זמן ס'איז געווען מעגלעך, געשאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן די פאַרשטייער פון ייק"אָ אויף דער אַרישער זייט און די קעמפּער פון געטאָ; נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד האָט אַ קליינע גרופּע קברנים באַוויזן אַנצוקומען אין די פּאַרטיזאַנער וועלדער, אין דער געגנט פון בוג. זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייער געלט און שפּעטער — טייל אומגעקומען דורך די דייטשן, טייל דורך די מענטשן פון דער א"ק.

ז"ז: 198, 230.

פ י ר ש ט י ש ר א ל — פאַרמיטלער צווישן יודנראַט פון וואַרשעווער געטאָ און דער געסטאַפּאָ; מיט אכזריות באַהאַנדלט די דורך־די־דייטשן באַשעפטיקטע יידן; פאַראורטיילט צום טויט דורך דער ייק"אָ און דעם 29־טן נאָוועמבער איז דער גזר אויסגעפירט געוואָרן דורך דוד שולמאַן, בערל ברוידא (ז"ו) און שרה גראַנאַטשטיין (ז"ו).

ז"ז: 135.

פ י ש ל א ה — געבאָרן אין האָראָכאָוו, וואָלין; ביים מלחמה־אויסברוך — אין קיבוץ גראָכאָוו; נאָך אַ קורצער צייט אויפן סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט, אַריבער אין דער זעלבסטשטענדיקער ליטע און טעטיק געווען אין דרור, וואָס האָט זיך פאַר־

אײניקט מיט נצ״ח; מיטן אָנשליסן ליטע אָן ראַטן־פֿאַרבאַנד איז זי אַרויס אויף קאָנספּיראַטיװער אַרבעט פֿון דרור אין מזרחדיקן קאַנט פֿון גאַליציע און װאָלין (קאָװעל). נאָך דעם װי די דײַטשן האָבן אײַנגענומען די שטאָט — געװען צװישן די צענטראַלע פֿיגורן אין קאָנספּיראַציע; געפּרוּװט אויפֿשטעלן אַ פּאַרטיזאַנער־באַזע אין קאָװעלער געגנט; איר נאָמען געפֿינט זיך צװישן די, װאָס האָבן איבערגעלאָזט די אויפֿשריפֿט אויף דער װאַנט פֿון דער קאָװעלער שול, אײנײנעם מיט דוד אײזנבערג (ז״ו) און אַנדערע; 24 יאָר אַלט.

ז״ז: 82, 288.

פּ י ש ל ז א ָ ן א ב ר ה ם מ ר ד כ י — געבאָרן אין װאַרשע; מיטגליד פֿון קאָנספּיראַטיװן קאָמיטעט פֿון פּועלי־ציון צ.ס. אין װאַרשעװער געטאָ; צװישן די גרינדער פֿון די פֿאָלקס־קיכן פֿון זײַן פּאַרטײ; חבר אין דער מיליטערישער קאָמיסיע פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק; ענדע יוני 1942 פֿאַרשיקט קײן טרעבלינקע; בײַ 32 יאָר אַלט.

ז״ז: 73.

פּ י ש מ א ַ ן י צ ח ק — געבאָרן אין אַנאַפּאָל, לעבן לובלין; בײַם מלחמה־אויסברוך — אין די רײען פֿון דער פּױלישער אַרמײ; זינט העלפֿט סעפּטעמבער 1939 ביז אָנהײב 1940 — אין דײַטשן פֿלען, אין סטאַלאַגן און אין געפֿאַנגען־לאַגער פֿאַר יידישע זעלנער אין לובלין; לויטן באַשלוס פֿון דער דרור־צענטראַלע אַרויס אין חודש מערץ 1941 קײן סלאָװאַקײ און שפּעטער מיט אַ יאָר פֿון דאָרט קײן אונגאַרן. געכאַפּט דורך די אונגאַרן און נאָך אַ לאַנגן אָפּזיצן אין זײערס אַן אַרבעטס־לאַגער — עולה געװען קײן ארץ־ישׂראל אין חודש מערץ 1944; חבר פֿון קיבוץ דפנה.

ז״ז: 50.

פּ ל א ָ ט נ י צ ק י ה ע ר ש ל — געבאָרן אין פּינסק; ייִנגערער ברודער פֿון חנטשע (ז״ו) און פֿרומקע (ז״ו); אין צײַט פֿון דער סאָװיעטישער אָקופּאַציע — צװישן די גרינדער פֿון דער קאָנספּיראַטיװער דרור־באַװעגונג; אָנגעפֿירט מיט דער טעטיקײט אין פּאָלעסיער געגנט; אומגעבראַכט דורך די דײַטשן; פּרטים װעגן זײַן טויט — ניט באַקאַנט; בײַ 22 יאָר אַלט.

ז״ז: 11.

פּ ל א ָ ט נ י צ ק א ח נ ט ש ע — געבאָרן אין פּלאָטניצע, לעבן פּינסק; צװישן די בולטסטע, דערציערישע געשטאַלטן פֿון החלוץ און דרור; אין נאָװעמבער 1939 געשיקט פֿון װאַרשע, װאָס אונטער דײַטשער אָקופּאַציע, קײן לװאָװ (לעמבערג) — דעמאָלט דער צענטער פֿון דער באַװעגונג אויפֿן סאָװיעטישן געביט; נאָך איר אומ־

קערן זיך קיין וואַרשע — טעטיק אין אויפשטעלן, פירן און אויסברייטערן די קאָנספּיראַציע; געווידמעט איר צייט פאַר דערציערישע אַרבעט; אַקטיוו אין גראָכאָוו און פון אָנהייב 1942 — אין בענדין; נאָך דעם ווי מ׳האָט באַשלאָסן אַז זי מוז זיך אַרויסרייסן פון דער דייטשער אָקופּאַציע און אַלאַרמירן די וועלט וועגן רציחות אויף יידן — איז זי אין חודש מערץ 1943 געקומען קיין וואַרשע אויף צו באַקומען אינסטרוקציעס. אין טאָג ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער אַפּריל־אויפשטאַנד האָט מען געפּרוּווט זי אַריבער שמוגלען פון טעבענס־שולץ־געביט אויף דער אַרישער זייט אין דער באַגלייטונג פון די קעמפער עדעק הימלפאַרב, הענעך קליינוויס פון גורדוניה און מאיר שוואַרץ (ז״ו) פון בונד. זי איז געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און אומגע־בראַכט; 25 יאָר אַלט.

אַ טייל פון אירע בריוו און אירע פאַרצייכענונגען צונויפגענומען אין ספר: ״חנצ׳ה ופרומקה״.

ז״ז: 11, 22, 36, 287, 290.

פּ ל אָ ט נ י צ ק אַ פ ר ו מ ק ע — געבאָרן אין פּלאָטניצע, לעבן פּינסק; צענטראַלע געשטאַלט, דערציערין אין דער חלוצישער באַוועגונג; ביים מלחמה־אויס־ברוך אַריבער געפירט אַ גרופּע יוגנטלעכע (אַרויסגעטריבענע פון דייטשלאַנד) פון גראָכאָוו צו אַ זיכערן פּונקט אין וואָלין; ווען וואַרשע איז אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן, געווען די ערשטע וואָס איז אַהין צוריק געקומען; איינגעאָרדנט דעם קיבוץ אויף דזיעלנע 34, דער ערשטער קיבוץ אויפן דייטשן אָקופּאַציע־געביט; אַנט־וויקלט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פון סאָציאַלער הילף און פון אָרגאַניזירן די חלוצישע באַוועגונג אין די ערשטע מאָנאַטן נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע; אַרויס אין שליחות פון דרור צונויפצונעמען די צעזייטע רעשטלעך חברים פון דער באַוועגונג. באַזוכט אַלע שטחים פון צעשניטענעם פּוילן: ביאַליסטאָק, ווילנע, אין די שטעט פון פּאָלעסיע און וואָלין און אין די טיילן וואָס זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן אָן רייך; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ — אין דער דעלעגאַציע פון ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט; אין סעפּטעמבער 1942 געשיקט קיין בענדין— סאָסנאָוויעץ כדי צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד. אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג זיך דורכשלאָגן אַ וועג קיין ארץ־ישראל און ברענגען אַ לעבעדיקע עדות וועגן קאַמף און אומקום פון פאָלק, ווייל זי האָט מורא געהאַט מע זאָל עס ניט אויסטייטשן אַז זי האָט געפּרוּווט ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן; געפאַלן בשעת דער פאַרטיידיקונג פון די בונקערס אין בענדין, דעם 3־טן אויגוסט 1943; 29 יאָר אַלט.

אַ טייל פון אירע בריוו — אין בוך ״חנצ׳ה ופרומקה״.

ז״ז: 11, 13, 16, 22, 24, 37, 42, 43, 47, 49, 75, 81, 82, 91, 115, 120, 130, 284, 287.

פ ע ר ל ש ט י י ן ל א ה — געבאָרן אין סאָקאָלקע; לערערין; צווישן די גרינדער פונעם קאָנספּיראַטיוון החלוץ און דרור־באַוועגונג אין ג״ג; מיטן אויפשטעלן דעם קיבוץ אין טשערניאַקאָוו געווען די מזכירה ביז צו דער ליקווידאַציע, ענדע 1942 ; אַ מיטגליד פון דער ייק״אָ־דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; ביים אויס־ברוך פון יאַנואַר־אויפשטאַנד 1943 געכאַפּט דורך די דייטשן און פאַרטריבן קיין טרעבלינקע; פּרטים וועגן איר טויט — ניט באַקאַנט; ביי 30 יאָר אַלט.

ז״ז: 23, 24, 49, 56, 115, 133, 287.

פ ר אַ ש ק ע ר י ע ק ב — געבאָרן אין לאָדזש; צווישן די גרינדער פון קאָנספּיראַטיוון הנוער־הציוני און די גרינדער פון קיבוץ פון זיין באַוועגונג אויף דער לעשנאָ גאַס אין וואַרשעווער געטאָ; פאָרשטייער פון הנוער הציוני אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע; אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר פון ייק״אָ; אין די אַפּריל־טעג געקעמפט אויפן בערשטלער־געביט און דאָרט געפאַלן אין בונקער אויף דער וואָלאָווע גאַס; ביי 30 יאָר אַלט.

ז״ז: 287.

פ ר י ד ר י ך ז י ג מ ו נ ט (ז ל מ ן) — געבאָרן אין וואַרשע; פון די בונד־אַקטיוויסטן; פאַרבינדלער פון ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; אַריין געשמוגלט געווער אין געטאָ; ערב אַפּריל־אויפשטאַנד געבליבן שטעקן אין געטאָ און געקעמפט אויפן בערשטלער־געביט, שפּעטער אין צענטראַלן געטאָ; דעם 30־טן אַפּריל באַוויזן — איינעם מיט שמחה ראַטהייזער (ז״ו) — אַרויס דורך אַן אויסגע־גראָבענעם טונעל אויף דער מוראַנאָווסקע גאַס צו דער אַרישער זייט און זיך פאַרבונדן מיטן פאָרשטייער פון ייק״אָ; געהאָלפן אַרויסראַטעווען קעמפער פון געטאָ; מאַי 1943 אויסגעגעבן געוואָרן דער פּוילישער פּאָליציי, אין אַ דאָרף לעבן וואַרשע, בשעת ער האָט געבראַכט אַ גרופּע קעמפער צו אַ באַהעלטעניש ביי אַ פּויער; 32 יאָר אַלט.

ז״ז: 245, 246.

פ ר י מ ע ר (ג ר י נ ש פּ אַ ן) ח י י ם — געבאָרן אין גניעבושאָוו, לובלינער קאַנט; וואַרשעווער תושב; פון די עקיבא־אַקטיוויסטן אין וואַרשעווער געטאָ; מיטגליד פון ייק״אָ; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ; צווישן די, וואָס זיינען אַרויס דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט; איינער פון די גרינדער פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער באַזע לעבןווישקאָוו; זיך אָנגע־שלאָסן, אין דער סביבה פון טייך בוג, אָן אַ גרופּע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער, אַנט־

לאָפּענע פון דייטשן פּלען; געקומען קיין ארץ־ישראל אָקטאָבער 1945; געשטאָרבן אין יאָר 1972 ; 52 יאָר אַלט.
זיין עדות (אינײנעם מיט אהרן כרמי־כמיעלניצקי) אין בוך: "מן הדליקה ההיא".

ז"ז: 235.

צ

צוקער נעשע — געבאָרן אין ציעכאַנאָווצעק; אין צייט פון דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע קאָנצענטרירט די טעטיקייט פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן; פון אָנהייב 1940 — אונטער דייטשער אָקופּאַציע אין וואַרשע; אין אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון בערל ברוידא (ז"ו); מיט די געפאַלענע אין צענטראַלן בונקער אויף מילע 18; ביי 21 יאָר אַלט.
ז"ז: 11, 190.

צוקערמאַן יצחק (אַנטעק) — געבאָרן אין ווילנע; נאָכן פאַלן פון פּוילן, צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אונטערערדישן החלוץ און דרור אויף די סאָוויעטישע געביטן; רעדאַקטירט די קאָנספּיראַטיווע אויסגאַבע "דרור"; פרילינג 1940 אַריבער אויף די שטחים פון דער דייטשער אָקופּאַציע; צווישן די וואָס האָבן אויפגעשטעלט די ייק"אָ און מיטגליד פון דער הויפּט־קאָמענדע; אין פּרעזידיום פון יינ"ק און ייק"ק; מיטן אויסברייטערן די ראַמען פון ייק"אָ — וויצע־קאָמענדאַנט; נאָכן טויט פון מרדכי אַנילעוויטש (ז"ו) — קאָמענדאַנט; אין יאַנואַר־אויפשטאַנד — קאָמאַנדיר פון אַ קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט געקעמפט אויף זאַמענהאָף גאַס, מילע און סטאַווקי; ערב דעם אַפּריל־אויפשטאַנד געשיקט אויף דער אַרישער זייט צו באַנייען די פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע אונטערערדישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס; אין פּוילישן אויפשטאַנד, 1944, קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג פון ייק"אָ; עולה געווען אין יאָר 1947; צווישן די גרינדער פון קיבוץ לוחמי־הגיטאות.
ז"ז: 11, 28, 42, 43, 66, 68, 93־95, 125, 126, 128, 133, 139, 142־148, 154, 180, 198, 200־203, 223, 247, 256, 284.

ציגעלניק שלמה —ביים מלחמה־אויסברוך — סעקרעטאַר פון קיבוץ תל־חי אין ביאַליסטאָק; פרילינג 1940 געקומען קיין וואַרשע; פון די דרור־אַקטיוויסטן; אָרגאַניזירט דעם גרענעץ־שמוגל פון פּוילן אין סלאָוואַקיי; דעם 15־טן נאָוועמבער 1940 אַריבער, לויטן באַשלוס פון מרכז דרור, די גרענעץ פון סלאָוואַקיי, אויפגעשטעלט דאָרט אַן אויפנעם־פּונקט אין באַרדיעף, געשאַפן אַ קאָנטאַקט מיט די אַקטיוויסטן פון דער חלוצישער באַוועגונג אין בראַטיסלאַווע און מיט די ארץ־ישראל

שליחים אין די נייטראַלע לענדער; די שמוגל־טראַסע קראָקע—ניי־סאַנדז—באַרדיעף—בראַטיסלאַווע, וואָס ער האָט אויסגעפּלאַסטערט, איז געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון אַלע חלוצישע באַוועגונגען, פּאַראייניקטע אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע אויף די געביטן פון ג״ג און פון די טיילן וואָס זיינען אַנגעשלאָסן געוואָרן אין רייך; פרילינג 1942 אַרויסגעטריבן דורך די סלאָוואַקישע מאַכט־אָרגאַנען קיין פּוילן און, לויט אַ שמועה, געבראַכט געוואָרן אין דער שטאָט כעלעם; געפונען זיין טויט אין פאַרניכטונג־לאַגער אין בעלזשעץ; 26 יאָר אַלט.

ז״ז: 50.

צ י י ט ל י ן   א ל ח נ ן — געבאָרן אין ראָהאַטשעוו, ווייס־רוסלאַנד; רעדאַקטאָר, שרייבער; יינגסטער זון פון הלל צייטלין (ז״ו); אין צייט פון דער מלחמה טעטיק געוועזן אויפן קולטורעלן געביט און אין ייס״א; געשטאָרבן פון טיפוס, ענדע 1942; 40 יאָר אַלט. זיין זון דוד, אַ יונגער דיכטער, איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן זיינע ערשטע שאַפונגען.

ז״ז: 60.

צ י י ט ל י ן   ה ל ל — געבאָרן אין קאָרמע, לעבן מאָהילעוו, רוסלאַנד; שרייבער, דענקער; צווישן די בולטסטע געשטאַלטן פון פּוילישן יידנטום; דער טאַטע פון דיכטער אהרן צייטלין און אלחנן (ז״ו); צווישן די נאָענטע פריינד פון י.ח. ברענער און איינער פון די לערער פון יצחק שדה; אין וואַרשעווער געטאָ — פון יצחק קאַצענעלסאָנס (ז״ו) נאָענטע פריינד; געלעבט אין דחקות; אין די טעג פון דער אַקציע — גענומען צום אומשלאַגפּלאַץ איינגעהילט אין אַ טלית; 70 יאָר אַלט.

ז״ז: 60.

צ ע נ ט נ ע ר ש וו ע ר   מ י ע ט ש י ס ל אַ וו — אַסימילירטער ייד; פּראָפעסאָר פון פיזיק אויף די אוניווערזיטעטן פון ריגע און וואַרשע; אין געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאָרם אין גראָכאָוו; אין געטאָ — זיך דערנענטערט צו זיין פאָלק; אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע אונטערשטיצט דורך דער ייק״אָ; צוליב אַ מסירה, אין יאָר 1944, איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און אומגעבראַכט; 70 יאָר אַלט.

ז״ז: 67.

ק

ק אַ ז י ק (זע: ר אַ ט ה י י ז ע ר   ש מ ח ה)

ק אָ ז י ב ר אָ ד ז ק י   א ב ר ה ם — לערער אין פּרושקאָוו; דערציער פון דורות

חלוצים; דער טאַטע פון דוד (ז״ו) און פון לאָנקע (ז״ו); צווישן די פאַרטריבענע קיין וואַרשע; ער און זיין פרוי זיינען אומגעקומען בשעת דער גרויסער אַקציע, אָנהייב סעפּטעמבער 1942.

ז״ז: 77.

קאָזיבראָדזקי — בראָדסקי דוד — געבאָרן אין פּרושקאָוו; זון פון אברהם (ז״ו) און ברודער פון לאָנקע (ז״ו); ביים מלחמה־אויסברוך — מיט די אַנט־לאָפענע פון וואַרשע קיין ווילנע; צווישן די אַקטיוויסטן פון החלוץ און דרור אין ליטווישן ווילנע; אין צייט פון דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע געפונען אַ מקלט אין די פאַראייניקטע שטאַטן; בשעת די שטאַטן זיינען אַריין אין מלחמה — מאָביליזירט אין דער אַרמיי און געשיקט אין ווייטן מזרח; אין ישראל.

ז״ז: 77.

קאָזיבראָדזקאַ לאָנקאַ — געבאָרן אין פּרושקאָוו; טאָכטער פון אַברהם (ז״ו) און שוועסטער פון דוד (ז״ו); צווישן די הויפּט־פאַרבינדלערינס פון החלוץ און דרור אין אַלע טיילן פון אָקופּירטן פּוילן; איר פּוילישער אויסזען, דאָס קענען שפּראַכן, האָבן איר דערמעגלעכט צו שאַפן קאָנטאַקט מיט דייטשן, פּאָליאַקן, רוסן און אוקראַינער; באַזוכט די שטעט פון ג״ג, געווען אין אָסטלאַנד און אין די געביטן וואָס זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן אָן רייך; אַריבער געפירט צייטונגען, דאָקומענטן, געלט און פאַראָרדענונגען פון מרכז צו זיינע פּילצאָליקע סניפים, ווי אויך וויכטיקע דאָקומענטן פון קראָקע צום געהיימען אַרכיוו ע״ש אין וואַרשעווער געטאָ; זיך געגרייט צו פאָרן אין שליחות קיין שווייץ, באַגלייט דורך אַ חבר פון דער באַוועגונג, כדי צו אַלאַרמירן די וועלט און די יידישע עפנטלעכקייט. דאָס חרטה האָבן פון דייטשן אָפיציר מאַצענאַוער אויס מורא פאַר זיינע קאָמאַנדירן אויפן וואַרשעווער פּלי־פּלאַץ, האָט אין דער לעצטער מינוט גורם געווען צו מבטל מאַכן דעם פּלאַן; יוני 1942 אַרעסטירט געוואָרן אין מאַלקין, בשעתן אַריבער גיין פון ביאַליסטאָקער באַצירק צום ג״ג; פאַרשפּאַרט אין פּאַוויאַק און פון דאָרטן באַוויזן צו פאַרבינדן זיך מיט אירע חברים אויף דזיעלנע 34; נאָוועמבער אַרויסגעפירט, ווי אַ פּוילישע, קיין אוישוויץ; געשטאָרבן פון טיפוס, מערץ 1943; 26 יאָר אַלט.

ז״ז: 76־81, 91, 132.

קאַישטשאַק בראָניסלאַוו — פּאָליאַק; פּויער אין דאָרף לאָמיאַנקי, לעבן וואַרשע; צופעליק זיך אָנגעשטויסן אָן די יידישע קעמפער וואָס האָבן געפונען אַ צייטווייליקע באַזע אין וועלדל לעבן זיין דאָרף; ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז געווען אַ פּשוטער זעלנער אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרמיי א״ק; געשאַפן הילף פאַר

די קעמפער, געדאגהט פאַר שפּייז; אַ דאַנק די ידיעות וואָס ער פלעגט באַקומען פון זיין ברודער, דעם דאָרף־עלטסטן, פלעגט ער וואָרענען פאַר אַ סכנה וואָס דערנענטערט זיך מצד מוסרים אָדער דייטשן; נאָך דעם ווי די קעמפער האָבן פאַרלאָזט דאָס וועלדל — אויסבאַהאַלטן אין זיין שטוב לייזער לעווינען (ז״ו) און זיין משפחה; צוליב אַ מסירה האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן זיין שטוב; אַנטלויפנדיק קיין וואַרשע האָט ער געקראָגן הילף מצד זיינע פריינד, די יידישע קעמפער.
ז״ז: 265, 267.

קאָמאָראָווסקי טאַדעוש בור – פּוילישער גענעראַל; אין די יאָרן 1941 – 1943 — וויצע־קאָמענדאַנט פון דער קאָנספּידאַטיווער אַרמיי וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער רעגירונג אין לאָנדאָן — די א״ק: אַרמיאַ קראַיאָוואַ; נאָכן פאַלן פון קאָמענדאַנט, דעם גענעראַל גראָט—ראָווע צקי דורך די דייטשן, איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס הויפּט־שעף פון דער א״ק; אַרויסגעוויזן אַ גלייכגילטיקע, טייל מאָל אַ פיינטלעכע באַציאונג צו ייק״אָ און צו די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געווען טעטיק אין פּוילן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע; אין די חדשים סעפּטעמבער—אָקטאָבער געשטאַנען אין שפּיץ פון פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע; נאָכן אונטערגעבן זיך — אין אַ דייטשן געפאַנגען־לאַגער; געשטאָרבן אין דער פרעמד, אין יאָר 1966; 71 יאָר אַלט. ז״ז 274.

קאַמינסקי אלכסנדר (הובערט) — פּאָליאַק; צווישן די אָנפירער פון דער פּוילישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע; פון די חברים פון אירענאַ אַדאַמאָוויטש (ז״ו); אין מלחמה־צייט הויפּט־רעדאַקטאָר פון ״ביולעטין אינפאָרמאַציני״ — דעם הויפּט־אָרגאַן פון א״ק; אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע צו ייק״אָ און אַנטקעגן געשטעלט זיך, ווי ווייט מעגלעך, קעגן די אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין דער א״ק; נאָך דער מלחמה, דורכגעמאַכט אַ תקופה פון רעפּרעסיעס מצד דעם נייעם רעזשים; שפּעטער נאָמינירט געוואָרן פאַר פּראָפעסאָר אין לאָדזשער אוניווערזיטעט; געשטאָרבן אין יאָר 1977.
ז״ז: 134.

קאַנאַל ישראל — געבאָרן אין בידגאָשטש; אין דער מלחמה־צייט — אין וואַרשעווער געטאָ; פון די עקיבא־אַקטיוויסטן; אין שליחות פון זיין באַוועגונג זיך מאָביליזירט צו דער יידישער פּאָליציי (אָרדנונגס־דינסט); פון די ערשטע קעמפער אין ייק״אָ; דעם 20־טן אויגוסט אויסגעפירט אַן אַטענטאַט אויף יוזעף אַנדזשעי שערינסקי (ז״ו), דעם קאָמענדאַנט פון אָרדנונגס־דינסט; דעם 20־טן יאַנואַר 1943,

איניינעם מיט אַ גרופּע חברים, געקעמפט אויפן טעבענס־שולץ־געביט; פון אָנהייב אַפּריל — קאָמענדאַנט פון צענטראַלן געטאָ; צווישן די, וואָס זיינען דורך די קאַנאַלן אַריבער אויף דער אַריִשער זייט און שפּעטער אין די וועלדער פון ווישקאָווער געגנט; אויגוסט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און אָנגעקומען מיט געפעלשטע פּאַפּירן, פון אַ דרום־אַמעריקאַנער בירגער, קיין בערגען־בעלזען; אָקטאָבער 1943 פאַרטריבן קיין אוישוויץ און דאָרט אומגעקומען; ביי 23 יאָר אַלט.

ז"ז: 116, 118, 128, 133, 181, 237.

ק אָ ן מ אָ ר י ץ ־ צווישן די אַנטלאָפענע פון לאָדזש קיין וואַרשע; אינדוסטריעלער; געסטאַפּאָ־אַגענט; דורך זיינע ברויט־געבער אומגעבראַכט, אָנהייב דער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, יולי 1942.

ז"ז: 30.

ק אַ נ י נ ס ק י א ה ר ן — לערער און דערציִער; אַ קרוב פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום (ז"ו); צווישן די אַקטיוויסטן פון פּועלי־ציון צ.ס. און סימפּאַטיקער פון דרור אין וואַרשעווער געטאָ; געשטאַנען אין שפּיץ פון אַ יתומים־הויז וואָס איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אין עמיגראַנטן־הויז אויף מילנע 18; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע זיך ניט צעשיידט פון זיינע תלמידים און אין זייער שפּיץ געגאַנגען צום אומשלאַגפּלאַץ און פון דאָרט קיין טרעבלינקע.

ז"ז: 72, 73.

ק אַ צ ע נ ע ל ס אָ ן ח נ ה — פון דער משפּחה ראָזענבערג; פרוי פון יצחק (ז"ו); זי און צוויי פון אירע יינגערע זין — בן־ציון און בנימין, אומגעקומען אין טרעבלינקע, אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע אין וואַרשע.

ז"ז: 66.

ק אַ צ ע נ ע ל ס אָ ן י צ ח ק — געבאָרן אין קאַרעליץ, ווייס־רוסלאַנד; לאָדזשער תושב; שרייבער, דיכטער, דערציִער, לערער; צווישן די גרינדער פון דער העברעאִישער בינע, ווי אַ דראַמאַטורג און רעזשיסער; געשריבן עברית און יידיש; פריינד פון שעפער פון דער נייער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור; נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע אַנטלאָפן פון לאָדזש קיין וואַרשע; פאַרעפנטלעכט פון זיינע שאַפונגען אין דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע פון דרור; לערער אין דער קאָנספּיראַטיווער גימנאַזיע; לעקטאָר אויף סעמינאַרן; אַ נאָמען פון דער חלוצישער באַוועגונג פאַר דער מלחמה און אין קאָנספּיראַציע; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע — אָנגעוואָרן זיין פרוי חנה (ז"ו) און זיינע צוויי יינגערע זין; זיך באַטייליקט אין יאַנואַר־אויפשטאַנד 1943; ביים אויסברוך פון אַפּריל־אויפשטאַנד אַרויס מיט זיין

בכור, צבי (ז״ו) אויף דער אַרישער זײַט, ווו געפֿונען אַ צײַטווײַליקע באַהעלטעניש; העלפֿט 1943 באַוויזן אײַנצושאַפֿן פֿאַלשע פּאַפּירן פֿון אַ דרום־אַמעריקאַנער בירגער און אַרויס, אײנײנעם מיטן זון, אין אַקופּירטן פֿראַנקרײַך, אין לאַגער וויטעל; דעם 18־טן מערץ 1944 פֿאַרטריבן מיט זײַן זון אין דראַנסי און נאָכהער קיין אוישוויץ. דאָרט אומגעקומען, אָנהייב מאַי 1944.

זײַן ברייט־פֿאַרצווײַגטע יצירה געשאַפֿענע אין צײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע — אויסבאַהאַלטן אויף דזיעלנע 34 און פֿון דאָרט אויסגעגראָבן פֿון אונטער די חורבות נאָך דער מלחמה; איינע פֿון זײַנע שאַפֿונגען האָט זיך אָפּגעהיט אין געהיימען אַרכיוו ע״ש; זײַנע לידער און דראַמאַטישע ווערק פֿון דער צײַט ווען ער איז געווען אין לאַגער וויטעל — אויסבאַהאַלטן אין דער ערד און אַרויסגענומען נאָך דער באַפֿרײַאונג; זײַן קינה וועגן אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אויף יידיש, עברית, איטאַליעניש, פֿראַנצויזיש, ענגליש, דײַטש און עטלעכע פּרקים אויף פּויליש.

אויף זײַן נאָמען — דער מוזיי אויף פֿאַראײַביקן דעם אומקום און אויפֿשטאַנד אין קיבוץ לוחמי־הגיטאות, ווי אויך גאַסן אין פֿאַרשידענע שטעט פֿון לאַנד.

ז״ז: 34, 48, 60, 63, 64, 66, 67, 70, 73, 150, 153, 155.

ק אַ צ ע נ ע ל ס אָ ן צ ב י — דער בכור פֿון חנה (ז״ו) און יצחק (ז״ו); געבאָרן אין לאָדזש; תּלמיד פֿון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; מיטגליד פֿון ייק״אָ; דעצעמבער 1942, אײנײנעם מיט אַנדערע קעמפֿער, געמאַכט אַן אָנפֿאַל אין טעבענס־שולץ געביט אויף אַ ווערקשוץ־מאַן, אַ ייד, אַ געסטאַפּאָ־אַגענט; געכאַפּט, אַרעסטירט און באַפֿרײַט דורך זײַנע חברים־קעמפֿער; אין די טעג פֿון יאַנואַר־אויפֿשטאַנד אין דער קאַמף־אָפּטײלונג פֿון דרור; ביים אויסברוך פֿון אַפּריל־אויפֿשטאַנד געפֿונען, צוזאַמען מיטן פֿאָטער, אַ מקום־מקלט אויף דער אַרישער זײַט פֿון וואַרשע; אַ שטיקל צײַט אין בונקער אײנײנעם מיט עמנואל רינגעלבלום (ז״ו); מיט דער הילף פֿון געפֿעלשטע פּאַפּירן געקומען אין וויטעל־לאַגער אין אָקופּירטן פֿראַנקרײַך; אָנהייב מאַי 1944 אומגעקומען אין אוישוויץ; ביי 18 יאָר אַלט.

ז״ז: 66, 150, 153.

ק אַ פּ ל אַ ן י ו ס ף — געבאָרן אין קאַליש; נאָך אַ קורץ אויפֿהאַלטן זיך אויפֿן סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט און אין ווילנע, זיך אומגעקערט קיין וואַרשע; פֿון די בולטע געשטאַלטן אין דער קאָנספּיראַטיווער החלוץ־באַוועגונג און אין השומר־הצעיר; אָנהייב 1940 אויפֿגעשטעלט צוזאַמען מיט טאָסיאַ אַלטמאַן (ז״ו) די קאָנספּיראַטיווע באַוועגונג פֿון השומר־הצעיר אין גאַנצן ג״ג; לעקטאָר אויף

סעמינאַרן; אָנגעפּירט מיט דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג; רעדאַקטאָר פון "פשעגלאָנד ראָלניטשי" (לאַנדווירטשאַפטלעכער איבערבליק), אַ פאַרשטעלטער נאָמען אויף אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער באַוועגונג; איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אומלעגאַלער עליה דורך סלאָוואַקיי; צווישן די אַקטיוויסטן פון דער החלוץ־צענטראַלע און פון דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע; אויפגעשטעלט די לאַנדווירט־שאַפטלעכע פאַרם אין זשאַרקי, לעבן טשענסטאָכאָוו און דעם קיבוץ פון השומר־הצעיר אין וואַרשע; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע — צווישן די גרינדער פון ייק״אָ און אירע קאָמאַנדירן; צווישן די, וואָס אָרגאַניזירן דאָס אונטערצינדן די הייזער פון עוואַקואירטע ייִדן; אַריבער געפירט קעמפער צו פּאַרטיזאַנישע באַזעס אין דער געגנט פון מעזריטש און הרוביעשאָוו; אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ דעם 3־טן סעפּטעמבער, פאַרשפאַרט אין פּאַוויאַק און אַרויסגעפירט צום טויט דעם 11־טן סעפּטעמבער. באַגראָבן דורך זיינע חברים־קעמפער אויפן ספּאָרט־פּלאַץ "סקראַ", לעבן ייִדישן בית־הקברות, אויף גענשע־אָקאָפּאָווע; 29 יאָר אַלט.

אין די טעג פון אָקופּאַציע געפירט אַ טאָגבוך וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף שמירה צו אירענאַ אַדאַמאָוויטש (ז״וו); אָנהייב 1943 איז דער טאָגבוך אַרויס־גענומען געוואָרן פון זיין באַהעלטעניש אין איינעם פון די קלויסטערס און איבער־געגעבן אריה ווילנערן (ז״וו); בשעתן אַרעסט פון ווילנער, איז דער טאָגבוך וואַרשיינלעך אַריין געפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

ז״ז: 123, 128, 179, 287, 288.

ק אַ ר אָ ל (ג ר ע נ אַ ד י ר) — זיין אמתער נאָמען — ניט באַקאַנט.

ז״ז: 202, 203.

ק אַ ר אָ ל י נ ס ק י — א ש כ ו ל י י ש ר א ל — געבאָרן אין סוכאָוואָלע; ביים מלחמה־אויסברוך — אינעם באָראָכאָוו־קיבוץ אין לאָדזש; מיט די אַנטלאָפענע קיין וואַרשע; אַקטיוו אויף דזיעלנע 34; יאַנואַר 1940 אַריבער צום סאָוויעטישן געביט אויפן וועג קיין ווילנע; נאָכן דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד זיך מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט זייט ביי זייט מיט די רוסן; נאָך דער מלחמה אַקטיוו אין די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד; חבר פון קיבוץ אפק.

ז״ז: 26.

ק אַ ר ט י ן פ י נ י ע — (זע: ש מ י ד ט אַ נ ד ז ש ע י און מ אָ ז ע ס א ל י ה ו) — לויטן "ספר לוצק" — דער אמתער נאָמען פון אַנדזשעי שמידט (ז״וו); געבאָרן אין לוצק; אָנטיילנעמער אין שפּאַנישן בירגער־קריג, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע א״נ פון יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי; נאָכן אויסברוך פון

דער מלחמה — אין ראַטן־פאַרבאַנד; דעצעמבער 1941 — אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ פּאַראַשוט אין די געביטן פון ג״ג; פּרטים וועגן זיין טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ זע: אליהו מאָזעס (ז״וו).

קאָרטשאַק יאַנוש (הענריק גאָלדשמידט) — געבאָרן אין וואַרשע; דאָקטאָר, שרייבער, וועלט־באַרימטער פּעדאַגאָג; אין געטאָ ממשיך געווען מיט זיין דערציערישער טעטיקייט אין יתומים־הויז וואָס ער האָט אָנגעפירט אינאיינעם מיט סטעפאַ ווילטשינסקאַ (ז״וו); אַ פריינד פון דער חלוצישער באַוועגונג; לעקטאָר אויף קאָנספּיראַטיווע דרור־סעמינאַרן; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע, אויגוסט 1942, געגאַנגען צוזאַמען מיט די קינדער פון זיין אַנשטאַלט צום אומשלאַגפּלאַץ, קיין טרעבלינקע. לויט אַ קלאַנג האָט ער אָפּגעוואָרפן אַ פאָרשלאָג פון איינעם פון די רוצחים, פאָן אויפען אונד מאַלמעדי, איבערצולאָזן זיינע דערצויגלינגען און ראַטעווען זיין לעבן; ביי 64 יאָר אַלט.

אין זיין הונדערטן געבוירן־טאָג — 1978 — זיינען פאָרגעקומען אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און אין פאַרשידענע לענדער האָבן זיך אָרגאַניזירט לאַנד־קאָמיטעטן צו פאַראייביקן זיין אָנדענק; אויף זיין נאָמען — גאַסן, שולן, קינדער־היימען אין פאַרשידענע לענדער; דער בית לוחמי־הגיטאות האָט אַרויסגעגעבן אַ קאָרטשאַק־מעדאַליאָן.

זיין עדות: ״טאָגבוך פון געטאָ״ (געשריבן אין פּויליש) איבערזעצט אין עברית, אין פערטן באַנד פון זיינע אויסדערוויילטע כתבים.

ז״ז: 60, 67, 68, 72, 73.

קאָרניאַנסקי יוסף — געבאָרן אין ביאַליסטאָק; דער מאַן פון איטקע ווערטהיים (ז״וו); ביים מלחמה־אויסברוך — אין לאָדזש, שפּעטער אין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער באַוועגונג און אַקטיוו אין אָרגאַניזירן די קיבוצים אויף דזיעלנע, גראָכאָוו און טשערניאַקאָוו; פרילינג 1941 אַריבער אין דער סלאָוואַקיי; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער באַוועגונג אין אונגאַרן; חבר פון קיבוץ דפנה.

זיינע זכרונות, פאַרשריבן אין עברית ביי זיין קומען אין לאַנד 1944, דערשינען אין בוכפאָרם ״בשליחות חלוצינו״.

ז״ז: 23, 50, 290.

קוצער צבי — געבאָרן אין ווילנע; פאַרן מלחמה־אויסברוך — אין גראָכאָווער קיבוץ; אינאיינעם מיט אַ גרופּע חברים באַשעפטיקט געווען אין דער פאַבריק פון וואָפן־פּראָדוקציע פאַר דער הגנה אין א״י; אין די טעג פון מלחמה —

פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַפּראָוויזאַציע אין דעם דזיעלנער קיבוץ; יאַנואַר 1943 פאַרטריבן קיין טרעבלינקע; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט; ביי 29 יאָר אַלט.

ז״ז: 21.

קוקיעלקאַ — הערשקאָוויץ רעניאַ — חברטע אין דרור־קיבוץ אין בענדין; פאַרבינדלערין פון ייק״אָ אויף דער טראַסע זאַגלעמביע—וואַרשע; אויף איינע פון אירע רייזעס אריין געפאַלן אין די הענט פון דייטשן און פאַרכאַפּט אין דער טורמע מיסלאָוויץ; פון דאָרטן אַרויסגעראַטעוועט מיט דער הילף פון איר שוועסטער שרה און ייק״אָ־פאַרבינדלערין אין וואַרשע אירענאַ געלבלום; אין ישראל.

איר עדות: דאָס בוך ״בנדודים ובמחתרת״.

ז״ז: 80.

קלעפּפיש מיכאל — געבאָרן אין וואַרשע; אינזשיניער; פון די בונד־אַקטיוויסטן; אַ מיטגליד פון ייק״אָ. טעטיק געווען אין איר דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט; צווישן יאַנואַר און אַפּריל 1943 — מיט די, וואָס אָרגאַניזירן וואָפן־טראַנספּאָרטן פאַרן געטאָ; געהילף פון אריה ווילנער (ז״ו); געקראָגן די פאָרמולע אויף צו פּראָדוצירן צינד־פלעשער; געפאַלן אין צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן אין די אַפּריל־טעג, אויפן בערשטלער־געביט; ביי 30 יאָר אַלט.

ז״ז: 170, 193.

קשאַטשעק — (זע: גאַיעק)

ר

ראָזענפעלד מיכאל — אַבסאָלווענט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט; פריער אין סאָוויעטישן לוואָוו (לעמבערג); נאָך דעם דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד געקומען קיין וואַרשע; צווישן די פּ.פּ.ר־אַקטיוויסטן; מיטגליד פון דעם ייק״אָ־שטאַב; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ; צווישן די וואָס זיינען דורך די קאַנאַלן אַריבער אין וועלדל לאָמיאַנקי און אין דיווישקאָווער וועלדער; געפאַלן אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן; ביי 30 יאָר אַלט.

ז״ז: 139.

ראָטבלאַט לוטעק (לייב) — געבאָרן אין וואַרשע; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער עקיבא־באַוועגונג און פון אירע מדריכים; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע אויסבאַהאַלטן, איניינעם מיט זיין מאַמען מאַריאַ (ז״ו) אַכציק יתומים אין אַ קעלער אויף מילנע גאַס און געדאגהט פאַר זייער זיכערקייט און קיום; צווישן יאַנואַר און אַפּריל געווען טעטיק, אין נאָמען פון ייק״אָ, אין שאַפן געווער אין

געטאָ גופא; ערב דעם אַפּריל־אויפשטאַנד נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער עקיבא־אָפּטיילונג, וואָס מ׳האָט אָנגעהויבן אויפצושטעלן; דעם 8־טן מאַי, האָט לוטעק אין בונקער אויף מילע 18, ווען ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט יעדע האָפענונג, געשאָסן זיין מאַמע, נאָכהער זיך אַליין דאָס לעבן גענומען; ביי 25 יאָר אַלט.
ז״ז: 239.

ראָטבלאַט מאַריאַ (מרים) — מאַמע פון לוטעק (ז״ו); באַשעפטיקט אויפן סאָציאַלן געביט אין וואַרשעווער שטאָטראַט און לייטערין פון אַ קינדער־היים; צווישן די געציילטע דערציערס וואָס האָבן באַוויזן, אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע, צו ראַטעווען אַ סך קינדער פון קינדער־היים. ס׳רוב קינדער זיינען געהרגעט געוואָרן, ווייזט אויס, אין אויפשטאַנד פון חודש יאַנואַר 1943; אומגעקומען אין בונקער אויף מילע 18.
ז״ז: 239.

ראָטהייזער — רותם שמחה (קאַזיק) — געבאָרן אין וואַרשע; חבר פון דער עקיבא־באַוועגונג; דער הויפּט־פאַרבינדלער פון ייק״אָ אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון חנוך גוטמאַן (ז״ו) אויפן בערשטלער־געביט, שפּעטער אין צענטראַלן געטאָ; דעם 29־טן אַפּריל — שליח פון געטאָ צום ייק״אָ־קאָמענדאַנט אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע; צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער הילפס־טעטיקייט לטובת די קעמפער אין געטאָ; אין דער נאַכט אויפן 8־טן מאַי זיך אומגעקערט, צוזאַמען מיט אַ קאַנאַליזאַטאָר, צום צענטראַלן געטאָ און געפירט די קעמפער צום אַרויסגאַנג פון די קאַנאַלן אויף פּראָסטע גאַס; זיך באַטייליקט אין פּוילישן אויפשטאַנד; יאַנואַר 1945 געשיקט געוואָרן קיין לובלין איינעם מיט אירענאַ געלבלום, אויף דער בקשה פון א״ל כדי צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט דער צייטווייליקער פּוילישער רעגירונג; אין ישראל.
ז״ז: 245—249, 253, 256, 259.

רובין משה — געבאָרן אין בערלין; צווישן די פּאַרטריבענע פון דייטשלאַנד אין 1938 יאָר אינעם גרענעץ־שטעטל זבאָנשין; אין דער יוגנט־גרופּע אין גראָכאָוו; אַקטיוויסט אינעם אומלעגאַלן דרור אין וואַרשע; בעת דער גרויסער אַקציע אויסגענוצט זיינע גראַפישע פעאיקייטן און געפעלשט אַרבעטס־שיינען און דייטשע שטעמפּלען; מיטגליד פון ייק״אָ; אינעם אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון זכריה אַרטשטיין (ז״ו); פּרטים פון זיין אומקום — אומבאַקאַנט.
ז״ז: 29.

רובינטשיק משה — געבאָרן אין נאָוואָסרעבזשין, פּאַלעסיע; צווישן די דרור־אַקטיוויסטן אין וואַרשעווער געטאָ; פון די גרינדער פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער פאַרם אין גראָכאָוו; חבר פון ייק״אָ; צווישן די גרינדער פון דער פּאַרטיזאַנער באַזע אין ווערבקאָוויץ, לעבן הרוביעשאָוו; אומגעקומען דאָרט אינאיינעם מיט אַלע חברים פון זיין אָפּטיילונג, דעם 3־טן סעפּטעמבער 1942 ; 28 יאָר אַלט.
ז״ז: 57, 122, 287.

רומקאָווסקי מרדכי חיים — זיין אָפיציעלער טיטל: יודענ־עלטסטער אין ליצמאַנשטאַט־געטאָ״ (לאָדזש); מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן פון ערשטן טאָג פון זיין נאָמינאַציע ביזן סוף פון געטאָ; דעם 30־טן אויגוסט 1944 אַרויס־געפירט מיט זיין משפּחה קיין אוישוויץ און דאָרט אומגעקומען.
ז״ז: 41.

רייזבאַנד אהרן — פּליט פון איינער פון די שטעטלעך וואָס זייערע יידישע איינוווינער זיינען אַריין געטריבן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ; אין די מלחמה־טעג — אין טשערניאַקאָווער קיבוץ; פּרטים וועגן זיין טויט — ניט באַקאַנט.
ז״ז: 190.

רייגעוויריץ מאָניעק — געבאָרן אין ראַדאָמסק; לאָדזשער תושב; אין דער מלחמה־צייט — אַנטלאָפן קיין וואַרשע; אַקטיוו אינעם דזיעלנער קיבוץ און אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; אין די טעג פון דער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ — אינאיינעם מיט דער גרופּע וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די הרוביעשאָווער וועלדער; אומגעקומען דורך די דייטשן; ביי 26 יאָר אַלט.
ז״ז: 57, 122.

רינגעלבלום עמנואל — געבאָרן אין בוטשאַטש, גאַליציע; היסטאָריקער; איינער פון די אַקטיוויסטן פון פּועלי־ציון לינקע; פון די אָנפירער פון דער יידישער קאָנספּיראַציע אין וואַרשעווער געטאָ; צווישן די גרינדער פון ייס״א און אירע פּאַרוואַלטער; אָרגאַניזירט די הויז־קאָמיטעטן; לעקטאָר אויף קאָנספּיראַטיווע סעמינאַרן פון דרור און השומר־הצעיר; אַקטיוויסט פון ייקאָ״ר; זיך פּאַראייביקט מיטן אויפשטעלן דעם געהיימען אַרכיוו אין געטאָ — ע״ש — וואָס ווערט אויך אָנגערופן ״דער רינגעלבלום־אַרכיוו״; אָנהעגער פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד; צוגעגרייט, אינאיינעם מיט אַ גרופּע העלפער, די באַריכטן וועגן יידישן גורל און אומקום כדי צו אַלאַרמירן די וועלט. אַ פּאַרטרויאונגס־מאַן פון יינ״ק און ייק״אָ; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד פאַרטריבן אין לאַגער טראַווניק, לעבן לובלין; אַ דאַנק באַמיאונגען פון יינ״ק אַריבער געפירט דורך די פאַרבינדלערס עמילקע קאָסאָווער און

דעם פּאָליאַק טעאָדאָר פּאַיעווסקי קיין וואַרשע און געפונען אַ מקום־מקלט אין אַ בונקער ביים פּוילישן גערטנער מיעטשיסלאַוו וואָלסקי; ממשיך געווען מיטן אויפקלייבן מאַטעריאַל וועגן גורל פון די יידן, געפירטע צו דער שחיטה; דעם 7־טן מערץ 1943 איז צוליב אַ מסירה דער בונקער אַנטפּלעקט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און אַלע זיינע איינוווינער זיינען איינגעזעצט געוואָרן אין דער פּאַוויאַק־טורמע; פון פּאַוויאַק אַרויסגעפירט געוואָרן אין איינעם פון די הייף און אייניינעם מיט זיין פרוי און זיין קליין זונעלע אומגעבראַכט; 44 יאָר אַלט.

אויף זיין נאָמען דער "רינגעלבלום־אינסטיטוט" אין תל־אביב.

זיינע רשימות פון געטאָ אין צוויי בענד פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען: "כתבים פון געטאָ". דער געהיימער אַרכיוו וואָס ער האָט אָנגעפירט איז טיילווייז אָפּגעזוכט געוואָרן, באַהאַלטן אין מילך־קאַנען, און געפינט זיך אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

ז"ז: 60, 71.

ר י ס י אַ — פאַמיליענאָמען ניט באַקאַנט; געבאָרן אין קאָנין; מיט די פאַרטריבענע קיין אָסטראָוויעץ; טעטיק אין דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג; צווישן די געקומענע סוף 1942 קיין וואַרשע; פאַרבינדלערין פון דרור און ייק"אָ; סוף דעצעמבער 1942 געשיקט קיין קראָקע צו העלפן די ייק"אָ־חברים וואָס זיינען נישט אַריין געפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, נאָך די אָנפאַלן אויף די דייטשן אין די קאַפע־הייזער פון דער שטאָט; נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, גערופן, אין יאַנואַר חודש, אומצוקערן זיך אין געטאָ, צוליב דער גרויסער אַבלאַווע אויף די פּאָליאַקן; אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן דעם 18־טן יאַנואַר 1943 און, ווייזט אויס, געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע; פרטים וועגן איר טויט — ניט באַקאַנט.

ז"ז: 80.

ש

ש אַ ר פ ש ט י י ן מ ש ה — געבאָרן אין וואַרשע; פון די דרור־אַקטיוויסטן; נאָך דער ליקווידאַציע פונעם קיבוץ אין טשערניאַקאָוו אַריין געטריבן אין געטאָ; חבר פון ייק"אָ; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון בערל ברוידא (ז"ו); אַרויסגעשיקט דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט; צווישן די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אינעם ייק"אָ־באַהעלטעניש, אין דער צעלולאָיד־פאַבריק; אין דער שריפה וואָס איז דאָרט דעם 24־טן מאַי 1943 אויסגעבראָכן —

פאַרברענט געוואָרן; 23 יאָר אַלט.
ז״ז: 190.

ש וואַר ץ מ א י ר — געבאָרן אין וואַרשע; מיטגליד פון בונד; חבר פון ייק״אָ אין וואַרשעווער געטאָ; פאַרבינדלער אויף טעבענס־שולץ־געביט; אויסגענוצט זיין אַמט אַלס ווערקשוץ אין די שאָפּן לטובת דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע; אין אַפּריל־אויפשטאַנד טעטיק געווען ביים פאַרבינדן די פאַרשידענע קעמפער־אָפּטיילונגען; פאַרוואונדעט בשעתן פּרווון אַרויסצופירן פון געטאָ חנטשע פּלאָטניצקאַ (ז״וו); דעם 29־טן אַפּריל צווישן די, וואָס זיינען אַרויס דורכן טונעל אויף דער אַרישער זייט. דאָרט געפונען אַ באַהעלטעניש איניינעם מיט יוחנן מאָרגענשטערן (ז״וו) אויף דער אָגראָדאָווע גאַס 29; נאָכן אַריין פאַלן אין די הענט פון די דייטשן אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין משך פון טעג צווישן די הייזער־חורבות; געפונען דורך די פאַרבינדלער פון ייק״אָ און אַריבער געפירט אין דער צעלולאָיד־פאַבריק אין פּראַגע, לעבן וואַרשע — איינעם פון די ייק״אָ־באַהעלטענישן אויף דער אַרישער זייט; ביים אויסברוך פון דער שריפה אין דער פאַבריק, וואָס איז אַרום געריינגלט געוואָרן דורך די דייטשן (24־טן מאַי 1943) ווידער אַנטלאָפן אין אַ נאָענטער שטוב און אויסבאַהאַלטן דורך אַ פּוילישע פרוי אין אַ קליידער־שאַפע. נאָך דער געסטאַפּאָ־רעוויזיע אין שטוב, האָט די פרוי געפונען אים טויט פון אַ האַרץ־אַטאַקע; 27 יאָר אַלט.
ז״ז: 264.

ש וואַר ץ ש יי נ ד ל — געבאָרן אין קאָוועל; הויפּט־פאַרבינדלערין פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אויף דער סאָוויעטיש־באַזעצטער טעריטאָריע; אַרעסטירט און איינגעזעצט אין דער לוצקער טורמע; ביים איינגעמען די שטאָט דורך די דייטשן יוני 1941, האָט זי אויסגענוצט די מהומה און אַנטלאָפן; צווישן די גרינדער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־באַוועגונג אין דעם דורך־די־דייטשן אָקופּירטן קאָוועל; נאָכן דורכפאַל פונעם פּלאַן אויפצושטעלן אַ חלוציש־פּאַרטיזאַנישע באַזע לעבן דער שטאָט — איניינעם מיט אירע חברים אַריין געפאַלן אין די הענט פון די דייטשן; נאָך דער באַפרייאונג פון דער שטאָט דורך דער רויטער אַרמיי אין יאָר 1944 — געפונען אויף דער שולוואַנט די אויפשריפט, ווו ס׳איז פאַראַן אויך איר נאָמען; דעם נוסח זע: אייזענבערג דוד (ז״וו); אַ יאָר 23 אַלט.
ז״ז: 11, 82, 288.

ש ווי ט אַ ל ד ״ ר — פּאָליאַק; פאַרוואַלטער פון שפּיטאָל אין בערנעראָווע, לעבן וואַרשע; געהאָלפן ראַטעווען די ייק״אָ־קעמפער, וואָס האָבן זיך אין משך פון זעקס וואָכן אויסבאַהאַלטן אין דער חרובער וואַרשע, נאָכן דערשטיקן דעם פּוילישן

אויפשטאַנד; געוווּסט אַז די געראַטעוועטע זיינען יידן און אין סכנה געשטעלט זיך און זיינע אַרויסהעלפער, זיי אויסבאַהאַלטן אין איינע פון די שפּיטאָל־צימערן, געדאגהט פאַר זייער זיכערקייט און זייער פיזישן קיום, ביז זיי זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין די ישובים אַרום וואַרשע. כדי אויסצומיידן דעם באַזוך פון געסטאַפּאָ אין דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג פון די געראַטעוועטע, אויפגעהאַנגען אַ שילדל: "אַכטונג! טיפוס־געפאַר!"

ז"ז: 281, 282.

שווייגער אינקאַ — געבאָרן אין וואַרשע; טאָכטער פון בת־שבע, דער דירעקטאָרין פון דער עברית־גימנאַזיע פאַר מיידלעך אין וואַרשע "יהודיה" און פון דערציער און העברעאישן שרייבער יצחק שווייגער וואָס האָט געלעבט אין ישראל; דאָקטאָרין אין יידישן שפּיטאָל פון געטאָ; אויף דער אַרישער זייט — פאַרבינדלערין פון בונד און ייק"אָ; אַ סך אויפגעטאָןביים שאַפן דירות פאַר די אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט און ביים צוגרייטן געפעלשטע פּאַפּירן; זיך באַטייליקט אין ראַטעווען די ייק"אָ־מענטשן, אויסבאַהאַלטענע צווישן די וואַרשעווער חורבות נאָכן דערשטיקן דעם פּוילישן אויפשטאַנד; אין פּוילן.

ז"ז: 281.

שולץ פריץ — דייטש; אינדוסטריעלער פון גדאַנסק (דאַנציג); חוץ טעבענסן (ז"ו) — פון די גרעסטע שאָפּ־אייגנטימער אין וואַרשעווער געטאָ, אויף די גאַסן נאָוואָליפּיע־נאָוואָליפּקי; סעפּטעמבער 1941 באַשעפטיקט 150 אַרבעטער און אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע — עטלעכע צענדליק טויזנט יידן וואָס זיינען, דורך צאָלן כאַבאַר־געלט, אויפגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט; אויסגעברייטערט זיינע אונטערנעמונגען דורך קאָנפיסקירן יידישע וואַרשטאַטן און פאַבריקן; נאָכן יאַנואַר־אויפשטאַנד געהאָלפן טעבענסן אַרויסצושיקן "אויף אַ פרידלעכן אופן" יידן פון געטאָ; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד זיינען זיינע אַרבעטער אַרויסגעפירט געוואָרן אין לאַגער טראַווניק (לובלינער געגנט) און דאָרט אומגעקומען אָנהייב סעפּטעמבער 1943.

ז"ז: 150, 174.

שולץ קאַראָל געאָרג — דייטש; אין וואַרשעווער געטאָ — אייגנטימער פון שאָפּ וואָס איז פריער געווען אַ טעקסטיל־פאַבריק פון די יידישע אינדוסטריעלער בראַון־ראָווינסקי; נאָך דער גרויסער אַקציע האָט זיך זיין שאָפּ געפונען אויף דער אָגראָדאָווע גאַס אויסערן געטאָ־מויער.

שוסטער שלמה (שלאַמעק) — געבאָרן אין פּרושקאָוו; מיט די אַרויסגעטריבענע אין וואַרשעווער געטאָ; חבר פון דרור און פון ייק״אָ; פאַרבינדלער אויפן טעבענס־שולץ־געביט; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון חנוך גוטמאַן (ז״וו) אויפן בערשטלער־געביט, שפּעטער אין צענטראַלן געטאָ; אין דער פרי פון 10־טן מאַי 1943 געשיקט דורך די קאַנאַלן אויף פּראָסטע גאַס צו ברענגען די קעמפער, וואָס האָבן געוואַרט אין זייטיקע קאַנאַלן; דעם זעלבן טאָג געפרווּוט דורכשלאָגן זיך אַ וועג דורך די קאַנאַלן צו דער אַרישער זייט; געפאַלן בשעת אַ צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן; ביי 17 יאָר אַלט.

ז״ז: 194, 254, 257.

שטאָלצמאַן אַלפרעד אברהם — אינזשיניער; צווישן די וואָלאָצלאַווקער פּליטים וואָס האָבן געפונען אַ מקלט אין וואַרשע; מיטגליד פון יודנראַט, פון זיין אָנהייב ביז צו דער ליקווידאַציע; געמסרט פאַר דער א״ק וועגן ייק״אָ, אַז איר ציל איז רויב און מאָרד און ניט קאַמף און געפאָדערט ניט צו העלפן איר מיט געווער;ביים אויסברוך פון אַפּריל־אויפשטאַנד — ער און זיינע חברים פון יודנראַט — אומגעבראַכט דורך די דייטשן.

ז״ז: 200.

שטענגעל מאָניעק — געבאָרן אין וואַרשע; שילער פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; מיטגליד פון ייק״אָ; צווישן די, וואָס זיינען אַרויס צו דער פּאַרטיזאַנער־באַזע פון דרור אין ווערבקאָוויץ; ווען די דייטשן האָבן אַרום גערינגלט די באַזע באַוויזן צו אַנטלויפן און זיך אומגעקערט, פאַרווונדעט, קיין וואַרשע; אין די טעג פון אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ, אין דער אָפּטיילונג פון יצחק בלווישטיין (ז״וו); געפאַלן אין בונקער אויף מילע 18; ביי 17 יאָר אַלט.

ז״ז: 122.

שיפער — רופאייזן העלאַ — געבאָרן אין קראָקע; טעטיק געווען אין דער עקיבא־באַוועגונג; פרילינג 1941 אין שליחות פון איר באַוועגונג אין וואַרשע; פאָרשטייערין פון עקיבא אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע; מיטגליד פון ייק״אָ; פאַרבינדלערין צווישן וואַרשע און קראָקע; אין אַפּריל־אויפשטאַנד געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ און באַוויזן, דורך די קאַנאַלן, אַרויסצוקומען אויף דער אַרישער זייט; פאַרזאָרגט מיט געפעלשטע פאַפּירן ווי אַ בירגערין פון אַ דרום־אַמעריקאַנער

לאַנד אַריבער געפירט אין לאַגער פאַר פרעמדע בירגער, אין בערגען־בעלזען; אין ישראל.

ז"ז: 232.

שמידט אַנדזשעי (זע: מאָזעס אליהו און קאַרטין פיניע)

ז"ז: 97.

שמערלינג מיעטשיסלאַוו — אַסימילירטער ייד; פון די סאַמע פאַרמיאוסטע אָפיצירן פון אָרדנונגס־דינסט; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע — לייטער פון אומשלאַגפּלאַץ; דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון חנוך גוטמאַנס (ז"וו) אַטענטאַט־פּרווו אויפן באַפעל פון ייק"אָ.

ז"ז: 157.

שניידמיל בערעק (אברהם שמואל) — געבאָרן אין לאָדזש; חבר פון בונד; ביים מלחמה־אויסברוך אַנטלאָפן קיין ווילנע, שפּעטער געקומען קיין וואַרשע; אַ מיטגליד פון זיין פּאַרטיי־צענטראַלע; מיטן אָנשליסן זיך פון בונד אָן ייק"אָ — איר פאָרשטייער אינעם הויפּט־שטאַב ביז ער איז פאַרביטן געוואָרן דורך עדעלמאַן מאַרעק (ז"וו); אין אַפּריל־אויפשטאַנד — אין צענטראַלן געטאָ; געפאַלן בשעתן פאַרטיידיקן דעם בונקער אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס 30; ביי 40 יאָר אַלט.

ז"ז: 139.

שניידערמאַן טעמאַ — געבאָרן אין וואַרשע; פאַרבינדלערין פון דער דרור־באַוועגונג און ייק"אָ צווישן ג"ג און די שטחים וואָס זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין רייך, אָסטלאַנד און אוקראַינע; ביים מלחמה־אויסברוך געקומען מיט איר חבר מרדכי טענענבוים (ז"וו) קיין ווילנע. ווען די שטאָט איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן — זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און געבראַכט די ערשטע ידיעות וועגן דער שחיטה אויף יידן אין פּאָנאַר; באַגלייט פרומקע פּלאָטניצקאַ (ז"וו) אין אירע רייזעס; אַ שטיקל צייט פאַרבראַכט אין ביאַליסטאָק און פון דאָרט געשיקט אין שליחות קיין וואַרשע; דעם 18־טן יאַנואַר 1943 אין טאָג ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן — געכאַפּט און אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע; פּרטים וועגן איר טויט — ניט באַקאַנט; ביי 25 יאָר אַלט.

ז"ז: 76, 81, 82, 84, 85, 91.

שניידערמאַן (שניידמאַן) רעגינקע — געבאָרן אין וואַרשע; חברטע פון קאָנספּיראַטיוון השומר־הצעיר; פאַרבינדלערין פון ייק"אָ; צופעליק אַריין געפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, דעם 3־טן סעפּטעמבער 1942, בשעת זי האָט

אַריבער געפּירט אויף צו באַהאַלטן דאָס אָרעמע ביסל געווער פון דער ייק״אָ, נאָכן אַרעסט פון יוסף קאַפּלאַן (ז״וו) און דעם אומקום פון שמואל בראַסלאַוו (ז״וו), פאַרשפּאַרט אין דער פּאַוויאַק־טורמע; ווענן די פּייניקונגען, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין טורמע — געוויער געוואָרן דורך אַ פרוי מיט אַן אויסלענדישן פּאַס, וואָס איז פון דאָרט באַפרייט געוואָרן; פּרטים וועגן איר טויט — ניט באַקאַנט.
ז״ז: 123.

שערינסקי (שענקמאַן) יוזעף אַנדזשעי — משומד; פאַר דער מלחמה — אָפיציר אין דער פוילישער פּאָליציי; מיטן אויפשטעלן די יידישע אָרדנונגס־דינסט אין געטאָ — אַוועקגעשטעלט אָן איר שפּיץ; אַרעסטירט דורך די דייטשן צוליב שמוגל מיט דער אַרישער זייט; אָנהייב דער גרויסער אַקציע באַפרייט פון אַרעסט און נאָמינירט פון ס'ניי אַלס ראש פון דער פּאָליציי; זיך אויפגעפירט ברוטאַל; דעם 20־טן אויגוסט 1942 האָט ישראל קאַנאַל (ז״וו) געמאַכט אויף אים אַן אַטענטאַט און אים פאַרוואונדעט; זינט דעמאָלט אויסבאַהאַלטן זיך פאַר דער ייק״אָ; אין יאַנואַר־אויפשטאַנד 1943 — זיך גענומען דאָס לעבן.
ז״ז: 116־199, 135.

שפרה — פאַמיליענאָמען — ניט אויפגעקלערט; חברטע פון השומר הצעיר; לויט ווי מ׳דערציילט — אַרויסגעשיקט אויף דער אַרישער זייט איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד; זי האָט געקראָגן די אויפגאַבע צו שילדערן די ייסורים־מגילה פון די לעצטע יידן אין וואַרשע; איר גורל — אומבאַקאַנט.
ז״ז:265.

שפּרינגער הערשל — געבאָרן אין וואָלברום; פון די בולטע געשטאַלטן אין דער קאָנספּיראַטיווער חלוצישער באַוועגונג אין אויבערשלעזיע, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אָן רייך; צווישן די אָנפירער פון דרור; געקעמפּט אָן פּשרות קעגן יודנראַט; צווישן די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די בריחה קיין סלאָוואַקיי; איינער פון די גרינדער פון ייק״אָ אין בענדין און מיטגליד פון איר שטאַב; נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם שטאָטישן יתומים־הויז, אינאיינעם מיט ברוך גאַפּטעק (ז״וו) געראַטעוועט די פאַרלאָזענע קינדער און פאַר זיי אויפגעשטעלט אַ היים דורך דער באַוועגונג; יוני 1943 געשפּרונגען, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים, פון דער באַן אויפן וועג קיין אוישוויץ; אומגעקומען דעם 10־טן אויגוסט 1943.
ז״ז: 23, 57, 130, 287.

שקליאַר רות — געבאָרן אין וואַרשע; שילערין פון דער קאָנספּיראַטיווער דרור־גימנאַזיע; אַקטיוו אין שילער־קרייזן און אין סניף פון דער באַוועגונג אין

וואַרשע; מיטגליד פון ייק״אָ; אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע — אין דער אָפּטיילונג וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אונטערצינדן די הייזער פון די עוואַקואיִרטע יידן; אומגעקומען אינײנעם מיט אירע חברים פון דער אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויס צו דער באַזע אין ווערבקאָוויץ, לעבן הרוביעשאָוו; ביי 19 יאָר אַלט.
ז״ז: 29, 122.